STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06278

# GEKLIBENE VERK

Baal-Makhshoves

*Permanent preservation of this book was made possible
by Carol and Harvey Raff
in honor of their granddaughter,
Sara Isabelle Sasscer*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעל-מחשבות
(ד"ר עליאשעוו).

# געקליבענע שריפטען

ערשטער באנד.

פערלאגס-בוכהאנדלונג
שלמה שרעבערק
ווילנא.

דרוקעריי ב. א. קלעצקין, ווילנא.

Copiright 1910 By S. Sreberk.
Washington, U. S. A.



יוסף [illegible] (ד״ר א. [illegible])

# געקליבענע שריפטען

# Сочиненія Д-ра И. Эльяшева.

Томъ I.

Типографія Б. А. Клецкина. Вильно, Завальная, 33.

# אינהאלט:


| | | |
|---|---|---|
| I | אַ טיוּולאָניש לידעל | 7 |
| II | דער זשאַרגאָן. (אָנשטאָט אַ פֿאָרעדע) | 9 |
| III | ווי אַלט איז די זשאַרגאָן-ליטעראַטור | 15 |
| IV | ר׳ מענדעלע׳ס וועגעלע | 25 |
| V | שלום יעקב אַבראַמאָוויטש | 35 |
| VI | י. ל. פּרץ | 73 |
| VII | שלום עליכם | 91 |
| VIII | יעקב דינעזאָהן | 113 |
| IX | ש. פֿרוג | 123 |
| X | אַ נייער טאַלאַנט | 133 |
| XI | דער זיידע און דער איינִיקעל | 138 |
| XII | דוד פּינסקי | 147 |
| XIII | „פֿאַמיליע צבי" | 159 |
| XIV | פּאָגראָם-ליטעראַטור | 167 |
| XV | „משיח׳ס צייטען" | 175 |
| XVI | געווידמעט ה. ד. נאָמבערג | 181 |
| XVII | ז. שניאור | 189 |
| XVIII | ווייסענבערג | 203 |

# אַ טייוואָלאָניש ליעדעל.

אוּן אַז עס וועלען קוּמען
לעבּעדיגע צייטען,
וועט איהר, בּרידער, זיין שוין טוֹיט אוּן טוֹיט
אוּן קיינער וועט נישט קענען,
ניין, נישט קענען טייטען
אייער ליעד פוּל, פאַרפוּל פוּן נוֹיט.

---

אוּן אַז עס וועלען קוּמען
ווייטער טוֹיטע צייטען,
וועט מען זאָגען: „זיי האָבּען אוֹיפגעבּליהט“ —
אוּן אַלע וועלען האַפּען,
האַפּען טיעפיגקייטען,
וואָס ליעגט בּעהאַלטען
אין אייער, אייער ליעד.

---

דאס רופט איהר, מענשען, אייביג
לעבען האַלבע צייטען,
האַלב בעגראבען און האַלב געלעבט.
דאמיט די מענשען זאלען
דעם היינט אויף מארגען בייטען,
האט גאט געפונען,
אוי, אַ וואויל רעצעפט.

# דער זשארגאן.

## (אנשטאט א פאררעדע).

אבן מאסו הבונים
היתה לראש פנה.

מיט איטליכען יאהר וואקסט די חשיבות פון דער זשארגאן-ליטעראטור ניט נור דער המון לייענט די ווערק פון אונזערע זשארגאן-שרייבערס, נאר אויך די אינטעליגענץ, די געבילדעטע פון פאלק. די יודישע נאציאנאל-בעוועגונג האט ארויסגערופען א ווארעמען אינטערעס צו אלצדינג, וואס האט נור א שייכות צום יודישען לעבען. זי האט אונז אויך שעצען געלערנט דעם זשארגאן און זיין ליטעראטור. זי האט אונז ענטפלעקט שטילע און גרויסע טאלאנטען, וואס האבען שוין צעהנדליגער יאהרען געארבייט צונוצען פון יודישען פאלק, ניט ווארטענדיג ביז זיי העלען קריגען אויך דעם א הכשר פון רבנים, דאקטוירים און העברעאישע משכילים.

עס איז אוועק די נארישע צייט, בשעת א משכיל, אדער א געענדיגטער פלעגט זיך שעמען לייענען א זשארגאניש ביכעל. מען געפינט היינט זעלטען וואו א העברעאישען שרייבער, וואס זאל ניט האבען געשריבען און געלייענט זשארגאן. כמעט די בעקאנטעסטע נעמען פון אונזערע העברעער טרעפט מען אן אין די זשארגאן-בלעטער, און ניט קיין „שיחת-חולין" שרייבען זיי, ניט קיין גלייכווערטלעך, נאר גוט בעטראכטע קלוגע אר-

טיקלען. און אויב מען טרעפט נאך היינט א פאר פערשייטע העברעאישע שרייבערס, וואס שעמען זיך מיט'ן זשארגאן און ווילען ניט „בעשמוצען זייער פעדער" מיט מאמע־לשון—איז דאס שוין א גרויסע זעלטענהייט. אלע קענען זיי מיט'ן נאמען און מען טייטעלט אויף זיי מיט די פינגער, ווי אויף א וואונדערליכע בריה, וועלכע מען זעהט נור אין די באלאגאנעס אויף די גרויסע ירידען.

איטליכס מאל, בשעת מען האט געוואלט ווירקען אויף די גרויסע מאסען פון פאלק, האט מען זיך דערמאנט אן דעם זשארגאן. נאך איידער די משכילים האבען געשריבען זייערע ביכער אויף זשארגאן (ריב"ל, עטינגער, צווייפעל און אנדערע), האבען שוין די יודישע פרויען געהאט אן אייגענע פרומע ליטעראטור. נאר קיינמאל האט דער זשארגאן ניט געשפיעלט די ראליע, וואס היינט.

מען האט שטענדיג געטראכט, אז דער זשארגאן איז נור א מיטעל צו בילדען דאס פאלק. מען האט זיך בעקלאגט, וואס מען מוז זיך נעהמען צו אזא ניט יום־טוב'דיגען מיטעל, כדי צו דערהויבען די מאסען פון פאלק אויף א העכערע מדרגה. די משכילים האבען געהאפט, אז דורך די בילדונג, וואס מען וועט געבען דעם פאלק אויף זשארגאן, וועט עס ממילא אנהויבען צו פעראכטען דעם מאמע־לשון און וועט מיט דער צייט רעדען די שפראכע פון לאנד, וואו עס וואוינט. די העברעאיסטען טענה'ן נאך היינט, אז מען דארף בענוצען דעם זשארגאן, כדי אויפצוּוועקען א חשק ביי'ן המון צו דער העברעאישער שפראכע, אז דאס ציעל פון די זשארגאן־שרייבערס דארף זיין צו פערמיאוס'ן אין די אויגען פון לעזער דעם זשארגאן, כדי ער זאל וואס גיכער איהם פערבייטען מיט אונזער אמאליגער נאציאנאלער שפראך.

אזוי האבען געטראכט א סך קלוגע קעפ.

יאהרען זענען פערגאנגען און די קלוגע קעפ האבען פלוצים דערזעהען פאר זיך, ווי עס וואקסט אויף א נייע פאלקס־ליטעראטור, ווי זי ווערט ברייטער און בעשענקט אונז מיט טיעפע און שטארקע טאלאנטען. זיי האבען מיט איינמאל בעמערקט, אז דער זשארגאן האט א דאפעלטען ווערט: ערשטענס, טראגט ער אריין נייע בעגריפען און קלארע בילדער אין מה פון פאלק; צווייטענס, שפיעגעלט ער אפ אין זיין ליטעראטור די נשמה פון דער יודישער מאסע, ד. ה. ער לערנט אונז אויס בעסער צו פערשטעהן און צו בעגרייפען אונזער אייגען פאלק. און די זשארגאן־ליטעראטור איז היינט ניט נור א מיטעל צו בילדען דאס

פֿאָלק, נאָר אויך אַ טייערעס מיטעל צו בילדען אונזערע אינטעליגענץ, די דאָזיגע קלאַסען ביי יודען, וואָס האָבען זיך דערווייטערט פֿון פּראָסט יודישען לעבען און האָבען עס אויפֿגעהערט צו פֿערשטעהן.

און ווייטער זענען יאָהרען אַוועק.

דער ציוניזם איז געקומען, און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די העברעאישע שפּראַכע איז ביי איהם טייער און ליעב, האָט ער אָנגעהויבען צו פֿיהרען אַ גרויסע אַגיטאַציע אויף זשאַרגאָן.

דער ציוניזם בויט אויפֿ'ן רצון און די קרעפֿטען פֿון פֿאָלק, און דערום האָט ער געמוזט רעדען מיט'ן פֿאָלק די שפּראַך, וואָס עס פֿערשטעהט. אין די קורצע צייט פֿון די קאָנגרעסען איז בעשאַפֿען געוואָרען אַן אָנזעהנליכע זשאַרגאָנישע ליטעראַטור. נאָך די דייטשע לייענט מען די גענויעסטע פּראָטאָקאָלען פֿון די קאָנגרעסען אין זשאַרגאָן, און איטליכע וויכטיגע נייעס, וואָס קומט פֿאָר אין ציוניזם, ווערט פֿערבּרייטעט אויף זשאַרגאָן מעהר ווי אין אַלע אַנדערע שפּראַכען.

גלייכצייטיג מיט'ן ציוניזם האָבען אויך אַנדערע פּאַרטייען גענומען שרייבען און אַרבייטען פֿאַר'ן פֿאָלק אין זשאַרגאָן. פֿון אַלע זייטען טראָגט מען דעם פֿאָלק עפּיס צו אין זיין שפּראַך, און די חברה שומרי־שבת און אַנדערע פֿרומע חברות שעמען זיך ניט מיט יעדען יאָהר צו פֿערגרעסערן די צאָהל פֿון זייערע פֿרומע מעשה־ביכלעך, מוסר־ספֿרים און ד. ג. אָבלייקענען דעם זשאַרגאָן, ניט וועלען מודה זיין, אַז ער שפּיעלט אַ געוואַלטיגע ראָלע אין יודישען גייסטיגען לעבען, קען נור אַ בלינדער.

עס לעבען אויך אין טעות די, וואָס בערוהיגען זיך מיט דעם, אַז דער זשאַרגאָן איז נור אַ מיטעל, וואָס מען געברויכט אַ געוויסע צייט, און פֿון וועלכען מען וועט זיך אַמאָל אָבשאָקלען. אַ שפּראַכע איז ניט קיין אָל, מיט וועלכען מען וואַרפֿט זיך אַרום ווי אַ שוסטער. שוין ניט איין מאָל האָבען מיר געזעהען אין דער געשיכטע, אַז דאָס, וואָס איז געווען אַ מיטעל, איז מיט דער צייט געוואָרען דאָס הויפּט־ציעל. אויב מען בעקלערט גוט, האָט קיין זאַך קיין ממשות ניט, און אַלץ איז נור אַ מיטעל צו עפּיס אַנדערס. די שפּראַך איז אַ מיטעל זיך צוזאַמענצורעדען, די וויסענשאַפֿט איז אַ מיטעל קלערער צו בעגרייפֿען דעם מענשען און די נאַטור. דאָס פֿאַמיליען־לעבען איז אַ מיטעל צו דערהאַלטען דאָס לעבען פֿון אַ פֿאלק.

סוף כל סוף דארף מען זיך אָבער קלאָר מאַכען דעם אונטער־שייד צווישען מיטלען און מיטלען. עס זענען דאָ מיטלען, וואָס ווערען כּלה אין זייער אַרבייט פאַר אַ ציעל. דאָס שטיק ברענענדיגע האָלץ, וואָס איז אַ מיטעל צו דערוואַרעמען דאָס צימער, ווערט כּלה אַרבייטענדיג פאַר'ן ציעל. עס זענען דאָ אָבער אַנדערע מיטלען, וואָס אַרבייטענדיג פאַר אַ ציעל, וואַקסען און שטאַרקען זיי זיך נאָך. דער מוסקעל, וואָס אַרבייט, ווערט שטאַרקער און קרעפטיגער.

צי געהערט דער זשאַרגאָן, וואָס ווערט בענוצט ווי אַ מיטעל צו בילדען דאָס פאָלק, צו דעם ערשטען מין מיטלען? צי זאָל מען איהם פערגלייכען מיט אַ ברענענדיג שייט האָלץ, אָדער מיט דעם מוסקעל, וואָס שטאַרקט זיך נאָך אין זיין קראַפט?

אַ שפּראַכע איז אַ לעבעדיגע זאַך, זי וואַקסט צוזאַמען מיט דער נשמה פון פאָלק, זי ווערט רייכער, ווען די נשמה פון מענשען, וואָס רעדט אויף איהר, בערייכערט זיך. זי איז אַ געפעס, וואָס פערליערט ניט קיין טראָפּען. אַלץ, וואָס די פריהערדיגע דורות האָבען אין איהר אַריינגעלעגט, בלייבט ביי איהר ווי אין אַ קאַלכגרוב, ווי אין אַ ברונעם, וואָס לאָזט ניט דורך קיין אָנגערעגענט וואַסער; זי איז ווי אַ גומענער זאַק, וואָס ציהט זיך און ציהט זיך, אום איפצונעהמען נייע אוצרות פון מענשליכע בילדער און געדאַנקען. נייע הלוקים צווישען פאַרבען, קלאַנגען און געפיהלען. ווי אַ לעבעדיגע הויט נעהמט זי אַרום די נשמה פון דעם מענשען, וואָס רעדט און טראַכט אויף איהר. זי איז פול אָנגעזאַפּט מיט דעם גייסט פון איהר פאָלק און לאָזט זיך פון איהר ניט שיידען.

אֶמת, די וואָס זענען געגנער פון זשאַרגאָן און בענוצען זיך מיט איהם נור צייטענווייז, ווי מיט אַ פּראָבע צו בילדען דאָס פאָלק, טענה'ען, אַז דער זשאַרגאָן איז גאָר ניט קיין שפּראַכע, אַז ער איז עפּיס אַ בייז אָנשיקעניס אויף אונז, אַנ'אָנצעפעניס, אַ פגע־רע, מיט וואָס דער גלות האָט אונז בעלאַטעט. מיט אַזעלכע געגנער איז שווער צו פיהרען אַ וכוח. זאָלען זיי בלייבען ביי זייערע טענות. מען קען זיי נור געבען אַנ'עצה־טובה, דורכצובלעטערן די ווערק פון אַבראַמאָוויטש, פּרץ, שלום־עליכם און אַנדערע, זיך צו פערטיעפען אין דעם גייסט פון דעם זשאַרגאָן, וואָס קלינגט אויף די גאַסען און אין די קלויזען, אין די וואַרשטאַטען און אין די קראָמען, ביי אַ חתונה, ביי'ן קינדס וויגעל, ביי אַ שמחה און ביי אַ לויה, אין צייטען פון נויט און פּיין, אין די מינוטען פון כּעס, שרעק, הערצקלעמעניס און געוויין. דאַמאָלס וועט מען קענען אֶפשר פיהרען דעם

וכוח צו ענדע, און דוקא אין דעם אופֿן, ווי מיר האָבען פֿריהער גערעדט.

דער זשאַרגאָן איז אַ שפּראַכע. אמת, אַ שפּראַכע פֿון אַ פֿאָלק, וואָס איז פֿערוואָגעלט פֿון זיין לאַנד, אָבער פֿאָרט אַ שפּראַכע. כל=זמן מיר וועלען זיין אַ פֿאָלק אין גלות, וועלען מיר ניט לויז ווערען פֿון איהר, ווייל זי איז פֿאַר אונז אָנגעמאָסטען ווי אַ נאָגעל צום פֿינגער, ווי אַ שלייער פֿאַר אַ כלה.

די וואָס ווילען פֿון זשאַרגאָן אַמאָל פּטור ווערען, זאָלען קודם=כל ווערען הייסע איבערגעגעבענע ציוניסטען, לעבען און אַרבּייטען נור פֿאַר דעם געדאַנקען צו מאַכען פֿון גלות=פֿאָלק אַ פֿרייעס פֿאָלק אויף פֿרייער ערד.

דען די גרעסטע געפֿאַהר איז פֿאַר'ן זשאַרגאָן דער אויסגעפֿיהרטער ציוניזם. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער ציוניזם אַרבּייט און אַגיטירט אין זשאַרגאָן, טראָגט ער אין די פֿאַלבען פֿון זיין קלייד אַ הלף פֿאַר אונזער גלות=שפּראַכע. ער האָט איהם פֿיינד פֿון גאַנצען האַרצען. ער לייקענט ניט, אַז דער זשאַרגאָן איז אַ שפּראַכע. ער זאָגט אָבער, אַז דאָס איז אַ שפּראַכע פֿון קנעכט. ער פֿיהלט אין דעם גייסט פֿון זשאַרגאָן דעם גייסט פֿון אַ דערשלאָגענעם פֿאָלק, אַלע פֿעהלערן, אַלע קראַנקהייטען פֿון יודישען פֿאָלק זעהט ער בּולט אַרויסשיינען פֿון דער זשאַרגאָן=שפּראַכע. דלות, קאַלטע הערצער, אויגען, וואָס זעהען ניט קיין פֿאַרבּען, אויערען, וואָס הערען ניט קיין געזאַנג, אַ מויל, וואָס קען זיך נור וויצלען און אָבלאַכען פֿון זיך און דער גאַנצער וועלט, אַ שאַרפֿער מח, אין וועלכען עס צאַפּעלט זיך אַ פֿערטריקענטע נשמה, — בּקיצור אַלע די זיס=זויער=חנ'עוודיגע מעלות פֿון דעם יודישען פֿעראָרעמטען גייסט שפּיגלען זיך אָב פֿאַר איהם אין דער זשאַרגאָן=שפּראַכע. און אַזוי ווי דער ציעל פֿון ציוניזם איז אויסצוראָטען אין אונז דעם גלות=יודען, וועט די ערשטע כפּרה זיין בּיי איהם דער זשאַרגאָן, מיט וועלכען דער יוד איז אַזוי צוזאַמענגעוואַקסען. טאַקי דעריבּער ווייל דער ציוניזם ווייס דעם כח פֿון אַ שפּראַכע אויף אַ פֿאָלק, ווייל ער ווייס, אַז דער זשאַרגאָן איז ניט קיין פּראָסט צוצעפּעניס, נאָר אַ יודישע שפּראַכע, וועט ער זיך מיט אַלע כחות מטאַרען איהם צו פֿערניכטען. ער האָפֿט, דאָס בּיי דער גרויסער איבּערקעהרעניס צום בּעסערן, וואָס וועט קומען אויף דעם יודישען פֿאָלק דורך דעם אויסגעפֿיהרטען ציוניסטישען אידעאַל, — וועט איהם אויך געלינגען צו בּעפֿרייען דאָס אויסגעלעזטע פֿאָלק פֿון זיין קנעכטישער שפּראַכע.

דערוויילע אָבער אַגיטירט דער ציוניזם מיט'ן זשאַרגאָן, ער בעניצט איהם אַלס מיטעל, און ס'איז שווער צו זאָגען, אויב דורך דעם וועט דער זשאַרגאָן אַליין ניט ווערען אֵיידעלער און פרייער; אַזוי ווייט אֵיידעלער, דאָס די סמנים פון דער קנעכטישער זייט וועלען ווערען אַליין בלאַסער און ניט מערקליכער, און דאַמאָלס?...

דער לעזער זעהט, אַז מיר זענען ניט געקומען צו זאָגען נביאות וועגען דער צוקונפט פון זשאַרגאָן. אונזער ציעל איז אָנצואווייזען, וואָס פאַר אַ גרויסע ראָלע עס שפּיעלט די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור אין יודישען לעבען, און וועלכע שרייבערס איהרע מיר האָבען דאָס צו פערדאַנקען. מיר ווילען ערקלערען דעם דאָפּעלטען ווערט, וואָס זי דאַט פאַר אונז: דאָס די זשאַרגאָן־ליטעראַטור איז היינט איינע פון די הויפּט־מיטלען, מיט וועלכע מיר ערקלערען דעם קלוגען אין פאָלק זיין איי־גענעם לעבען, זיינע ליידען און פריידען, זיינע מעלות און הסרונות, זיין וועג און זיין ציעל אויך ווייטער: זי איז איינע פון די ערשטע מיטלען צו בילדען די יודישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך דערווייטערט פון יודישען פאָלקס־לעבען און האָט עס אויפגעהערט צו פערשטעהן.



# ווי אַלט איז די זשאַרגאָן־ליטעראַטור?

זי איז, זעלבסטפֿערשטענדליך, ניט עלטער פֿאַר די מאַסע, וואָס האָט איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל אָנגענומען דעם מיטעל־הויכדייטש פֿאַר די גרונדלאַגע פֿון איהר טעגליכער וואָכעדיגער שפּראַך.

אין דרייצעהנטען יאָהרהונדערט הויבט זיך אָן די גרויסע וואַנדערונג פֿון די יודען אין פֿראַנקרייך און לאָטאַרינגען קיין מערב־דייטשלאַנד. מאַנכע געלערנטע היסטאָריקער מיינען, אַז אויך פֿון דער צייט אָן הויבט זיך אָן דער יודיש־דייטשער זשאַרגאָן. ס'איז אָבער אויך פֿאַרהאַן אַ מיינונג, דאָס דער זשאַרגאָן איז געוואָרען אונזער פֿאָלקס־שפּראַך נישט פֿריהער, ווי אין זעכצעהנטען יאָהרהונדערט.

פֿון דייטשלאַנד האָבען די יודען אַריינגעבראַכט דעם זשאַרגאָן אין פּוילען און אַנדערע סלאַווישע ערטער. די געבירטיגע יודען פֿון רוסלאַנד און פּוילען האָבען דאַמאָלסט קיין שום פֿאָרשטעלונג נישט געהאַט פֿון יודיש־דייטש. צווישען די ביכער־אַנטיקען געפֿינט זיך אַ יודישע תחינה, וואָס איז געשריבען געוואָרען מיט סלאַווישע אותיות, אַ ראיה, דאָס די געבירטיגע סלאַווישע יודען האָבען אינאיינעם מיט דער שפּראַך אויך איבערגענומען דעם סלאַווישען אלף־בית.

פֿאַרוואָס האָבען גראָד די פּוילישע יודען אָנגענומען די נייע שפּראַך פֿון די איינגעוואַנדערטע, — ערקלערט מען דערמיט, וואָס, ער־

שטענס, איז די דאמאליגע שטאדטישע בעפעלקערונג בעשטאנען פון דייטשען, מיט וועלכע עס איז אויסגעקומען צו פיהרען שטענדיגע עסקים. און צווייטענס, צוליעב דעם, וואס די ניי-אנגעקומענע יודען זענען גע-שטאנען העכער אין בילדונג, ווי אין תורה אלס די געבירטיגע פוילישע יודען.

נאך המעלניצקי'ס רדיפות האבען די פוילישע יודען פערשפרייט דעם זשארגאן אין נייע לענדער.

נאך עד היום קען מען נישט גענוי בעשטימען די צייט, ווען עס האט זיך בעוויזען א ליטעראטור אין דער דאזיגער שפראך.

זייט דעם 13-טען יאהרהונדערט געפינט מען לידער און פער-שיידענע ווערק אין הויכדייטש געשריבען מיט יודישע אותיות. נאך מעהר, צווישען די לעצטע דייטשע מינענזינגער געפינט מען דעם יוד זיסקינד. זיינע לידער פלעגט ער פערצייכענען מיט יודישע אותיות. ווי די מעשה זאל אבער נישט זיין, ערשט אין זעכצעהנטען יאהרהונדערט הויבען אן צו ערשיינען גרעסערע ווערק אין זשארגאן. דאס ערשטע יידישע ספר אויף זשארגאן מיט'ן נאמען „ספר המדות" איז ארויס אין 1542. מיט צוויי יאהר פריהער איז שוין ארויס אין יודיש דער „ברית הדשה" איבערזעצט פון א גע'שמד'טען יודען. פון יענער צייט אן הויבט זיך אן צו ענטוויקלען א יודיש-רעליגיעזע ליטעראטור. מען איבערזעצט תפילות, חומש און פער-שיידענע מוסר-ספרים. געמיינט האט מען דערמיט צו בילדען דאס יודישע וייב, וואס פערשטעהט נישט קיין לשון קודש. אין „ספר המדות" ערקלערט דער מחבר דאס ציעל פון זיין ארבייט. ער שרייבט: „ווי וואויל די גמרא געהט, אז פרויען דארפען נישט תלמוד לערנען, אבער עשרים וארבע און איסור והיתר זאל מען זיי לערנען". 1544 ערשיינט צום ערשטען מאל אויף עברי-טייטש חומש און די מגילות. אבער דאס קומט פון אונריינע הענד. דער איבערזעצער איז א גע'שמד'טער יוד, א מיסיאנער. ערשט 1560 איז צוערשט ארויס אנ'איבערזעצונג פון חומש דורך א יודען. מיט דרייסיג יאהר שפעטער ערשיינט דער „טייטש-חומש", וואס איז גיך געווארען דאס פערשפרייטסטע בוך צווישען דער יודישער מאסע.

דער טייטש-חומש בעגנוגענט זיך נישט מיט דער פראסטער אי-בערזעצונג. ער לעגט נאך צו פערשיידענע פרושים, און בעפוצט איט-ליכען פסוק מיט פערשיידענע שענע אגדות פון תלמוד און מדרשים.

באַלד אָבער בעווייזט זיך דעם טייטש־חומש אַ שטאַרקער קאָנקורענט. אין 1600, מיט פיער יאָהר פאַר דעם אונשטערבליכען בוך „דאָן קיהאָט“ פון סערוואַנטעס, איז ערשינען דער „צאינה וראינה“, אַ בוך, וואָס איז געוואָרען אין בעסטען זין פון וואָרט אַ פאָלקס־בוך, אַ בוך, וואָס האָט דערלעבט נישט ווייניגער אויסגאַבען ווי דער איבענדערמאָנטער „דאָן קיהאָט“.

דער צאינה וראינה איז אויך נישט קיין פשוט'ע איבערזעצונג פון דער תורה. דאָס איז אַ פרייע קונציגע ווידערגאַבע פון איטליכער סדרה בעזונדער מיט אַלע איהרע מעשות, און יעדע מעשה איז אַרומגערינגעלט מיט אַ קראַנץ פון נאָך מעשות, וואָס האָבען זיך שוין גענומען פון אגדתא און מדרשים; — מעשות, וואָס האָבען פערוואַנדעלט איטליכען טריט פון אונזערע אבות און אמהות און די איבעריגע חומש־העלדען אין עפּיס אַ געטליכע און אַ הייליגע גשטאַלט. פון צאינה וראינה שעפּט די יודישע פרוי די היסטאָריע פון איהר פאָלק. איטליכען שבת לייענט זי אין דער־הויך פאַר איהרע האַלב־דערוואַקסענע טעכטער די נסים און די נפלאות פון „די הענד אונגעוואַשען“. הנוכה קוועלט זי פון דער מעשה מיט די מכבים, פורים זעהט זי אַ נקמה אויף המנ'ען, תשעה באב לעבט זי דורך דעם חורבן־ירושלים, דעם ערשטען און דעם צווייטען, און אַ גאַנץ יאָהר געוועהנט זי זיך איין מיט דעם געדאַנקען, אַז זי איז אַ קינד פון אַ גרוים פאָלק, פאַר וועלכען דער רבונו־של־עולם'ע מאַכט אַלע טאג איבער די נאַטור־געזעצען, און וועלכען דער רבונו'ע האָט ליעב פון גאַנצען האַרצען.

צוגלייך מיט די איבערזעצונגען און פרושים צו די חומשים בעווייזט זיך אַ גרויסע ליטעראַטור פון מוסר־ספרים, וועלכע פלאַנצען איין דעם לעזער יראת שמים, צניעות, מצות טובות. דער חובות הלבבות, שבט מוסר, און קב הישר זענען נאָך עד היום די בעליעבטעסטע ביכער פון אונזערע פרומע פאַרצייטיגע פרויען.

אין דער אייגענער צייט הויבען אָן צו ערשיינען אַזויגע ביכער, וואָס מען קען זיי שוין רעכענען צו דער וועלטליכער ליטעראַטור. מעהרסטענטיילס בעשעפטיגען זיי זיך מיט די צרות און גזרות, וואָס יודען זענען אויסגעשטאַנען, ווי למשל, די בלוט־בעדער פון חמעלניצקי'ן. בעשרייבונגען פון דעם מין געפינען זיך אַנ'ערך הונדערט.

אין 17־טען יאָהרהונדערט האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען די ערשטע מעשה־ביכער. אַם בעקאַנטעסטען זענען נאָך ביז היינט „דאָס

„מעשה־בוך“ און די „בבא־מעשה“. אין 18־טען יאָהרהונדערט בעווייזען זיך די ערשטע לעהרביכער אין זשאַרגאָן: אַן אַריטמעטיק, עטליכע ביכער וועגען דער געאָגראַפיע פון פּאַלעסטינא, און אַפילו אַ בעשרייבונג פון דער ענטדעקונג פון אַמעריקא מיט'ן טיטעל „קאָלומבוס“.

אויך די לעצט־דערמאָנטע ווערק האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך זייער שטרענג רעליגיעזען האַראַקטער. פון די היסטאָרישע ספרים וועגען פערשיידענע גזרות, ווי אויך פון די מעשה־ביכלעך, זעהט מען, אַז דער מחבר פערפאָלגט נאָר איין ציעל, — צו פערפעסטיגען דעם בטחון אין גאָט, צו שטאַרקען דעם יודענס צעבראָכען האַרץ דורך אַ שטאַרקען גלויבען, אַז וואָס גאָט מאַכט, מאַכט ער אַלץ צום בעסטען. —

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות, ווען מען וואָלט געמיינט, אַז דערמיט האָט זיך געענדיגט די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור, וואָס איז געווען ספּעציעל בעשטימט פאַר די יודישע פרוי. אַלע די דערמאָנטע ספרים האָבען אַ מאַנסבילשען האַראַקטער, און זיי זענען אויך געוואָרען די לעזע־ביכער ניט נאָר פאַר דעם יודישען ווייב. מיט די אייגענע ווערק האָט זיך בענוצט דער פּראָסטער מענש פון פאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין יודישער בילדונג נישט העכער פון אַ אשה. דער שבט מוסר, דער חובת הלבבות, ווי אויך פיעלע אַנדערע ספרים זענען געוואָרען פאָלקס־ביכער אָהן אונטערשייד פון געשלעכט.

איבריגענס, פאַר די פרוי איז בעשאַפען געוואָרען אַ גאַנץ ספּעציעלע ליטעראַרישע פאָרם, וועלכע איז נישט ווייניגער אַלט, ווי דער צאינה וראינה. מיר מיינען דאָ דערמיט די תחינות. —

ווי גרויס איז די צאָהל פון די תחינות, איז שווער צו זאָגען. זינט דריי הונדערט יאָהר הערט מען נישט אויף צו פערזאָרגען די יודישע פרוי מיט אַלערליי תחינות. עס איז נישטאָ קיין איין רעליגיעזער טריט אין איהר לעבען, צו וואָס מען זאָל ניט קענען צוקלייבען אַ תחינה. צי געהט זי חלה־נעהמען, ליכט־בענטשען, צי געהט זי אין שול, צי פון שול, צי האָט זי עפּיס אַ פּיין, אַ האַרצקלעמענים, אַ קראַנק קינד, אָדער עפּיס אַ שרעק; קורץ, וואו זי ווענדט זיך און קעהרט זיך, אומעטום בעווייזט זיך דער מחבר פון דער תחינה, וואָס לעגט איהר אַריין די ווערטער אין מויל, ווי זי זאָל זיך דורכרעדען מיט'ן רבונו־של־עולם.

די תחינות — זענען די מאָנאָלאָגען, וועלכע די יודישע פרוי האַלט פאַר'ן רבוש"ע. זי רעדט זיך פאַר איהם אויס דאָס האַרץ, ווי פאַר אַ גע=

טרייען פֿאָטער, פֿאַר איהם „די הענד אונגעוואַשען” גיסט זי אויס איהר גאַנצע פֿיין. און דאָס, וואָס די געפּייניגטע יודישע פֿרוי פֿערשווייגט פֿאַר'ן מאַן און קינדער יאָהרען לאַנג, רעדט זי עס אויס פֿאַר גאָט, און דערלייכטערט איהר געמיט.

די שאַפֿונגסצייט פֿון תחינות האָט נאָך ביז היינט נישט אויפֿגעהערט. אַלע יאָהר ווערען געבאָרען נייע תחינות. צו בעמערקען איז נאָך, דאָס נאָר די תחינות-ליטעראַטור צעהלט אונטער איהרע פֿערפֿאַסער ווייבערשע נעמען. די בעריהמטעסטע תחינה-שרייבערין, וועלכע איז נאָך היינט די בעליעבטעסטע, איז איינע שרה בת טובים, אַ פֿרוי, וואָס האָט געלעבט אין אָנפֿאַנג פֿון פֿאָריגען יאָהרהונדערט.

———

מיר זעהען אַלזאָ, דאָס דער אָנהויב פֿון דער זשאַרגאָן-ליטעראַטור נעהמט זיך פֿון דריי קוואַלען. פֿון איין אומריינעם קוואַל און פֿון צוויי טיעפֿערע, ריינערע.. פֿון אָנפֿאַנג האָבען פֿערשיידענע גע'שמד'טע יודען געזוכט זיך צו דערנעהענטערן צו דער מאַסע דורך דעם, וואָס זיי וועלען רעדען און שרייבען פֿאַר איהר אויף איהר אייגענער שפּראַך. באַלד אָבער האָט זיך אויפֿגעוועקט אויך דער חשק ביי די געלערנטע יודען זיך צו טיילען מיט דער מאַסע מיט די אוצרות זייערע. אָנפֿאַנגס האָבען זיי נאָר געזאָרגט פֿאַר'ן יודישען ווייב, וואָס וואַקסט אויף אָהן אַ שום בעגריף פֿון דער העכערער וועלט, אין וועלכער עס לעבען די גליקליכע מענער. דערנאָך אָבער, בעת אויך די יודישע מאַנסבילשע מאַסע איז געוואָרען פֿערגרעבט און אונוויסענד, צוליב די טויזענדער רדיפֿות און צרות, — האָבען זיי אויך גענומען זאָרגען פֿאַר דעם עם-הארץ, פֿאַר דעם פּראָסטען מענשען פֿון פֿאָלק. די זשאַרגאָן-ליטעראַטור איז געווען דערפֿאַר מעהרסטענטיילס אַן איבערזעצונגס-ליטעראַטור. די העברעאישע און תלמוד'ישע ווערק זענען אויסגענוצט געוואָרען שטיקלעכווייז פֿאַר די גרויסע מאַסען. זי האָט פֿערפֿאָלגט בילדונגס-צוועקען אין ריין רעליגיעזען אופֿן, און האָט געזוכט דורך אַלערליי מיטלען צו פּאָפּולאַריזירען די געדאַנקען, מיט וועלכע עס האָבען געלעבט די לומדים און די פֿרומע געלערנטע פֿון יענער צייט. פֿון דער דאָזיגער גאַנצער ליטעראַטור שיינט אַ דורך דער וואונש צו מאַכען קלענער די וואַנד, וואָס שטעהט צווישען די געלערנטע און דעם פֿאָלק, צו העלפֿען און צו בע-

ראָטען דעם פּראָסטען מענשען, וואָס ליידט פון טויזענדער רדיפות פאַר זיין אמונה, און וועלכע ער קען אַזוי ווענינ.

די גאַנצע ליטעראַטור איז לויט דעם געווען אַ געגעבענע פון די אויבערסטע קלאַסען, איז געווען אַ געשענקטע. זי שפּיגעלט מעהר אָב די אָנשויאונגען פון די געבערס, פון די מנדבים, איידער פון דינ' עהמערס, דעם פאָלק אַליין.

פרעגט זיך, פאַרוואָס איז זי אַזוי גיך אָנגענומען געוואָרען פון פאָלק; פאַרוואָס האָט מען זיך אַזוי באַלד צוגעבונדען צו איהר? ערקלערט זיך דאָס דערמיט, דאָס ווי גרויס דער אָבשטאַנד איז נישט געווען צווישען די געלערנטע, די לומדים און דעם פאָלק,—איז ער דאָך ניט געווען אַזוי גרויס, ווי מיר זעהען דאָס ביי דער היינטיגער מאָדערנער געזעל-שאַפט. דען די וועלטאָנשויאונג פון למדן און עם-הארץ איז געווען די אייגענע. מיט דער אייגענער תמימות האָבען זיי געלעבט פאַר איין גאָט, און אויך זייער פאָרשטעלונג פון גאָט איז כמעט געווען די אייגענע. דער למדן, דער רב האָט נאָר געקענט רייכער בעפּוצען זיין נאַאיווען גלויבען. דעם גלויבען אָבער האָט ער געהאַט דעם אייגענעם, ווי דער האָלצהעקער, און אַ טייל פון זיינע מענטעלעך און הייליגע בעפּיצונגען האָט דער למדן אַוועקגעגעבען דער פרוי, דעם מאַן פון פאָלק.

---

נאָכדעם ווי מיר האָבען קורץ בעריהרט די פראַגע וועגען דעם אורשפרונג פון דער זשאַרגאָן-ליטעראַטור, און אָנגעוויזען אויף דעם האַ-ראַקטער פון די ערשטע עלטעסטע ווערק, קענען מיר אַריבערגעהן צו נעהענטערע עפּאָכען, צום האַראַקטער פון דער זשאַרגאָן-ליטעראַטור אין 19-טען יאָהרהונדערט, וואָס האָט זיך גענומען פון מעהר אָריגינעלע קוועלען, פון פאָלק אַליין.

איטליכע פאָלקס-ליטעראַטור האָט נאָך חוץ די געדרוקטע ווערק, חוץ די תורה שבכתב, נאָך אַ תורה שבעל-פה, אַ נישט געדרוקטע לי-טעראַטור, וואָס איז נישט מינדער פערברייטערט, ווי די געדרוקטע. מיר מיינען דערמיט די פאָלקס-ליעדער,—וואָס איין גאָט ווייס, ווער עס האָט זיי בעשאַפען, וואָס לעבען אָבער אין זכרון פון פאָלק הונדערטער יאָהרען.

נישט קוקענדיג אויף אלע צרות און רדיפות, האט דאס פאלק נישט פערלארען דעם גאנצען חשק אמאל אַ לאַף, אָדער זיך אַ שפּיעל צו טון. דאס פּורים־שפּיעל, ווי למשל „מכירת יוסף" און די בדחנ'ישע פּאָעזיע עקזיסטירען שוין זינט יאָהר־הונדערטען אין לעבען פון דער יודישער מאסע. „דאס אחשורש־שפּיעל" איז צוערשט ארויסגעגעבען געוואָרען אין 1711, אַנ'ערך מיט 200 יאָהר צוריק, פון איינעם אַ קריסטען. צווישען די פאלקס־ליעדער געפינען מיר אַזוינע, וואס נעהמען זיך נאָך פון 18־טען יאָהרהונדערט. די פאלקס־ליעדער זענען נישט לאנג געזאמעלט געוואָרען פון ש. מ. גינזבורג און מארעק און פאר עטליכע יאָהר צוריק זענען זיי ארויסגעגעבען געוואָרען פון דער חברה צו פערשפּרייטען בילדונג צווישען יודען. —

די יודישע פאלקס־ליעדער זענען מעהרסטענס בעשאפען געוואָרען אין סוף פון 18־טען יאָהרהונדערט ביז אין מיטען פון 19־טען. — די לומדים און אלע די כלי קודש שפּיעלען אין זיי שוין כמעט קיין ראָלע נישט. די העלדען פון דער פּאָעזיע איז דאס יודישע קינד, די יודישע פרוי, די יודישע כלה ,די יודישע שנור, דער בעל־מלאכה, דער רעקרוט און דער אָרימאן. אין מאנכע ליעדער קלינגט דער פּראָטעסט פון דער אָרימער מאסע קעגען די קהלס־לייט, וואס רעכענען זיך נישט מיט'ן אָרימען קלאס, ווי מיט גלייכע. אין מאנכע פרויען־ליעדער הערט זיך דער פּראָטעסט קעגען שווער און שוויגער, קעגען דעם טרויעריגען מזל, וואס ערווארט אַ יודיש קינד נאָך דער חתונה. צייטענווייז ברעכט זיך דורך די טרויעריגע שטימע פון אַנ'אונגליקליכער ליעבע, און אויף טריט און שריט הערען מיר דעם יודישען האלב־פרעהליכען, האלב־ביטערן וויץ פון אַ יודישען קבצן.

עס איז איצט נישט אונזער זאך פאנאנדערצוגליעדערן דעם אינהאלט פון די יודישע פאלקס־ליעדער. דאס איז אַ טעמא פאר זיך. וויכטיג איז נאָר אָנצומערקען ,דאָס אויך די מעהרסטע פאלקס־ליעדער שטעהען אויפ'ן יסוד פון אונזער אלטער רעליגיעזער קולטור, אין האָטש די פערטשעפען אָפט אַ רב, אַ דין, אַ פּרנס, בונדעסטוועגען איז זייער אידעאל דער אייגענער ,ווי ביי די לומדים פון פרומען קלאס. — דאס וויעג־ליעד:

אונטער דעם קינדס וויעגעלע
שטעהט אַ ווייסע ציגעלע . . .

דאָס ציגעלע איז געפאָהרען האַנדלען
ראָזינקעס מיט מאַנדלען.
דאָס איז די בעסטע סחורה.
דאָס קינד וועט לערנען תורה,
אין חדר אַריין וועט מען איהם פיהרען,
ספרים וועט ער שרייבען,
אַ גוטער אַ פרומער יוד
וועט ער אי"ה בלייבען.
שלאָף מיין קינד פריש און געזונד...—

בעווייזט וואָס פאַר אַ צוקונפט דאָס פאָלק ווינשט זיך פאַר זיין קינד אַ זכר. דאָס ליעד ביי אַ מיידעלס וויעגעלע,

אונטער שרה'לעס וויגעלע
שטעהט אַ ווייסע ציגעלע;
שרה'לעס חתן וועט לערנען תורה
תורה וועט ער לערנען,
ספרים וועט ער שרייבען א. אַז. וו.

שילדערט דעם גליקליכען מזל פון אַ יודיש מיידעל, וואָס קריעגט אַ מאַן אַ למדן. און האָטש עס רייסט זיך אַרויס ביי'ם פאָלק אַ וואָרט אויף אונזערע פרנסים און רבנים, ווי למשל אין ליעד:

קליינע עופה'לעך רייסט מען פון חדר.
מען טוט זיי אָן יונישע קליידער:
אונזערע פרנסים און רבנים
העלפען נאָך אָבצוגעבען זיי פאַר יונים.

פונדעסטוועגען אַז עס קימט אַ יום-טוב, אַ שמחת תורה, זינגט דאָס פאָלק:

וואָס מיר זענען, זענען מיר,
אָבער יודען זענען מיר.

וואָס מיר טוען, טוען מיר,
אָבער תפילין לעגען מיר א. אַז. וו.

———

אין דער ערשטער העלפט פון 19-טען יאָהרהונדערט קריגט די זשאַרגאָן-ליטעראַטור אַ נייעם פנים. זי ווערט איראָניש-סאַטיריש. די ערשטע זומער-פויגלעך פון דער השכלה-צייט בענוצען זיך מיט דעם זשאַרגאָן אָבצולאַכען פון נאַרישען יודישען לעבען, ריב"ל, צווייפעל, גאָטלאָבער און אַנד. שפּיעלען זיך מיט דעם זשאַרגאָן; עטינגער און אַקסענפעלד נעהמען זיך צו איהם ערנסטער. נאָר דייטליכער טרעט אַרויס פאַר'ן זשאַרגאָנישען לעזער אַייזיק מאיר דיק, וועלכער האָט פערפלייצט דעם ביכער-מאַרק מיט זיינע ביכלעך, געשריבען אין גייסט פון די ערשטע משכילים. אויך זיי האָבען נישט געקוקט אויפ'ן זשאַרגאָן ווי אויף אַ שפּראַך פון אַלע קלאַסען פון פאָלק. אויך זיי האָבען נאָכגעטאָן די אַמאָליגע לומדים, וואָס האָבען פון רחמנות צום עם הארץ געפּרובט אָבצאַפּען פון מדרש און גמרא אַנ'אָבגעוועבט געטראַנק פאַר'ן פּראָסטען המון. זייערע געדאַנקען זענען געווען הויפּטזעכליך אויסגעדריקט אין די לשון-קודש'דיגע ספרים. דאָס, וואָס זיי האָבען געגעבען דעם זשאַרגאָן, איז געווען נישט מעהר ווי אַ בלאַסע פּאָפּולאַריזאַציע פון די געדאַנקען פון אָנפאַנג השכלה-צייט. קיינעם פון זיי איז נישט איינגעפאַלען צו שעפען פון אָביעקטיווען פאָלקס-לעבען, ווי פון דעם איינציגען ריינעם מקור. דאָס פאָלקס-לעבען איז געווען אין זייערע אויגען אַ זאַך, וואָס מען בעדאַרף אוממאַכען, און אַלס מאָדעל פאַר זיך האָבען זיי גענומען די אַבסטראַקטע געשטאַלט פון אַנ'אייראָפּעאישען יודען — זייער אידעאַל איז געווען דורך דעם זשאַרגאָן דאָס זשאַרגאָנישע לעבען, ווי דעם זשאַרגאָן אַליין, צו פערעקלען.

ערשט מיט ר' מענדעלע מוכר ספרים הויבט זיך אָן אַ זשאַרגאָן-ליטעראַטור אין פולסטען זין פון וואָרט. זינט ער האָט אַוועקגעוואָרפען די העברעאישע פען און איז אַריבער צום זשאַרגאָן, אַריבער דורך אַנ'עלעמענטאַרעס געפיהל (לייען זיין אויטאָביאָגראַפיע אין „ספר-זכרון"), איז די אָרימע זשאַרגאָן-ליטעראַטור דערהויבען געוואָרען צו אַנ'אֶמת'ן שפּיעגעל פון יודישען פאָלקס-לעבען. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס איז געקומען צום המון נישט נאָר איהם בעלעהרען,

נאר אויך איהם צו שטודירען, נאכלעבען זיין לעבען און דורכמאכען א טייל פון זיין אייגענעם פיין. קורץ, עפּיס צו לערנען פון איהם. פאר אבראמאָוויטש׳ען איז דער המון א קוואל, וואו עס שפּיגעלט זיך אָב א שטיק פון זיין אייגענעם לעבען, ווי דאָס לעבען פון גאנצען כלל. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך גענומען פאר די זשארגאָ־נישע ליטעראַטור מיט דער נויטיגער ערנסטקייט, מיט דעם נויטיגען פעראנטוואָרטליכקייטס־געפיהל. אָבער מיט אבראַמאָוויטש׳ען הויבט זיך אָן די וויכטיגסטע אין די נייעסטע פעריאָדע אין דער זשארגאָן־ליטעראַטור. די ווייטערדיגע אַרטיקלען וועלען זיך גענויער מיט איהר בעשעפטיגען.



# ר׳ מענדעלע׳ס וועגעלע.

ווער עס וויל זיך נעהענטער בעקאַנען מיט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, זאָל זיך מטריח זיין און אַריינזעצען זיך אין ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים׳ס וועגעלע. דאָס וועגעלע פון ר׳ מענדעלען מיט אַלע זיינע מעלות און חן־גריבעלעך איז גענוי בעשריבען אין דעם ספר „פישקע דער קרומער״ און איך וועל וועגען דעם ניט מאריך זיין, דער לעזער זאָל ניט מורא האָבען, אַז ר׳ מענדעלי וועט איהם חלילה, וחס פערפיהרען אין מדבריות און אויף ימ׳ען, אַזוינע גרויסע מאַרשרוטען מאַכט ניט ר׳ מענדעלי. זיין גאַנצע נסיעה איז ניט גרעסער פון „בנימין השלישי׳ס״ נסיעה, און דאָס ווייסען מיר דאָך פון ר׳ מענדעלע׳ן אַליין („מסעות בנימין השלישי״), אַז בנימין, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזען זוכען די עשרת השבטים, די רויטע יודעלעך אין די הרי חושך, איז אינגאַנצען דערגאַנגען ביז׳ן טייך גנילאָפּיאַטקע, ניט וויט פון בערדיטשעוו.

מיט אַ יאָהר 40 צוריק, בשעת אַבראַמאָוויטש איז געוואָרען אַ נאָ־הענטער מחותן פון ר׳ מענדעלע׳ן, איז אַפילו אַזאַ נסיעה ניט געווען אָהן סכנות. מען פלעגט דערביי ניט איין מאָל צו געזעגענען זיך מיט ווייב און קינד און כשר׳ע יודען פלעגען לאָזען אַ תנאי־גט. דאַמאָלס זענען די יודען געזעסען טיעף־טיעף אין דער בלאָטע און מען האָט שוין געדאַרפט זיין אַ שטיקעל גבר אויסצושטרעקען די אָבגעזעסענע גלידער און זיך נעמען שפּרייזען פון קאַבצאַנסק קיין גלופּסק. אויף וועגען און

שטעגען האָבען געלזיערט די האַפערס, און דער וואָס איז דערלייזט געוואָרען פון זייערע הענד, פלעגט קריגען אַמיאוס'ן פסק פון שטאָדט־בעלי־טובות און בעל־טאַקסעס. אָרענטליכע כשר'ע יודען און זיידענע יונגעמאַנטשיקעס פלעגען טאַקי זיצען אין דערהיים און אין די בתי־מדרשים, און אין דער איגענער שטאָדט, וואו זיי האָבען דערזעהען דאָס ליכט פון דער וועלט. האָט מען זיי אויך צו קברי אבות געטראָגען.

נאָר איין ר' מענדעלי האָט זיך געקויפט אַ אָרים וועגעלע און איז געפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף, בכדי צו פערזאָרגען יודישע קינדער מיט אַביסל רוהניות. אין דער איגענער צייט איז ש. י. אַבראַמאָוויטש געוואָרען אַ שטאַרקער מקורב פון דעם בע־וואוסטען ר' מענדעלי, און האָט זיך פון זיין וועגעלע שוין קיין מאָל ניט געשיידט. פון דאַמאָלס אָן איז די ליעבשאַפט און פריינדשאַפט געוואָרען צווישען זיי אַלץ גרעסער און שטאַרקער. מען האָט זיי שוין קיינמאָל ניט געזעהן בעזונדער, שטענדיג צוזאַמען, ווי אַ טרייע אייביגע פּאָר.

און ווען ר' מענדעלע איז געזעסען הינטער'ן שטאָדט ביים וועג נעבען אַ גרויסען פעלד און האָט געקוקט, ווי עס געהט אַ מחנה יודישע נשרפים בעטלען אין די הייזער, און האָט זיך דערביי שטאַרק מצער גע־ווען, איז ש. י. אַבראַמאָוויטש געזעסען ביים איגענעם פעלד און האָט מיט דעם איגענעם קרעכץ און דעם איגענעם צער בעלייט מיט די אויגען די הונגעריגע נשרפים.

און איינמאָל אין אַ פריהמאָרגען האָט געטראָפען אַזוינס, וואָס די קאַבצאַנסקער קאָנען נאָך דאָס ביז היינט ניט אַרויסנעהמען אויס'ן זינען, און זאָגען, אַז ס'שטעקט עפּיס אַ כשוף אין דעם.

אין אַ קורץ־פרייטאָג, אַ פריה מאָרגען, איז אַריינגעפאָהרען אין שטעדטיל ר' מענדעלי'ס וועגיל מיט צוויי פאַרשוינען. פון וייטען האָט מען באַלד דערקענט, הער די פאַרשוינען זענען. נאָר, אַז דאָס וועגיל איז צוגעפאָהרען צום מאַרק, איז פון די צוויי פאַרשוינען געוואָרען איינער. דאָס שטעדטיל האָט זיך שטאַרק גע'הדוש'ט און איז צוגעגאַנגען נע־הענטער צום וועגעל, און האָט זיך אַמעשה אָן: מעהר ווי איין פאַרשוין איז אין וועגעל ניט געזעסען. עטליכע פון די היימישע בעלי־בתים זענען געוואָרען אַזוי צוטומעלט, אַז זיי האָבען פחד געקראָגען אָב־צושטעקען דעם פאַרשוין דעם געוועהנליכען יודישען שלום־עליכם. דער־ביי האָט ער געהאַט פערשיידענע פנימ'ער און די פנימ'ער פלעגען זיך

אַלע װײלע בײטען, אַז ס׳האָט ממש די ראיה פֿערנומען. װי באַלד אָבער דאָס װעגעל איז אַרױס פֿון שטאָדט, האָט מען װײטער געזעהן, דאָס צװײ פֿאַרשװינען זיצען אין איהם. פֿון דאַמאָלס אָן געהט אַ שפּרוך, אַז פֿון ר׳ מענ־דעלע׳ן און ש. אַבראַמאָװיטש׳ן איז געװאָרען אײן גוף און אײן נשמה מיט פֿערשײדענע פּרצופֿים. פֿון דאַמאָלסט אָן, זאָגען געלערנטע און בעגלויביגטע מענשען, אַז דער, װעלכער האָט אַ חשק זיך צו בעקענען מיט שלום אַבראַמאָװיטש׳ען, מוז זיך אַרײנזעצען אין ר׳ מענדעלע׳ס װע־געלע.

ר׳ מענדעלע׳ס װעגעל פֿאָרט פּאַמעליך, ניט געאײלט, אַפֿילו די שקאַפּע זײנע ריהרט זיך שטאַרק בערעכענט, קוים־קוים װאָס זי הױבט אַ פֿוס (״הינשפּינגערל״).

די פּאַנאָראַמעס, װאָס מען זעהט אױף׳ן װעג, בײטען זיך ניט, און מען קען ניט זאָגען, אַז זײ פֿערהאַפּען דאָס אױג מיט דער שענקײט; מען דאַרף שױן האָבען אַזאַ אײדעלע ראיה װי ר׳ מענדעלע, כּדי אַרױס־צוגעפֿינען גאָט׳ס שענקײט און זײנע װאונדער אױף׳ן ניט געבּרוקירטען װעג צװישען קאַבצאַנסק און טונעיאַדעװקע. אין די חשון׳דיגע טעג איז די בלאָטע גרױס און געדיכט, דער הימעל גראה און פֿערקלאָגט און די מענשען, װאָס מען טרעפֿט אָן, װילען חלילה ניט אָפּשטעהן מיט זײער חן פֿון דער אַרומיגער נאַטור. זומער אין די סליחות־צײט זעהט מען יאָ שױן אַ ביסעלע גרינס, פֿעלדער מיט קאָרן, אַ בלאָהען הימעל; מען הערט אַפֿילו װי עס פּיסצענען און זינגען די פֿױגעלעך אין דער לופֿטען, און מען אָטעמט אײן אַ ריח פֿון שמעקעדיגען אָפּגעשניטענעם הײ. נאָר די קומענדיגע ימים נוראים, דער טרוקענער קרעכץ פֿון שופֿר, װאָס הילכט אַ גאַנץ אלול אין אױער פֿון כּשר׳ן יודען, דערלאָזט ניט זיך אַרײנ־לאָזען אין אַזעלכע שטות׳ען װי פֿעלדער, װעלדער, הימלען, פֿױגלעך און ריחות פֿון שמעקעדיגע גראָז און בלומען. חוץ אַלעם דעם דאַרף מען ניט פֿערגעסען, אַז דער יוד האָט אױסער מערידען נאָך בטבע אַ פֿער־קאַטערטען נאָז, און אַ אױג, װאָס אונטערשײדט ניט די אײדעלע אי־בערגאַנגען פֿון אײן פֿאַרב צו אַ צװײטער.

אמת, ר׳ מענדעלע סטאַרעט זיך מיט אַלע כּחות אױפֿצװעקען בײ דעם פֿאַרשװין, װאָס פֿאָהרט מיט איהם אין אײן װעגעל, אַ חוש הריח, אַ חוש הראיה. ער װײזט ניט נור די בלאָטעס און די גריבער אין דער פּאַנאָראַמע, נאָר אױך אַנדערע שענע זאַכען, נאָר מען מוז זיך שױן גוט אָנקוקען

מיט ר׳ מענדעלע׳ן, כדי די רעד זיינע זאָלען עפענען די פערשלאָסענע הושים.

---

נאָר גענוג רעדען אין משלים, ר׳ מענדעלע׳ס וועגעלע — דאָס זענען די ביכער פון ש. אבראַמאָוויטש, איטליכער קאָן זיי מיט׳ן נאָמען און אַ סך פון די לעזער קאָנען אפשר גאַנצע שטיקער פון זיי אויסוועניג. ניט איין טרעהר האָט מען פערגאָסען אויף זיינע לאַכעדיגע מעשות, און איטליכעס מאָל, ווען אַבראַמאָוויטש פלעגט אונז נויטען ארויסצושי־סען מיט אַ געלעכטער, האָבען מיר געפוהלט, אַז דאָס לאַכען איז עפּיס ניט קיין ריינעס, אַז מיר חוזק׳ן אָב פון זיך אַליין, אַז אין אונזער געלעכ־טער האָט ש. א. אַ טראָפּען גיפט צוגעמישט.

אַבראַמאָוויטש איז דאָס גרעסטע טאַלאַנט, וואָס די יודישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד האָט אויפצואווייזען אין די לעצטע דורות. דאָס, וואָס ער האָט געשריבען, איז געשריבען געוואָרען מיט דער געטליכער פעדער, וועלכע איז צוזאַמען מיט׳ן פייער־צוואַנג בעשאַפען געוואָרען משֵשת ימי בראשית אָן. קיינער פאַר איהם האָט נישט געמאָלט די בילדער פון יודישען לעבען אַזוי ווי ער. און זיין פענזעל, מיט וועלכער ער מאָלט, איז דין ווי אַ האָר, וואָס איז בכּח איבערצוגעבען די איידעלסטע ליניע, דאָס דינסטע פינטעלע.

ש. אַבראַמאָוויטש האָט פון קליינוויז אויף זיך פערטיעפט אין דעם גייסט פון יודישען לעבען, איהם האָט ניט אַזוי אינטערעסירט דאָס לעבען אַליין, ווי די „יודישקייט“, וואָס געפינט זיך איין אין לעבען. בשעת אַנדערע קינסטלער האָבען געוואָלט פערשטעהן און מיטפיהלען די אויסערליכע סבות, וואָס ווירקען אויפ׳ן יודישען לעבען, האָט אַב־ראַמאָוויטש מיט אַ קלאָרען טיעפען בליק געזוכט „דאָס פינטע־לע יוד“, דאָס, וואָס ס׳איז שווערער פון אַלץ צו האַפּען; דאָס „פינטעלע“, וואָס אונטערשיידט איין פאָלק פון אַ צווייטען, האָט אַבראַמאָוויטש שטו־דירט און אונטערזוכט אין זיין אייגענעם פאָלק, און האָט דאָס בע־שריבען מיט די פאַסענדיגסטע ווערטער און ריכטיגסטע פאַרבען. דע־ריבער רעכענט מען היינט אַבראַמאָוויטש׳ן פאַר דעם ערשטען גרעסטען יודישען פאָלקס־פּאָעט, קיינער קען זיך מיט איהם ניט פערגלייכען.

דאָס „פינטעלע" פון איטליך פאָלק, ווי אויך דאָס פינטעלע יוד, קען מען ניט, אַ פנים, געפינען פון ביכער, ניט מיט'ן שכל דערהאַפּט מען עס. אָט „דאָס פינטעלע", וואָס בעשטעהט פון טויזענדער קלענערע פינטעלעך, דאַרף מען קענען זעהן, זעהן מיט די אויגען. אַזאַ הויש־הראיה האָבען נור די אֶמת'ע פּאָעטען, די קינסטלער. דאָס איז טאַקי אויך דער גרויסער אונטערשייד צווישען גרויסע געלערנטע און קינסט־לער, וואָס זעהען און בעמערקען מעהר, גאָר אַנדערס, און ריכטיגער, און דייטליכער.

בשעת מיר ווילען קריגען אין מח אַ בילד פון אַ מענשען, פון אַ חיה אָדער אַ בוים, מוזען מיר זיך גוט צוקוקען צו די אויסערע סמנים פון דעם. צוליעב די אויסערע סמנים, מיט וואָס איין זאַך אונטערשיידט זיך פון אַנאַנדער, קריגען מיר פון יעדער זאַך אַ פערשיידען בילד אין מח. די אויסערע סמנים דאַרף מען אָבער קענען זעהען, בעמערקען. און וואָס ניט בעמערקליכער און ניט בעשטענדיגער זענען די אויסערע סמנים, מוזען מיר אַלץ בעסער און קלערער קענען זעהן.

אַ געוועהנליכער מענש האָט גאָר קיין בעגריף ניט, ווי ווייניג ער זעהט, וואָס עס טוט זיך אַרום איהם. למשל, פון 100 מענשען, וואָס געהען אַריין אין אַ צימער צום ערשטען מאָל, בעמערקען אפשר 5—6 די פאַרב פון די טאַפּעטען און אפשר 1—2 די מאָלעריי אויף די טאַפּעטען. פון צעהן בעקאַנטע, וועלכע איהר זעהט טאָג־טעגליך, ווייסט איהר קוים איינעם, וואָס פאַר אַ פאַרב זיינע אויגען האָבען. צוויי זאַכען שטערען גע־וועהנליכע מענשען צו קריגען ריכטיגע בילדער פון דעם, וואָס פאַלט אַריין אין אויג. ערשטענס, די צואָפטקייט: די בילדער, וואָס קומען פאָר פאַר אונזערע אויגען אַלע ווייל, ווערען אונז אַזוי דערעסען, אַז מיר ווילען זיך גאָר ניט צוקוקען צו זיי. צווייטענס, די זעלטענקייט: דאָס וואָס קומט פאָר זעהר זעלטען, לאָזט אין אונזער מח קיין קלאָרעם בילד נישט, ווייל מיר האָבען געהאַט צו ווייניג צייט צוזאַמענקלייבען די אויסערע סמנים דערפון. מענשען פון פרעמדע ווייטע לענדער, דוכט זיך אונז אויס, האָבען אַלע איין אָנבליק. אַ אייראָפּייאישען מענשען דוכט זיך, אַז אַלע נעגער האָבען איין אויסזעהען. דער יוד, וואָס האָט נאָך ביז ניט לאַנג ניט געהאַט קיין מגע ומשא מיט סאָלדאַטען און מיליטער, זאָגט: אַלע יונים האָבען איין פנים.

דאָס איז אַלץ גערעדט פון געוועהנליכע זאַכען, וואָס וואַרפען זיך

גרוים אין די אויגען. נאָך שווערער איז צובעקומען אַ ריכטיגע בילד פון אַ זאַך, וואָס וואַקסט, בליהט און פערוועלקט; פון אַ מענשען, וואָס האָט אַזוי פיעל פעריאָדען אין לעבען, פון זיין האַראַקטער, פון זיין נאַטור א. ז. וו. ווייל דאָס ווייזט זיך ניט אַרויס אויף איין מאָל, אין איין רגע, און די אויסערע סמנים דערפון זענען אַזוי לויפיג, דין און נישט דאָ—וואָס—אָנצוגעהמען, אַז דאָס געוועהנליכע אויג קאָן דאָס גאָר ניט האַפּען. אויף דעם איז נור מסוגל דער אמת'ער פּאָעט, דער אמת'ער קינסטלער וועלכער איז געבענשט פון דער נאַטור מיט די פיינסטע חושים אויפצוזויגען אין מח די פליהענדיגע, קוים מערקליכע סמנים פון אויבערן לעבען פון מענשען און פון דער נאַטור.

ש. אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט מיט זיין קינסטלער־אויג געוואָלט האַפּען „דאָס פינטעלע יוד", וואָס בעשטעהט פון טויזענדער און טויזענדער קליינינקע פינטעלעך, האָט געמוזט געהן מיט אָפענע חושים דורך דאָס יודישע לעבען, האָט זיך געמוזט נאָהענט און לאַנג צוקוקען צו יעדער ברעקעלע, וואָס האָט אַ שייכות צום יודען, צו איטליכען פערבאָרגענעם שטעגעלע, אויף וועלכען עס וואַנדערט דער יוד אין זיין לאַנגען גלות. און דאָס וואָס ער האָט געזעהען, און דאָס, וואָס ער האָט גענוי בעטראַכט מיט זיין פיהלענד געמיט, האָט ער אונז אין זיין בילדער־שפּראַך אָבגעמאָלט האָר ביי האָר מיט די פאַרבען און שאָטענס; ער האָט אונז די אויגען געעפענט צו זעהן און צו פיהלען דאָס פינטעלע יוד אַזוי ווי מען האַרף עס זעהען, ווי ער האָט דאָס אַליין געזעהען.

און געזעהען האָט ער דאָס אַלץ נישט מיט די אויגען פון אַנ־אַסטראָנאָם, וועלכער האָט נור צו טון מיט גאַנצע וועלטען, וועלכער דערלאַנגט נור איין דרעה מיט דעם טעלעסקאָפּ, און ער איז שוין אַוועק פון איין שטערן צום צווייטען... ניין, זיין אויג האָט געקוקט מיט די אויגען פון באָטאַניקער (פלאַנצענפאָרשער), וועלכער רייסט אויס אַ קליין־קליין גרעזעלע מיט די וואָרצלעך, צושניידט דאָס אין קליינינקע שטיקעלעך און לעגט איטליכעס בעזונדער אונטער דעם מיקראָסקאָפּ,—וואָס פערגרעסערט איטליך פלאַנצען־קעמערל, וואו עס אַרבייטען די לעבענס־זאַפטען, אין טויזענדער מאָל,—און שטודירט און פאָרשט אויס די סודות פון איטליכען לעבענס־קעמערעל בעזונדער.

אַזוי איז אַבראַמאָוויטש'עס אויג בעשאַפען. עס קען זיין, אַז צוליעב

דעם אַליין איז ער געװאָרען דער גרױסער קינסטלער, װעלכער האָט שטענדיג געסטאַרעט זיך צו שילדערן פּינטעלעך, פּינטעלעך, „דאָס פּינטעלע יוד“. דעריבער האָט ער טאַקי אַזױ ליעב ר׳ מענדעלע׳ס װעגעלע, װאָס פאָהרט פּאַמעליך, ניט געאײַלט, װעלכער האָט אַ שקאַפּע, װאָס איז שטאַרק בערעכענט און שטעלט זיך אָב אױף איטלי־כען טריט.

דעצעמבער, 1901.



# שלום יעקב אבראמאוויטש.

## (מענדעלי מוכר ספרים).

„אין דעם מענשענס נשמה שפיעגעלט זיך אב א גאנצע וועלט; דער ים גע-פיהלען אין הארצען נעהמט זיך פון טוי-זענדער קוואלען, אינעווענינגסטע אין איהם און אויסווענינגסטע הויך איהם“.

(דאס ווינשפינגערל, ז. 134. ניויארק).

I

עס זענען דא שרייבערס, פאעטען, וועלכע נעהמען אן דעם לעזער זאנפט ביי דער נשמה, זאגען עפּיס א ווערטיל, א שיחת חולין, בערו-היגען מיט זייערע שטילע ווערטער דעם פער'שמעיה'טען מח, און איידער מען קוקט זיך נאך ארום, איז שוין דער לעזער הויך-הויך אויף די שפּיציגע בערג פון עולם הדמיון, וואו די געהויבענע נשמות בויען זיי-ערע נעסטען. יאוש און בטחון, פרייד און טרויער מישען זיך דורך אין לעזערס געמיט, א נייע הויט ווערט עפּיס אויף איהם ארויפגעצויגען,

ער בעקומט עפּיס אַ פֿונק פֿון אַ נשמה־יתירה, און ער הויבט אָן צו בעטראַכֿטען די וועלט און די מענשען מיט די אויגען פֿון געהויבענעם שרייבער, מיט דעם גייסט פֿון פּאָעטען.

עס זענען אָבער דאָ שרייבערס און טאַקע אויך פֿון די גרויסע, וועלכֿע שלעפּען דעם לעזער אין זייער עולם הדמיון ווי מיט געוואַלד. דער וועג צו די בערג איז אַ זאַמדיגער. אויף טאָלען און בערג קומען מיט אַמאָל גריבער און זומפּען, דער שרייבער האָט צרות אויף צרות, ווייל אַלע מינוט פֿער׳עקשנ׳ט זיך דער לעזער און וויל זיך ניט ריהרען פֿון אָרט.

שלום יעקבֿ אַבראַמאָוויטש געהערט צו דעם צווייטען מין שרייבערס. איידער מען לייענט נאָך דורך זיינס אַ בוך, קען מען שוין די גריבער און די טאָלען פֿון זיין טאַלענט. פֿריהער פֿאַר אַלין זעהט דער קריטיקער די חסרונות זיינע. און מען מוז זיך גוט אָנהאָרעווען, איידער מען הויבט איהם אָן צו געניסען און צו פֿיהלען אין איהם דעם ריכֿטיגען טעם.

ערשטענס, קומט ער צו אונז אַ פֿערשטעלטער, מיט אַ מאַסקע פֿון אַ פֿרום פּנים׳ל, מיט אַ תחינה׳לע אויף די ליפּען; ווי אַ טרייער קיזיקעל בעגלייט איהם דאָס פּסוק׳ל און רעדט פֿאַר איהם ר׳ מענדעלע. פֿערצעפּעט ער עפּיס אָדער עמיצען מיט זיין צינגעל, לעגט ער באַלד צו: „ניט דאָס בין איך אויסען״ און ווי באַלד עס גלוסט זיך איהם צו ווייזען זיין ביטער האַרץ, אויסצוגיסען אַ טרעהר, שפּרינגט שוין אַרויס ווי אַ שד אין דער „קליאַטשע״ אַ גלייכֿווערטיל און אַ חוזק׳ל אויף די ליפּען.

צווייטענס, איז זיין לשון אַ צו געקינצעלטער. מען פֿיהלט, אַז אַבראַמאָוויטש׳ן האָט זיך געוואָלט אין זיינע ווערק בעשאַפֿען אַן אייביגעס מאָנומענט פֿאַר דעם זשאַרגאָן־לשון. ער האָט זיך בעמיהט אַריינצולעגען אין דער שפּראַך דעם גאַנצען עסענץ זיינעם. און ווען ניט ר׳ אַלטער יקנה״ז, טריינע כאָסיע, רייזע די בעל־אַכֿסניה׳טע און עטליכֿע אַנדערע פּאַרשוינען פֿון זיינע ביכֿער, וואָלט מען קענען מיינען, אַז אַלע העלדען פֿון אַבראַמאָוויטש׳ען האָבען זיך ווי אויף צו להכעיס צוזאַמענגערעדט איבערצומישען דעם אָרימען ר׳ מענדעלען. דורך דעם פֿערליערען זיינע ווערק די לעבעדיגקייט זייערע: מען ווערט פֿערמאַטערט צו שלינגען די אָ ב ג ע ט אָ ק ט ע רעד פֿון ר׳ מענדעלע׳ן אין פֿערשיידענע געשטאַלטען;

עס ווערט אַ ביסעל דערעסען צו טרינקען לויטער עסעניץ אָהן אַ קאַפּעלע וואַסער, עס גלוסט זיך אויסצורוהען אַ ווײלע, אָבצוהאַפּען אַ ביסעל דעם אָטעם, אַ קוק צו טון אָן אַ זייט...

דריטענס, איז שלום אַבראַמאָוויטש אַ שלעכטער אַרכיטעקטאָר. ער בויט אויף זיינע „מתנות פאַר יודישע קינדער“, זיינע „מעשׂות פון יודישע אָרימע לייט“, זיינע „מעשׂות פון פערוואַלגערטע כּתבים“ אָהן אַ צירקעל און אָהן אַ לינעאַל. די מעשׂה ציהט זיך ביי איהם, ווי אַ וואָגען אויף אַ דאָרפישען, ניט געברוקירטען וועג. ער שרייבט „פערקייטעלטע מעשׂות“, איינס קייטעלט זיך מיט'ן אַנדערן, אַ מעשׂה נעבען אַ מעשׂה. אָבער דאָס גאַנצע געבוי איז ניט צוזאַמענגעוואַקסען, נאָר צוזאַמענגעקייטעלט, און אָפּט-מאָלס דערמאָנט מען זיך ערשט ביי'ם סוף ביכעל דעם אָנהויב פון אַ ספּור-המעשׂה, וואָס מען האָט אָן דעם שוין לאַנג פערגעסען.

פיערטענס, אויסער די פערשטעלטקייט פון אַבראַמאָוויטש'ען, האָט ער נאָך די טבע אַריינצולעגען אין מויל פון זיינע געשטאַלטען אַזעלכע רעד, וואָס האָבען אַ דאָפּעלטען טייטש. חוץ דעם וואָס די רעד זייערע זענען נוגע פשוט'ע זאַכען, שטעקען נאָך אָפטמאָלס אין זייערע ווערטער אַ מיין, אַ רמז אויף עפּיס אַנדערע זאַכען, אויף כּלל ישׂראל. בשעת פישקע דעם קרומענס בלינדע פלונית'טע שטופּט אָב פון זיך דעם ממזר און זאָגט: „געהט אייך, פע! איך בין אַנ'אשת-איש און האָב ברוך השם מיט וועמען אין די הייזער צו געהן“, הערען מיר אין די ווערטער גלייכצייטיג אַ שען רמז'ל אויף כּלל-ישׂראל. אַזעלכע שטעלען זענען צעזייט און צעשפּרייט אומעטום אין אַבראַמאָוויטש'עס ווערק. זיי קריגען דעריבער אַ צווייטייטיגען זין און וואַרפען דעם לעזער פון פּרט צום כּלל און קאַפּויער און צעשטערען איהם דורך דעם תּענוג פון לעזען.

פינפטענס, ווי אַנ'אמת'ער קינד פון זיין פאָלק, וואָס האָט זיך ליעב אייביג צו ווערטלען, האָט אַבראַמאָוויטש דעם חסרון, צוליעב אַ גוט וואָרט אָדער אַ וויצעל צו צעשטערען די געפיהלען ביים לעזער, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיעל מיה און קונסט געזוכט אַרויסצורופען. די שענסטע שטעלען פון זיינע ווערק ווערען אַמאָל פערדאָרבען דעריבער, וואָס ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען צו מאַכען ניט אין דער-צייט אַפילו אַ גוטען, אָבער ניט קיין אָנגעפּאַסטען וויץ *).

---

*) איך וועל נעהמען ביישפּיעלען, וואָס וועלען קלאָר זיין פאַר אַלעמען, למשל:

אַלע די חסרונות, וואָס מיר האָבען דאָ אויבענע אויסגערעכענט, זענען אַזוי וויכטיג פאַר אַבראַמאָוויטש'עס טאַלאַנט, אַז אָהן זיי וואַלטען מיר אפשר גאָר ניט געקענט פערמאָגען זיינע ווערק. די חסרונות פון גרויסע טאַלענטען איז ניט מינדער ווערט צו לערנען און שטודירען, ווי זייערע מעלות. ביי זיי, די גרויסע שרייבערס, דריקט זיך אויס דער גייסט פון אייגען פאָלק ווי דורך אַ פערגרעסער-גלאָז. אַלץ איז ביי זיי בולט'ער, אַלץ איז גרעסער און פערענדיגטער. און ווען מיר זאָלען גוט קענען פערשטעהן דעם מקור, פון וואַנען עס נעהמען זיך די חסרונות און מעלות ביי אונזערע גרויסע יודישע טאַלענטען, וואָלטען מיר שוין ממילא פערשטאַנען די נשמה פון יודישען פאָלק מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות.

אַבראַמאָוויטש שטאַמט אָב פון דעם דור, וואָס האָט אַרויסגעגעבען אַ נייעם מין מענשען, יודען, וועלכע זענען פון תנ"ך און גמרא געוואָרען „בעהאַלטענע משכילים". זיי האָבען זיך להוץ וועניג וואָס אונטערשיידט פון די „פאַרצייטיגע". ווי פערשטעלטע האָבען זיי פערבראַכט זייערע יאָהרען אין לאַנגע קאַפאָטעס און טלית-קטן'ס, געדאַווענט דריי מאָל אַ טאָג, ניט פערגעסען אַ שמחת-מצוה, און ווען זיי האָבען שוין יאָ זיך דערוועגט עפּיס צו טון, איז דאָס בעשטאַנען דערין, וואָס זיי פלעגען איבערהיפען געוויסע שטיקלעך פיוט, אויסקעמען אָפטער דאָס בערדיל און אַ קאַפעלע אונטערקירצען די פאות. דאָס זענען פון יענער צייט די נייע „למדוו'ניקעס" אין דער בילדונג. פון דרויסען אנקוקענדיג, דאַכט זיך, גאָר ניט, אָבער הייליגער גאָט, וואָס אינוועניג האָט זיך געטאָן ביי זיי. אין האַרצען האָט געגלידט דאָס יודיש פינטעלע, עס האָט געברענט דאָס הייליגע פייער פון ליעבשאַפט צו דער גאַנצער וועלט. עס האָט זיך געדולדט, אַז עס הויבט זיך עפּיס אָן אַ ליכטיגע פרייע צייט, אַ גן-עדן אויף דער ערד. צווישען זיך האָבען זיי שטילערהייט געלעבט ווי ברידער, ווי חסידים פון איין רבי'ן. און געקוויקט האָט מען זיך מיט די ווערטער פון די הייליגע נביאים, מיט אַ מליצה-ספר, מיט אַ שלום-לאהובי-בריוועל. (ווינשפינגערל ז. 137—138).

דאָס איז געווען אין יענער צייט, בשעת דער יוד איז נאָך געלעגען טיעף איינגעהילעט אין יודישקייט, האָט נאָך ניט געהאַט קיין

„ווינשפינגערל" ז. 73. שורה 1—2 פון אונטען, „קליאַטשע" ז. 113, שורה 13—15 פון אויבען, ניו-יאָרקער אויסגאַבען.

מגע ומשא מיט מענשען פֿון אַנאַנדער פֿאָלק און האָט זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלען אַ לעבען אָהן אַ יודישער קהילה. פֿון קיין סאָנד האָט מען נאָך ניט געוואוסט, אַלע דין־תורות און אַלע סכסוכים פֿלעגען זיך אָבשפּיגלען צווישען אייגענע. די קהל׳ס־פֿיהרער האָבען געהאַלטען די שטאָדט אין זייערע הענד, און וואָס זיי פֿלעגען טון, פֿלעגט זיין געטאָן. און בעת עס פֿלעגען זיך אַריינמישען די רעגירונג אין די יודישע פֿיהרונגען, פֿלעגט מען קוקען אויף דעם ווי אויף אַ שרעקליכע גזרה, וועלכע מען מוז אָבשטופּען פֿון זיך מיט תּפֿילה, צדקה און אַ מתּנת־יד דעם ערל מיט די שליפּעס.

די בעהאַלטענע משׂכּילים האָבען אַליין געשטעקט טיעף אין דער בלאָטע. דאָס זענען געווען קליינע מענשעלעך, וואָס האָבען עפּיס „געהאָפֿערט“ אויף בעסערע צייטען, פּונקט ווי וויבער „האָפֿערען“ אָבליינענדיג אַ תּחינה. אין זייערע קעפּ, אָנגעשטאָפּט מיט מליצה־ביכלעך, איז ניט געווען קיין קלאָרע פֿאָרשטעלונג פֿון דעם, אויף וואָס זיי האָבען געהאָפּט. זייער אידעאַל איז געווען צו לעבען עפּיס אַ ביסעל שענער, ריינער, אייראָפּעאישער; די אויסערליכע מעלות פֿון אייראָפּעאישען לעבען זענען זיי געפֿעלען. זיי האָבען פֿערלאַנגט אַ ביסעל מעהר פֿרייהייט, אָבער זייער פֿאָרשטעלונג פֿון פֿרייהייט איז אויך געווען אַ קינדישע און אַנ׳ענגאָאיסטישע: זיי האָבען געוואָלט פֿריי ווערען פֿון קהל׳ס־שטיבעל, פֿון די לאַנגע שמונה־עשׂרה׳ס, פֿון שמוציגען באָד, פֿון עפּוש אין בית־המדרש א. ד. גל. געבויט האָבען זיי אַליץ אויפֿ׳ן שׂכל הישר, זיי האָבען שטאַרק געגלויבט, אַז מיט לאָגיק קען מען אַליץ דערגעהן און בעווייזען. זייערע אייגענע לאָגיק אָבער איז ווערט געווען אַ שמעק־טאַבאַק, דען דער שׂכל־הישר זייערער האָט זיך ניט גערעכענט מיט פֿאַקטען, האָט זיך אויך ניט גערעכענט מיט פֿאַקטען, ווייל די אַלע משׂכּילים האָבען זעלטען פֿערלאָזען די קליין־שטעדטלעך, און האָבען זיך פֿאָרגעשטעלט „די בילדונג“, ווי אַ בת־מלכּה אין אַנ׳אַלאַבאַסטערנעם פּאַלאַץ. די אויסוועניגסטע סתּירות פֿון יודישען לעבען האָבען זיי אָבגעשטויסען, דאָס יודישע לעבען האָט אויסגעזעהען אין זייערע אויגען מיאוס צום אָבעקלען, און זיי האָבען זיך געסטאַרעט עפּיס אַריינצוטראָגען אין זייער אייגענעם לעבען אַ ביסעל מעהר ריינקייט, פֿיינקייט, שטילקייט, איידעלקייט, בקצור שענקייט. בויענדיג אויפֿ׳ן שׂכל הישר, האָבענדיג אַזעלכע איבערפֿלעכליכע פּרעטענזיעס צום יודישען לעבען, האָבען זיי ניט געקענט אַרויסגעהן מיט ביקסען אין די הענד אַקעגען די פֿיינדליכע סבות פֿון אַרומיגען לעבען. זיי האָבען בכלל ניט

געפֿיהלט דאָס יודישע אומגליק אַזוי טיעף, ווי מיר פֿערשטעהען דאָס היינט, זיי האָבען בכלל ניט געהאַט קיין העכער אידעאַל, ווי ניט אָבּ-צושטעהן לחוץ פֿון די געבּילדעטע איראָפּעער, זיי זענען בכלל גע-ווען קליינע שיסערס. מיט'ן שכל הישר האָבען זיי געאַרבּייט, און אַזוי ווי דעם שכל הישר פֿלעגט מען אויך אָנרופֿען אפּקורסות, האָבען זיי זיך געסטאַרעט בּעדהאַלטענערהייט מיט פּשט'לעך, פּסוקים'לעך, אַ מדרש פֿון גמרא, אַ צווידייטיגען טייטש און דאָס גלייכען אַריינצוקריכען אין די הערצער פֿון זייערע שווער און שוויגער, פֿון זייערע מקורבים און בּעקאַנטע.

דאָס זענען געווען ניי-מאָדנע צבוע'קעס, וואָס ניט צובּרעכענדיג דעם אַלטען פֿאַס, האָבען זיי געוואָלט אַריינגעבּען אין איהם אַבּיסעל אייגענע צוקער-וואַסער, און וואָס האָבען פֿערשטעלטערהייט געאַרבּייט מיט'ן שכל הישר, איהם אַרויסלאָזענדיג פֿון מויל אין אַ פֿרום-בּעקליידטען אופֿן.

אין אַזאַ דור איז געבּאָרען געוואָרען ש. אַבּראַמאָוויטש, און דאָס, מיט וואָס דער דור האָט זיך אויסגעפּיינט, איז אַבּיסעל קלעפּען געבּליבּען אויפֿ'ן גרויסען טאַלענט פֿון אַבּראַמאָוויטש'ען. אמת, קיינער האָט ניט טיעפֿער פֿערשטאַנען די הוילקייט פֿון די נייע „למד-וואָוניקעס" ווי ער. די בּעסטע זייטען אין דער „קליאַטשע" זענען געשריבּען געוואָרען צוליבּ זיי און פֿאַר זיי. אָבּער ש. א. איז פֿאָרט געווען אַ תלמיד פֿון גאָטלאָבּער'ן, ער האָט פֿאָרט זיי צו פֿערדאַנקען די ערשטע טריט זיינע צום אַלבּאַסטער-נעם פּאַלאַץ פֿון השכלה, און האָטש ער האָט פֿון זייער גנאַדענקענהעלט זעהר וועניג, האָט ער זיי ליעבּ פֿון האַרצען און האָט אַ סך זאַכען פֿון זיי איבּערגענומען. אין „ווינשפֿינגעריל" רופֿט ער זיי די „יונגע אַלטע נאַרען", וואָס האָבּען נאָך ניט געהאַפּט אין דער בּילדונג דעם היינטיגען דרך, אַז די בּעסטע תורה איז סחורה און די בּעסטע מליצה—אַ קערבּיל, און זיינע משכילים אין דעם „קליין מענשעלע" און אין „ווינשפֿינגעריל" זענען געצייכענט פֿון איהם ווי אַ פֿיין אויסגעצואָגען ליאַלקע. מיט דער ליעבּשאַפֿט פֿון אַ טאַטען צום קינד. דער זעלבּער משכילים-דור, וואָס האָט געמאַכט פֿון אַבּראַמאָוויטש'ען אַ פֿערשטעלטען, האָט איהם אויך אויסגע-לערענט צו קינצלען די שפּראַך אין דעם אופֿן, ווי מיר האָבען פֿריהער אָנגעמערקט. אין דעם זשאַרגאָן-שרייבּער אַבּראַמאָוויטש לעבּט דער אַלטער מליצה-שרייבּער, וואָס האָט געקאָנט אָבּזיצען אַ גאַנצע נאַכט, כדי אָבּ-צוטאָקען אַ שלום-לאהובי-בּריעוועל. די ליעבּע צו גנויאיגקייט, ריינקייט און צום שכל הישר האָט דענסטמאָל געוועקט בּיי'ן יודען דעם משכּיל אַ חשק צו מאַטעמאַטיק און צו דקדוק, און בּן זאב'ס תלמוד לשון עברי

האט מען אפשר דענסטמאל געלייענט מיט מעהר תענוג, ווי היינט די מאמרים פון אנ'אחד-העם און די ווערק פון אבראמאוויטש'ען. די משכילים, וועלכע האבען אליין ניט געהאט קיין תוך און האבען פון איין זייט מקנא געווען דעם שענעם יודען, וואס האט נור גערעדט אויף תנ"ך-לשון און פון דער צווייטער זייט — די דייטשען, און גע-שלונגען מאטהיסאן, ראמלער, שילער און זיך בעמיהט איסערליך ניט אבצושטעהן פון א בערלינער יודען, — האבען געהאט גרויס בושה פאר די פארמען פון א שפראך, וואס טראגט אריין א סדר אין דעם געוועהנלי-כען רעדען, וואס איז מקרב צום שכל דעם געבוי פון א לשון. און אבראמאוויטש האט דעם „צחות הלשון" פון העברעאיש אריבערגע-טראגען אין דעם זשארגאן, ער איז געווארען דער מאפו פון אונזער „מאמע-לשון". ער האט זי געקנייצט און געפיילט, גערייניגט און אויס-געגלייכט און איז געווארען דער שעפפער פון היינטיגען זשארגאן. און דאס איז דער גרויסער חילוק פון אבראמאוויטש'ען און די פוסטע מליצה-שרייבער, וואס היפען אריבער פיוט און קעמען די בערדלעך. מיט די איי-גענע הסרונות ווי זיי האט ער זיך גענומען צו דער פעדער, אבער בשעת ער האט די פעדער אוועקגעלעגט, איז אויך געלעגען א ווערק, אין וועלכען עס האט זיך ביי אלע פעהלערן אבגעשפיגעלט א דערשלאגען פאלק, אין דעם שפיגעל פון א גערייניגטער אידעלער פאלקס-שפראך.

---

## II

אויף גרויסע ירידען, וואו עס פאהרען זיך צונויף פויערים פון דער גאנצער סביבה, זעהט מען אמאל א בילד, ווי א גבר מיט א גבר דאלטען א מלחמה צווישען זיך. און אז זיי קומען אריין אין התלהבות, האפט איינער פון זיי א קעלבעל פאר א פוס, דער אנדערער א יונגען באק און מען פאכט זיך ארום מיט זיי מיט גרויס היץ און עקשנות. דעם שוואכען דור פון די משכילים, אין וועלכען ש. א. איז געבארען געווארען, האט געפעהלט דאס קעלבעל, מיט וואס זיך צופאכען אקעגען די „טאטעס" מיט די בעק אין די הענד. דאס אלטע יודישע וועלטעל האט זיי אב-אבגעעקעלט. זיי האבען אבער ניט געהאט קיין קלאר בילד פון אנ'אנדער

וועלט מיט אַנדערע פֿיהרונגען, וועלכע זיי זאָלען קענען אַרויסשטעלען אַקעגען די אַלטע וועלט מיט איהרע הנהגות. די גרעסטע פֿון יענעם דור, ריב״ל, מאַפּו, גינזבורג, ערטער און אַנדערע האָבען, ווי אָרענטליכע בעלי-עגלות שטילערהייט און פּאַמעליך געקירעוועט דעם עולם, אָבער קיינער פֿון זיי האָט זיך ניט דערוועגט איהם אַ שלעפּ צו טון בּיי דער צופּהינע. זיי האָבען אַליין פּחד געהאַט פֿאַר די נייע ניט בּעטרעטענע וועגען, און דער שטה, וואָס זיי האָבען געזעהען, איז געלעגען בּיי זיי אונטער׳ן נאָז. דאָס איז געווען אַניעם-לא-עז, קליינע שיסערם, וואָס דאָס לעבען האָט זיי אַריינגעיאָגט אין די ענגע ד׳ אמות און אין די פֿיער אײלעז האָבען זיי זיך געגראָבען און זיך געגראָבען און זיך פֿערטיעפֿט אין דעם שׂכל פֿון איטליך זעמדעלע, וואָס איז געלעגען אין זייער שטה. קליינע מענשלעך גיבען זיך אָב מיט קליינע מלאכות, און די נאָהענסטע סבות נעהמען זיי אָן פֿאַר די הויפּט-סבות פֿון יודישען אָרימען לעבען, דער גאַנצער אַבערגלויבען בּיין פֿאָלק נעהמט זיך, לויט זייערע השגות, דערפֿון, וואָס דאָס פֿאָלק איז דערווייטערט פֿון פּראָסטען פּשט אין דער תורה, און קען ניט דעם לשון פֿון תנ״ך, און ווי בּאַלד די יודען וועלען אַראָבּ וואַרפֿען פֿון זיך די לאַנגע בּגדים און די פּאות, וועלען רעדען די שפּראַך פֿון זייער רעגירונגסלאַנד, ווערט ממילא, מיינען זיי, צעקראָכען ווערען די שׂנאה אַקעגען זיי און עס וועט זיך אָנהויבען פֿאַר זיי אַ לעבען ווי אין אַ גן-עדן. דאָס איז געווען אַ דור פֿון פּעדאַנטען, ד. ה. פֿון מענשען, וואָס לעבען לויט פֿריהער בּעשטימטע קליינטשקע כּללים׳לעך, און בּענוצען זיך מיט זיי בּיי איטליכער נאַרישקייט, און קענען ניט אונטערשיידען דעם פּרט פֿון דעם כּלל. בּיי יעדער קליינינקייט פֿלעגען זיי בּריינגען צושלעפּען די שווערע כּלי-זין פֿון די השׂכּלה-פֿילאָזאָפֿיע, און ווען אַ משׂכּיל האָט אין „עלינו לשבּח״ ניט אויסגעשפּייט, זאָלט איהר וויסען, אַז ער האָט וועגען דעם פֿריהער אַ יאָהר געטראַכט, אַ האַלב יאָהר זיך נאָך ניט דערוועגט ניט אויסצושפּייען, און איצט וועט ער אייך שוין בּרענגען טויזענד ראיות פֿון תלמוד, מדרשים און די ראשונים, אַז מען דאַרף ניט אויסשפּייען און וועט זיך שוין מקריב זיין אַזוי ווייט, בּיז עס וועט ווערען אַ שטיקעל מחלוקת צווישען איהם און שווער און שוויגער. נאָר אַזוי ווי דער משׂכּיל איז ניט געווען קיין גרויסער גבור, פֿלעגט ער זיינע גאַנצע כּוחות נור אָנווענדען אויף דורכצופֿיהרען זיינע אַלגעמיינע כּללים פֿון משׂכּיל׳שען לעבען אין קליינינקייטען און נאַרישקייטען, אין אויסקעמען דאָס בּערדיל און אונטערקירצען אַ קאַפּעלע די פּאות.

דעם שוואכען דור פון משכילים האט געפעהלט דאס קעלבעל, מיט וואס ער זאל זיך קענען פאכען קעגען די טאטעס, און דעריבער קענען מיר ניט פערלאנגען פון אבראמאוויטש'ען, וועלכער איז אויפגעוואקסען אין אזא פער'הלש'טער סביבה, אז ער זאל ארויס קעגען די סתירות פון יודישען לעבען מיט א הויך קול און מיט א כח פון א גבר, וואס פיהלט זיך געהויבען הורך די אינעווענגסטע קראפט פון שטארקע נייע אידעאלען. מיר קענען ניט פערלאנגען פון איהם, אז ער זאל זיין א גוטער ארכיטעקטאר, בעת דאס לעבען האט איהם איינגעשפארט אין ד' אמות, און אליין איז עס צעפאלען פאר איהם אין טויזענדער קליינע חלקים.

ניט מיט די אויגען פון אנאסטראנאמען, וואס זיצט אויף א הויכען טורם און האט נור צו טון מיט גאנצע וועלטען — האט געקוקט אבראמאוויטש אויף דאס לעבען... ער איז געווען א קינד פון א דור, וואס האט אנגעקוואלען פון חשבון העבור, פון אסטראנאמיע, וואס האט געהאלטען זייגער-מאכעריי פאר די איידעלסטע מלאכה און וואס האט אבער גלייכצייטיג געהאט די קורצזיכטיגע ראיה פון א באטאניקער, וועלכער רייסט ארויס א קליין גרעזיל און האט אייביג צו טון מיט פיצעלעך, פיצעלעך, מיט עטליכע לעבענסקעמערלעך. איטליך פיצעלע פארשט אבראמאוויטש אויס מיט א גענויאיגקייט פון א משכיל, וועלכער האט ליעב דקדוק און מאטעמאטיק, אבער סוף כל סוף זענען די פיצעלעך פארט ניט צוזאמענגעוואקסען אין איין געביי. אום צו זעהען אין די האלבטונקעלע נעכט דעם גאנג פון גאנצע וועלטען, מוז מען צום באטאניקער נאך זיין א שטיקעל אסטראנאם...

ווען מען בעטראכט פיצעלעך, פיצעלעך מיט די אויגען פון א באטאניקער, וואס קוועלט אן פון מאטעמאטיק און דקדוק און יאס בעמיהט זיך אנצוואווענדען דערביי זיין מאטעמאטישען שכל, מוז מען קומען דערצו, אז איטליך פיצעלע קריגט א דאפעלטע בעדייטונג, צוויי פערשיידענע טייטשען. דער מאטעמאטישער שכל הישר האט פערלאנגט פון די משכילים אין איטליכען פרט צו זעהן דעם כלל; נאר זייער ענגקליינשטעדטעלדיגעס לעבען האט זיי געוויזען צו וועניג פרטים, אז זיי זאלען קענען ארויסקריגען דעם כלל. די בילדונג זייערע האט זיי געהייסען אויפפאסען דאס לעבען אין אלגעמיינע כללים, דאס ענגע לעבען זייערס אבער האט זיי געצוואונגען געני צו שטודירען די איינצעלנע גע-

שעהעניסען פֿון לעבען, די פּרטים, און די סתירה צווישען די שטרעבונגען פֿון זייער השכלה־פֿילאָזאָפֿיע און דעם לעבען האָט געבראַכט דערצו, דאָס זיי זענען געבליבען קרה מכאן וקרה מכאן: די פּרטים פֿון לעבען האָבען זיי ניט געקענט בענעהמען קלאָר און דייטליך אָהן דעם כלל. דאָס געזעץ, פֿאַר וועלכען די פּרטים טוען זיך בויגען, איז אַרויס ביי זיי אַ געקינצעלטער, אַ שטיק פּלפּול, אַן אויסגעמאַטערטע סברה, וואָס האָט בעוויזען זייער חריפות, אָבער ניט די בקיאות פֿון די לעבענס־פּרטים.

און דערין געפֿינען מיר דעם טעם, פֿאַר וואָס ש. י. אַבראַמאָוויטש'ן, דעם גרעסטען און איינציגען קינסטלער פֿון דער השכלה־צייט, האָט זיך ניט אײַנגעגעבען קיין איינציגע געשטאַלט, פֿאַר וואָס ער האָט אונז ניט געשילדערט איינצעלנע טיפּען, פּרטים פֿון יודישען כלל, פֿאַרוואָס זיינע געשטאַלטען וואַרפֿען אַריין אין זייערע רעד רמזים׳לעך און רעדען מיט אַזאַ לשון, וואָס קען האָבען עטליכע טייטשען, פֿאַר וואָס זיין איינציגע געשטאַלט, צו וועלכער ער קעהרט זיך צוריק אין אָנהויב פֿון איטליכען ספֿר, ר׳ מענדעלע, איז געצייכענט געוואָרען פֿון איהם מיט אונקלאָרע ליניען, האָט פֿערציג פּנים׳ער און זעהט אויס ווי אַ בריאה אָהן ביינער, ווי אַ מענש ביי דער נאַכט פֿאַר דער לבנה. דעריבער האָט אונז פֿון איין זייט ש. י. א. ניט געשילדערט קיין איינציגע פֿאַרטיגע אָבגעטאָקטע פֿיגור, און פֿון דער אַנדערער זייט האָט ער אונז מיט אַ שאַרף אויג געשילדערט דאָס לעבען פֿון דער יודישער מאַסע, פֿון דעם יודישען כלל, די יודישקייט. אין קיין ווערק פֿון אַבראַמאָוויטש׳ן געפֿינט איהר ניט קיין איינציגען גאַנצען יודען. דערפֿאַר אָבער זעהט מען אין איטליכען ברעקעל פֿון זיינע יודישע געשטאַלטען אַרויסשיינען די נשמה פֿון דער גאַנצער יודישקייט. דער גרויסער חסרון פֿון דער השכלה, וואָס האָט געהונקען צווישען כלל ופּרט האָט אויף די געבענשטע נשמה פֿון אַבראַמאָוויטש׳ן געמאַכט אַ וואונדערליכע ווירקונג: אָנשטאָט צו געבען קלאָרע יודישע טיפּען, איז ער געוואָרען ־דער שילדערער פֿון דער יודישער עדה, ער האָט אונז ניט געקענט געבען איינצעלנע געשטאַלטען, אָבער דערפֿאַר האָט ער אונז אַ גאַנצע עדה יודען געגעבען, ער האָט אונז ענטפּלעקט די יודישע נשמה, ווי זי דריקט זיך אויס ביים גאַנצען פֿאָלק אויף אַמאָל, און ער האָט אונז זי אָנגעבאָטען ניט ווי אַ העקער־קינסטלער אין איינצעלנע טיפּען, נאָר ווי אַ גרויסער אָגולניק, וואָס וואַרפֿט זיך אַרום מיט צעהנדליגער נשמות אויף אַמאָל. געמאָלט אָבער האָט

ער אונז דאָס אין איינצעלנע מענשליכע גופים, און עס איז אַ רחמנות צו זעהן, ווי די אָרימע גופים זענען ניט אימשטאַנד אויסצוהאַלטען די רוהניזת פון אַ גאַנצער עדה יודען...

---

## III

זיי, די אומות העולם, האַלטען זעהר שטאַרק פון יודישע פיש און אַ יודישען וויץ. נעהמט אַריין אין די הענד זייערע וויצבלעטער און איהר וועט שטענדיג געפינען אַ ווערטעל, אַ חוזק'ל, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען אויפ'ן ווילנער שולהויף אָדער אין אַ יודיש באָד. קיין פאָלק געדענקט ניט אַזוי לאַנג זיינע שעיה'קע-פייפערס, מאָטקע-חב"ד'ס און הערשעלע טערעספאָלער'ס, ווי די כנסת ישראל. אַ וויץ, אַ גלייכווערטעל שפּיעלט ביי אונז, יודען, אַ גרויסע ראָלע, מיט אַ גלייכווערטעל שטופט אַ יוד אָב אַ לאַנגען תענית, און אַז עס קומען זיך צונויף צוויי יודען, וועט דאָס שוין ניט אַוועקגעהן אָהן אַ גלייכווערטעל.

פונוואַנען האָט זיך גענומען ביי אונז אָט די דאָזיגע מכה, וואָס שטעהט אַפילו ניט אין דער תוכחה? צי איז דער „יודען-וויץ" אויך אַזאַ מין „גלות-בלימעל", וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו אונז, ווי פּאַרציי-טען די געלע לאַטע? אָדער צי האָבען מיר דאָס בירושה פון אונזערע אבות אבותינו? דאַכט זיך די לעצטע האָבען זיך קיינמאָל ניט געוויצעלט!

דעם ריכטיגען טעם דערפון, פונוואַנען דער יוד איז געוואָרען אַזאַ פקח, בין איך ערשט דערגאַנגען ביי'ן גרינדליכען שטודירען אַבראַמאָוויטש'עס ווערק. ער רעדט אַפילו ניט אין ערגיץ דערפון, אָבער דער, וועלכער האָט געהאַפּט דעם טיעפען גייסט פון זיינע ווערק, וועט שוין ממילא פער-שטעהן, פאַר וואָס דער יוד איז געוואָרען אַזאַ וויצלינג, רחמנא לצלן.

ערשטענס זעהען מיר ביי דער עדה יודען, וואָס ס'שילדערט אונז אַבראַמאָוויטש, ווי דער דלות פייפט אין אַלע שפּאַלטען, די יודישע אָרימקייט האָט ביי איהם עפּיס אַ וואונדערליך פּנים, מען קען גאָר ניט געפינען קיין משל דערצו. דאָס איז ניט די אָרימקייט פון די גרויסע אייראָפּע-אישע שטעדט, מען קען זי אויך ניט פערגלייכען מיט דער אָרימקייט פון רוסישען פויער. די אָרימע-לייט אין די גרויסע שטעדט זענען געוועהנטליך

געפֿאַלענע אַרבייטער, מענשען, וואָס די פֿאַבריק האָט זיי אַרויסגעוואָרפֿען זיי הובעל-שפּענער, פֿערלאָזענע, שוואַכע, שכּורים, אָבפֿאַל פֿון דער געזעלשאַפֿט, וועלכע שטאַרבט ניט לאָזענדיג נאָך זיך אַ דור. און די איבערגעבליבענע קראַפֿט זייערע נוצען אויס שוויץ-וואַרשטאַטען, בעלי-הבתים פֿון בעהאַלטענע טרפֿה'נע עסקים'לעך א. ד. ג. די יודישע אָרימקייט הויבט ניט אָן צו וויסען, ווי אַ פֿאַבריק זעהט אויס; זי לעבט אין די קליינע שטעדטלעך און אין אָרימע קהילות, פֿרוכפּערט זיך און מעהרט זיך און שטאַמט אַליין אָב פֿון טאַטעס און זיידעס, וועלכע זענען אויך געווען אָרימע לייט, די אייגענע פֿינסטערע אביונים. דער רוסישער פּויער איז ביי זיין אָרימקייט פֿאָרט אַ בעל-הבית אויף אַ שטיקעל ערד. אין זיין נויט איז ניט קיין איביגע; מען פֿיהלט, אַז פֿריהער אָדער שפּעטער מוז דיך זיין מצב בעסערן. עס זאָרגט פֿאַר איהם אַ רעגירונג, דאָס לאַנד אַליין איז פֿעראינטערעסירט אין דעם, צו פֿערקלענערן די אָרימקייט פֿון פּויער. יודישע אָרימקייט איז אָבער גאָר אָהן אַ תּרופֿה, דער יוד האָט ניט קיין מיטלען זיך אַרויסצוהעלפֿען פֿון דער נויט, און כּל-זמן ער וועט לעבען אונטער פֿרעמדע פֿעלקער, איז ניטאָ קיין מיטעל צו זיין שרעקליכער אָרימקייט. לעבען לעבט ער ווי אַ שטאָדט-מענש אין שטעדטעלעך און דערפֿער, וואו דאָס לעבען האָט איהם געדאַרפֿט דערנעהענטערן צו דער ערד און צו דער נאַטור, און הונגערן הונגערט ער ווי אַ פּויער אין דאָרף בשעת די פֿעלדער זענען ניט געראָטען.

צווייטענס, האָט די עדה יודען אַ וואונדערליכען עבר. זי טראָגט זיך אַרום מיט אַ צוויי-טויזענד-יאָהריגער געשיכטע, לעבט מיט דעם גייסט פֿון די זיידעס און געהט אין די דרכים פֿון פֿאַרצייטיגע דורות. זי איז אָבגעזונדערט פֿון דער אַרומיגער וועלט ווי אַ אינזעל אויפֿ'ן גרויסען ים, און דאָס, וואָס ס'געהט פֿאָר אין דעם לאַנד, וואו זי וואוינט, דערגרייכט איהר ניט ביז צו די קנעכלעך. די מענשען פֿון דער עדה זענען צונויפֿגעבונדען און איינגעקייטעלט מיטאַנאַנדער, און וויל איינער פֿון זיי אַוועקגעהן, בלייבט איהם ניט אַנדערש איבריג, ווי זיך אַריינצוואַרפֿען אין די וואַליעס פֿון ים, וואָס וועלען איהם שוין אויף איביג פֿערטראָגען פֿון דער יודישער וועלט.

דער צובונד צום טויטען עבר, די אָרימקייט און די אָבגעזונדערט-קייט פֿון דער לעבעדיגער וועלט האָט זיי, דריטענס, געמאַכט פֿאַר נזירים, האָט אויפֿגעהאָדעוועט אין זייערע הערצער אַ פֿעראַכטונג צו די הענוגים

פון דער וועלט. זיי לעבען מיט דעם אייביגען פחד ניט אָבצוטרעטען הלילה פון דעם ענגען שטייגעל, וואָס ס'האָבען זיי אָנגעוויזען די קדמונים, און זאָגען זיך אָב אַפילו פון אַזעלכע תענוגים, וואָס לויט דעם דין נאָך מעג מען זיך ערלויבען. זיי בויען אַ צוים אויף אַ צוים, און בויען אַלץ ענגערע שטייגען פאַר די צאַפּלדיגע נשמה. זיי פערגראָבען זייערע חושים און בעניצען זיי אַזוי ווייט, ווי עס איז נויטיג אָבצופּטר'ן דאָס שטיקעל חושכ'דיג לעבען. זיי האָבען נור אַן אויער אויף צו הערען דעם בעל-קורא, אַ אויג אויף מגיה צו זיין אַ מזוזה'לע, אַ קול אויף צו שרייען „שמע ישראל".

דערביי האָט זיך די עדה יודען אַ וואונדערליך אַלטע קולטור. אין שולען און בתי-מדרשים הערט ניט אויף צו הילכען דער קול פון דעם מתמיד. אין צעגעסענע שאַפען שטעהען צעהנדליגער אַלטע גרויסע ספרים מיט צעריסענע טאָוולען און צעקנייטשטע פערשמירטע בלעטער, אַ גאַנצע מהנה ספרים בעשטימען איטליכען טריט פון דער עדה יודען, ביי דער גמרא שאַרפט זי דעם קאָפּ, ביי די מוסר-ספרים דערוואַרעמט זי דאָס האַרץ און די מדרשים און דער זוהר מאַכען פול די פינסטערע נשמה מיט ליכטיגע הלומות.

גלייכצייטיג מיט די נזירות טראָגט זיך אַרום די עדה יודען מיט צוויי געדאַנקען פון אַן'אייביגען לעבען. זי איז מאמין באמונה שלמה, אַז זי, די עדה, איז טאַקע דער צימעס פון דער וועלט, און אַז דאָס יודיש פאָלק וועט קיינמאָל ניט אונטערגעהן, זי האָט אַ פעסטען גלויבען, אַז נאָכ'ן טויט קריגט זיך יעדער יוד אַ חלק לעולם הבא און צו תחית-המתים וועט ער אויפשטעהן צו אַן'אייביגען לעבען.

זיי פעראַכטען די תענוגים פון לעבען און פערגעטערען דעם תנ"ך, אין וועלכען עס לעבט אַ פאָלק, וואָס האָט פיינד נזירות און זינגט אַ ליד דאָס לעבען מיט אַלע פינף חושים. זיי האַלטען זיך פאַר אתה-בחרתנו קעס און לעבען ערגער ווי די הינד, זיי גלויבען אין אַן'אייביגען לעבען נאָכ'ן טויט, און זייערע אידעאַלען סטייען נור אַזוי ווייט, אויף התונה צו מאַכען זיהן און טעכטער, אַנצוגרייטען אַ זעקעלע ארץ-ישראל-ערד און לייווענד אויף תכריכים. זיי הלומ'ן פון אַן'אייביג לעבען און זייערע דאגות הויבען זיך אָן און ענדיגען זיך מיט דאגות-פרנסה, מיט פאַמיליען-דאגות. „דאָס אייביגע פאָלק" אין אַבראַמאָוויטש'עס עדה יודען לעבט פון פעדערן-פליקען און פון צושטעלען כלי-קודש פאַר די גלופּסקער שולען, שטאַרבט דריי מאָל אַ טאָג פאַר הונגער און קיים וואָס דערלעבט צו זעהן

דורכפֿאָהרען אַ פּריץ. ביי וועמען מען וועט קאָנען פֿערדינען אַ קערבעל. מיט די פֿאָרגעדאַנקען פֿון אַנ׳אייביגען קיום האָט זיך אָבער דער מאָגען ניט געקענט בעגענוגענען. אין מדבר זענען די נזירים ניט אַוועק, און דער דאַרער גוף זייערער האָט זיך דאָך גענומען אַ פֿעסטען הסכם זיך צושיידען פֿון דער זינדיגער וועלט וואָס שפּעטער, ווי מעגליך. אַנ׳אָבגעזונדערטער מיט פֿערשלאָפֿענע פֿערשטויבטע חושים, איז דער נזיר נור געבליבען אַ מה, וואָס קלערט און אַקערט און גראָבט. כדי ווי עס איז האָטש צו דערהאַלטען דעם גוף, איז מעהר ניט געבליבען איין מיטעל: צושאַרפֿען און שפּיצען דעם מה אַזוי וויט, אַז ער זאָל קענען זיך בעשאַפֿען אַזעלכע מהיות, וואָס קיין בעשעפֿענים פֿון אַנ׳אַנדער פֿאָלק קאָן שוין דאָס גאָר מיט׳ן שכל ניט בענעהמען.

די אָרימקייט, אָבגעזונדערטקייט, די פֿעראַכטונג צו די דיינע תענוגים פֿון לעבען, דער בטחון אויף אַנ׳אייביגען קיום פֿון דערשלאָגען יודיש פֿאָלק אין איטליכען יודעלע בעזונדער, די אונטערדריקטע חושים און דער שאַרף שפּיציג מה׳ל, אַלע די דאָזיגע סבות האָבען בעשאַפֿען אַ עדה יודען, וואָס לעבט אין אייביגע מלחמות מיט זיך און אידרע געפֿיהלען, וואָס איז זיך סותר אויף איטליכען טריט און וואָס האָט געוויזען דער וועלט אַ בילד פֿון אַ פֿאָלק, וואָס איז אינערליך און אויסענווענינג אַ משונה-ווילדע לאָגישע סתירה. אָבער נאָך איידער די וועלט האָט דאָס דערזעהן און פֿערשטאַנען, האָט דער יוד מיט זיין שפּיציג מוח׳ל דאָס אַליין אָנגעהויבען צו פֿיהלען. און ווי באַלד ער האָט דאָס דערשפּירט, זענען איהם נור געבליבען צוויי וועגען, ווי דאָס אַרויסצוגעבען. וואָלטען נור געווען ביי איהם די חושים פֿריש, וואָלט ער ווי אַ פֿערצווייפֿעלטער מיט פֿערביסענע ליפּען זיך גענומען אַריינברענגען מעהר זין, מעהר שכל אין זיין צעמישטען לעבען, ער וואָלט דורכגעבראָכען דאָס ענגע שטייגעל, ער וואָלט זיך בעשאַפֿען עפּיס אַנ׳אידעאַל, אויף לעבען און טויט צו שטרייטען פֿאַר איהם. ביי אָבגעשטאָרבענע חושים אָבער בלייבט מעהר ניט דער זעקסטער חוש פֿון שאַרף שפּיציגען מה׳ל, וואָס שפּאָט און לאַכט, בעת ער בעמערקט לאָגישע סתירות. און אין דעם יודישען פֿאָלקס-גייסט האָט זיך בעזעצט דער קונדס, דער אָבלאַכער, דער אָבשפּאָטער. שעיה׳קע-פֿייפֿער און מאָטקע-חב״ד זענען פֿאַר דעם קריטיקער פֿון יודישען לעבען ניט מינדער אינטערעסאַנטע יודישע העלדען, ווי דער משורר פֿון דער השכלה-צייט אדם הכהן לעבענזאָהן.

אַ שאַרף-שפּיציג מה׳ל, וואָס באָמבעלט זיך אויף אַ טויטען גוף, דער-

פיהלט די שמערצען פון לעבען, ווי דורך א חלום; דורכגעהענדיג דורך פערשטויבטע הושים, שלאגען זיך די שמערצען אב אין געמיט, ווי א ווייטער אבקלאנג, ווי א שוואכער אבשיין פון א בליץ אהן א דונער. פרויען און קינדער, וואס נעהמען אויף די טרויעריגע און פרעהליכע געשעהעניסען אין לעבען מיט ווניגער הרגשות, אבער מיט מעהר הארץ, זענען ניט מסוגל צו מאכען א וויץ, פערשטעהען כמעט ניט די מאנסבילשע גלייכווערטלעך. א ישיבה־בחור אונטער'ן אויבען, וואס נארט אב זיין גוף מיט א נ'עק פון א הערינג, איז מעהר מסוגל אבצושפעטען פון לעבען, ווי דער יוסטער בעל־הבית און דער פערנומענער סוחר. אלטע לייט, לאנג אונטערדריקטע פעלקער, מענשען, וואס דאס לעבען האט זיי אבגעשטויסען פון זיך און וואס ביי זיי זענען דורך דעם פער'חלש'ט געווארען די נאטירליכע הושים — הויבען זיך אן צו ווייצלען און הוזק צו מאכען פון די טרויעריגסטע און היילינסטע זאכען. אין יודישען וויץ הערט זיך די פעראכטונג צו זיך אליין, הערט זיך דער קול פון א פאלק, וואס האט פערלארען דאס שייכות צום קאכעדיגען און רוישעדיגען לעבען. אין יודישען געשפעט הערט זיך דער בטול היש פון א מענשען, וואס האט קיינמאל קיין גוטס ניט גענאסען, דער שלאפער יאוש פון א פאלק, וואס זיין לעבען איז געווארען א נ'אייביגע סתירה, א נ'אייביגעס גלייכווערטיל, גוט נור אויף אבצו'חוזק'ן דערפון.

נאך איידער ר' מענדעלע ברייננט א מתנה פאר יודישע קינדער, „דאס ווינשפינגערל", לאכט ער שוין אב פון זיין אייגענער מתנה און שרייט: „מזל טוב, מזל טוב אייך, קאבצאנסקער יודען". איטליכע הקדמה זיינע איז דורכגעזאפט מיט דעם יודישען וויץ. און איבער זיינע ווערק שוועבט א נ'אטמאספער פון שפעטערייען. אבראמאוויטש איז געגאנגען דורך זיין עדה יודען מיט א נ'אפענעם בליק, וואס ענטפלעקט אלע נארישע סתירות פון זייערע נשמות אין איטליכען פלעקעל פון זייער אינווענינסטען מענשען. שוין דאס אליין, וואס ר' מענדעלע שלעפט זיך ארום מיט א פערדעל אין א שענעם זומערטאג אנגעטאן אין טלית און תפילין צווישען הויכע קארנפעלדער, פאסט א לאנגען תענית און פערקוקט זיך דערביי אלע ווילע אויף גאט'ס שען וועלטעל; שוין דאס אליין, וואס גאט'ס שען וועלטעל שפיגעלט זיך אב אין אזא אויסערליך ברודנער נשמה, ווי אין דעם ברודנעם ר' מענדעלע, — בעווייזט ווי אין איטליכער בעוועגונג פון א טונעיאדעווקער יודען גלאצען ארויס די טויזענדער סתירות פון זיין לעבען.

דער ענגער פלאַץ, וואָס קען פערנעהמען מיין אַרטיקעל איבער אַבּראַמאָוויטש׳ן, דערלויבט מיר ניט אָנצופיהרען שטעלען פון זיינע ווערק, איך וואָלט געמוזט אפשר אַ העלפט פון זיינע ביכער אָבשרייבען, כדי מיט ציטאַטען צו בעווייזען די ריכטיגקייט פון מיינע ווערטער. מיין וואונש איז נור דער, אַז דער לעזער זאָל זיך אַליין נעהמען צו אַבּראַמאָוויטש׳עס ווערק און זאָל זיך אַליין פערטיעפען אין דעם גייסט פון די מענשען, וועלכע ער שילדערט אונז מיט אַזאַ קונציגער האַנד.

דערווייל האָבען מיר געזעהען, פון וועלכען מקור עס האָבען זיך גע־נומען די הויפט־הסרונות פון אַבּראַמאָוויטש׳עס ווערק, מיר האָבען גע־זעהען, ווי די חסרונות האָבען זיך ביי איהם, כמעט דעם איינציגען גרויסען טאַלענט פון דער השכלה־צייט, פערוואַנדעלט אין אַ מיטעל, כדי טיעפער איינצודרינגען אין גייסט פון זיין צייט און זיין פאָלק. דער פערשטעלטער משכיל איז ניט געבליבען ביי די ד׳ אמות פון זיינע רביים, אין דער קליאַטשע האָט ער זיי אויסגעלאַכט און געוויזען דעם ענגען שטח, אין וועלכען זיי לעבען. ער איז אָבער ניט אימשטאַנד געווען אַרויסצוגעהן מיט אַ נייער תורה, מיט אַ נייעם אידעאַל. ער איז פאָרט געבאָרען געוואָרען אָהן אַ שטאַרקען קול און אין אַ ענגער וועלט. מיר האָבען געזעהען, ווי דער תלמיד פון די מליצה־שרייבערס האָט אונז אויסגעלעט און פעראיידעלט דאָס מאַמע־לשון, און איז געוואָרען דער שעפּער פון היינטיגען זשאַרגאָן.

מיר האָבען געזעהען, ווי דער קינסטלער ש. א., וועלכער צו אַנדערע צייטען וואָלט אונז אפשר געשילדערט איינצעלנע יודישע גע־שטאַלטען, קלאָרע טיפּען, איז געוואָרען דער פּאָעט פון דער יודישער עדה, פון יודישען כלל אויף אַמאָל.

לסוף האָבען מיר זיך בעמיהט צו ווייזען די בעהאַלטענע קוועלען, פון וואַנען אַבּראַמאָוויטש האָט געשעפּט זיין קאַלטען וויץ, וואָס שטייסט אָב אָפט פון זיך אַ מענשען מיט נאַטירליכע געפיהלען. אין דעם דאָ־זיגען וויץ, מען רופט דאָס אויך סאַטירע, שפּיגלען זיך אָב די טרויעריגע סתירות פון יודישען לעבען, עס שטעקט אין איהם אַ שטיק טראַגעדיע פון יודישען פאָלק און ער רעדט מיט אונז אַ לשון פון „אוי מה היה לנו“. אין אַבּראַמאָוויטש׳ס סאַטירע הערט זיך אַ קאַלטער יאוש און אַ דער־שלאָגען געמיט פון אַ פאָלק, ביי וועמען עס זענען אָבגעשטאָרבען די נאַ־טירליכע געפיהלען.

אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלען וועלען די לעצטע צוויי פּונקטען

נאָך דייטליכער דערקלערט ווערען, דענמאָלסט ,בעת מיר וועלען זיך פּערטיעפען אין די בעסטע ווערק פון ש. י. א., אין זיין "פישקע דעם קרומען" און זיין „ווינשפינגערל", בעת מיר וועלען גענויער בעקאַנט ווע־דען מיט די כמעט איינציגע, בעגלויבינגסטע און עהרליכסטע עדות פון דער פאַרצייטיגער יודישער וועלט.

---

## IV

„איך בין אַ סעדעמל איינגעוועבט אין דעם גרויסען שטיק מאַטעריע, וואָס נעהט אין דער וועלט פון אייביגע צייטען אונטער דעם נאָמען יוד".

(ווינשפינגערל, ז. 10).

אַבראַמאָוויטש'עס בעסטע ווערק זענען דורכגעזאַפּט מיט צוויי גע־פיהלען. כמעט פון איטליכער שורה קלינגט אַרויס די פ ע ר אַ כ ט ו נ ג צו דער יודישער אַלט־פאַרצייטיגער מאַסע, און כמעט איטליך קאַפּיטעל ענדיגט זיך מיט די ווערטער פון אַטרויריג געמיט, וואָס ווייגט פאַר רחמנות. אין דעם רחמנות און אין דער פעראַכטונג, צו וועלכער עס האָבען זיך צוגעמישט עטליכע טראָפּענס פון שנאה, און אין דער ביטערקייט פון זיין טאָן, אין וועלכען עס שמעלצען צוזאַמען דיביידע געפיהלען, לויט די קראַפט פון אַבראַמאָוויטש'עס טאַלענט, ליגט דער סוד, פאַרוואָס ער ווירקט אַזוי אויף דעם לעזער.

אַבראַמאָוויטש'ען האָט אָבגעשטויסען דאָס נאַרישע מיאוס'ע לעבען פון נזירים, וואָס רייסען זיך צום לעבען און פעראַכטען זיינע נאַטיר־ליכע תענוגים, עס האָט איהם אָבגעעקעלט דער האַלבטויטער עבר, מיט וועלכען עס שלעפּט זיך אַרום די יודישע מאַסע. ווי אַ לעבעדיגער צווי־שען מתים האָט ער געוואַנדעלט צווישען זיינע ברידער, און אַליין האָט ער זיך געפיהלט ווי אַ קברות־מאַן, וועלכער טאָר ניט פערלאָזען דעם בית־עלמין. "ער איז געווען אַנ'איינגעוועבט פעדעמיל אין דעם שטיק מאַ־טעריע, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען יוד", און די שווערע מאַטעריע האָט איהם געקוועטשט און געשטיקט און פערדאָרבען זיין יוגענד, ווי די

יוגענד פון טויזענדער אנדערע פעדעמליך זיינסגלייכען, ער האט פער־אכטעט דעם יודישען כלל, וואס איז ניט בכח ארויסצוגעבען א געזונדען יחיד, דעם כלל, וואס פרוכפערט הערשעלעך, „בײ וועמען די יוגענד פערבליהט גיך־געשווינד, בײ וועמען די קינדהייט גיט נור אויף א ווײלע א שײן, ווי די זון אין אמיאוס׳ען ווינטערטאג, און פערגעהט באלד אין א גרויסער לאנגער המארע״ (ווינשפ. ז. 32). ער האט געקראגען א שנאה צום יודישען כלל, וואס איז ווי אן אויסגעמאטערט פעלד און לאזט ניט אריין קיין פרישען הויך, קיין לעבעדיגען געדאנקען צווישען די ענגע פער׳עפּוש׳טע געטא־מויערען.

אין דעם, ווי אבראמאוויטש קוקט־זיך־צו צו איטליכער בעוועגונג פון א יודישען גוף, אין דעם ווי ער שילדערט איטליך שפרענקעלע, איטליכע בראדעווקע פון א יודישער נאז, אין דעם, ווי ער פערמיאוסט אונז דעם פנים און דעם הילוך פון זיינע העלדען, — דערקענען מיר די פערביסענע אויפמערקזאמקייט און דעם שארפען בליק פון געפייניגטען צום פייניגער. ווי א שטיפקינד האט ער זיך צוגעקוקט צו איטליכער בעוועגונג פון דער יודישער עדה, און קיין קרימעלע איהרס, קיין קנייצעלע איז ניט אוועק פאר איהם אהן א גיפטיגען באור.

זיין מענדעלע, אין וועלכען עס איז געוויס מגולגל געווארען א שטיק נשמה פון אבראמאוויטש׳ן אליין, האט א טבע צו קוקען אויף זיינע ברי־דערלעך די יודעלעך „מיט פערצויגענע ליפען, אויף וועלכע עס ליגט אויסגעגאסען א שטענדיג גלעכטערל״ (קליין מענשעלע, פישקע ז. 9) „מיר הלומ׳ש זיך נור בעטלערס״, פאר מיינע אויגען שוועבט תמיד א טארבע, די אלטע גרויסע יודישע טארבע״, רופט אויס אבראמאוויטש אין זיין „פישקע דעם קרומען״.

„אויפ׳ן ניעדריגען טרעפּעל אונטען דא אין די קעלערס געפינט ער נור שמאטעס און פוילע סחורה״ (פישקע). זיינע העלדען זענען עפּיס ווי מתים, פער׳הלוש׳טע אויף טויט, „זייער גוף האט עפּיס קיין שום התמנות ניט״, און א שטעכעדיג גלעכטערל בעווייזט זיך אויף זיינע ליפען, ווען ער זעהט, ווי די מתים פערגעסען זיך אויף א ווײלע, און געטריבען פון הונגעריגען מאגען, „וואס איז ניט גרעסער ווי א בוית״, הויבען זיי אן צוגעהן א טענצעל אין קאן. אין ערגעץ דריקט זיך ניט אזוי ארויס אבראמאוויטש׳עס פעראכטונג ווי אין די ערטער, וואו ער שילדערט א יודען, ווען ער יאגט זיך נאך פרנסה, נאך א יודישער פרנסה...

די פֿעראַכטונג, וואָס דער יוד האָט צו זיך אַליין, צו זיינע פּרנסות, צו זיינע עסקים׳לעך, צו דעם גאַנצען אַרט לעבען זיינעם, ווי מיר האָבען דאָס געזעהן אין פֿריהערדיגען קאַפּיטעל, האָט זיך בעזעצט אין האַר־צען פֿון ערשטען גרויסען יידישען פֿאָלקסדיכטער.

דער יוד אָבער אין אַבראַמאָוויטש׳עס ווערקט קען זיך נור יאָגען נאָך פּרנסה. קריגען אָבער טוט ער זי ניט. אַ פֿערהונגערטער, אַ פֿערביטער־טער, אָנגעקרענקט פֿון אַלע זייטען פֿון אייגענע און פֿון פֿרעמדע, קעהרט ער זיך אום צוריק אין זיין פֿינסטערע דירה, צו דעם קבֿר פֿאַר׳ן לע־בעדיגען, און זיצט ווי וואָנאָבל אַ פֿעראומערטער, אַ פֿער׳מרה־שחורה׳טער. שילדערנדיג איהם אין אַזאַ מצבֿ פֿערשווינדעט פֿון אַבראַמאָוויטש׳עס ליפּען דאָס שטעכעדיג געלעכטערל און אַ קוואַל פֿון רחמנות פֿליסט אַרויס פֿון זיין געמיט.

אַ ריין יודיש רחמנות קלינגט אַרויס דעמאָלסט פֿון איטליכער שורה זיינער. ניט דאָס רחמנות פֿון אַ שטאַרקען צו אַ שוואַכען, פֿון אַ דאָקטאָר צו דעם קראַנקען, פֿאַר וועמען ער האָט אַ מיטעל צו דערלייכטערן דעם שמערץ: עס הערט זיך דאָס רחמנות פֿון אַ מאַמע צו אַ פֿערגעבען קראַנקען קינד איהרען, וועלכע קען נור מיטוויינען, איינטולען, איינשטילען מיט דעם טיעפֿען מיטגעפֿיהל פֿון אַ ליעבענד האַרץ, „וואָס ליידט איינע צרות, וואָס פֿיהלט די אייגענע ווערטאָגען“.

צווישען אַבראַמאָוויטש׳ן און זיין העלד פּאַסירט דאָס אייגענע, וואָס צווישען הערשעלען און זיין טאַטען, בעת דער לעצטער איז אַרויס פֿון בקור־חולים.

„קיינמאָל האָט הערשעלע ניט אַזוי ליעב געהאַט דעם טאַטען ווי דעמאָלסט. און קיינמאָל אין זיין לעבען ווידער האָט איך דער טאַטע ניט אַזוי גוט, ניט אַזוי ליעבהאַרציג געקוקט, אַזוי זיס־שטיל אויף אַ שוואַכער שטימע ניט גערעדט, ווי אין יענער צייט. עפּיס איז ער אַליין געוואָרען אַ קינד און האָט מיט זיין בליק, מיט זיין שטיל שוואַך לשון אַרויסגענומען אַ שטיק געזונד. עפּיס איז דערינען געלעגען אַ קלאָגען זיך שטיל אָהן ווערטער אויף די ווערטאָגען זיינע און דעם זיסטען לעבען און אַ געבעט: „געוואַלד, געגוג, נישטאָ שוין מעהר קיין כּח אויסצו־האַלטען!... מען האָט בעשיינפערליך געזעהן, אַז ווען הערשעלע זאָל זיך נישט געווען שעמען, וואָלט ער דעמאָלסט דעם טאַטען די גליעדער אויסגעקושט“ (ווינשפּ. ז. 95).

קיינמאָל האָט אַבראַמאָוויטש ניט אַזוי ליעב די יודישע מאַסע, ווי

אין דער צייט בשעת עס הערט זיך ביי איהר „דאָס קלאָגען זיך אָהן ווערטער אויפ'ן ווּיסטען לעבען", בשעת אויפ'ן פנים איהרען ליגט אַ געבעט: געוואַלד גענוג! ניטאָ שוין מעהר קיין כח אויסצוהאַלטען. דעמאָלסט ווערט אַבראַמאָוויטש'עס האַרץ ווייך ווי ביי אַ טיעף פֿיהלענדער מוטער און ער פֿרעהט זיך, דאָס די עדה יודען האָט נאָך עפּיס אַ שטיקעל ערי מקלט, וואו זי קען אַ ווײַלע פֿערגעסען איהר חיסטען לעבען ביי אַ בלאַט גמרא, ביי אַ שטיקעל זוהר, אָדער ביי דעם טרויעריגען נגון פֿון אַ חזנ'ס שטיקעל.

ער אַליין האַלט שוין ווייניג וואָס דערפֿון, איהם גיט דאָס שוין ניט אַזאַ דערלייכטערונג. נאָר ווי אַ טרייע מוטער איז ער צופֿריעדען, אַז דאָס פֿערגעבען קראַנקע קינד האָט נאָך עפּיס אַ צאַצקעלע, מיט וואָס זיך צו שפּיעלען.

אין דעם יודישען רחמנות ליגט דער אייגענער יאוש, ווי אין דעם יודישען פֿאָלקס־וויץ. און אויך אַבראַמאָוויטש'עס ווערק ליגט אויסגעשפּרייט דער גייסט פֿון דער יודישער מאַסע, וואָס איז זיך צייטענווײַז אַליין מבטל.

צוליעב דעם טיעפֿען רחמנות צו דער יודישער מאַסע, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט געפֿיהלט, איז ער אַריבערגעוואַקסען זיינע ברידער, די משכילים פֿון דער השכלה־צייט, מיט עטליכע קעפּ. נור איהם אַליין האָט זיך אײַנגעגעבען טיעפֿער אַרײַנצודרינגען אין די פֿרומע נשמה פֿון דער יודישער מאַסע, ריכטיג אָבצושאַצען, וואָס פֿאַר אַ טרייסט עס איז געלעגען פֿאַר דער מאַסע אין די מנהגים און אין דעם פֿרומען לעבען פֿון די פֿאַרצייטיגע דורות.

„אין דעם מענשענס נשמה שפּיעגעלט זיך אָב אַ גאַנצע וועלט. דער ים געפֿיהלען אין האַרצען נעהמט זיך פֿון טויזענדער קוואַלען, אינוועניגסטע אין איהם און אויסענוועניגסטע הויץ איהם". ניט אַלע זענען אָבער אַזעלכע מענשען, ביי וועמען עס שפּיעגעלט זיך אָב אַ וועלט. ביי דעם גרעסטען טייל מענשען געהט זי פֿאַרביי פֿאַר זייערע פֿערשטויבטע חושים, „קאַלט מיט פֿוילע ווינטען ניט צו לאָזען אין לעבען עפּיס אַ זכר".

אַבראַמאָוויטש איז געווען איינער פֿון די יעניגע יחידי סגולה, פֿאַר וועלכען די וועלט פֿון דער יודישער מאַסע האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט

מיט אַלע פּרטים, און פֿערטיעפֿט האָט ער זיך אין די פּרטים, זיי־ענדיג געטריבען פֿון די צוויי איבען דערמאָנטע געפֿיהלען.

אַבראַמאָוויטש'עס בעסטע ווערק זענען די, וואו זיין רחמנות און פֿעראַכטונג צו דער יודישער מאַסע האָט זיך אויסגעדריקט שטאַרקער ווי אומעטום. ניט דאָס „קליין מענשעלע“ ווייזט אונז די אוצרות פֿון אַבראַמאָוויטש'עס טאַלענט, אויך ניט „די קליאַטשע“ אַפילו *). אין „פֿישקע דעם קרומען“ און „אין ווינשפֿינגערל“ געפֿינען מיר דעם גאַנצען אַבראַמאָוויטש'ען. אין ערשטען בוך זעהען מיר דעם יודען ביי דער פרנסה מיט דער אַלטער גרויסער יודישער טאָרבע. און אין צווייטען די יודישע דערשלאָגענע מאַסע, וואָס פֿערגראָבט זיך אין די אוצרות פֿון אַנ'אַלטען עבר; וואָס געפֿינט אויף אַ ווילע אין דעם פֿרום לעבען אַ היילונג, אַ טרייסט אויף אַ מינוט. פֿישקע דער קרומער איז דאָס בוך פֿון דער פֿעראַכטונג צו דער יודישער מאַסע. ווינשפֿינגעריל— דאָס בוך פֿון רחמנות.

---

V

אין „פֿישקע דעם קרומען“ שילדערט אונז אַבראַמאָוויטש די גשמי'שע וועלט פֿון דער יודישער מאַסע. ניט די מעשה, וואָס ער דערצעהלט אונז וועגען פֿישקען און דער „האָרבאַטער“, האָט פֿאַר אונז אַ ווערט, נאָר די דערבייאיגע שילדערונגען, וואָס קעהרען זיך גאָר מיט דער מעשה ניט אָן. דער, וועלכער וועט בעווייזען, אַז דער “ממזר„ און די “האָרבאַטע„ זענען גענומענע געשטאַלטען פֿון עזשען־סיאו'ס ראָמאַן „די געהיימניסע פֿון פּאַריז“, האָט דערמיט די ווערדע פֿון „פֿישקען“ ניט פֿערמינדערט. און אויך די, וועלכע זוכען אין „פֿישקען“ אַ געטרייעס בילד פֿון אַ יודישען בעטלערישען לעבען, מעגען וויסען, אַז דאָס, וואָס זיי זוכען, וועלען זיי ניט געפֿינען.

---

*) „די קליאַטשע“ און „דעם יודישען פאַר פסח“ פון שאצקעס בעטראַכט איך אַלס די אונזערע איינציגע בעדייטענדע ווערק פון פאָלקס־פובליציסטיק, און נעמין, אַז מען מוז זיי אַרומרעדען נאָר אין אַ בעזונדערן צוזאַמענהאַנג.

פישקע דער קרומער לייענט זיך ווי אַ משל, ווי אַ צוגלייכעניש צו דער יודישער אָרימקייט בכלל. אַבראַמאָוויטש האָט ניט געשילדערט אַ געוויסע קלאַס בעטלערס, וואָס לעבט זיך אָבגעזונדערט פון דער גאַנצער מאַסע אַרבייטער און פערדיענער. זיין מיין איז געווען געראַד אומגעקעהרט. ער מאָלט אונז אין „פישקען" דעם יודישען כלל אין דער געשטאַלט פון אַ מחנה בעטלערס און שלעפערס. ניט אומזיסט הלומט זיך אַבראַמאָוויטש'ען נור בעטלערס; ניט אומזיסט שוועבט תמיד פאַר זיינע אויגען אַ טאָרבע, די אַלטע גרויע יודישע טאָרבע (פישקע ז. 6), און ניט אומזיסט דאַכט זיך איהם צייטענווייז, אַז הינטער איטליכען יודעלע שטעהען כתות מלאכים און זאָגען: „וואַקסט, שפּראָצט, קבצנים, ווי גראָז און קראָפּעווע; געהט, יודישע קינדער, און שלעפּט זיך אַרום אין די הייזער" (מסעות בנימין השלישי ז. 4).

ביי אַבראַמאָוויטש'ען איז די מעשה גופא שטענדיג אַ צוגעשטוקעוועטע זאַך. ער האַקט זיך איבער אויף איטליכען טריט און הויך „דאָס קליין מענשעלע", וואָס הויבט זיך אָן פון ברעג, פיהרט ער די מעשה קיינמאָל ניט אויס ביז צום סוף.

אויף אַ געמייזעכץ בעווייזען זיך בלעזעלעך, אין וועלכע עס שפּיגלען זיך אָב די שטראַהלען פון דער זון און וועלכע פינקלען אַ ווײלע און פּלאַצען. צוויי פּאָעטען שטעהען פאַר דעם געמייזעכץ: איינעם אינטערעסירט דאָס בלעזעלע, זיין בעווייזען זיך און זיין פריהער טויט, דעם אַנדערן דאָס געמייזעכץ אַליין, פון וואַנען עס נעהמען זיך די טויזענדער בלעזעלעך.

אַבראַמאָוויטש'ן האָט מעהר אינטערעסירט דאָס געמייזעכץ אַליין, די אַלגעמיינע געשטאַלט פון דעם יודישען כלל, ווי די איינציגע בלעזעלעך פון כלל. נאָר צוליעב די טעמים, וואָס מיר האָבען אין די פאָריגע קאַפּיטלעך אָנגעוויזען, האָט ער דעם יודישען געמייזעכץ געשילדערט אין דער פאָרם פון איינצעלנע געקינצעלטע יודישע טיפּען. דעריבער מוז מען לייענען ביי איהם די מעשה גופא מיט ווייניגער כונה, און זיך צוקוקען הויפּטזעכליך צום געמייזעכץ, וואָס ציהט זיך הינטער דער מעשה, ווי אַ ווייט ברייט פעלד הינטער אַ דאָרפיש הייזעל.

הינטער דער מעשה פון "פישקען„ שפּרינגט אַרויס דאָס יודעל, וואָס האַלט אין איין ברעכען די תאוה פון עסען, ביי וועמען עס איז נור דאָ אַ סימן פון אַ מאָגען, און וועלכער קומט אָב די וועלט'ז זיט שיה-

פֿיה. מיר זעהען איהם אַ שוואַכען, אָהן אַ שום כּח, וואָס איז נור געבענשט מיט אַ קול קול יעקב, וואָס קאָן אָהן די ידי עשׂו ניט אויסקומען אַ טריט. מיר זעהען איהם אַ פֿער׳דאַגה׳טען, אַ פֿער׳הלוש׳טען. וועלכער ווערט נור לעבעדיג, ווען ער הערט רעדען פֿון געשעפֿט, און דענסטמאָל, בשעת עס בעווייזט זיך אַ מעגליכקייט עפּיס צו פֿערדינען, ווערט זיין אימפּעט אַזוי גרויס, אַז ס׳איז איהם גאָר ניט צו דערקענען. אַ יוד בשעת דער גסיסה, קוים דערהערט ער נור עפּיס געשעפֿט, ווערט ער לעבעדיג, און דער מלאך־המות אַליין קען דענסטמאָל צו איהם ניט צוטרעטען (פֿישקע 23). די געשעפֿטען זיינע אָבער זענען ווינטיגע, האָבען קיין טעם און קיין ממשות ניט, זיי זעהען אויס ווי די גאָלדענע עסקי׳ם׳לעך פֿון ר׳ אַלטער יקנה׳׳ז און ר׳ מענדעלע מוכר־ספֿרים, וועלכע שטעהען אין אַ מיטען וועג ביי זייערע פֿוהרען מיט רומעל און בייטען אויס איינער ביי דעם אַנדערן בערשטער טליתים אויף טלית־קטנ׳ס, אַ בינדעל כּפֿל־שמונה׳דיגע ציצית אויף האָ׳עלעך און וואָלפֿסציינדלעך, קינדערשע יאַרמעלקעלעך אויף מזוזה׳לעך, רצועות אויף קופּער און מעש. די געשעפֿטען און די רווחים קען מען שוין זעהן דערפֿון, אַז אַ יודישער מוכר־ספֿרים מוז מיטפֿיהרען קופּער און מעש, אַז אַ יודישער מחבר מוז נאָך זיין אַ שטיקעל שדכן, אַז אַ פּוילישער שמש אין קלייזעל מוז נאָך האַלטען אַ שענקעל אין אַלמער. ביי די גאָלדענע רווחים פֿון בייטען יאַרמעלקעלעך אויף מעש און קופּערוואַרג האָט דער יוד עפּיס אַ פּנים דערביי אַקוראַט, ווי ער וואָלט האַלטען עולמות איבערצוקעהרען. „מיין ערגסטען שונא וואָלט איך ניט ווינשען אָנצוקומען צו איהם, בעת עס דאַכט זיך איהם געשעפֿט, ער איז מבטל דעמאָלסט איטליכען, אַפֿילו דעם בעסטען פֿריינד, דעם אייגענעם ברודער מיט׳ן בליק (ז. 23).

קוקט זיך נור צו צום יריד, וואָס ס׳שילדערט אונז אַבראַמאָוויטש אויף דער זייטע 26. „אַ יודעלע אויפ׳ן יריד איז ווי אַ פֿישעלע אין וואַסער... יודען ירידעווען, לויפֿען, האַנדלען, שטעהען ניט איין אויף איין אָרט... ס׳איז אַ טאַראַראַם, אַ קאָכענים... דאָרט זעה איך לויפֿט אַ יודעל, אַ צווייטער, אַ דריטער, אויך פּאָרלעך, פֿערשוויצט שטאַרק, דאָס מיצעל אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ... דאָ אַ טאַפּ, דאָרט אַ טאַפּ, אַ מאַך אַהין, אַ מאַך אַהער, אַ דרעה מיט׳ן גראָבען פֿינגער און אַ קיי דאָס שפּיצעל בערדעל: געפֿאַלען אַ פּנים אויף אַ המצאה. עס לויפֿען גאָר אָהן אַ נשמה מעקלער, שדכנים, טאַנדעטניקעס, יודענעס מיט קוישען, יודען מיט טאָרבעס, מיט פֿינף פֿינ־

גער, בעלי-הבית'לעך מיט בייכלעך. איטליכען פלאַמט דאָס פנים: ניטאָ קיין צייט, אַ רענדעל אַ מינוט". און די המצאה'לעך, איך ווע'לכע עס פאַלען איין די יודעלעך מיט די פינף פינגער, האָבען דעם אייגענעם טעם, ווי דער אַיינפאַל פון ר' אַלטער יקנה"ז, וועלכער האָט אין בייזער אַיילענים צונויפגעפיהרט אַ שידוך צווישען צוויי בחורים.

אין די געוועהנליכסטע און היילינסטע טועכצען פון דעם עולם, וואָס עס שילדערט אונז אַבראַמאָוויטש, דרינגט אַריין דער קרעמערשער גייסט, אַלצדינג קריגט די סמנים פון מעקלערישען עסק'ל. „אַפילו התונה האָבען איז אויך אַ געשעפט. דער יוד האַנדעלט איין אַ ווייב, דינגט זיך פריהער גוט אויס ווענען מקה, ווענען נדן, ווענען איטליכעם פיצעלע בע-זונדער. זענען די תנאים דערפילט געוואָרען כפי המדובר, טאַ, קום'זשע כלה-לעב אונטער דער חופה מיט דעם שדכן, מיט דעם בדחן, מיט דעם גאַנצען פעקעל כלי-קודש, וואָס לעקען פון געשעפט אָב אַ ביינדעל, זיי אַ ווייב, רייס קריעה, און ווער פערשוואַרצט מיט מיר אינאיינעם. אויב דו ביסט קלוג אָדער נאַריש, שען אָדער מיאוס, דאָס איז שוין דיין עסק, מיר זענען ניט קיין פרוצים, האָבען ניט קיין צייט צו קוקען אויף אַזעלכע זאַכען. יודען זענען מיר, סוחרים, מעקלער, קרעמער..." (ז. 138).

און די לעצטע ווערטער הערט מען ניט נור פון מעקלער און קרעמער, דאָס אייגענע טענה'ט דער כלי-קודש-קבצן, וואָס ציה'ט זיינע רווחים פון משניות-זופען פאַר אַ בר-מינן, פון מזוזות-איבערקוקען און שופר-בלאָזען. דאָס אייגענע וועט אייך זאָגען דער „מצוה-קבצן", ווי אַ שטייגער אַ פרוש, וואָס וואַרפט אַוועק ווייב און קינד, בעגראָבט זיך ערגעץ אין אַ קלייזעל און לערנט דאָרט „ביצה" אויף קהל'ס רעכענונג; ישיבה-בחורים, וואָס געהען אַרום שלינג און שלאַנג, קראַצען זיך אונ-טער'ן אויווען און עסען טעג.

הינטער דער מעשה פון „פישקען" זעהען מיר אַרויסשיינען די גרויסאַרטיגע בנינים, וואָס האָט זיך געבויט אַ עדה קבצנים. מי' זעהען דעם יודישען הקדש, די יודישע באָד, די פאַרצייטיגע יודישע קרעטשמע. און געשילדערט זענען די דאָזיגע זאַכען מיט דער האַנד פון אַ קינסטלער. לייענענדיג דאָס, דאַכט זיך אויס, אַז מען פיהלט די ריחות, וואָס צע-גיסען זיך פון די שיינענדיגע יודישע יסוד'ען.

אין אַבראַמאָוויטש'עס פאַרצייטיגער וועלט איז די באָד געווען אַ מיז

היינטיגע דומע. זי האָט געשפּיעלט אין גשמיישען לעבען אַ ראָלע ניט מינדער כמעט ווי די קלויז אין גייסטיגען לעבען פֿון פּאָלק. די פּני פֿון דער שטאָדט האָבען דאָרטען אויך געהאַט אַמין מזרח-וואַנד, און ווען דער קבצן האָט געוואָלט אַ וואַרעמע באָד, האָט ער געוואַרט ביי זיין שעפֿעלע, ביז דער גביר איז אַרויף אויף די אויבערשטע פּאָלע.

צוגלייך מיט דער באָד האָט דער הקדש פֿערנומען אַ גרויסען פּלאַץ אין יודישען לעבען. אַ פּאָלק פֿון קבצנים האָט נאָך דעם הקדש נויטיגער געהאַט ווי אַ באָד. איבריגענס דער הקדש און די באָד זענען געווען פֿאַרצייטען צוויי נאָהענטע קרובים, דער בעדער און זיין הויזגעזינד האָבען געוואוינט אין בנין פֿון הקדש, און אין די טעג, בשעת די באָד פֿלעגט ניט ווערען געהייצט, פֿלעגען די הקדש-לייט זיך אויסציהען די ביינער אויף די קאַלטע הילצערנע פּאָלעס.

דער פֿאַרצייטיגער הקדש איז געווען אי אַ הכנסת אורחים, אי אַ בקור חולים, און אַ מושב זקנים, און וואָס פֿאַר אַ פּנים ער האָט געהאַט, קען מען שוין פֿערשטעהן דערפֿון, אַז דאָס וואָרט „הקדש" איז געוואָרען ביי אונז אַ צוגלייכעניס צו שמוץ, קראַנקהייט און פֿוילגים.

קיינער האָט ניט אַזוי קלאָר אונז געשילדערט אָט די דאָזיגע פֿאַרצייטיגע יסוד'ען פֿון יודישען כלל-לעבען ווי אַבראַמאָוויטש. און דער קינפֿטיגער היסטאָריקער פֿון דער יודישער מאַסע אין רוסלאַנד וועט זיך ניט גענוג קענען אָבדאַנקען פֿאַר די זייטען (31—36, 52—54, 103—106) אין „פֿישקען", וואו אַבראַמאָוויטש מאָלט אונז מיט אַן עפּישער רוהיגקייט פֿון אַ סאַטירישען האָמער דעם הקדש, די באָד און די יודישע קרעטשמע.

---

## VI

אויב „פֿישקע דער קרומער" איז דאָס בוך, וואָס דריקט אויס אַבראַמאָוויטש'עס פֿעראַכטונג צו דער פֿאַרצייטיגער יודישער מאַסע, אויב „פֿישקע דער קרומער" איז דאָס בוך, וואו עס שילדערט זיך דאָס גשמישע לעבען פֿון דער יודישער עדה, ווי מיר האָבען דאָס לויט דעם פּלאַן פֿון אַנ'ענגען אַרטיקעל קורץ אָנגעוויזען — איז „ווינשפֿינגערל" גע-

ראַדע דער היפּוך דערפֿון. האָטש אַבראַמאָוויטש געפֿינט, אַז „דאָס יודישע נאַרישע רחמנות טוט נור אָן גרויסע צרות, האַלט אויף פֿילע נפֿשות אָהן אַ צאָהל, וואָס זויגען ווי וואַנצען יענעמ'ס בלוט“ (ז. 85), — האָט ער פֿונדעסטוועגען ניט געקענט פֿערשליסען זיין געמיט פֿאַר די טיעפֿע יודישע רחמנות־געפֿיהלען, וואָס האָבען אַרומגענומען זיין ציטערדיג האַרץ. אין „ווינשפֿינגערל“ האָט ער זיך הויפּטזעכליך פֿערטיעפֿט אין דער גייסטיגער וועלט פֿון דער יודישער עדה, און נור דאָס רחמנות צו די געפּייניגטע מעקלערס און קרעמערס, וואָס טראָגען דעם נאָמען פֿון סוחרים און האָבען אָבער די רוחים פֿון קבצנים—האָט איהם בייגעשטאַנען איינצודרינגען אין אַזאַ וועלט, פֿון וועלכער ער אַליין אַלס משכיל האָט זיך שוין אָבגעקעהרט לאַנג.

אַבראַמאָוויטש'עס יוד, דער קאַבצאַנסקער תושב, וואָס קוקט אויף זיין קאַבצאַנסק ווי אויף דעם איינציגען יודישען ישוב, הינטער וועלכען עס ציהט זיך שוין אַ מדבר מיט ווילדע חיות — שטעהט אין נאָהענטער קרובה'שאַפֿט מיט'ן רבונו של עולם. דער אויבערשטער זאָרגט פֿאַר איהם, ווי אַ טאַטע פֿאַר'ן קינד, און שטראָפֿט איהם, ווי אַ טאַטע. ער גיט רעגען פֿון יודישע בהמות וועגען, אַז די ציעגען זאָלען האָבען פֿאַשע, זאָלען האָבען קאַלוזשעס, פֿון וואַנען צו טרינקען און ניט דאַרפֿען אָבפּרעסען די שטרוי פֿון יודישע דעכער. ער גיט טרוקענע טעג, אַז די ווייבער זאָלען קענען גיהן פֿרייטאָג אין יאַטקע, אויפ'ן מאַרק איינצוקויפֿען אויף שבת. ער מאַכט אַ גרויס גערעטעניס אין ציבעלע און קאַרטאָפֿלעס, בכדי יודען זאָלען האָבען וואָס צו עסען. דערפֿאַר בלאָזען איהם זיינע קינדער די יודעלעך שופֿר, זינגען איהם אַ מלך־עליון, מאַכען שבת פֿון זיין כבוד וועגען אַ לאָקשען־קוגעל און געהען אַ טענצעל לעבעדיג־פֿרעהליך שמחת־תורה צו די הקפֿות (ווינשפֿינגערל ז. 23).

אויסער קאַבצאַנסק איז נאָך פֿאַרהאַן אַ שטאָדט ירושלים, וואו יודען ליגען בעגראָבען אין דר'ערד, טאַקי גאָר לעבעדיגע מתים, וואָס פֿילען ניט און עס האַלט זיך זייער געביין. די שטאָדט איז אַ הייליגע, אַמאָל האָט דאָרט געשוויבעלט און געגריבעלט פֿון מלאכים און גאָט'ס שלוחים, היינט איז זי אָבער החרוב, וויסט, אויס־שטאָדט, אויס־וועלט, און פֿאַר יודען איז נור געבליבען איין קאַבצאַנסק. אַז דער דלות פּייפֿט אין קאַבצאַנסק און יודען זיצען מיט פֿערלעגטע הענד און הויבען ניט אָן צו וויסען, ווי דעם דלות אויף אַ ווילע אָבצושטופּען, דערמאָנען זיי זיך אָן אַלע די וואונדערליכע מעשׂות פֿון משיח'ס צייטען און

חלומ'ן מיט לעדיגע מאָגענס פֿון די טעג, בשעת דער איבערשטער וועט ווייזען זיין זיבענטען מופֿת און וועט אַרויסלאָזען משיח בן יוסף אַקעגען אַרמילוס הרשע, וועט ווייזען זיין אַכטען מופֿת און צוזאַמענרופֿען מיט געוואַלטיגע תקיעות די יודעלעך, וואָס בלאָנדזען אויף אַלע עקען פֿון דער וועלט.

אין די זומערדיגע נעכט ליגען די קאַבצאַנסקער יודען אויסגעצויגען מיט די מחילות אַרויף ביי די טירען פֿון די ענגע פֿערשטיקטע הייזלעך און נאַרען אָב די מאָגענס מיט ווינשעניסען. „פֿון שטענדיגען ליידען מאַנגעל אין די נויטיגסטע בעדערפֿניסען און פֿון לעדיג זיצען אָהן פרנסה, האָבען זיי זיך געמאַכט אַ בעשעפֿטיגונג צו פֿערברייגען אַ ביסעל די צייט מיט ווינשעניסען (ווינשפֿ. ז. 51). קאַבצאַנסקער יודען ווינשען זיך אַזוי פֿיעל געלד, וויפֿיעל דער ים אוקינוס האָט זאַמדעלעך ביי די ברעגעס. קוקענדיג אויף די שטערענדלעך, ווינשעווען זיי זיך אַזוי פֿיעל קערבלעך, וויפֿיעל שטערען עס איז דאָ אויפֿ'ן הימעל. מען ווינשט זיך אַ העלפֿט פֿון ראָטשילד'ס גבֿירות, אַ טייל פֿון קורח'ס פֿערמעגען א. אַז. וו.

נאָר ניט דערמיט אַליין שטילט איין דער יוד זיין ברענענדיגען הונגער. ביי אַ בלאַט גמרא פֿערגעסט ער אָן זיין טרויריג לעבען, ביי אַ שטיקעל זוהר צעפֿלאַמט זיך זיין פֿאַנטאַזיע, און די אַלטע מוסר־ספֿרים לערנען איהם אויס צו ליידען און שווייגען.

אין „ווינשפֿינגערל“ זעהען מיר די געוואַלטיגע לינדערנדע קראַפֿט פֿון אונזער אַלטען גייסטיגען עבֿר. דאָס קאָכענדיגע לעבען פֿון דער הלכה אין דער גמרא פֿערהאַפֿט דאָס קינדישע געמיט פֿון אַ משה'לען, ווי דאָס האַרץ פֿון טויזענדער חבֿרים זיינע, די פּאָעזיע פֿון אַגדתא אין די מדרשות טראָגען אַריין בלומען און ליכטיגע בילדער אין לעבען פֿון אַ הערשעלען, ווי פֿון טויזענדער זיינס גלייכען. און אַז ר' אבֿרהם בעהאַלט זיך פֿון זיינע צרות אין בית־המדרש און פֿערטיעפֿט זיך אין זוהר, דאַכט זיך איהם אויס, „אַז דאָס איז ניט אַ ספֿר, נאָר אַ פֿייערשפּייעדיגער באַרג פֿון הייליגער ריינער ליעבשאַפֿט, אַז דאָרט זענען זיך משדך די ערד מיט'ן הימעל; מלאָכים, שׂרפֿים מישען זיך אויס אינאיינעם מיט דעם מענשען און גיבען, קושענדיג זיך, איינער דעם אַנדערן איבער געטליכע געפֿיהלען (ווינשפֿ. ז. 84).

איטליכע וואָך ענדיגט זיך ביים קאַבצאַנסקער יודען מיט אַ שבת, מיט דעם טאָג, בעת דער הינטישער יוד, הינטיש פֿון פרנסה־זוכען, ווערט

פאַרוואַנדעלט אין אַ בן־מלך, קריגט אַ נשמה יתרה, אַ לויטערן גייסט און גלייכט אויס זיין איינגעבויגענעם רוקען. אים פון פאַרשיידענע געפּיהלען לעבט דורך דער יוד פון פרייטאָג צו נאַכט, בעגלייט פון מלאכי השרת ביז שבת־צו־נאַכט, בעת ער זינגט מיט אַ געדריקט האַרץ די מעשה פון הסיד'ל, וואָס אליהו הנביא האָט איהם אַרויסגעראַטעוועט פון נויט. און קיינער נאָך היינע האָט אונז ניט אַזוי גוט געגעבען צו פיהלען אַלע די שנויים, וואָס שפּיעלען זיך אָב שבת ביי אַ יודען אין האַרץ, ווי ש. י. אַבראַמאָוויטש. נאָך מעהר. אַבראַמאָוויטש איז פיעל טיעפער איינגעדרונגען אין די יודישע שבת'דיגע נשמה יתרה, ער האָט זי אונז געוויזען אין דריי צייטען: ביי נאַכט, ביי טאָג און ביי מוצאי שבת (ווינשפ. ז. 107—111).

בשעת עס קומט די סליחות־צייט, בעווייזט זיך דער יודישער סאָלאָווייטשיק אין קאַבצאַנסק, ער קומט אין געשטאַלט פון אַ בעל־תפלה, און וועקט ביים קאַבצאַנסקער יודען געפיהלען פון ליעבשאַפט מיט דעם וואונדערשענעם „אתה זוכר“ און מיט די זיסע ליעבליכע ווערטער פון די הייליגע נביאות. און דעם יודענס ליעבשאַפט האָט עפּיס אַ וואונדערליך כאַראַקטער, זי איז דורכגעזאַפּט מיט רחמנות, און זיין גאָט זעהט ביי איהם אין סליחות־צייט אויס, ווי הערשעלעס טאַטע, בעת הערשעלע איז קראַנק געווען. הערשעלעס טאַטע, וועלכער איז אין דערהיים אַנ'אמת'ער האָהן און שיינט תמיד צו זאָגען: תרבות, שקצים, ווייסט ווער עלטער איז! איז גאָר געוואָרען אַנ'אַנדערער, בעת הערשעלע איז קראַנק געוואָרען: ער האָט זיין קינד געגלעט, געטאַפּט איהם ביים שטערען, איינגענומען מיט גוטע רעד און צוגעזאָגט שענע שפּיעלכעלעך. בשעת דער בעל תפילה צוגיסט זיך מיט זיין „הבן יקיר לי אפרים“, קלינגט אין זיין נגון אַ דאָפּעלטער רחמנות־געפיהל: צו דעם אונגליקליכען אפרים און צו דעם אויבערשטען, וואָס דערמאָנענדיג זיך אָן דעם „ילד שעשועים“ „המו מעי לו“, קעהרט זיך איהם איבער דאָס האַרץ.

דער יודישער סאָלאָווייטשיקעל, וואָס איז ווי אַ שליח צבור מחויב איבערצוגעבען די געפיהלען פון די שיקערס, האָט זיך אויסגעאַרבייט טיעפטרויריגע נגונים, אין וועלכע עס הערט זיך ניט קיין קראַפט, קיין קול פון אַ פאָלק אַ גבר, נאָר אַנ'אייביג קלאָגען זיך, אַ ציטעריג געבעט, אַ יאָמערן פון אַ פאַרוואַהרלאָזט קינד צו אַ שטרענגען ליעבהאַרציגען טאַטען. דער יודישער סאָלאָווייטשיק רייסט אַרויס טרעהרען פון דעם יודענס אויגען. „דער יוד מאַכט דעמאָלט פּיסקעלעך ווי אַ קינד, עס ווייַנט אין

אידם דאָס הערצעלע און פּעסטעט זיך: אוי, טאַטעניו, הייליגער ליעבהאַרציגער געטריי פֿאָטערל!" (ווינשפֿ. ז. 59).

ניט דאָ איז דער אָרט אויסצושעפּען אַלע אוצרות, וואָס ליגען צעשפּרייט אין ווינשפֿינגערל פֿאַרענט און צווישען דעם ניט דערענדיגטען ספּור המעשה. בכלל זעהען מיר אין „ווינשפֿינגערל" אַ ג'עדה יודען, וואָס לעבט ווי אַנ'עם כהנים, דורכגעדרונגען פֿון אַנ'אַלטער אמונה, פֿון אַנ'אַלטער רעליגיעזער קולטור. צווישען די לעבער פֿון זייער גשמי'שען לעבען טרעטען אַרויס די צאַרטע גליעדער פֿון אַ פֿערהאַלטענעם בן מלך, אָדער נאָך בעסער פֿון אַ פֿערטריבענעם כהן־גדול, וואָס מען האָט אידם פֿערקויפֿט פֿאַר אַ שקלאַף. די עבֿדות און זיין הויכער גזע מישען זיך אויס אין איין מענשען, און דער קאַבצאַנסקער יוד בעשאַפֿט אַזאַ מין זאַך ווי אַ וואָכענדיגען דאַוונען (ווינשפֿ. ז. 111—112), בעשאַפֿט אַזוינע לעבענס־מנהגים און לעבענס־פֿאָרמען, וואָס זענען דורכגעזאַפּט פֿון טויזענדער אינערליכע סתירות און צווינגען דעם פּאָעט, וואָס קוקט זיך צו צו זיי, צו לאַכען און וויינען אינאיינעם.

סיי אין „פֿישקען", סיי אין „ווינשפֿינגערל" קומען פֿאָר ערטער, וואָס שילדערען די רוחניות ווי די גשמיות פֿון דער יודישער עדה. דער וואָס וויל זיך פֿערטיעפֿען אין איינע פֿון די ביידע זייטען, טאָר די ביכער איינס פֿון דעם אַנדערן ניט אָבשיידען. איין בוך איז ממלא דאָס אַנדערע.

VII

אין דער אייגענער צייט, בשעת אַבראַמאָוויטש האָט געשאַפֿען און געשריבען זיינע בעסטע ווערק (זינט דעם יאָהר 1878, נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט זיין „מסעות בנימין השלישי", האָט ער קיין נייע זאַכען ניט בעשאַפֿען. דאָס וואָס ס'איז שפּעטער אַרויס אין יודיש און אין העברעאיש, זענען איבעראַרבייטונגען פֿון פֿריהערע ווערק, אָדער דאָס אַלטע איבערגע'חזר'ט אין אַ ביסעל אַ פֿערענדערטען אופֿן), האָט ער אַרויסגעגעבען צוויי ווערקלעך: „זמירות ישראל" (שבת'דיגע זמירות) און „פּרק שירה":

פֿערטייטשט אין שירים און גוט דערקלערט,
בכדי איטליכער יוד בעזונדער
זאָל פֿערשטעהן זייער טייער ווערט,
ווי שען זיי זענען אַ גאַנץ וואונדער.

אין דער זעלבער צייט (1875) האָט אַבראַמאָוויטש געשריבען אַ ספּור המעשה „יודעל“ אין שירים ע״מ י״א תנועות: „אַך יודעל, מיין קראַנקער יודעל, דיין לעבען איז זעהר, זעהר אַ טרויעריג ליעדעל“.

אַלע די דריי ווערקלעך האָבען פֿאַר אונז היינט ניט דעם מינדעסטען ווערט. אמת, זיי זענען אפֿשר בעסער פֿאַר די טייטש־חומש׳ן און די „צאנה וראנה“, מיט וואָס מען שטאָפּט אָן די קעפּ פֿון דעם פּראָסטען המון, אָבער ניט אויף זיי האָט זיך אויפֿגעבויט אַבראַמאָוויטש׳עס יחוס. פֿאַר דעם קריטיקער איז אָבער זעהר אינטערעסאַנט צו ווערען פֿערשטעהן, ווי קומט דאָס צו אַזאַ גרויסען קינסטלער ווי אַבראַמאָוויטש, וועלכער געהט אַרוים מיט אַ שטעכעדיג געלעכטערל אויף די ליפּען, זיך צונעהמען צו אַזאַ מלאכה, ווי איבערצוזעצען פּרק שירה אין שלעכטע גראַמען און נאָך שרייבען דערצו אַ פּרוש צוגלייך מיט די קליינשטעדטעלשע דב׳לעך, וועלכע שרייבען ספרים, אום צו האָבען מיט וואָס חתונה צו מאַכען אַ בוגרת. צי האָט איהם געטריבען דערצו זיין רחמנות־געפֿיהל צו דער יודישער מאַסע, „וואָס האָט אַזאַ האַרץ ווי מיר, וואָס גאַרט אַרויסצוזוגען אויף גאָטס גוטיגקייטען, און פֿערשטעהט אָבער ניט לשון קודש“? צי האָט ער ווי אַ פֿערשטעלטער משכיל געוואָלט אין אַ פֿרום קלייד אַריינשמוגלען פֿאַר׳ן פֿאָלק אַביסעל שכל און בילדונג? צי האָט ער דורך זיין פּרק שירה געזוכט אויפֿצואוועקען אַ ליעבע ביי׳ן יודען צו דער שטומער און לעבעדיגער נאַטור? און אפֿשר איז ער, ווי אַ פֿאַרצייטיגער משכיל גאָר ניט ווייט געווען דערפֿון, צו קאָנקורירען מיט זיינע ברידער די לערנערס און רבנים און זיי געוואָלט ווייזען זיינע אייגענע בקיאות און חריפֿות? אַלצדינג צוזאַמען האָט זיך אויסגעמישט אין די דאָזיגע ווערק.

אַבראַמאָוויטש האָט זיך גענומען צו מאַמע־לשון אין אַ צייט, בשעת די העברעאישע מליצה־שרייבער האָבען געקוקט אויף דעם מיט פֿעראַכטונג און שפּאָט, בעת אַ יודיש בריוועל פֿלעגט שרייבען דער משכיל פֿערבעהאַלטענערהייט. פֿון רחמנות און צובונד צו דער יודישער מאַסע, צו דער יודישער פֿרומער וועלט האָט אַבראַמאָוויטש אויסגעפֿיינט זיין פֿעדער אויף צו שרייבען יודיש. ער איז געווען איינער פֿון די, וועלכע האָבען געהאַל־

פֿען בעגרינדען די יודישע צייטונג „קול מבֿשר" (ספֿר הזכרון ז. 123, הוצאת נ. סאָקאָלאָוו). דער אייגענער אַבראַמאָוויטש האָט אַרויסגעגעבען אין לשון קודש לעניקים זאָאָלאָגיע פֿאַר דעם יודישען משכיל: תולדות הטבֿע, מיט דער דעה איהם צו דערנעהענטערן צו דער וועלטליכער בילדונג! ער האָט געשטריטען מיט דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע און געוויזען די עהרליכקייט פֿון יודישען לעבען און די לויטערקייט פֿון זייער אמונה (עין משפט 1866). בקצור ער האָט זיך געוואָרפֿען אין אַלע זייטען. ווי דאָס האָט געפֿאָדערט די ווייטערע ענטוויקלונג פֿון דער השכלה=צייט. אַליין אָבער איז ער דורך זיינע געפֿיהלען געווען פֿעסט פֿערקניפּט מיט די לעבענס=געוועהנהייטען און לעבענסאָנשויאונגען פֿון דער קבצנסקער קהילה. ווי באַלד ער פֿלעגט אַוועקלעגען זיין קונציגע פֿעדער, וואָס מאָלט דאָס לעבען פֿון יודישען כלל, ווי באַלד ער פֿלעגט אויפֿהערען צו זיין דער קינסטלער אַבראַמאָוויטש, און ווערען דער משכיל, דער פּובליציסט, פֿלעגט אין איהם ניט ווילענדיג אַרויסשפּראָצען דער קבצנסקער משכיל מיט אַלע די פֿעהלער, פֿון וועלכע מיר האָבען גערעדט אין די פֿריהערדיגע קאַפּיטלעך. אין די בעלעטריסטישע ווערק ווערען זיינע הסרונות זיי פֿערטרונקען אין אַ טייך פֿון בילדער, געשטאַלטען און ברייטע קונציגע שילדערונגען; אין זיינע אַנדערע ווערק אָבער טרעטען זיי בולט אַרויס און פֿערדאַרבען אונז דעם השק זיך מיט זיי צו בעקאָנען. אַ קליינע פּראָבע פֿון „פּרק שירה" וועט קלאָר בעווייזען, אין וואָס פֿאַר אַ צומישט פּנים בעווייזט זיך פֿאַר אונז אַבראַמאָוויטש דער משכיל.

טעקסט: צפֿרדע אומרת: ברוך שם כבֿוד מלכותו לעולם ועד.

(ז. 44 פּרק שירה) טייטש און באור: בשעת יעקבֿ, אַזוי שטעהט געשריבען, האָט פֿאַר'ן טויט זיינע קינדער פֿערקליבען| און האָט געוואָלט זיי דעם קץ מגלה זיין קלאָר,| האָט די שכינה איהם זיך אָבגעטאָן גאָר.| דאָס האָט איהם געערגערט, שרעקליך געקרענקט,| אָפֿשר איז פֿאַראַן אַ פּסול, האָט ער געדענקט,| צווישען די קינדער מיינע, וואָס זענען דאָ| די אֱמונה אין גאָט איז ביי זיי ניטאָ.| די קינדער האָבען באַלד אַלע מיט אַ מאָל,| שמע ישראל געשריגען הויך אויפֿ'ן קול.| מיר האָבען ווי דו איין גאָט אין אונזער האַרץ.| האָב טייערער פֿאָטער, נישט קיין זאָרג נישט קיין שמאַרץ.| ברוך שם כבֿוד מלכותו, מיט גרויס געפֿיהל,| ענטפֿערט דאַרויף יעקבֿ, בלייבט רוהיג שטיל.| צו קלערען הויבען דאָרט די חכמים אָן,| וואָס זאָלען מיר מיט דעם „ברוך שם כבֿוד טון.| זאָלען מיר עס זאָגען, קומט עפּיס נישט אויס.| משה רבנו זאָגט עס דאָך נישט אַרויס.| לאָז מען עס ניט זאָגען, חלילה

והם,| יעקב האט עס דאך געזאגט, עפּיס אַ שפּאַס.| איז מען געפאַלען אויף אַזאַ עצה, בכן| מען זאָל עס אָבזאָגען שטיל צווישען די ציין.| הייסט דאָך ברוך שם כבוד זאָגט מען יאָ און ניט| און מען איז יוצא לכל הדעות דערמיט.| צווישען ברכות איז די ברכה אַזאַ מין, וואָס זי איז עפּיס אַזוי אַהער אַהין.| עפּיס איז זי ווי יענע בעשעפענים גלייך| וואָס לעבען אויף דער יבשה, און אין טייך| זיי געפינען זיך עפּיס אַ דאָ אַ דאָרט,| און זענען קיינמאָל ניט שטענדיג אויף איין אָרט.| אָט פאַר די מיני בעשעפענים אַלערליי| וואָס ניט קיין פליישׁ און ניט קיין פיש זענען זיי| פאַר זיי אַלע שפּרינגט אַרויס בראש| די צפרדע אָדער דער פראָש| און שטעלט אונז די גאַנצע טבע זיינע פאָר,| אין דעם ברוך שם כבוד, וואָס איז זיין שיר.| אין מיר, עולם, אַ בעשעפענים האָט איהר אייך,| וואָס לעבט אַ אויף דער יבשה, אַ אין טייך| פערשטעהט, עולם, מיין שיר, וואָס איך, פראָש, קוואַקע,| ברוך שם כבוד מלכותו איז ער טאַקע,| געלויבט איז גאָטס נאָמען און זיין קעניגרייך,| אייביג אויף דער ערד אין וואַסער צוגלייך.| אַ היינט דעם האַרף מען וויסען, אַז זיין שיר,| זאָגט דער פראָש, ווי קריאת שמע לייענען מיר.| ברעקעקע, זאָגט איין פראָש שאַרף אַרויס,| און דער גאַנצער עולם פרעש הערט דאָס שטיל אויס.| און ווי דער חזן לאָזט די ברכה אויס באַלד,| ווערט דאָרט אין דעם עולם אַ געשריי, אַ געוואַלד| שרייען ברעקעקע און ווערען נתפעל,| אַקוראַט, ווי ביי שרייען שמע ישראל:| קוואַר, קוואַר ענטפערען שטילערהייט אויך פיעל,| ווי ברוך שם כבוד מלכותו מען זאָגט שטיל| ביי פיעלע חכמים ווערט דער פראָש פאַרגעשטעלט| פאַר אַ גרויסען בעל מתפלל, עק וועלט,| ער דאַווענט כסדר די גאַנצע נאַכט אַוועק,| זאָגט ברוך שם כבוד מלכותו אָהן אַ עק".

אין די לעצטע שורות קלינגט, דוכט זיך, שוין אַרויס דער לאַכעדיגער טאָן פון אַבראַמאָוויטש דעם סאַטיריקער, נאָר אַז מען קוקט זיך צו צו דעם העברעאישען פירוש אונטען מיט'ן נאָמען „טוב טעם" (?), דערגעהט מען, אַז דאָס שטאַמט ניט פון סאַטיריקער אַבראַמאָוויטש, נאָר פון דעם למדן דעם בקי ר' שלום יעקב, וואָס ברענגט צו זיינע ווערטער ראיות פון פערשיידענע ספרים.

דער איינענער משכיל אָבער, וועלכער האָט געשריבען גראַמען על משקל פון י"א תנועות און האָט געזוכט מיט פלפול דורך פרק שירה צו דערנעהנטערן די יודישע מאַסע צו דער נאַטור, האָט עס ערדרייכט אויף אַנ'אַנדער וועג, אויף דעם וועג פון פּאָעזיע. אַבראַמאָוויטש'ן האָבען מיר צו פערדאַנקען די ערשטע ריינע נאַטור-שילדערונגען אין דער יודישער ליטעראַטור. אָהן

פּלפּול און דרוש האָט ער אונז דערצעהלט, ווי עס שפּיגעלט זיך אָב ביי די יחידי סגולה פון די קאַבצאַנסקער יודען דער וואַלד אין סליחות=צייט, די גרין=גאָלדענע פעלדער אין אַ לאַנגען זומערדיגען תענית. ער האָט אונז אויסגעמאָלט דעם פריהמאָרגען, בעת בנימין, דער העלדישער וועלט=רייזענדער, האָט געוואַרט אויף סענדערל די יודענע הינטערן ווינדמיהל. ער האָט אונז דערצעהלט ווי ר' מענדעלע טענה'ט זיך אויס אין אַ ליכטיגער נאַכט מיט דער לבנה, וואָס גיסט אויף איהם אויס איהרע קלאָר=זילבערנע שטראַהלען.

אין אַלע די נאַטור=שילדערונגען ליגט עפּיס אַ וואונדערליכער כשוף, די גאַנצע נאַטור קריגט דורך אַבראַמאָוויטש'ן אַ יודישען פּנים. אַבראַמאָוויטש האָט מגיר געווען די קאַבצאַנסקער נאַטור. ווי ביי יענעם מכשף פלעגט פון אַלץ, צו וואָס ער פלעגט זיך נאָר צוריהרען, ווערען צו גאָלד, אַזוי פערוואַנדעלט זיך ביי אַבראַמאָוויטש'ן איטליכע זאַך אין דער נאַטור אין אַ יודען, וואָס פערמאַסקירט זיך אַרגע. ר' מענדעלעס פערדעל האָט עפּיס אַ פּנים פון אַ דערשלאָגענעם יודען אַ לא יוצלה, פון „סענדערל די יודענע". די סאראקע, וואָס יאָגט זיך אויף אַ צווייגעל, זעהט אויס ווי אָנגעטאָן אין אַ טלית'ל מיט פּאַסען תכלת פאָרענט און דאַווענט, שאָקלענדיג זיך, בוקט זיך און פאַלט תחנון. די קיה געהען זיך רוהיג, מיט סטאַטיק, צונייגענדיג די קעפּלעך ווי פיינע בעלי הבית'טעס, נאָר עטליכע פערבויגען די קעפּ און לאָזען אַרויס ווי פון אַ צושפּאָלטענעם שופר אַ „זיי געזונד" די פערבליבענע קעלבלעך. דער וואַלד אין חשון=צייט זעהט אויס ווי אַ יוד אין סליחות=צייט, אומעטיג, שטאַרק אָנגעבלאָזען. דער אַלטער אויסגעדאַרטער דאָרפּס=הונד לעבט אויף דער עלטער פון קצבה אָהן אַ שטעלע, מיט אַ הינקעדיג פיסעל און אַ קאָלטען אויפ'ן עק, און אַז דער האָהן דערלאַנגט אַ געשריי אויף די היהנער זיין קיקוריקו, דאַכט זיך אויס, אַז ער רופט אויס דערביי: תרבות, שקצים, ווייסט, ווער עלטער איז! (פישקע ז. 13, 18, 43, 52, 61, ווינשפינגערל 57, 60).

צווישען אַבראַמאָוויטש, דעם פּערפאַסער פון באור פּרק שירה, און דעם, וועלכער קוקט אויף די נאַטור מיט די אויגען און פיהלט זי מיט דעם האַרץ פון אַ קאַבצאַנסקער יודען, איז דאָ אַ גרויסע נאַטירליכע קרובה'שאַפט. ווען ר' מענדעלע מוכר ספרים פיהרט מיט זיך מיט מעש און קופּערוואַרג, מן הסתם טוט ער דאָס דערפאַר, ווייל קאַבצאַנסק פאָדערט דאָס, ווייל קאַבצאַנסק בעשאַפט אַזעלכע ר' מענדעלעס. דער פּאָעט, וועלכער ווערט געבאָרען ביי אַנ'עדה יודען, ביי וועמען דאָס גאַנצע לעבען איז אויפּ=

געבֿויט אויף טויזענדער סתירות, איז אַליין פֿול פֿון אַזעלכֿע געפֿיהלען און נייגונגען, וואָס זענען זיך שטענדיג סותר און פֿיהרען צווישען זיך שטענדיגע מלחמות. און אַלע די סתירות דריקען זיך אויס אין דעם אבֿגוס פֿון זיין נשמה, אין זיינע פֿערשיידענע לעבענס-ווערק.

מיר האָבען אָנגעוויזען אויף די הויפּטפּונקטען פֿון אַבֿראַמאָוויטש'עס טאַלענט. מיר מיינען אָבֿער ניט, אַז מיר האָבען אונזער טעמע אינגאַנצען אויסגעשעפּט. וועגען אַבֿראַמאָוויטש וועט נאָך אַמאָל געשריבֿען ווערען אַ בוך, וואו עס וועט ווערען געשילדערט דער דור, אין וועלכֿען ער האָט זיך אויסגעהאָדעוועט, מיט אַלע וויכֿטיגסטע פּרטים, און וואו עס וועלען ווערען צוגלידערט די בעסטע פֿון זיינע ווערק, זיין גרויסעס טאַלענט און די טעכנישע מיטלען, מיט וועלכֿע אַבֿראַמאָוויטש האָט געשריבֿען זיינע קונציגע ווערק. דען אַבֿראַמאָוויטש'עס ווערק זענען איינע פֿון די ווענינע שליסלען, דורך וועלכֿע מיר דרינגען אַריין אין די נשמה פֿון דער יודישער מאַסע. און די נשמה פֿון דער יודישער מאַסע וועט אייביג זיין דער לייכֿטענדער פּונקט, וואָס וועט צוציהען צו זיך די בעסטע יודישע גייסטער. אונזער קורצער איבֿערבליק זאָל נור ברענגען דערצו, אַז די לעזער זאָלען זיך אַליין פֿערטיפֿען אין אַבֿראַמאָוויטש'עס שריפֿטען. ער וועט אויף איטליך זייטעל געפֿינען עפּיס, וואָס וועט בעוועגען זיין געפֿיהל און וועקען אין מוח טיפֿע געדאַנקען..

אַ סך פֿון די היינטיגע שרייבֿערס, וואָס האָבֿען אונז געגעבֿען שענע נאָוועלען און קלינגענדיגע לידער, האָבֿען דאָס מאַנכֿמאָל צו פֿערדאַנקען „אַ ווערטעל“ פֿון אַבֿראַמאָוויטש, וואָס האָט זיך ערגעץ וואו פֿערשטעקט צווישען די שורות, וואָס איז געזאָגט געוואָרען בדרך אַגבֿ, פֿאַרבייגעהענדיג. אַזוי וואָלטען אָפּשר די שענע מארים ראָזענפֿעלד'ס „אלול-מעלאָדיען“ ניט געשריבֿען געוואָרען, ווען אַבֿראַמאָוויטש וואָלט אונז ניט געגעבֿען זיינע נאַטור-שילדערונגען. אויך די טעכֿניק, ד. ה. דער אופֿן, ווי אַבֿראַמאָוויטש בעשרייבֿט זאַכֿען און מענשען, ווי ער העלפֿט אונז אַיינצודרינגען אין די געפֿיהלען פֿון דעם געשילדערטען כלל, האָט שטאַרק געווירקט אויף מאַנכֿע שרייבֿערס, ווי מיר זעהען דאָס, שטודירענדיג אַנדערע יודישע שרייבֿער, (שלום עליכֿם אין זיינע ערשטע ווערק).

די וואָס טענה'ן, אַז אַבֿראַמאָוויטש איז שוין פֿערעלטערט, ווייל ער שילדערט אונז אַ וועלט, וואָס איז שוין אונטערגעגאַנגען, שילדערט אונז אַ נ'ע ד ה י ו ד ע ן, אַ אונאָרגאַניזירטע מאַסע פֿון קבֿצנים, אַ פֿאָלק פֿון בעטלערס, וואָס לעבֿט מיט אַנ'עכֿר און ווייס ניט פֿון קיין צוקונפֿט, בקיצור די פֿאַרצייטיגע טויטע יודישקייט,—די וואָס טענה'ן דאָס, זענען גערעכֿט נור

אַזוי ווייט, פֿל זמן זיי זוכען דעם קינסטלער, וועלכער זאָל זיך קאָנען דערהייבען צו אַ נאַציאָנאַלער אויפֿפֿאַסונג, צו נאַציאָנאַלע אידעאַלען. ווילען זיי אָבער אַריינדרינגען ביז צו די אַלטע וואָרצלען פֿון דער יודישער גהעטאָ־נשמה, וועלכע האָבען נאָך היינט אַ גרויסע ווירקונג אויף דאָס לעבען פֿון יודישען פֿאָלק, און זוכען דעם קינסטלער, וועלכער האָט דאָס מיט זיין פּאָעטישען בליק געזעהען און געמאָלט, מוזען זיי זיך ווענדען צו ש. י. אַבראַמאָוויטש, ווי צו דעם איינציגען, וואָס האָט טיעפֿער ווי אַלע געהאַפּט דאָס אַלטע פינטעלע יוד, די טיעפֿסטע וואָרצלען פֿון דער יודישער נשמה..

און דעמאָלסט מוז מען פֿון אַלע זיינע ווערק זיך פֿערטיעפֿען הויפּט־זעכליך אין „פֿישקע דעם קרומען“ און אין „ווינשפֿינגערל“, אין די ערשטע בעסטע ווערק פֿון דער יודישער ליטעראַטור.

.1902



# י. ל. פּרץ.

I.

„ל״ג בעמר ווערט 25 יאָהר, ווי פּרץ האָט אָנגעהויבען צו שרייבען זיינע נאָוועלען, ערצעהלונגען און בילדער. אין דעם טאָג וועלען אויך אַרויסגעהן זיינע געזאַמעלטע ווערק. קיין בעסערן געשענק האָט מען איהם נישט געקענט מאַכען! דען וואָס פֿערלאַנגט דער אֶמת׳ער פּאָעט? ניט קיין געלד, ניט קיין פּוסטע כּבוד, ניט די פֿיין־געשליפֿענע דבורים פֿון קאַלטע הערצער... ער האָט נור איין וואונש, דאָס זיין לעבענס־אַרבייט זאָל ניט זיין צעזייט און צעשפּרייט אויף אַלע פֿיער ווינטען, דאָס די פֿונקען פֿון זיין קינסטלער־נשמה זאָלען ווערען געזאַמעלט און פֿעראייניגט אין איין אָרט. דענסטמאָל וועט זיין גייסט לויכטען מיט איהר אמת׳ען ליכט און וועט מעהר כּחות האָבען צו פֿעריאָגען די פֿינסטערע וואָלקענס פֿון אומעטיגען מענשליכען לעבען...

מענשען פֿון פֿערשיידענע קלאַסען, רוסישע און פּוילישע יודען, ליטעראַטען, דאָקטוירים, קויפֿלייט א. אַז. וו., האָבען זיך פֿעראייניגט אַרויסצוגעבען צו פּרץ׳ס יובילעאום זיינע ווערק...

בעווייזט דאָס שוין ניט אַליין, דאָס פּרץ׳ס גייסט איז איינגעדרונגען

אומעטום? צי זעהט מען ניט דערפון אַליין, דאָס זיינע 25־יאָהריגע אַרבייט האָט געפונען אַנ'אָבקלאַנג אין די הערצער פון יודישען פאָלק?

דאָך דעם טיעפען אָבקלאַנג האָט פרץ געפונען אין די גרויסע מאַסען פון יודישען פאָלק, וואָס האָט ליעב זיין „פּראָסט יודיש" און לעבט נור מיט איהם אַליין. דאָרטען, צווישען זיי, געפינען זיך זיינע טרייע איבער־געגעבענע לעזער, וועלכע שלינגען איטליכס וואָרט זיינס מיט דעם חשק פון אַ הונגעריגען. און זויגען איין אין זיך זיינע געדאַנקען מיט אַ טיעפער דאַנקבאַרקייט צו דעם, וועלכער האָט שטענדיג געוואוסט, ווי מען דאַרף וועקען זייערע פערשלאָפענע געפיהלען.

און די דאַנקבאַרקייט צו פרץ'ן וואָלט נאָך געווען אַ סך גרעסער, ווען מען וואָלט דאָרטען געוואוסט, וויפיעל ער האָט געאַרבייט און אָנ־געווענדט מיה, נור ניט צו בלייבען דער איינציגער, וועלכער שטרעבט צו געבען דעם פאָלק בילדונג און קונסט.

פרץ איז ניט נור דער מייסטער פון צעהנדליגער קונציגע ערצעה־לונגען, ער איז איינער פון די גרויסע שרייבער, וועלכע האָבען אויפגעהויבען דעם ניעדריגען מצב פון אונזער פאָלקסשפּראַך אויף אַ הויכען שטאַנד. נור צוליעב איהם האָט זי היינט בעקומען אַזאַ ווערט. נור ער איז געווען בכּח צו־צוציהען צו איהר דאָס אינטערעס פון די געבילדעטע יודען. דער גאונ'ישער אַבראַמאָוויטש, דער פאָטער פון דער היינטיגער פאָלקס־ליטעראַ־טור, האָט צוליעב אַ סך טעמים ניט געקענט ברענגען דעם „זשאַרגאָן" צו אַזאַ מדרגה פון אַ שפּראַך. דאָס וואָס עס איז אַבראַמאָוויטש'ן ניט געלונ־גען, האָט אויסגעפיהרט פרץ.

דער אֶמת'ער פאָלקס־פּאָעט, וועלכער שעפּט פון טיעפסטען ברונען, וועלכער זוכט דעם מענשען אין די טיעפע קעלערן פון פאָלקס־לעבען, מוז רעדען די שפּראַך פון פאָלק. ער קען זיך ניט פערשטעלען אין צעהנדלי־גער לשונות, דאָס וואָס ער זאָגט, מוז זיין פּראָסט און קלאָר, ווי דאָס לעבען. דעריבער האָט זיך פרץ געווענדט צום אָרימען "זשאַרגאָן", האָטש ער טראָגט אויף זיך אַ קלינגענדיגען נאָמען פון אַ העברעאישען ליטעראַט.

אַליך, צו וואָס עס ריהרט זיך צו דעם קינסטלער'ס האַנד, ווערט שוין ממילא אַנ'אַדעל. דער פּראָסטער שטיין, פון וועלכען אַנטאָקאָלסקי האַקט אויס אַ סטאַטוע, ווערט אַ צירונג פאַר'ן גרעסטען מוזעאום, דאָס גראָבע שטיק ליינוואַנד, צו וועלכען עס האָט זיך צוגעריהרט דער פּענזעל פון אַ גרויסען מאלער, ווערט שוין ממילא אַ שמוק־זאַך פאַר'ן שענסטען פּאַלאַץ.

דער אָרימער „זשאַרגאָן“ גע‏ֿהט אַרויס אונטער די הענד פֿון אַ גרויסען שרייבער מיט אַ יחוס־בריעף פֿון אַן אֶמת'ער שפּראַך. אַ יהסנ'טע, מיט וועלכער עס האָבען זיך ניט געשעמט מעהר די געבילדעטסטע אַ יהס'נטע, מיט וועלכער עס האָבען זיך ניט געשעמט מעהר די געבילדעטסטע און געלערענטסטע מענשען.

דעריבער האָט פּרץ'ס יובילעאום אַ דאָפּעלטע וויכטיגקייט פֿאַר אונז. ל"ג בעומר איז אויך דער יובילעאום פֿון דעם אָרימען זשאַרגאָן, ווייל ער איז דערהויבען געוואָרען פֿון "אַ תחינה־לשון„ צו אַ מדרגה פֿון אַ פֿאָלקס־שפּראַך.

---

II

יצחק לייבוש פּרץ איז געבאָרען געוואָרען אין דער פּוילישער שטאָדט זאַמאָשץ אין יאָהר 1851.

ביז 13 יאָהר האָט פּרץ זיך ערצויגען אונטער דער השגחה פֿון די בעסטע מלמדים אין זאַמאָשץ. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען לערנען פֿאַר זיך. אין זאַמאָשץ, וואו עס געפֿינען זיך נאָך היינט אַלע כּתות פֿון חסידים, איז פּרץ שוין בייצייטענס בעקאַנט געוואָרען מיט דער חסידישער תורה, מיט זייערע געֶנג און געדאַנקען. אין דער אייגענער צייט האָט ער מיט חשק שטודירט די אַלטע יודישע פֿילאָזאָפֿען, דעם רמב"ם, דעם כוזרי א. אַז. וו. אַ צופֿאַל האָט פֿאַר איהם ענטדעקט אַ גרויסע ביבליאָטעק פֿון ביכער אין פֿערשיידענע שפּראַכען, און דעם צופֿאַל האָט פּרץ צו פֿערדאַנקען, דאָס ער האָט שוין פֿון יוגענד אָן זיך גענומען צו דער היינטיגער בילדונג. און וואָס ער האָט בעקומען, האָט ער געוואָלט אַנדערע איבערגעבען.

שוין פֿון קליינווייז אויף האָט פּרץ האָלד געהאַט צו אַרבייטען מיט דער פֿעדער. אָבער פֿאַרטיגע, גוטע, אָבגעטאָקטע ערצעהלונגען האָט ער אָנגעהויבען שרייבען פֿון 25־טען לעבענסיאָהר אָן.

עס איז נאָך היינט ניט פֿון די גרויסע גליקען אָבצוגעבען די כּוחות פֿאַר די יודישע פֿאָלקס־ליטעראַטור. נאָך צעהן מאָל ערגער איז געווען די לאַגע פֿון יודישען שרייבער מיט אַ דור פֿריהער. דענסטמאָל האָט דער

יודישער ליטעראַטור כמעט געשריבען פאַר זיך אַליין. דאָס פאָלק האָט איהם נאָך ניט געלעזען. אַלע זיינע געדאַנקען און געפיהלען האָט ער געמעגט אויסגיסען אויפ'ן פאַפיר, ניט האָבענדיג אַ שום האָפנונג, אַז עמיצער אויסער זיינע נאָהענטע פריינד, וועלען לייענען זיינע ווערק. און אַז שפּעטער האָבען זיך אָנגעהויבען בעווייזען יודישע צייטונגען אין יודיש, האָט פּרץ צוליעב זיינע איבערצייגונגען ניט געקענט אַרבייטען פאַר זיי. דאָך דער אמת'ער קינסטלער קוקט אויף זיין אַרבייט ווי אויף אַ הייליגע פליכט. ער שרעקט זיך ניט אָב, וואָס שמ"ר, בלאָשטיין, בעקערמאַן און קאָמפּאַניע פערדאַפּען די פאַנטאַזיע פון פּראָסטען לעזער, ער ווייס, דאָס פריהער אָדער שפּעטער וועט זיין עכטע קונסט פערטרייבען די שוואַרצע פּנימ'ער פון די ליטעראַרישע קוימענקעהרערס. ער זעהט נור צו זיין אָנגעגרייט, אַז צו דער רעכטער צייט זאָל ער קומען צום פאָלק מיט דער בעסטער סחורה, אַז דאָס פאָלק זאָל נישט דאַרפען וואַרטען, בשעת ער הויבט אָן צופיהלען די נויטיגקייט פון אַ גוטער ליטעראַטור.

און פּרץ איז אַלע מאָל גרייט געווען. קוים האָט זיך בעוויזען אַ קליינע מעגליכקייט עפּיס דעם פאָלק צו געבען, האָט שוין פּרץ געעפענט די שופלאָדען, וואו עס פלעגען מאַנכסמאָל יאָהרען-לאַנג ליעגען אמת'ע פּערל. ווי באַלד עס האָט זיך בעוויזען עפּיס אַ נייע אונטערנעהמונג אין דער „זשאַרגאָן"-ליטעראַטור, ווי באַלד עטליכע שרייבער, וואָס האָבען געוואָלט דיענען דער פאָלקס-שפּראַך, זענען געקומען מיט עפּיס אַ פּלאַן, איז שוין פּרץ געווען אויבען-אָן און האָט זיך איבערגעגעבען פאַר די נייע זאַך מיט לייב און זעעל. אַזוי איז אַרויסגעגאַנגען צוליעב פּרץ'ן „די יודישע ביבליאָטעק", „ליטעראַטור און לעבען" און די „בלעטלעך".

צוליעב אַ סך טעמים האָבען די אַלע אונטערנעהמונגען ניט געהאַט קיין קיום. פּרץ איז ווייטער אַנטשוויגען געוואָרען, דאָך ביי זיך אין קאַבינעט האָט ער ניט אויפגעהערט צו אַרבייטען, אַלץ וואַרטענדיג אויף בעסערע צייטען, בשעת מען וועט זיך קענען פריי און קלאָר אַרויסזאָגען פאַר'ן לעזער. אין דער צייטונג „יוד", וואו ער האָט ווידער געקראָגען די מעגליכקייט פריי צו בילדען און אַנטוויקלען דעם געשמאַק און די געפיהלען פון פאָלק, האָט ער כמעט אין קיין נומער ניט געפעהלט.

פריהער האָב איך געזאָגט, דאָס פּרץ האָט אָנגעווענדט אַלע מיה ניט צו בלייבען דער איינציגער, וואָס געהט צום פאָלק מיט זיין קונסט און זיין בילדונג. פּרץ האָט זיך פון שטענדיג אָן אַרומגערינגעלט מיט יונגע און

אַלטע טאַלענטען און האָט געווירקט אויף זיי דורך זיין גייסט און דורך זיין אייגענע טעטיגקייט, אַז זיי זאָלען שרייבען אין דער שפּראַך פֿון פֿאָלק, צו זיין „יודישער ביבליאָטעק" האָט ער צוגעצויגען פֿעהיגע מענשען פֿון אַלערליי קלאַסען. יעדער פֿון זיינע פֿעהיגע פֿריינד, וואָס האָט נור געהאַט עפּיס אויפ'ן האַרצען אַ גוטען געדאַנקען, אַ געלערנט וואָרט, האָט צוליעב פּרץ'ן אָנגעהויבען שרייבען און לעזען דעם זשאַרגאָן.

25 יאָהר זענען אַוועק זינט פּרץ האָט אָנגעהויבען שרייבען. די זשאַרגאָן־ליטעראַטור שטעהט נאָך אַליין אויף אַ ניעדעריגען שטאַנד. דערנאָך אָבער האָט זי געמאַכט אַ גרויסען ברייטען טריט. זי האָט זיך פֿאָרט דערוואָרבען אַ שענעם פּלאַץ אין אונזער יודישען לעבען. די בעסטע ערצעהלונגען, די קינסטלערישע אַרבייטען אין דער יודישער ליטעראַטור שטאַמען היינט אָב פֿון זשאַרגאָנישע שרייבער. און פֿאַר די גרויסע פּעולה, וואָס דער זשאַרגאָן האָט געמאַכט, דאַרפֿען מיר קודם־כל דאַנקען יצחק לייבוש פּרץ.

---

III

איידער מיר וועלען אָנהויבען רעדען וועגען פּרץ'ס ווערק, מוזען מיר אין קורצע ווערטער אָנווייזען, ווי נויטיג און וויכטיג עס איז די שענע ליטעראַטור, די פּאָעזיע פֿאַר יעדער מענשליכע געזעלשאַפֿט.

נאָך ביז היינטיגען טאָג קוקען אַ סך פֿון די יודישע לעזער אויף אַ פּאָעטיש ווערק, אויף אַ גוט ליעד, אַ גוטע ערצעהלונג, ווי אויף אַ פּוסטע זאַך, מיט וואָס מען צעשלאָגט זיך נור די צייט.

דאָס איז אַ שרעקליכער טעות! מען דאַרף וויסען, דאָס דער אמת'ער פּאָעט האָט אין זיין ערצעהלונג אָדער אין זיין ליעד איינגעגאָסען אַ טייל פֿון זיין נשמה. גוטע ראָמאַנען, גוטע פּאָעזיע שרייבט מען נור מיט בלוט און מיט נערווען. דער קינסטלער, וואָס שילדערט און צעגליעדערט דאָס מענשליכע לעבען, זעהט קלאָרער און פֿיהלט טיעפֿער, ווי דער געוועהנליכער לעזער. אין דער שענער ליטעראַטור איז ניט דאָס מעשה'לע, ניט די אינטריגע וויכטיג, נאָר די געשטאַלטען, אָדער די סבות אַרום, וואָס האָבען געבראַכט דערצו. יאָהרען־לאַנג קוקט זיך צו דער פּאָעט צו די פֿערבאָרגענע ליידען און

פריידען, צו די בעהאלטענע סבות פון מענשליכען מזל, און דאס, וואס ער זעהט, שילדערט ער אב אין קלינגענדיגע, אבגעטאקטע ווערטער. דאך צווישען די שורות פיהלט מען, ווי עס קלאפט און קאכט א לעבעדיג הארץ, דאס הארץ פון פאעט. און די אייגענע געפיהלען, מיט וועלכע עס ווערט געשריבען א גוט ווערק, ווערען אויך דערוועקט ביים מיטפיהלענדען לעזער. די ווירקונג פון פאעט אויף די, וועלכע לייענען איהם מיט כונה, איז ניט אבצושאצען: די פערשלאפענע פאנטאזיע הויבט אן צו ארבייטען, זאכען, וואס זיי האבען דאס קיינמאל אין לעבען ניט בעמערקט, האטש זיי ליגען ביי דער האנד, ווערען מיט אמאל פאר זיי קלאר און לעבעדיג. פערשיידענע געפיהלען הויבען אן אין זיי זיך צורירען און, ניט וויסענדיג ווי אזוי, הויבען זיי אן צו זעהען, צו פיהלען און צו דענקען מיט די אויגען, מיט דעם הארצען און מיט דעם מח פון פאעטען. דער בליק פון פאעט איז שארפער, ווי דער בליק פון געוועהנליכען לעזער, זיין הארץ איז ציטעריגער און פיהלט ריינער, איידעלער און הייליגער. דורך זיין קונסט מאכט ער דעם לעזער זעהענדיגער, ריינער און איידעלער. דער פאעט האט האלט אלצדינג, וואס לעבט און שטרעבט צו פרייער לופט און צו ליכטיגקייט. ער האט פיינד אליך, וואס איז טויט, מאט און פערפוילט. עס פערנעהמט איהם דאס הארץ, ווען ער זעהט, דאס אלטע פערפוילטע בוימער לאזען ניט אויפקומען דורך זייערע שאטענס יונגע נייע פלאנצען, און ער וועקט אויף ביים לעזער די אייגענע ליעבשאפט צום לעבען, די אייגענע שנאה צו די שלעכטע סבות און מונטערט אויף ביי איהם א לוסט ארויסצוגעהן אויף א מלחמה אנקעגען די בייזע קרעפטען, וואס שטיקען און דריקען דאס מענשליכע לעבען.

דערפון זעהט מען, דאס צוליעב דעם פאעט וועקען זיך אויף ביים פאלק א סך איידעלע און טיעפע געפיהלען, די קרעפטען צו ארבייטען פאר א בעסערע צוקונפט שפאנען זיך אן, ער שפרייזט צו די וויכטיגע ציעלען מיט מעהר מוט און מיט מעהר כוח. און דעריבער שעצען די געבילדעטע פון פאלק אזוי הויך דעם פאעט, האלטען גרויס זיין נאמען ביי זיך אין דערהיים, און שטאלצירען מיט איהם אין דער פרעמד.

פרץ, צוגלייך מיט אלע פאעטען, האט מיט זיין שארפען בליק אריינגעקוקט אין אונזער וועלט, אין די יודישע וועלט. ער האט מיט א בעוועגט הארץ געשילדערט די כוחות, וואס צעשטערען און פערניכטען ביי אונז דאס מענשליכע לעבען, ער האט מיט א ביטערן שמייכעל אונז געוויזען, ווי די יוגענד ווערט ביי אונז פאר דער צייט פערוועלקט, ווי זי מאטערט זיך מיט אלע כחות — נאר נישט אזוי גיך פערשווארצט צו ווערען.

אין „קעלער-שטוב“ שילדערט ער אונז די שרעקליכע יודישע אָרימ-קייט, וואָס איז פערהאָרעוועט, פערמוטשעט און פערהב'עט און דאָט אַפילו אין שלאָף קיין מנוחה ניט. דאָס לעבען איז צוליעב דער אָרימקייט אַזוי פערהושכ'ט, אַז עס חכמ'ט זיך, דאָס אין „קעלער-וואוינונג“ איז ניטאָ נישט איין ווינקעל, וואו דער דלות זאָל ניט גיסען בלוטיגע טרעהרען. נאָר פון פאָעטענ'ס בליק איז ניט פערבאָרגען דאָס ביסעלע ליכט, וואָס שיינט אַרי-בער פון הינטער אַ „שפּאַנישער וואַנד“. הינטער אַ שפּאַנישער וואַנד, אין אַנ'אָבגעצוימט ווינקעל, האָבען זיך אָקאָרשט בעזעצט אַ יונג פּאָר-פאָלק. זיי האָבען נאָך פאַר זיך אַ לעבען פול צרות. נאָר איצט זענען די יונג און גליקליך. די מיילער רעדען אַפילו פון פּרנסה, די אויגען אָבער פיהרען די בלומען-שפּראַך פון אַ ריינער צערטליכער ליעבע. צוזאַמען מיט פּרץ'ן רוהט זיך אָב דעם לעזער'ס געמיט, זיך צוקוקענדיג, ווי דאָס יונגע בלוט איז מנצח די שווערקייט פון דלות. דאָך דאַרף מען נישט פערגעסען, דאָס די ליעבעס-סצענע צווישען טריינעלען און יוסעלען איז מעהר ניט ווי אַ ליכטיגער שיין אין אַרומיגען דלות. דער אַרומיגער שמוץ בעשמוצט און צעטרעט אַפילו די שענסטע בלום. די ליעבע-סצענע צווישען דאָס יונג פּאָר-פאָלק ווערט איבערגעריסען מיט אַ קללה פון אַ שכנ'טע, וועלכע איז צו פערביטערט, אַז די זאָל קענען צוזעהן דעם נחת פון אַ צווייטען. און מען דאַרף פערשטעהן, דאָס ווען היינט וואָלט די שכנ'טע נישט געשטערט טריינעס און יוסי'לעס ביסעלע פרייד, וואָלט דאָס מאָרגען אָדער איבערמאָרגען געטאָן אַנ'אַנדער קללה, די פינסטערע קללה פון דעם שרעקליכען יודישען דלות.

אין אַ „כעס פון אַ יודענע“ וואַרפט אַריין פּרץ אַ שטראַהל פון פּאָעזיע אין די נשמה פון אַ געוועהנליכער אָרימער יודישער מוטער, און צוליעב דעם שטראַהל זעהען מיר, ווי נאָהענט ביי אײנאַנדער עס וואוינען אין איהר האַרץ די ביטערסטע געפיהלען מיט דעם ביסעלע נחת. עס איז אַנ'אַלט-מאָדיש ווייב און האָט הנאה דערפון, וואָס איהר מאַן דער בטלן איז פאָרט אַ לערנער, אַ למדן; ווען שוין ניט די וועלט, וועט די וועניגסטענס צוליעב דעם מאַנ'ס תורה האָבען אַ בעסערע מערכה אויף יענער וועלט. דאָך איהרע צרות און דאָס טראָפּעלע פרייד וואוינען צו נאָהענט נעבען אײנאַנדער. דאָס ביטערע לעבען אויף דער וועלט פערטרינקט די איינציגע, ליכטיגע האָפנונג, און די ליפּען, וואָס האָבען נאָך אָקאָרשט געשמייכעלט, וואַרפען שוין אַרויס בייזע ווילדע קללות. דער דלות שטיקט און דריקט פון אַלע זייטען, ער איז שטאַרקער פאַר איהר אַייזערנעם ווילען, אַפילו אַ מעשה זיך אָנטון לאָזט ער איהר ניט, דען איהר קראַנק קינד ציהט זיך פון וויגעלע

און חאַפּט „מאַמע“; ער וויל זויגען איהר פּערדאַרטע ברוסט. זי שלײדערט אַוועק דאָס שטריקעל, אויף װעלכען זי האָט זיך געוואָלט הענגען, װאַרפט זיך צום קינד און שרייט: נאַ, זויג, פּרעס! אַפּילו אַ מעשׂה אַנטון לאָזט ער מיך ניט! נאַ זויג! בייס!

אין צעהנדליגער קליינע מעשׂה׳לעך שילדערט אונז פּרץ די נשמה פון יודישען אָרימאַן, װעלכער הערט ניט אויף צו אַרבייטען און לאָזט זיך נישט אָב אַפילו אין די ערגסטע אומשטאַנדען; דערביי טראָגט ער ביי זיך אין האַרצען אַ גאַנצע װעלט מיט איידעלע און טיעפע געפיהלען, ער בע־גענוגענט זיך מיט די קלענסטע פריידען און דאָס, װאָס דער רייכער קריגט פאַר אומזיסט און אויף װאָס דער אָרימאַן מוז אַרבייטען מיט די זאַפט און היות פון זיין קערפער, נעהמט ער צו װי אַ געשענק מיט אַ דאַנק צום בעשעפער. אַנדערע אָבער זענען שוין אַזוי דערשלאָגען, דאָס זיי פערלירען שוין גאָר די קראַפט זיך צו װינשען עפּיס גוטס אין לעבען, װי אַ שאָטען פינסטערען זיי אָב זייער װעלטעל, װי אַ זעמדעל ביים ים, אויף װעלכען קיינער קוקט ניט און איטליכער טרעט מיט די פיס... („דער משולח“, „באַנ־ציע שװייג“). זיך צוקוקענדיג צו דעם טיפ פון די דערשלאָגענע, די „באַנ־צע שװייג׳ס“, בעגיסט זיך פּרץ׳ס האַרץ מיט אַ ביטערער איראָניע. דען קיין זאַך איז ניט אַזוי געפעהרליך פאַר די צוקונפט פון אַ פאָלק, װען עס בעװייזען זיך הויפענווייז אַזעלכע דערשלאָגענע. מען טאָר ניט טרייבען די בעגנוגזאַמקייט אַזוי װייט, װי „באַנצע שװייג“, מען מוז בושה האָבען פאַר דעם אייגענעם מענשען אין זיך און ניט זיך לאָזען טרעטען, װי אַ זעמדעל ביים ים.

פּרץ׳ס װערק בעשעפטיגען זיך ניט מיט דעם דלות אַליין. אויסער דער אָרימקייט געפינען זיך נאָך איין טויזענדער אַנדערע סבות, פאַרוואָס דאָס לעבען פון אַ יודען װערט שוין בייצייטענס צעבויגען און צעבראָכען. מיר יודען זענען אַנ׳אַלט פאָלק, װאָס שלעפּט־מיט מיט זיך אַ גרויסען לאַנגען עבר, װאָס פאַסט ניט צו אונזער היינטיגען לעבען. מיר עטעמען די לופט פון 20־טען יאָהרהונדערט און טראַכטען און פיהלען װי פאַר 500 יאָהר צוריק. טויטע גייסטער, װאָס האָבען שוין זייער אַרבייט לאַנג אָבגעטאָן און רוהען זיך בשלוה אין הייליגע קבֿרים, מישען זיך אַריין אין אונזערע היינטיגע דרכים און נויטען אונז צו האַלטען זיך אָן די פיהרונגען פון די פאַרצייטיגע דורות. שװערע הנהגות, אַלטע מנהגים און טויזענדער קליי־ניגקייטען בינדען און פענטענען דעם פרייען טריט פון היינטיגען יודען.

פּרץ האָט דאָס אַלץ בעקוקט און בעטראַכט און האָט אין אָבגע־

וואויגענע שפּיציגע ווערטער אַרויסגעשטעלט די פעהלערן פון אונזער לעבען, וואָס אינטערעסירט זיך מעהר מיט דער געשטאָרבענער פערגאַנגענהייט ווי מיט דער לעבענדיגער צוקונפט. — דער אָבגעשטאָרבענער עבר (עס איז דאָ אַ לעבענדיגער עבר) שטעלט זיך פּרץ'ן טיילמאָל פאָר ווי דער גולם אין פּראַגער שול, וועלכער ליעגט ערגעץ־וואו אויפ'ן האַך בעדעקט מיט שפּינוועבס. דער גרויסער מהר"ל פון פּראַג איז שוין לאַנג טויט, נאָר ער אַליין האָט נאָך געקענט דעם גולם לעבעדיג מאַכען. היינט אָבער ווייס שוין קיינער ניט דעם שם, דורך וועלכען מען קען אינ'ם גולם אַריינבלאָזען אַ נשמה. „און דאָס שפּינוועבס וואַקסט און וואַקסט און מען טאָר עס ניט בעריהרען". אַנ'אַנדער מאָל שטעלט זיך איהם דער עבר פאָר אין אַ בילד פון אַלטע אָבגעטראָגענע בגדים, וועלכע פוילען אויפ'ן מיסטקאַסטען. אייביגע מחלוקות, קיין מינוט אַחדות... צי דען קען לעבען אַ צעפוילט לעדער פון אַנ'אַלטען קאַמאַש אין אַחדות מיט דער זויל פון אַנ'אַמאָליגען וואַסערשטיוועל? ביידע טויגען שוין צו קיין זאַך נישט, זיי קענען נור חלומ'ען פון אַמאָליגע צייטען, וועלכע וועלען קיינמאָל ניט צוריקקעהרען, נור די, וואָס האָבען אַ צוקונפט, קענען זיך פעראייניגען, די אָבער, וואָס חלומ'ען נור פון אַנ'עבר — צופליהען זיך אין ענדלאָזע צייטען פון פערשוואונדענע וועלטען, ניט בעזיצענדיג אויף דער היינטיגער וועלט האָטש אַ שטיקעל פּלאַץ, וואו זיי זאָלען זיך קענען פעראייניגען, און דעריבער, אַז „פרייטאָג צו נאַכטס זאָגט דער חזן: התנערי מעפר קומי! (האָפּ זיך אויף, שטעה אויף פון דער שטויביגער ערד) דערפיהלען זיי אַ ציטערניס אין די ביינער און ווילען זיך אויפהויבען. נאָר יעדעס שטיק בעזונדער איז פערפוילט אָהן כח, און זיך צוזאַמענעהמען איז נישט מעגליך („קליינע מעשות פאַר גרויסע"). — מיט דעמזעלביגען גייסט זענען דורכגעדרונגען פּרץ'ס סאַטירען, וועלכע זענען איינציג אין אונזער יודישער ליטעראַטור.

די וואָס מיינען, אַז פּרץ האָט מיט זיינע סאַטירען געוואָלט פערטיידיגען אַ הפקר־וועלט, לעבען אין אַ מאוס'ן טעות. פּרץ'ס סאַטירען ווענדען זיך געגען דעם תחינה־פרומען עבר, וועלכער לעבט נאָך ביז היינטיגען טאָג, און בעזיצט אַ גרעסערן כח פאַר ביקסען און האַרמאַטען. די תחינה־פרומע צייט וויל ניט הערען און זעהן, וואָס עס טוט זיך אַרום איהר, ווי אַ בלינדע צעטרעט זי דאָס בעסטע און דאָס אידעלסטע, ווען די מענשען פיהרען זיך ניט ווי זי פערלאַנגט. זי ווייס ניט פון ליעבע, פון ליידענשאַפט אין די הייסע בלוט פון אַ יוגענד. אַלץ איז אַ זינד, אַנ'עבֿרה,

זוען מען בערידהרט נור א פיצעלע פון איהר צערעמאָניע. פרץ פראָטעסטירט געגען די פערפרומטע נפשות, וועלכע שטיקען אין זיך די פראָסטע געזונדע נאַטירליכע געפיהלען און פערקריפען זייער נשמה, אַטרוקענעם דין אָדער אַ פוסטען מנהג. —

דעם פראָטעסט קעגען די פערגאַנגענהייט, וועלכע לעגט זיך ווי אַייזערנע שווערע קייטען אויף די פיס פון היינטיגען לעבעדיגען מענשען, האָט פרץ נאָך פיעל טיעפער און אויף אַ נייעם אופן אויסגעדריקט אין זיין „אַלטוואַרג".

נאָר ניט די פאַרצייטיגע דורות אַליין מאַכען שווער אונזער לעבען דורך די אומעטיגע ירושה, וואָס זיי האָבען אונז איבערגעלאָזען... עס איז נאָך דאָ אַ נאָהענטערע פערגאַנגענהייט, וועלכע לאָזט איבער טיעפע וואונדען אין די יונגע קערפערס פון אונזערע ברידער. די ערציהונג, וואָס אַ יוד קריעגט פון קליינוויז אָן, מאַכט פון איהם אָפטמאָלס אַ קאַליקע אויפ'ן גאַנצען לעבען. שוין קליינערהייט אונטערדריקט מען ביי איהם דאָס נאַטירליכע געזונדע געפיהל. די „טאַטעס" קוקען אויף זייערע צעהניאָהריגע בנים כמעט ווי אויף דערוואַקסענע. די תרי"ג מצות הויבען שוין אָן בייצייטענס צו בויגען דעם יונגען רוקען, און דאָס קעפיל פון קליין קינד מאַכט מען פול מיט אַזעלכע למודים, וואָס איז אַפילו אַ דערוואַקסענעם מענשען שווער צו בענעדמען. אַרום און אַרום זעהט מען ניט קיין איינציגע שענע פאַרב, מיאוס איז אַלץ, וואָס רינגעלט אַרום אַ קליין קינד פון ערשטען טאָג אָן. פון גאָטס נאַטור האַלט מען איהם דערווייטערט. גרינע פעלדער, געדיכטע וועלדער, די רוישענדע וואַסערן פון די טייכען זענען ניט פאַר זיין אויג בעשאַפען געוואָרען. דער פינסטערער דומפיגער חדר איז דאָס שטייגעל, וואו עס צאַפעלט זיך דאָס יונגע הערצעל פון אַ יודיש קינד. און ווען עס וועקט זיך שוין ביי איהם עפיס אַנ'ערהאַבען און שען געפיהל, קען ער דאָס ניט אָנרופען ביים נאָמען, אָבער ער פיהלט נאָך שטאַרקער דעם מרחק צווישען אַרומיגען מיאוס'ען לעבען און דער שענקייט, צו וועלכער זיין פאָעטיש האַרץ שטרעבט מיט אַזאַ ליעבשאַפט און אַזאַ כוח.

אין פרץ'ס „וואָס איז אַ נשמה" קלערט אַ יודיש קינד וועגען דעם, ווי שטעלט מען זיך פאָר אַ נשמה.

ער געפינט קיין פאַסענדעס בילד, מיט וועלכען מען זאָל קענען פערגלייכען אַזאַ איידעלע זאַך, אום זי זיך בעסער פאָרצושטעלען. ווי יעדעס קינד פערגלייכט ער זי מיט די בילדער, וואָס רינגלען איהם אַרום:

מיט אַ פֿאַלי:, אין וואָס מען וואַשט גרעט, און מען ריינגט, און לייטערט; מיט אַ דינעם רויך, וואָס גיעהט אַרויס פֿון אַ צעבראָכענעם קוימען א. אַז. וו. נאָר בשעת ער האָט אָנגעהויבען נאַטירליך און געזונד צו פֿיהלען, בשעת אַ געזונדע ליעבע האָט זיך ביי איהם בעוויזען מיט איהר ליכטיגקייט און וואַרעמקייט, דעמאָלסט האָט ער בעקומען דאָס ערשטע בילד, מיט וואָס ער וואָלט געקענט פֿערגלייכען די אידעלקייט און שענקייט פֿון דער נשמה.

„דאָס קראַנקע יונגעל“ („יוד“ 1900) טרויערט און זיפֿצט דערויף, וואָס אַלץ אַרום איז אַזוי שוואַרץ און גרוי, עס פֿערדריסט איהם, וואָס די שול, דאָס הייליגסטע, איז נידעריג און איינגעפֿאַלען. ער חלומ'ט פֿון אַ צייט, בשעת די יודישע שול וועט העכער זיין פֿאַר אַלע טעמפּלען און זיין גלאַנציגער דאַך וועט אָבשפּיגלען די גאָלדענע שטראַהלען פֿון דער זון...

———————

IV

ביז איצט האָבען מיר געזעהען, דאָס פּרץ שילדערט פֿאַר אונז, ווי דאָס לעבען ווערט פֿערניכטעט און צעשטערט פֿון דעם גרויסען דלות, פֿון דער שווערער ירושה פֿון אַ טויזענד־יעהריגען גלות, פֿון דער פֿאַלשער ערציהונג, וועלכע מיהט זיך נור צו ענטוויקלען אין אונז דעם מוח, טריקענט אויס ביי'ם יודען די נאַטירליכע געפֿיהלען און לאָזט ניט אַריין צווישען זיינע פֿיער נאַקעטע וואַנד עפּיס אַ בעפּוצונג, אַ צירונג, האָטש אַ העלען פֿרישען קאָליער, אויף וואָס דאָס מידע אויג זאָל זיך קענען אַ ווײַלע אויס־רוהען.

צי איז שוין דאָס יודישע לעבען אַזוי פֿער'חושכ'ט, אַז עס דרינגט שוין אין איהם ניט אַריין דער מינדעסטער שיין? צי איז פֿאָרט ניטאָ עפּיס אַ „שפּאַניש ווענטעל“, הינטער וועלכען עס שלאָגט נאָך אַ לעבענדיג

הארץ? וועלכע בעזונדערע קרעפטען געפינען זיך נאך ביי אונז און ווי ווירקען זיי אויף אונז?

פרץ, וועלכער האט מיט זיין שארף אויג באלד בעמערקט אין דער „קעלער-שטוב“ אנ'אבגעצאמט ליכטיגען ווינקעל, האט איך געפונען אנ'ענטפער אויף די דאזיגע אומעטיגע פראגען. — אין צעהגדליגער ערצעהלונגען האט ער געשילדערט דאס יודישע ווייב, די יודישע מוטער. מיט א צערט-ליכער ליעבע האט ער זיך צוגעקוקט צו איהר אומעטיגען מזל, און ס'דוכט זיך אויס, דאס אלע זיינע פרויענגעשטאלטען רעדען צו אונז אנ'איינציגע שפראך:

האלט הויך דאס יודישע ווייב, שעצט אין איהר דאס רייכע געפיהלס-לעבען. דער גלות האט דאס יודישע ווייב ניט אזוי צעבראכען, ווי דעם מאן. דער עול פון די מצוות, דער הדר, די ישיבות האבען די יודישע פרוי נישט געבויגען, און שוין דורך דעם, וואס זי איז געווען אייביג א טרייע מוטער, האט זי ניט געקענט ווי דער מאן אנט-לויפען פון קאכעדיגען לעבען אין בית-המדרש אריין. אלע געפיהלען, וואס זענען פערטריקענט געווארען ביי'ם מאן, בליהען פריש אין איהר הארצען, די מוטערליעבע האט פון איהר געמאכט א ציטריג איידעל געפעס, און בשעת דער מאן איהרער איז געגאנגען מיט בלינדע אויגען דורך די וועלט, האט איהר מוטער-בליק אלץ שארף בעטראכט און בעמערקט.

בשעת „דער קראנקער יונגעל“ וויל פאר עמיצען אויסגיסען זיין צי-טעריג הארץ, געהט ער צו דער מאמען. ער האט דעם „טאטען“ האלד, אבער ער קען זיין בליק ניט פערטראגען. אלע זיינע הייסע געפיהלען ווערען פערגליווערט, ווען ער דערזעהט דאס מרה-שחורה'דיג אויג פונ'ם טאטען. נעבען דער מאמען אבער בליהען זיי אויף מיט א וואונדערבארער פרישקייט און וואקסען אויס צו רויז-רויטע בלומען...

דאס יודישע ווייב און די יוגענד ביי די אונטערסטע קלאסען פון פאלק האבען נאך ניט פערלארען דעם נאטירליכען צובונד צום לעבען. פאר זיי איז נאך אלץ שיר-השירים דאס ליעבע-ליעד, וואס זינגט א קעניג פאר א שען-קינד, די יונגע שולמית, וועלכע געהט אלע פרידמארגען ארויס מיט איהרע שעפעלעך אויף די גרינע בערג פון ירושלים. זיי גיבען זיך אב מיט לעבעדיגע אינטערעסען, קעמפפען מיט דעם בייזען עלענד פון זייער לעבען און ארבייטען מיט א גלויבען פאר א בעסערע צוקונפט. האטש זייער

גלויבען איז אָהן ווערטער, ווייל זיי זענען צו אונגעלערנט דייטליך אַרויס־צוזאָגען אַלץ, וואָס זיי פיהלען.

און ניט נאָר אויף זיי אַליין האָפּט ער... דער איינענער, וועלכער קלאָגט אויף דעם, וואָס מען קען זיך ניט בעפרייען פון טויטען עבר, האָט נישט פערגעסען די ירושה, פון דער לעבענדיגער יודישער פערגאַנגענהייט. — צוליעב דעם לאַנגען גלות האָבען זיך ביי אונז אַ סך כחות און פעהיגקייטען ניט ענטוויקעלט, אָדער זיי האָבען, צוליעב דעם, וואָס עס פעהלט אונז די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט, גענומען אַ פאַלשע ווענדונג. פאַר הונ־דערט און עטליכע פערציג יאָהר צוריק האָט זיך געבילדעט ביי יודען אַ נייע כתה, דער הסידיזמוס, וואָס האָט אין אַ קורצער צייט צוגעצויגען צו זיך דעם גרעסטען טייל פון פאָלק. די הסידישע תורה האָט געלויבט דאָס לעבען, די נאַטור, אַלץ וואָס דערהויבט און שטאַרקט די מענשליכע נשמה. זי האָט געוואָלט אין דער אויסגעטריקענטער מענשליכער ברוסט וועקען פרייד, נחת, ליעבשאַפט צו דער ליכטיגער וועלט און צו איהר בורא. זי האָט האָלד גע־האַט איטליכען יודען, דעם למדן גלייך מיט דעם עם־הארץ, דעם חריף גלייך מיט דעם פראָסטאַק, דעם תם. זי האָט געוועקט ביי איהרע אָנ־הענגער אַנ'אַכטונג צו דעם, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען מענש, און האָט צעבראָכען די מחיצה צווישען מענש, וועלט און גאָט. אַלץ איז איינס, די גאַנצע וועלט זינגט שירה און דער מענש דיענט דעם איבערשטען מיט אַ פרעהליכען שמייכעל אויף די ליפען נישט מינדער, ווי מיט אַ טרעהר און אַ זיפץ... צוליעב אַ סך סבות איז פון דער תורה ווייניג וואָס אַרויס. קמיעות, צדיקים, בעל־שמ'ס און רביים האָבען אַרויסגעשטופּט דעם היי־ליגען גייסט פון גרויסען בעש"ט'ס תורה... דער בעש"ט איז שוין לאַנג טויט, דאָך בירושה האָט ער אונז איבערגעלאָזען די הויכע אידעאַלען, צו וועלכע ער האָט געשטרעבט און פון וועלכע מיר שטעהען נאָך היינט מיילענווייט און דעריבער איז יענער עבר נאָך עד היום אַ לעבעדיגע צייט פאַר אונז.

און פרץ, ווי יעדער עכטער פּאָעט, וואָס האָט אַ טיעפען צובונד צו אַלץ, וואָס בעזיצט נור זאַפט און הויות, האָט ניט אויפגעהערט צו שילדערן דעם לעבעדיגען יודישען עבר. נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבען שרייבען זיינע בעריהמטע בילדער וועגען הסידיזם, האָט ער אונז מיט אַ קונציגען טאַלענט געמאָלט די מענשען פון אַלטע דורות, זייערע געדאַנקען און זייערע אידעאַלען („די מקובלים“, „דער פערשאָלטענער ברונען“ א. ד. גל.). שפּע־

טער אָבער האָט ער זיך פערטיעפט אין די צייטען, בשעת דער ריינער הסידיזם האָט אָנגעהויבען וואַרפען אין יודישע הערצער די ערשטע זאַמען. הער פון די לעזער געדענקט ניט זיינע הסיד'ישע מעשות: „שהשמחה במעונו“, „אויב נישט נאָך העכער“, און „צווישען צוויי בערג“? אין דער לעצטער ערצעהלונג, וועלכע איז באַלד איבערגעזעצט געוואָרען אין רוסיש און אין דייטש, האָט ער מיט קלאָרע פעסטע ליניען, אין צוויי לעבעדיגע געשטאַלטען, אין אַ פאַרצייטיגען גאון און אין איינעם פון די ערשטע רביים, אונז געגעבען אַ בילד פון די גרויסע עקשנות'דיגע מחלוקות צווישען די מתנגדים און די ערשטע הסידים, צווישען די אַלטע טרוקענע לומדישע אידעאַלען און דער נייער וואַרימער הסיד'ישער תורה, וועלכע רעדט צום האַרצען מיט אַזאַ פריינדליך זיסען קול... די זעלבע געגנער צווישען צוויי נשמות, אַ מתנגדישער און אַ הסיד'ישער, זעהען מיר, האָטש אין אַנ'אַנדער אופן אין זיין „משנת-הסידים“ (העברעאיש) און אומעטום, וואו מיר טרעפען ביי פרץ'ן אָן דעם ריינעם הסידישען אידעאַל, וועקט זיך אויך ביי אונז אַ שטראָם פון פערשיידענע געפיהלען, הויבען מיר אָן צו בענקען נאָך דעם בעש"ט'ס צייטען, בשעת מענשען האָבען געלעבט פיינער, איידעלער און שענער...

---

אין אַ קורצען אַרטיקעל איז אונמעגליך אַרומצורעדען פון אַלע זייטען די 25-יעהריגע אַרבייט פון אַזאַ פּאָעט ווי פרץ. עס איז אַפילו אונמעגליך אויסצושעפען האָטש אַ קליינעם טייל פון דער עשירות, וואָס ליעגט בעהאַלטען אין זיינע אַלע ווערק.

דער דאַנקבאַרער לעזער, לייענענדיג מיט כונה די געזאַמעלטע ווערק פון פרץ, וועט געפינען דאָרט אוצרות פון פּאָעזיע און געדאַנקען. פרץ שרייבט קורץ און שאַרף, ער רעדט ניט קיין פוסטע מליצות, און אין אַ קורצער פראַזע זיינער ליעגט אָפט בעהאַלטען אַ טיעפער זין. ער האָט ניט געשריבען פאַר'ן ניעדריגען געשמאַק, ער האָט זיך שטענדיג געמיהט דעם געשמאַק פון לעזער אויפצוהויבען און איידעלער צו מאַכען. און פינדעסטוועגען האָט ער שטענדיג געשריבען פאַר דעם פאָלק און צוליעב דעם פאָלק. ער האָט זיך ניט גע'הנפ'ט צו די גרויסע און צו די רייכע, ער האָט ניט פערדעקט זיינע געדאַנקען. דאָס וואָס ער האָט געטראַכט, האָט ער

שטענדיג אָפֿען און עהרליך אַרויסגעזאָגט. ער האָט זיך דורך דעם אַ סך אונפֿריינד צוגעצויגען, נאָר, ווי יעדער פּאָעט, וואָלט ער נישט מפּצה צו זיין די שונאים. ער אַרבייט פֿאַר זיין פֿאָלק. ער אַרבייט פֿאַר דעם פֿאָלק מיט דעם כח פֿון דער פּאָעזיע, און ווען דאָס לעבען איז היינט נישט זיס, טרייסט ער זיך מיט דער האָפֿנונג, דאָס צוליעב דער אַרבייט פֿון הויכע גייסטער וועט אַמאָל דאָס מענשליכע לעבען ווערען בעסער און איידעלער...

מאי, 1901.



# שלום עליכם.

## I

שלום-עליכם געהערט אָן צו די בעל-מזל'דיגע יודישע שרייבער, וואָס דאַרפֿען ניט וואַרטען ביז אַ יובילעאום ווען בעקאַנט מאַכֿען זייער נאָמען צווישען די ברייטע מאַסען פֿון פֿאָלק. נאָך איידער די קריטיק האָט זיך אָנגעהויבען צו בעשעפֿטיגען מיט שלום-עליכם'ן, איז ער שוין בעוואוסט געווען כמעט אין איטליכען יודישען הויז. עס זענען געווען צייטען, ווען אַ גאַנצע שטאָדט האָט אויסגעקוקט די אויגען אויף אַ נומער „יוד", וואו שלום-עליכם האָט מיט אַזאַ פֿרייען, ברייטען געלעכטער אויף די ליפּען געמאַכֿט אַ תל פֿון אַ געוויסען קלאַס ספּעקולאַנטען און בערזען-האָזען. נאָך איידער עס איז געווען ביי אונז אַ טעגליכע פּרעסע, איז שוין שלום-עליכם געווען אַ בעקאַנטער בעליעבטער גאַסט פֿאַר איטליכען ליעבהאָבער פֿון דער יודישער ליטעראַטור. זיין 25-יעהריגעס יובילעאום מאַכֿט איהם נישט פּאָפּולערער, פֿיהרט איהם נישט אַרויס ווי פֿון אַ דונקעלן ווינקעל, אין וועלכען עס פֿערבּרענגען געוועהנליך זייער לעבען-לאַנג אונזערע טאַלענטירטע שרייבער, מאַכֿען איהם ניט פֿאַר אַ גרעסערן מפֿורסם, ווי ער איז געווען שוין פֿאַר צעהן יאָהר צוריק. און דעריבער, ווען מיר מאַכֿען פֿון זיין יובילעאום אַ שטיקעל יום-טוב, זענען מיר נישט מחויב פֿאָרצושטעלען פֿאַר'ן לעזער דעם

יובילאַר. אַלע קענען און ווייסען איהם; זעלטען ווער פֿון אונז איז נישט בעקאַנט מיט זיינע הויפּט-העלדען „טוביה דער מילכיגער“ און „מנחם-מענדעל פֿון יהופּעץ“; נישט איין יודישער בעל-הבית האָט געלאַכט מיט אַ ברייטען געלעכטער, לייענענדיג שלום-עליכם׳ס „פּריזיוו“, „גימנאַזיע“, מנחם-מענדיל׳ס בריעף צו זיין ווייב שרה-שיינדעל, „די פּאַפּירלעך“, די „מענשען מיט קליינע השגה׳לעך; און דער מעהרסטערטייל ליעבהאָבער פֿון יודישען טעאַטער האָט זיך מהנה געווען, קוקענדיג זיינע דראַמאַטישע בילדער און די קאָמעדיע „צעזייט און צעשפּרייט“.

שלום-עליכם איז אַן אַלטער ליעבער פֿריינד אין יודישען וועלטעל. ביים פֿאָלק געהט כמעט נישט אַריבער קיין איין מזל-טוב, שלום-זכר, חנוכה, אָדער גלאַט אַזוי אַן אָווענד, וואו מען קומט זיך צונויף פֿערברייגען, אַז מען זאָל נישט מכבד זיין די געסט מיט אַ „שטיקעל שלום-עליכם׳ן“, ווי מען איז מכבד מיט אַ גוטען גלעזעל ווייץ און אַ שטיקעל טאָרט און לעקעך. דאָס פֿאָלק האָט שוין לאַנג ענטדעקט דעם טעם פֿון מתיקות אין שלום-עליכם׳ס ווערק. אַ דאַנק דעם יודען פֿון וואָלין האָט דאָס פֿעראומערטע, פֿער׳השכ׳טע פֿאָלק, פֿול מיט ביטערניסען אין האַרצען און שטעכווערטליך אויף די ליפּען זיך אויסגעלערנט לאַכען.

און דאָס איז נישט קיין קלייניגקייט, ווי אַנדערע מיינען.

קענען לאַכען, הייסט, קענען קוקען אויף זיך און די וועלט מיט די אויגען פֿון אַ זייטיגען מענשען; דאָס הייסט, זיך בעפֿרייען אַ ווייַלע פֿון חומר, פֿון אייגענעם „איך“, און זעהן גאָט׳ס וועלט אַרום זיך מיט די אויגען פֿון אַ ניי-געבאָרענעם. קענען לאַכען, הייסט, זיך פֿיהלען אונשולדיג, ריין און פֿריי פֿון זינד קענען זיך און אַנדערע, הייסט, זיך אויף אַ רגע בעפֿרייען פֿון די היסטאָרישע אייביגע חטאים, וועלכע זענען מטמא אונזער נשמה מיט פֿעטע פֿלעקען. אַ מענש, וואָס לאַכט, פֿיהלט זיך אויף אַ ווייַלע ריין פֿון די אַרומיגע זינד, ער הויבט זיך אויף צו דער הויכקייט פֿון אַ קליינעם גאָט, וואָס בעפֿרייט זיך מיט זיין געלעכטער פֿון זיין אייגענער שעפּפֿונג, און איז מבטל די שעפּפֿונג.

דעריבער איז דאָס לאַכען אַזוי געזונד, און אַ מענש וואָס לאַכט פֿיהלט זיך אַזוי גליקליך פֿון גאַנצען האַרצען—דאָס לאַכט אין איהם די נשמה, וואָס האָט זיך אויף אַ ווייַלע אָבגעריסען פֿון שווערען חומר איהרען, שוועבט איבער די מענשען און זייערע מעשים, ווי אַ לוסטיגער פֿויגעל, שוועבט אויף אַ רגע אין אַ ריינער פֿרייער לופֿט, פֿריי פֿון רחמנות, זינדיגקייט און געוויסענס-ביסען.

שלום=עליכם האָט אויסגעלערנט זיין פאָלק לאַכען; ער האָט בעשופט מיט זיין שפראַך, וואָס פערעלט פון הומאָר, צעהנדליגער טויזענדער לעזער און ער האָט געבראַכט דערצו, דאָס אַ פאָלק, וואָס זיין לעבען איז דורך=און=דורך נישט נאָרמאַל, ד. ה. אָביעקטיוו זינדיג, און איז אינגאַנצען פערטרונקען אין אַ ים פון ווידערשפרוכען, — דאָס אַזאַ פאָלק האָט, לייענענדיג זיינע פרעהליכע זאַכען, זיך געפיהלט אויף אַ ווײלע אַלס אַ זייטיגער מענש, וואָס קאָן לאַכען איבער זיינע אייגענע צרות, אַקוראַט ווי זיינע צרות וואָלטען שוין ניט געווען זיינע, נאָר פרעמדע פון אַ פרעמדער וועלט.

איטליכער פון אונז האָט איבערגעלעבט דעם שווערען צושטאַנד, ווען עס דוכט זיך אונז אין חלום, אַז מיר האָבען עפּיס אָבגעטאָן אַ שרעקליכע זינד, אָדער עס האָט מיט אונז געטראָפען אַ גרויס אונגליק. אין אַזעלכע שווערע מינוטען פליהט אַ דורך אונזער רעיון די האָפנונג, אַז דאָס איז אפשר גאָר אַ חלום און באַלד, באַלד וועט מען זיך אויפהאַפּען און דער גאַנצער שרעק וועט צערינען ווי וואַסער אין זאַמד. און איצט שטעלט זיך פאָר, ווען איינער פון אונז וואָלט בעזעסען דעם כח דאָס אֶמת'ע לעבען צו מאַכען פאַר אַ חלום, און דער איינער וואָלט קומען צו אונז און ברײנגען אונז דערצו, אַז דאָס וואָס מיר האָבען אָבגעטאָן און דורכגעלעבט, אַז די דריקעניסען, פון וועלכע מיר ליידען, אַז אַלע די עולות, וואָס מיר טוען אָן אַנדערע, און וואָס אַנדערע טוען אונז אָן, — אַז אַליך, אַליך איז נאָר אַן'אומגעלומפערטער שווערער חלום, פון וועלכען מיר וועלען זיך באַלד אויפהאַפען, און דער מאוס'ער חלום וועט צערינען, ווי וואַסער אין זאַמד. שטעלט זיך פאָר, וואָס פאַר אַ טייערער אָנגעלעגטער גאַסט וואָלט דאָס געווען, מיט וואָס פאַר אַ דאַנקבאַרקייט מיר וואָלטען געקוקט אויף דעם דאָזיגען פאַרשוין דעם שוואַרץ=קונצענמאַכער. אַזאַ שוואַרץ=קונצענמאַכער איז אָבער איטליכער אֶמת'ער גאָט=געבענשטער פּאָעט. דען וואָס טוט דען דער פּאָעט, אויב נישט די מלאכה פון אָקאָרשט בעשריבענעם שוואַרץ=קונצענמאַכער. ער פערוואַנדעלט אונזער ממשות'דיגען, גשמיות'דיגען לעבען אין אַ חלום.

אויך שלום=עליכם איז דער קינסטלער, וואָס פערוואַנדעלט אונזער רעאַלעם לעבען אין אַ חלום. אַ דאַנק זיין פרייען געלעכטער ווערט פערוואַנדעלט אונזער אֶמת'ע וועלט אין א בבא=מעשה. דער יודישער סוהר אין געשטאַלט פון מנחם=מענדיל ווערט עפּיס אַ פאַנטאַסטישע פיגור. דער יודישער בעל=הבית, וואָס טוט אָב אין לעבען די אייגענע טויזענדער נאַרישקייטען, וואָס דער יוד איז מאָנאָלאָג „גימנאַזיע“, לאַכט פון זיין שפּיעגעלבילד דעם טפּוש, וואָס שטרענגט אָן אַלע כחות דורכצוברעכען דאָס פּראָצענט=

געזעץ פון גימנאַזיום, לאַכט פון נאַרישען יודעל, וואָס טוט אַב צעהנד־ליגער מאוס׳ע מלאכות, מאַכט חרוב זיך און זיין פרנסה און בייט אויס סוף כל סוף אַ שוך אויף אַ לאַפּצע. ער לאַכט פון דעם טפּוש מיט אַזאַ געלעכטער, אַקוראַט ווי נישט איהם מיינט מען דאָס. שלום־עליכם האָט איהם אַ ווײַלע בעפרייט פון זיין אייגענעם נאַרישען רעאַלען לעבען און דאָס פערוואַנדעלט אין אַ קאַריקאַטור, אין אַ חלום.

אָדער ווען אַ יודישער בעל־הבית לייענט „דעם פּריזיוו“ און קייכט פון געלעכטער — לאַכט ער אייגענטליך פון זיך אַליין, און דאָך נישט פון זיך. דען שלום־עליכם האָט איהם געבראַכט אין אַזאַ צושטאַנד, דאָס ער, דער לעזער, איז פּלוצלינג פערטראָגען געוואָרען פון זיין ממשות׳דיגען לעבען, זיין בליק איז געוואָרען שאַרפער; ער, וואָס איז שטענדיג פעריאָגט און פער־טריבען, און קאָן זיך אויף אַ רגע נישט אָבגעבען קיין חשבון, איז געוואָרען מיט אַ מאָל אַ בעאָבאַכטער, אַ מענש, וואָס קוקט אויפ׳ן לעבען פון דער זייט, ער איז געוואָרען אויף אַ רגע אָביעקטיוו, און די אמת׳ע וועלט מיט צווייווייסע בילעטען איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ חלום, אַ קאָמעדיע. און נאָך קלערער ווערט אונז דער ענין, ווען מיר קוקען זיך צו גענויער צו שלום־עליכם׳ס הויפּט־העלד מנחם־מענדעל פון יהופּעץ. דען מנחם־מענדעל איז אַ משל, אַ צו־גלייכעניס צום יודישען סוחר, ווינד־מענשען, אַ לעבעדי־גער סימבאָל פון גרעסטען טייל יודען. בעטראַכט אַ ביסעל גענויער דעם דאָזיגען פּאַרשוין מיט די אויגען פון שלום־עליכם׳ן און איהר קענט זיך קוים אָבהאַלטען פון געלעכטער. נעכטען אַ בערזען־מעקלער, היינט אַ שדכן, מאָרגען אַ וואַלד־הענדלער און איבערמאָרגען אַנ׳אַגענט פון לעבענס־פערזיכע־רונג. נעבען די טרעפּ פון אַלע בערזעס קאָנט איהר איהם געפינען, אויף איטליכען מאַרק, נעבען איטליכער קניה׳לע שוועבט מנחם־מענדעל׳ס פיגור. עס איז ניטאָ קיין געשעפט, וואָס ער בענעדמט נישט מיט איין קוק און די צאָהל פון זיינע סוחר׳ישע המצאה׳לעך איז גרעסער ווי שטיינער אויפ׳ן ברוק. פאַהרט פאַרביי אַ פוהר מיט ווייץ, און פאַלט אַריין ביי מנחם־מענדלען צווישען זאַנגען צווישען דריי פינגער — איז ער אַייך שוין אַ מבין אויף תבואה; דערזעהט ער אַ פריץ, וואָס האָט אַ וואַלד, איז ער שוין מאָרגען דער מעקלער פון וואַלד, וואָס דער פריץ האָט דאָס גאַרנישט בדעה צו פער־קויפען. דערזעהט ער אַנ׳אַלמנה אָדער אַ גרושה, — שלעפּט ער שוין צו איהר אַ חתן. לייענט ער אין אַ ציטונג, אַז אַ משוגענער ראָטשילד קלייבט אַ קאָלעקציע פון פליי, מאַכט ער אַנ עסק מיט פליי. אין קאָפּ ביי איהם דרעהט זיך ווי אין אַ מיהל. טויזענדער פּלענער, המצאה׳לעך און עסקים׳לעך

פליהען ארום ביי איהם ווי שדים און רוחות, און פערקלערט זיך מנהם-מענדעל אויף א רגע, הייסט עס, אז צו די טויזענדער משוגעת'ן אין קאפ איז צוגעקומען נאך איינע, א גרעסערע. מנהם-מענדעל איז שטענדיג ווי אין קדחת, איטליכער איינדרוק רופט ארויס ביי איהם צעהנדליגער המצאה'-לעך, ער לעבט ווי אין א פיבער-חלום, און פוטער און לעדער, און ווייץ און נאדלען זענען ביי איהם אליץ איין זאך. און עס לעגט זיך ביי איהם צונויפצופארען צוויי בחורים אלס התן-כלה, און צו פיהרען האליץ איבער א טייך, וואס איז שוין אויסגעטריקענט געווארען נאך פאר מלך סאבעצקי'ס צייטען.

מנהם-מענדעל פון יהופעץ, דאס איז די יודישע פאלקס-משוגעת אין דער געשטאלט פון א יודישען סוחר'ל. קלייבט צונויף די ביאגראפיעס פון עטליכע הונדערט יודישע ווינד-סוחרים און איהר וועט זיך דערשרעקען. עס וועט זיך אייך אויסדוכטען, אז איהר זענט אריינגעפאלען אין א דול-הויז און אז הינטער איטליכען מנהם-מענדעל פון יהופעץ, וואס קראצט די פאטיליצע, מיט'ן שטעקעל אין האנד, גרייט ארויסצוגעהן אויף עפים א טארג'ל — לויערט די צעפלאסענע שדים-געשטאלט פון א בלייכען שגעון.

מנהם-מענדעל איז א פראדוקט פון יודישען גלות. די אייביגע פערפאלגונגען האבען געמאכט פון איהם א משונה'דיג בעשעפענים. דער יוד איז געווען שטענדיג אבגעריסען פון די געוועהנליכע, טיפישע לעבענס-קוואלען-פרנסות. ער האט אייביג געמוזט זוכען זיין חיונה אויף זייטיגע וועגען, אויף אבגעלעבטע סטעזשקעס. ער האט שטענדיג געמוזט ארויסשפירען דאס ניט-געוועהנליכע, דעם יוצא-מן-הכלל, דערמיט ער זאל קאנען עקזיסטירען. דאס רעגעלמעסיגע, טיפישע האט ביי איהם ניט געקאנט שפיעלען אזא ראלע. ער האט געלעבט פון צופאל, ד. ה. ער האט געמוזט שטענדיג אויסגראבען אזעלכע זעלטענע פאלען, אויף וואס די בעלי-בתים פון לאנד גיבען קיין אכטונג ניט, ווייל זיי זענען אזוי אויך זאט. און דאס האט געבראכט דערצו, אז אין דער נשמה פונ'ם יוד דעם סוחר האט זיך אויסגעהאדעוועט א גוסט צו אלערליי אויסנאהמען, צו פאנטאסטישע קאמבינאציעס און זעלטענע אונטערנעהמונגען. דער יוד איז געווען אין דער לאגע פון א שפאניער אדער א פארטוגאליער אין 16-טען יאהרהונדערט, וואס האט שטענדיג פאנטאזירט אויף צו געפינען נייע, נאך נישט-ענטדעקטע לענדער. דער יוד אין מיטעל-אלטער און אויך שפעטער איז געווען א מין פיצארא אדער וואסקא דע גאמא, וואס האט אלע ווייליע ענטדעקט א נייעם אבגעלעגטען קוואל, פון וועלכען ער זאל קאנען ציהען

זיין היונה. אָט דער היסטאָריש=ענטוויקעלטער גוסט צו אונגעוועהנליכע אונטערנעהמונגען, צו אַלערליי סוהר'ישע קאָמבינאַציעס און פֿאַנטאַסטישע פּלענער האָט געבראַכט דערצו, דאָס טויזענדער יודישע סוחרים זענען היינט מנחם=מענדעל'ס, וועלכע האָבען גע'ירש'ענט פֿון די עלטערן דעם טעם צו אַלערליי אויסער=געוועהנליכע אונטערנעהמונגען, אָבער נישט די טיעפֿקייט, רוהיגקייט און בעראָטענקייט זייערע. מנחם=מענדעל, דער יודישער הליעס=טאַקאָוו אַלס סוחר, הענדלער, מעקלער, פּאָדריאַטשיק איז אַ נאַציאָנאַלע געשטאַלט, אַ טיפּ, וואָס מען טרעפֿט איהם אויף איטליכען טריט, אַ לעבע=דיגער משל פֿון יודישער טפשות.

איטליכער יודישער סוחר, לייענענדיג וועגען מנחם=מענדלען, קייכט זיך פֿאַר געלעכטער. שלום=עליכם האָט איהם אויף אַ רגע בעפֿרייט פֿון זיין אייגענער הליעסטאַקאָווּשאַפֿט און געגעבען די מעגליכקייט צו לאַכען איבער זיך אַליין, נישט פֿיהלענדיג דערביי קיין וועהטאָג און קיין הרפה. ווייל אין דער רגע, ווען דער סוחר לאַכט אָב פֿון מנחם=מענדעל, איז ער שוין אַנ'אַנדערער, אַ בעסערער, מיט אַ קלערערן קאָפּ. איך בין זיכער, דאָס איינער פֿון שלום=עליכם'ס בעסטע לעזער איז מנחם=מענדעל אַליין, אַז קיינער האָט נישט אַזאַ הנאה פֿון טפוש, ווי דער יהופּעץ'ער אַליין. און דערפֿון איז גאָר נישטאָ וואָס צו אָב'חוזק'ן. מנחם=מענדעל, לאַכענדיג פֿון זיך אַליין, איז שוין אין דער צייט, וואָס ער לאַכט, אַנ'אַנדערער, אַ פֿרייערער, אַ ריינערער.

די, וואָס האַפּען נישט דעם סוד פֿון אַ געלעכטער, וואָס רייניגט אָב די נשמה, מישען צונויף דעם הומאָריסט שלום=עליכם'ן מיט אַ בדחן. דער הלוק איז אָבער אַזוי גרויס, ווי צווישען אָרים און רייך. ווען מיר לאַכען פֿון בדחנ'ס רייד, לאַכען מיר נישט פֿון דעם, וואָס ער שילדערט אונז, נאָר פֿון בדחן אַליין. ווען דער בדחן זינגט: „אין אַשור און אין מצרים, האָבען יודען געמוזט די בלאָטע קייען", — לאַכען מיר פֿון שוטה דעם בדחן, וואָס ביי איהם איז רעכט צו מאַכען אַ גראַם פֿון „מצרים" מיט „קייען". ווען מען בעזעצט אַ כלה, און דער בדחן צולאָזט זיך אויף זיין קול־כעל: „כלה=לעבען, כלה=לעבען, ווייַן=זשע, וויין, דיינע טרעהרען האָבען איצט דעם זיבעטען חן; מען דאַרף דער מיידעל ביי דער חופה געבען צו פֿערשטעהן, אַז דאָס לעבען איז ביטער ווי הריין א. אַז. וו.", לאַכען מיר נישט פֿון דער כלה, פֿון דער חופה, פֿון אַ לעבענס=בילד, נאָר פֿון בדחן, וואָס ווערט פֿאַר עטליכע קאָפּיקעס אַ מאַרשאַלעק, אַ פורים=שפּילער, און אין אונזער געלעכטער ליעגט רחמנות, פֿעראַכטונג. עס איז אָבער גאָר אַנ=

אנדער זאך, ווען שלום-עליכם לאזט לויכטען זיין הומאריסטיש פייער'ל, ווען ער שילדערט אונז דעם יודען פון א גאנץ יאהר, דעם יודען דעם בעל-הבית, דעם סוחר, די קליין-שטעטעלדיגע מענשעלעך, די עמיגראנטען, די כתרילעוקער לייט מיט זייערע פריידען און ליידען, צרות און שמחות. זיך לאזענדיג פיהרען דורכ'ן קינסטלערס פעדער, פערגעסען מיר באלד דעם פיהרער אליין. בלאט פאר בלאט שווימען ארויף בילדער אויף בילדער, איטליכס מיט זיינע נאטירליכע פארבען און בעוועגונגען. נישט פון שלום-עליכם'ן לאכען מיר, ווען מיר לייענען זיינע מאנאלאגען, בילדער און סצענעס, נאר פון א לעבען, וואס איז אונזער אנ'אייגען לעבען, נאר פון וואס מיר רייניגען זיך איצט אב דורך א ברייטען פרייען געלעכטער.

און דאס געלעכטער איז נישט קיין געלעכטער דורך טרעהרען, עס איז בכלל א טעות, ווען מען מיינט, אז דער עכטער הומאריסט לאכט דורך טרערען. אין גאגאל'ס „רעוויזאר" איז נאר פארהאן א קריסטאלקלארעס געלעכטער. אנ'עכט געלעכטער וויס נישט פון קיין טרעהרען. געטער און זייערע קינדער, עכטע פאעטען, זענען ווי פון איין גוס, גאנץ אין אלע זייערע איבערלעבעניסען סיי אין וויינען, סיי אין לאכען.

און מען בעדארף אויך נישט מיינען, אז דאס פרייע ברייטע געלעכטער פון א לעבען, וואס איז נישט מעהר ווי אנ'אונגעלומפערטער חלום פון א פאלקס-מאסע, — מען דארף נישט מיינען, אז דאס האט שוין נישט קיין שום סאציאלען ווערטה. וואלטער און באמארשע האבען געמאכט לאכען פאריז א טאג פאר דער איבערקעהרעניס. די אייגענע מענשען, וואס האבען געלאכט פון גאנצען הארצען אויף וואלטער'ס חכמות און באמארשע'ס שפיצלעך, זענען ווי גרייניגטע ארויס אויפ'ן גאס, און אפשר מיט קלערערע אויגען געזעהן דעם תהום, וואס שפרייט זיך אויס צווישען זייערע געדאנקען און רעאלען לעבען.

דאסטאיעווסקי אין זיין „בראטיא קאראמאזאווי" שרייבט: א רוסישער מענש שטעהט אמאל זיין לעבען-לאנג אויף איין ארט, קוקט און קוקט, און קוקט, דאכט זיך, גלאט אין דער וועלט אריין; מיט אמאל דערלאנגט ער זיך א הויב און טוט אב עפיס א וואונדערליכע זאך: אדער ער הרג'עט א מענשען, אדער ער לאזט זיך אוועק אין פאלעסטינא זיך בוקען פאר'ן הייליגען קבר. דאס אייגענע איז מיט אבלאכען, אבשפעטען מיט'ן פרעהליכען פרייען געלעכטער אויף די ליפען. מען לאכט, לאכט און מיט אמאל טוט מען אב עפיס א וואונדערליכע זאך: אדער מען פאלט אן אויף עמיצען מיט צוזאמענגעקוועטשטע פיסטען, אדער מען געהט אוועק קיין

ארץ־ישראל. די לעצטע יאָהרען אין רוסלאַנד האָבען בעוויזען, דאָס דאָס געלעכטער, וואָס שלום־עליכם האָט אַרויסגערופען ביי אונז, איז נישט געבליבען אָהן אַ סאָציאַלען רעזולטאַט... עס זענען מקוים געוואָרען ביידע זאַכען, פון וואָס דאָסטאָיעווסקי שרייבט: מען איז אויף עמיצען אָנגעפאַלען, און מען איז געגאַנגען זוכען ערגיץ־וואו אַ לאַנד פאַר מנחם־מענדעל פון יהופּעץ.

דען מנחם־מענדלען איז שוין אַליין מאוס און מאוס געוואָרען צו זיין אַן׳אייביגער מנחם־מענדעל, און דעם טאַטען פון „גימנאַזיע“ אַריינצוגנב׳ענען זיין בן אין ערגעץ־וואו אַ קאַזיאָנע שול, און דעם טאַטען פון פּריזיוניק צוגעהן קריגען אַ דריטען ווייסען בילעט פאַר זיין איין־איינציגען זוהן. און אויב די טאַטעס איז דאָס נישט מיאוס געוואָרען, איז עס די זיהן געוואָרען מיאוס און מאוס צום ברעכען. שלום־עליכם האָט מיט זיין געלעכטער געקעהרט ווי אַ בעזים אין די מוחות פון די יודישע שאַרבענס. דאָס גאַנצע בעל־הבית׳ישע יודישע לעבען האָט בעקומען צוליעב זיין הומאָר אַ פּנים פון אַ נעכטיגען טאָג, פון אַן׳עולם התהו. דער פיינער כשר׳ער יוד, דער אַתּה־בחרתנו׳ניק האָט זיך פּלוצלונג אַרומגעזעהן, אַז ער שטעהט טיעף אין דער בלאָטע, אַז זיין גאַנצע ענערגיע טראָגט אַוועק דער רוח, יאָגענדיג זיך נאָך אַן׳אָרימער היונה, נאָך אַ וואַקאַנסיע אין גימנאַזיע און אַ דריטען ווייסען בילעט פאַר זיין זוהן דעם לגאָטניק.

---

II

גאָט האָט בעשאַפען איינס אַקעגען דאָס אַנדערע און דער קינסטלער טוט נאָך דעם רבונו של עולם. שלום־עליכם׳ס טביה דער מילכיגער איז געגני דער געגענזאַץ פון זיין מנחם מענדעל פון יהופּעץ. אויב מנחם מענדעל׳ס קאָפּ און האַרץ קאָן מען פערגלייכען מיט אַן׳אַכסניה אויף אַ גרויסען טראַקט, וואו איטליכער געהט איין און אויס, איז טביה, דעם מילכיגער׳ס האַרץ אַ פערוואָרפענע האַטקע, וואו זעלטען־ווען בעווייזט זיך אַ פרעמדער גאַסט. מנחם מענדעל איז דאָס גאַס־יודענטום, וואָס זוכט זיך שטענדיג אָנצופאַסען צו דער אַרומיגער סביבה. ער איז בטבע אַן׳איבער־גאַנגס־מענש. ווי אַ שכור׳ער, ווי אַן׳אומרוה, פון אַ זייגער יאַרפט ער זיך

אויף אַלע זייטען. ער איז שטענדיג אין בעוועגונג, און זיין אימפּעט האָט קיין קלאָר ציעל נישט פֿאַר זיך. מנחם מענדעל איז דער יוד, וואָס האָט אין סוף פֿון די 70—80-ער יאָהרען אַראָבגעוואָרפֿען פֿון זיך די יודישע קאַפּאָטע און האָט זיך גענומען פֿיהרען אויף'ן אייראָפּעאישען שטייגער; ער איז דער סימבאָל פֿון די ערשטע שפּראָצונגען פֿון אַסימילאַציע אין דעם מיטעלען סוחר'ישען קלאַס, דעם גרעסטען קלאַס ביי יודען. דאַגעגען איז טביה דער מילכיגער די אַלטע יודישע גאַס, וואָס וויל זיך בשום אופן נישט בייטען, און האַלט זיך פֿעסט אָן די אַלטע מנהגים, פֿון וועלכע נאָר דער טויט קאָן זיי שיידען. מנחם מענדעל איז דאָס מאָדערנע גאַס-יודענטום, טביה דער מילכיגער דאָס קאָנסערוואַטיווע, דער ערשטער טיפּ האָט פֿול געמאַכט דאָס היינטיג-יודישע לעבען. דער אַנדער טיפּ איז נאָך פֿאַראַן אין די קליינע שטעטלעך און פֿערוואָרפֿענע ישובים; אין די גרויסע שטעדט טרעפֿט מען איהם נור אין געצעהלטע עקזעמפּלאַרען.

ביידע הויפּט-העלדען פֿון שלום-עליכם'ן דערצעהלען בדרך משל דאָס לעבען און פֿיהלען פֿון דער יודישער מאַסע. און ביידע טיפּען שיל-דערען אונז די מאַסע מיט אַלע איהרע ליכטיגע און פֿינסטערע זייטען. מאַכט מען אָבער אַ סך-הכל פֿון אַלע די דאָזיגע זייטען, קומט מען צו זעהר אומעטיגע רעזולטאַטען.

קוקט-זיך-צו צו דער מאַסע, וואָס ווערט פֿערקערפּערט אין די מנחם מענדעל'ס, וואָס האַנדלען, וואַנדלען, שווינדלען, יאָגען זיך נאָך זייסע בי-לעטען, נאָך אַנ'אָרט אין גימנאַזיום פֿאַר זייערע זיהן, נאָך אַ נייע פּרנסה, וואָס זאָל זיי רייך מאַכען אין איינס-צוויי-דריי, נאָך אַ פּראָטעקציע ביי די גרויסע, נאָך אַ פּאָדריאַד'ל פֿון שררה,ס האַנד א. אַז. וו. א. אַז. וו. און דער קאָפּ הויבט אָן צו שווינדלען, און עס ווערט נישט גוט קוקענדיג. נישט פֿרעהליכער אָבער איז דער אָנבליק פֿון טביה-די-מילכיגערס, וואָס געהען אַרום ווי בלינדע און זעהען נישט, דאָס אַ נייע פֿרעמדע וועלט רינגעלט זיי אַרום פֿון אַלע זייטען, גזל'ט פֿון זיי אַוועק דאָס ליעבסטע און טייערסטע און מאַכט פֿון זייערע קינדער אַ תל.

טביה דער מילכיגער איז אייגענטליך מעהר אַ ווייבערשער טיפּ, ווי אַ מאַנסבילשער. דעם ספּאָדעק טראָגט זיין ווייב, ער אַליין נעהמט אויף זיך די לייכטערע אַרבייט: אַרומצופֿיהרען די פּוטער און דעם קעז אויף זיין וועגעלע צו פֿערשיידענע בעלי-הבית'טעס. אַלס טיפּ פֿון דער אַלטער מאַסע איז זיין קאָפּ אָנגעפֿילט מיט אַלערליי פּסוקים, שטיקלעך תהלים,

ווערטלעך פֿון מגידים און האַלבֿ-צעקייטע און פֿערדייטע בית-מדרש-ציטאַטען. נאָר נישט קוקענדיג אויף זיין אונוויסענקייט, איז ער פֿאָרט צווישען זיינע אייגענע מענשען אַ שטיקעל למדן. פֿאַרצייטען זענען אַזיינע לייט געווען די פֿאָלקס-אינטעליגענץ. דען האָטש ער געבֿרויכֿט די פסוקים פֿון תנ"ך שטענדיג פֿאַלש, און ווייסט קיינמאָל נישט ריכֿטיג דעם טייטש פֿון די ווערטער, פֿונדעסטוועגען האָט ער שטענדיג דעם אינווייניגסטען זין פֿון זיי, און ווען מען קלייבט צוזאַמען טבֿיה'ס ווערטלעך, מערקט מען, אַז ער איז איינגאַנצען דורכֿגעדרונגען מיט'ן פֿאַרצייטיגען בית-מדרש-גייסט. ער בֿעזיצט אַלע מעלות, מיט וואָס עס האָט זיך אויסגעצייכֿענט דער פֿאַרצייטיגער דור. ער איז אַ גרויסער מאמין און בעל-בטחון, ער קוקט מיט אַ שמייכֿעלע פֿון אַ דערוואַקסענעם אויף די תענוגים פֿון דער וועלט. טיעף אין האַרצען לעבט ביי איהם אַ גוטסקייט און אַ ווייכֿקייט. ער ווייסט ניט פֿון קנאה און שנאה, ער איז אַ גרויסער מכֿנים אורח. ער האָט נישט קיין שטאַרקע מחזקות מיט מענשען, אָבער איטליכֿער יוד (חוץ יודען איז פֿאַר איהם נישטאָ קיין מענשען) איז איהם ליעב און טייער; פשוט, גלאַט אַזוי, ווייל דאָס איז אַ י ו ד, איינער פֿון די מיליאָנען אתה-בחרתנו'ניקעס, מיט וועלכֿע ער איז פֿערקניפּט און פֿערבונדען פֿון אבֿרהם אבֿינו'ס צייטען אָן. טבֿיה דעם מילכֿיגער'ס נשמה ווייסט נישט פֿון האַסטיגקייט און פֿון קיין אימפּעט. זי איז אַ רוהיגע, אַ בעזעסענע, און קומט אָן אַ שבת אָדער אַ יום-טובֿ, ווערט זי נאָך רוהיגער, שטילער און פֿריעדליכֿער.

מנחם מענדלען רינגלען אַרום אַלערליי מלאכֿי חבלה, וואָס וואַרפֿען איהם אַ גאַנצע וואָך פֿון איין עק אין אַנדערן. אויך שבת רוהט ער ניט אויס, זיין בן דער גימנאַזיסט עפֿענט אויף די אָנגעקומענע בריעף, און אום זיין וועקסעל זאָל נישט פּראָטעסטירט ווערען, לויפֿט ער מיט זיין שבת-גוי אין באַנק, און ווי פֿון שדים און רוחות געטראָגען שרייבט ער זיך אויך אַמאָל אונטער אום שבת. טבֿיה, אָבער איז אַרומגערינגעלט פֿון מלאכֿי-השלום. אַ גאַנצע וואָך שטעהען זיי פֿון דערווייטענס און בעגלייטען זיין וועגעלע אויפֿ'ן טראַקט קיין בויבעריק. קומט אָבער אָן דער שבת, זיצען זיי אונגעזעהענערהייט ביי טבֿיה'ס טיש און פֿערשיינען איהם די שבת'דיגע זמירות און דעם שבת'דיגען צימעס. טבֿיה, דער מילכֿיגער האָט אין זיך די רוהיגקייט און די געלאַסענקייט פֿון דעם אַקער-בויער-קלאַס. אויבערפֿלעכֿליך בעטראַכֿט קאָן מען מיינען, אַז טבֿיה איז אַ בעל-הבית אויף אַ שטיקעל ערד, און די נחלה זיינע ליעגט ערגעץ-וואו אין אַ יודישען לאַנד, וואָס ווערט בעשיצט און בעהיט פֿון דוד המלך'ס כרתים און פלתים און וואו

אַ יודישע מלוכה זאָרגט, אַז עס זאָל איהם חלילה קיין סכנה נישט טרעפֿען. טביה'ס ערד אָבער איז דער בית-המדרש, זיין גלאַסענקייט נעהמט זיך אָבער גאָר דערפֿון, וואָס ער, דער אָרימאַן, דער מילכיגער, איז אַ צוקינפֿטיגער בעל-הבית אויף ש"י עולמות, דערפֿון וואָס אויף יענער וועלט וואַרט אויף איהם אַ גאָלדענער שטול מיט פֿיער פֿעסטע זילבערנע פֿיס, וועלכע דאַרפֿען קיינמאָל ניט אָנקומען צו קיין סטאָליער.

מנחם מענדעל איז אַ פֿלענצעל, וואָס איז אויסגעריסען געוואָרען מיט די וואָרצלען פֿון דער און יענער וועלט. ער פֿליהט אַרום אין דער לופֿטען און איטליכער קונדס-ווינטעל טרייבט מיט איהם קאַטאָוועס. טביה אָבער איז פֿעסט פֿערפֿלאַנצט אין דער בית-מדרש-וועלט, וואָס גרעניצט זיך שוין מיט יענער וועלט. קיין ווינד, קיין ערד-ציטערנים קאָן איהם נישט אַרויסרייסען פֿון דער מעטאַפֿיזישער ערד, מיט וועלכער ער איז אַזוי שטאַרק פֿערוואַקסען.

דער, וואָס לעבט אָבער אין יענער וועלט, איז בלינד און נאַריש פֿאַר דער וועלט. טביה'ס אויג זעהט קיינמאָל נישט, וואָס ס'טוט זיך אַרום איהם, ער האָט להלוטין קיין חוש ניט פֿאַר מענשען נישט פֿון זיין דור און פֿון זיין לעבענס-גאַנג. גאָט האָט איהם געבענשט מיט אַ הויפֿען טעכטער, איינע שענער און געראָטענער פֿאַר דער צווייטער. האָרעפּאַשנע, בריות לעבעדיגע, — אַ נחת אָנצוקוקען. און טביה דאַנקט גאָט פֿאַר די חסדים, וואָס ער האָט מיט איהם געטאָן. אין די לאַנגע זומערדיגע טעג, ווען ער מיט זיין וועגעלע שלעפּען זיך איבער'ן טראַקט און ער מיט'ן פֿערדעל דרעמלען אַנ'אָנגענעהמען זומערדיגען דרעמעל — מאַכט ער פֿערשיידענע פּלענער פֿאַר זיינע טעכטער און מאָלט זיך אויס אַלערליי גליקען. סוף כל סוף לאָזט זיך אויס פֿון אַלץ אַ בוידעם. איינע נאָך דער אַנדערער פֿערלאָזען איהם זיינע טעכטער, איינע פֿערהליאָבעט זיך אין אַ בחור אַ שנייי-דער, אַ צווייטע טרינקט זיך צוליעב אַ ליעבע מיט אַ גביר'יש קינד, און אַ דריטע האָט חתונה מיט עפּיס אַ „פֿעפֿערל“, — אַ דאַר בחור'ל אין אַ שוואַרץ העמדעל און פֿאָהרט אויף קינפֿעט צו איהם אַזש קיין סיביר. טביה דעם מילכיגער'ס מה הויבט דאָס נישט אָן צו בענעהמען, עס לעגט זיך איהם נישט אויפֿ'ן שכל, ווי איז זיך דאָס אַ מענש מאבד עצמו לדעת. ער הויבט נישט אָן צו בעגרייפֿען, וואָס איז דאָס אַזוינס פֿאַר אַ ליעבע-פֿערקאָכענים. ער שטעהט און פֿינטעלט מיט די טרעהרען-נאַסע אויגען און קוועטשט מיט די פּלייצעס. ער איז טיעף איבערציינגט, אַז דער חכם איז ער, אַז ווי צו לעבען — ווייסט נאָר ע ר, אַז די יונגע שנעקעס זענען פּשוט משוגע און

אַרויס פֿון דער הויט. בטבע אַ גוטער, אַ מילדער, טראָגט ער אויף קיינעם נישט קיין שנאה, זיינע אינווייניגסטע פֿרומקייט און גאָט׳ס־געטרייקייט לאָזען איהם נישט אַריינפֿאַלען אין עצבות. ער שלינגט אַראָב די שלעק פֿון פֿינסטערן מזל, ווי זיין פֿערדעל די קלעפּ פֿון זיין בייטש. ער פֿערבייסט מיט אַ ווערטעל, מיט אַ פּסוק פֿון תנ״ך און טרייבט ווייטער דאָס וועגעל מיט די מילכיגס צו די בויבעריקער גבירים, וועלכע בלייבען איהם אָפּטמאָל שולדיג פֿאַר די זומערדיגע פּוטער, אייער און קעז.

מנחם מענדעל און טביה זענען די צוויי עקען פֿון דער יודישער מאַסע. איינער איז דער אימפּעט, דער אַנדערער די פֿערגליווערטע רוה. דער אימפּעט האָט נישט קיין ציעל און לעבט פֿון היינט אויף מאָרגען, די פֿערגליווערטע רוה האָט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל זיך געשטעלט אַ ציעל, וואָס האָט מיט דער וועלט שוין גאָר קיין צוזאַמענהאַנג נישט. ביידע טיפּען פֿערקערפּערן די צעפֿאַלענקייט פֿון יודישען פֿאָלקסלעבען. און ווען דאָס יודישע פֿאָלק וועט בלייבען נור ביי זיי ביידען, וועט פֿון יודישען כלל ווערען אַ תל, אַ הויפֿען זאַמד ביי די ברעגעס פֿון אַלגעמיינעם מענשליכען לעבען.

אָבער ביידע טיפּען, וואָס זענען אַזוי ווייט איינער פֿון דעם אַנדערן, טרעפֿען זיך צוזאַמען אין איין זאַך — אין זייער פֿערהעלטעניס צום סאָציאַלען לעבען, וואָס רינגעלט זיי אַרום. מנחם מענדעל, ווי טביה דער מילכיגער, זענען, ווי בעקאַנט, יודען, וואָס לעבען אין גלות און האָבען אויסצושטעהן אויף זיך אַ דאָפּעלטען דרוק: דעם דרוק פֿון די רעגירענדע קלאַסען און די ספּעציעלע יודישע גזרות. און דאָ זעהען מיר, דאָס די יודישע מאַסע, פֿערקערפּערט אין מנחם מענדל׳ן און טביה׳ן, פֿיהרט קיינמאָל נישט קיין מלחמה געגען אויסערן דרוק. סיי דער, ווי יענער, בעטראַכטען די צרות ווי נאַטור־געזעצען, אַקעגען וועלכע מען קאָן גאָרנישט טון. צי קאָן מען דען וואָס אויפֿטון קעגען די אָנציהונגסקראַפֿט פֿון דער ערד? דאָס איינציגע, וואָס עס איז מעגליך צו טון, — איז אויסמיידען די ווירקונג פֿון נאַטור־געזעץ. פֿאַלען ציגעל פֿון די דעכער, בעהאַלט מען זיך אין אַ קעלער, ווערט אַ גרויסער פֿראָסט — שטעקט מען נישט אַרויס די נאָז פֿון שטוב.

טביה און מנחם מענדעל לעבען אין דער פֿעסטער איבערצייגונג, דאָס געגען סאָציאַלען דרוק קאָן מען ניט קעמפֿען. דער ערשטער איז גלאַט מבטל אַלצדינג, ווייל סוף כל סוף האָבען נאָך „מאַיסקע פּראַ-

ווילעס" ניט צוגענומען ביי אַ צדיק זיינע ש"י עולמות. און מנחם מענ־דעל ווענדט אָן אַלערליי הריפות און אַלע המצאות'לעך אָבצונאַרען די „מאַיסקע פּראַווילעס" און דורך צעהן הינטער־טירלעך זיך אַריינצוגנב'ענען דאָרטען, וואו יודען איז דער אַריינגאַנג פֿערוועהרט.

די מאַסע, ווי שלום־עליכם שילדערט זי אונז אין זיינע הויפּט־טיפּען, איז דורך און דורך נישט רעוואָלוציאָנער: זי האָט גאָר קיין השגה נישט, אַז דער ווידערשטאַנד פֿון אַ גרויסען קבוץ האָט אַ גרויסען סאָציאַלען ווערטה. זי בעטראַכט דאָס אַרומיגע לעבען, ווי אַ פֿאַרטיגען פֿורם, וואָס קאָן זיך און וועט זיך נישט ענדערן. און זי פּאַסט זיך צו צום פֿורם מיט אַלערליי מיטלען. זי לעבט ווי אַ וואָרים, וואָס האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין אַ האַק־רינע און איז דערנאָך אַרונטערגעפֿאַלען פֿון דאַך אין אַ נאַסען־רינשטאָק. אין דאַך האָט זיך געלעבט אַנדערס, אין רינ־שטאָק מוז מען זיך צו־פּאַסען צו די נייע פֿערהעלטעניסען. די יודישע מאַסע פֿיהלט זיך אַיינגעקוועטשט אין אַ פֿאַרטיגען ראַהם. צעברעכען דאָס ראַהם איז אונמעגליך, און מען דאַרף זעהן מיט אַלערליי קונצען אויסצוצי־העהן דעם גוף אין דעם ענגען שטיקענדען ראַהם. און לאָזט זיך נישט אויסציהען, קנייטשט מען זיך צונויף — און מען לעבט אויך.

דאָס מאַסען־לעבען, ווי דאָס שילדערט אונז שלום־עליכם, שטויסט אָב פֿון זיך איטליכען געזונדטען מענשען. די טביה'ס לעבען מיט אַ טויטער פֿערגאַנגענהייט, די מנחם מענדעל'ס — ווי די ווערים, וואָס לעבען מיט דער רגע. און ווי די ווערים זענען די מנחם מענדעל'ס נישט פֿער־איינינגט אַפֿילו צווישען זיך. עס דרעהט זיך אַ קנויל פֿון ווערים, אָבער איטליכער זוכט איבער'ן רוקען פֿון אַנדערן צו־צו־קריכען צו דעם ביסעל נאַהרונג, וואָס קלעקט קוים פֿאַר איינעם. אָבגעשטאָרבען אַלע כללישע געפֿיהלען, עס געהט אַ בלינדער קאַמפּף און קיינער דערלעבט נישט קיין נצחון.

קוקט־מען־זיך־צו צו דעם דאָזיגען מאַסען־לעבען, פֿערשטעהט מען, דאָס צווישען שלום־עליכם'ס דור און די קינדער פֿון דעם דור איז נישטאָ קיין בריק, וואָס זאָל זיי פֿעראייניגען. אָבגעריסען פֿון די עלטערן וואַקסט ער אויף מיט אַ פֿעראַכטונג, אָדער אין בעסטען פֿאַל מיט אַ רחמנות'דיגען, בי־טערן שמייכעל צו די גופים, וואָס האָבען געבראַכט אויף דער וועלט דעם נייעם דור. טביה, דעם מילכיגער'ס קינדער קאָנען נור בעדויערן דעם גוטען טאַטען, וואָס דאָס לעבען נאַרט איהם אָב אויף יעדען טריט און

מאַכט פון איהם אויף דער עלטער אַ יתום, אָהן נחת און אָהן קינדער. די קינדער פון די מנחם מענדעל'ס אָבער קאָנען שוין דעם טאַטען אין די אויגען נישט קוקען. העכסטענס קאָנען זיי האָבען אויף איהם רחמנות, וואָס זיין לעבען איז אַזוי צומישט, אַזוי דונקעל, אָרים און שווער, ווי דאָס לעבען פון אַ וואָרים.

שלום־עליכם האָט זיך אַזוי איינגעלעבט אין זיין דור, דאָס ער וועיזט אונז שוין נישט די קינדער פון זיינע מנחם מענדעל'ס. און דער־מאָנט ער זיך אַמאָל אָן זיי, — קומען זיי ביי איהם אַרויס ווי שאָטענס, ווי בילדער, וואָס שטעהען וועיט אין הינטערגרונד און מען זעהט קוים די שטריכען פון זייער געשטאַלט. ער אַליין, אַלס קינד פון זיין צייט, האָט קיין אויג נישט פאַר דעם היינטיגען דור, — ער זעהט זיי ווי דורך אַ שלייער און ער פערשטעהט זיי נישט. זיין קינסטלערישער טאַלענט האַלט איין זיין פעדער, ווען ער נעהמט זיך מאָלען די פעפערלעך, די יוסף'ס און אַנדערע. ער פיהלט, דאָס עס פעהלט איהם עפּיס, אום זיי זאָלען אַרויסקומען אַזוי קלאָר און בולט, ווי זיינע טביה'ס און מנחם מענדעל'ס.

מנחם מענדעל פון יהופעץ און טביה דער מילכיגער זענען די צוויי הויפּט־טיפּען, וואָס שליסען די קייט פון שלום־עליכם'ס וועלט, וואָס איז צוגלייך אויך אונזערע אַ האַלבע וועלט. צווישען די ביידע טיפּען בעווייזען זיך אַנדערע פאַרשוינען, וואָס האָבען אין זיך אין אַ קלענערן אופן אַ שטיק גלגול פון איינע פון די ביידע, אָדער פון ביידע צוזאַמען. אומעטום אָבער, וואו מיר הערען די שטים פון שלום־עליכם'ס אַ העלד, הערען מיר צוגלייך די שטים פון דער יודישער מאַסע פון לעצטען דור, און די שטים קאָן אַריינברענגען אין אַ מרה־שחורה אויך דעם גרעסטען אָפּטימיסט. אין דעם מאָמענט, וואָס מיר הערען אויף צו לאַכען, לייענענדיג שלום־עליכם'ס זאַכען, אין דעם מאָמענט, וואָס מיר הערען אויף איהם צו געניסען אָביעקטיוו און זעצען זיך אַ ווילע אַריין אין די פעל פון זיינע העל־דען — ווערט אומעטיג אויפ'ן האַרצען. איבּ די יודישע מאַסע בעשטעהט פון מנחם מענדלען און טביה דעם מילכיגער — טאָ אויף וואָס קאָנען מיר שוין האָפען?

שלום־עליכם דער הומאָריסט, קאַריקאַטוריסט איז צוגלייך דער ריינ־סטער נאַטוראַליסט: קיין לויט ראָמאַנטיזם, סענטימענטאַליטעט און פער־שלייערטער אידעאַליזם, זיינע שילדערונגען ווירקען ווי דאָס גראָבע, נישט

פֿערפֿוצטע לעבּען אַליין, און מאַכט מען אַ סך־הכּל פֿון דער וועלט, וואָס ער שילדערט אונז, מעגען מיר, די שפּעטערע, מיט'ן גאַנצען האַר־צען מאַכען אַ בּרכה: בּרוך שפּטרני. ווער ווייסט אָבער, אויב מיר זענען שוין אין דער אֶמת'ן פּטור געוואָרען פֿון דער וועלט, וואו מנחם מענדעל און טבֿיה זענען די הויפּט־העלדען? איך צווייפֿעל שטאַרק דערין.

ס'איז דאָ אָבער איין ווינקעלע אין שלום־עליכם'ס שאַפֿונגס־טאַלענט, וואו ער איז ווייניגער נאַטוראַליסט, מעהר פּאָעט און צוגלייך סענטימענ־טאַל, ליעב און וואַרים. איך מיין „זיינע מעשׂיות פֿאַר יודישע קינדער“.

III

נאָך איידער שלום־עליכם איז מפֿורסם געוואָרען מיט זיינע הו־מאָריסטישע ערצעהלונגען, האָט ער שוין געוועקט צו זיך דאָס אינטערעס פֿון דער קריטיק דורך זיינע מעשׂיות פֿון יודישען קינדער־לעבען, וואָס זענען היינט בּעקאַנט אונטערן נאָמען „מעשׂיות פֿאַר יודישע קינדער“. אין די אַכציגער יאָהרען איז צום ערשטען מאָל אַרויס אין אַ בּעזונדער אויסגאַבּע זיין ערצעהלונג „דאָס מעסערל“ און וועגען דעם האָט דער בּעקאַנטער קריטיקער און היסטאָריקער ש. דובּנאָוו געשריבּען דעמאָלט אַ וואַרם אַרטיקעל אין „וואָסחאָד“, דוכט זיך, דער ערשטער קריטישער אַרטיקעל, וואָס איז געשריבּען געוואָרען וועגען שלום־עליכם'ן.

אינ'ם „מעסערל“, ווי שפּעטער אין „די פֿאָהן“, „חנוכּה־געלד“, „אַרבּע כּוסות“, „די פֿידעלע“, „דער מלך אַחשורוש“ א. אַ. וו. איז דער הויפּט־העלד דאָס יודישע קינד פֿון אונזער פּאַטריאַרכאַלישער צייט. די טאַטעס מיט די מאַמעס טרעטען אָבּ אָן אַ זייט, פֿאַר'ן לעזערס אויגען טרעטען אַרויס די שטומע עֵדות פֿון אַ יודישער קינדהייט, די סבֿיבֿה פֿון אַ יודיש הויז, אָנהויבּענדיג פֿון אַ קאָטשערע און ענדיגענדיג מיט דעם מלמד „ישׂראל דער מלאך־המות“. און אַזוי ווי אין דער פֿרום־פֿאַרצייטיגער וועלט האָט דאָס פֿרויענצימער נישט געשפּיעלט קיין ראָליע, דערום איז דאָס יודישע קינד בּיי שלום־עליכם'ן — דאָס יודישע יונגעל.

ענג און פֿינסטער איז די וועלט פֿון יודישען יונגעל. נאָך איידער ער שטעהט נאָך פֿעסט אויף די פֿיסלעך, וויקעלט מען איהם איין אין

אַ פֿאַרשוויצטען ברודיגען טלית און טאַטע און מאַמע טראָגען דאָס עופֿה׳לע אין הדר, צום רבי׳ן ר׳ ישראל דעם מלאך המות. צוויי פֿיינדליכע קרעפֿטען רינגלען אַרום דאָס קינד פֿון די ערשטע יאָהרען אָן. אַ בייזער, פֿעראומערטער טאַטע איז איהם מדריך אויף טריט און שריט, און לאָזען איהם אָב די טרוקענע עלענבויגענ׳ס פֿון טאַטען, פֿאַלט ער אַריין אין די הענד פֿון ר׳ ישראל דעם גזלן. די פּאַטריאַרכאַלישע וועלט ביי קריסטען ווי ביי יודען ווייסט ניט פֿון קיין קינדהייט. דאָס קינד איז ניט קיין צוועק פֿאַר זיך אַליין. נאָר אין דעם מאָמענט, וואָס עס הויבט אָן איבערצונעהמען די טראַדיציעס פֿון טאַטען און זיידען — קריגט עס אַ שטיקעל ווערטה. אין דער פֿרום-פֿאַרצייטיגער וועלט, ווי אין מיטעל-אַלטערליכען אייראָפּא, איז נישטאָ קיין הלוק צווישען אַ קינד און אַ גרויסען. זיי ווייסען ניט פֿון אַן איבערגאַנג פֿון דער קינדהייט צו אַ העכערער עלטער. אין דעם טאָג, וואָס מען טוט אָן אַ קינד ציצית און ער מאַכט שוין אַ ברכה, איז ער שוין געגליכען צו די טאַטעס און די זיידעס. די קינדער-יאָהרען פֿערלעבט עס אין אַ דאָפּעלטער תפיסה. די שטוב איז איינע, דער הדר — די צווייטע. דער גאַנצער אומעט, מיט וואָס עס איז דורכגעזאַפּט די גייסטיגע יודישע ירושה, ליעגט אויסגעגאָסען אויף דעם יודישען הדר און דער יודישער שטוב. דאָס קינד ווערט מיט געוואַלט דערווייטערט פֿון לופֿט, ליכט און קינדער-שפּיעל. איטליכער טריט זיינער איז שוין בעשטימט פֿאָראויס, און ער ווערט אַרומגעצוימט מיט טויזענדער ערציהונגס-רעגעלן, וואָס פֿערוואַנדלען זיין קינדהייט אין אַ שווערען פֿינסטערן לעבענס-פּעריאָד.

נור אין געוויסע טעג פֿון יאָהר, ימים-טובים-צייט, בעת די טאַטעס און די זיידעס ווערען אַליין אויף אַ ווײַלע קינדער און הויבען זיך אַליין אָן צו שפּיעלען פֿאַר גאָט מיט כוסות, לולבים, אתרוגים, הדסים, המן-טאַשען, ספֿרי-תורות א. אַז. וו., דעמאָלט ווערט דאָס יודישע קינד בעפֿרייט פֿון זיין תפיסה; דעמאָלט ווערט דאָס יודישע יונגעל, וואָס איז אַ גאַנץ יאָהר פֿערכשופֿ׳ט אין די קאַריקאַטור-געשטאַלט פֿון אַ ג ר ו י ס ע ן יו ד ע ן, פֿערוואַנדעלט אין אַ נאַטירליך, ליעבענד, לעבעדיג יודיש קינד.

אין שלום-עליכם׳ס „מעשיות פֿאַר יודישע קינדער“, וואָס זענען שטענדיג צוזאַמענגעבונדען מיט איינעם פֿון די יודישע ימים-טובים, טרעט דעמאָלט אַרויס דאָס יודישע קינד מיט אַלע זיינע מעלות און חן-גריבלעך. אַלע די „מאָטעלעך“, „יוסעלעך“ און „טאָפּעלע טוטערעטו“ (דער קלײנער קאָפּעלע קאָן נאָך נישט אויסזאָגען שאַרף קיין „קוף“) בעלעבען די יודישע שטוב, טראָגען אַריין אין איהר אַ ריינע, נאַטירליכע פֿרעהליכ=

קייט און בעשיינען מיט די שטראַהלען פֿון קינדער־יוגענד דעם שוואַרצען „זכר־להורבן“ אויפֿ'ן טאַטענ'ס וואַנד. ל"ג בעומר דערזעהט דאָס יודישע קינד אַביסעל גרינס, געהט אַרויס מיט'ן פֿיילענבויגען אין וואַלד אַריין. הנוכה, גיסט עס אויס אין אַהילצערנעם פֿורעם די צינענע דריידלעך. פּסח שפּרייזט דאָס מיט פֿולע קעשענעס וועלישע ניס, שמחת־תורה טראָגט עס אַפֿאָהן און אויף דעם שפּיץ שטאָק פֿון פֿאָהן אַבולבע, און וועלכען עס ברענט אַגראָשען ליכטעל. און די פֿאָהן איז נישט קיין פּשוט'ע: משה און אַהרן שטעהען דאָ אויסגעמאָלט אין זייער גאַנצער גרויס, און משה האָט נאָך דערצו צוויי שטראַלענדע הערנער אויפֿ'ן שטערן. אויפֿ'ן מאָגערן טיש פֿון טאַטע און מאַמע בעווייזען זיך זעלטענע זאַכען. פּסח — אליהו הנביא'ס כּוס און גלאַט כּוס'לעך און זילבער, און גלאַנצעדיגע כּלים, און אַסדר־טישטוך. סוכּות — הדסים, אַלולב, אַזילבערן קעסטעלע מיט פֿלאַקסענע לאָקען, אין וועלכען עס דרעמעלט דער אתרוג מיט'ן פֿערבעהאַלטענעם פּטום. די גרינע מעשענע הענג־לייכטער זענען בלאַנק געפּוצט, אַריינקייט, אַציכטיגקייט אין דער גאַנצער שטוב; און דערצו נאָך די זעלטענע מאכלים און משקאות, וואָס אַקינדערש האַרץ בענקט נאָך דעם אַגאַנץ יאָהר, און בעקומען בעקומט ער עס נור אין אַיום־טוב־טאָג.

דאָס יודישע קינד, וואָס האָט אַגאַנץ יאָהר פֿערבראַכט אין אַגראָהער סביבה, ווערט ווי ניי־אויפֿגעלעבט, און אַלץ וואָס דרעמעלט אין זיין נשמה פֿלאַקערט אויף מיט אַהעלען פֿייער. די טויטע אותיות פֿון רב ישראל מלאך המות'ס הומש ווערען עפּיס לעבעדיג. אַלטע מעשיות און לעגענדעס ווערען לכבוד יום־טוב אָבגעפֿרישט פֿאַר'ן קינדערשען געמיט. דען יודישע ימים־טובים זענען דאָך היסטאָרישע ימים־טובים און אַפילו די גרויסע טאַטעס ווערען מיט אַמאָל שטאַרק בערעדעוודיג און הויבען אָן צו דערצעהלען און דערצעהלען.

די יודישע ימים־טובים איז די פֿריינדליכע קראַפֿט, וואָס לאָזט אויף אַרגע אָבטעמען אַיודיש קינד, און לאָזט איהם נישט אינגאַנצען אומקומען אונטער די טרוקענע אומגעלומפּערטע הענד פֿון די טאַטעס און די רביים.

חוץ די ימים־טובים זענען פֿאַרהאַן נאָך צוויי פֿריינדליכע קרעפֿטען, וואָס דערלאָזען נישט, אַז אַיודיש קינד זאָל אינגאַנצען צודריקט ווערען אונטער דער שווערער ערציהונג פֿון טאַטען און רבי'ן.

יודען האָט געטראָפֿען אַנס, דאָס אַהאַלבער טייל פֿון פֿאָלק איז פּטור געוואָרען פֿון תרי"ג מצות. דער אשה האָט מען געשאָנקען אינגאַנ־

צען נור דריי מצות־עשה און דעריבער האָט די גייסטיגע ירושה נישט געדריקט אַזוי אויף איהר נשמה, ווי אויף דער נשמה פון דעם מאַנסביל. חוץ דעם, וואָס די פרוי איז צוגלייך אין דער יודישער שטוב אַ מאַמע צו איהרע קינדער, ווייסט זי נישט פון די אַלע שווערע ־דריקענדיגע אמונה־זאַכען, און איהר געפיהלס־לעבען איז נאַטירליכער און פרייער. הינטער דער מאַמע'ס שירץ ראַטעווען זיך די יוסעלעך און מאָטעלעך פון די טאַטעס און די רביים, און דאָס, וואָס ווערט ביי אונז אויסגעטריקענט ביי־טאָג דורך די ערציהונג פון די מענער, הויבט ווידער אָן צו שטראָמען אונטער'ן וואַרימען בליק פון דער ליעבהאַרציגער מאַמען.

חוץ דעם, איז נאָך, אויסער לומדים, דאָ ביי יודען עם־הארצים. די גרויסע יודישע מאַסע, האָטש שטאַרק אונטער דער השפעה פון די טרוקענע פּראָומערטע לומדים, איז פאָרט געווען צו־עם־הארצ'יש, אַז זי זאָל ווערען אַזוי אויסגעטריקענט און אַזוי פערפרעמדט פון דער וועלט, ווי די לערנער, לומדים און אַלערליי כּלי־קודש. אין די גרויסע מאַסען פון פאָלק איז נאָך נישט אויסגעגאַנגען דער חשק צו טון אַ לאַך, פרעהליכער און נאַטירליכער צו געניסען דאָס לעבען. און שלום־עליכם'ס קינדער אַנטלויפען אָפט פון די טאַטעס און רביים צו די גראָבע עם־הארצים, צו עפּיס אַ כּלי־זמר, אין אַ הינטער־געסיל, אָדער גלאַט צו עפּיס אַ פרעהליכען לעבעדיגען יאָלד. די צוויי פינסטערע כּחות טרעפען זיך אָן מיט די דריי ליכטיגע, און ווען אַ יודיש פאַרצייטיג קינד איז אויסגעוואַקסען נאַטירליכער, בעסער, פרייער, האָט ער דאָס צו פערדאַנקען דער מאַמען, דער פרעהליכער עם־הארצות פון דער מאַסע און די יודישע ימים־טובים.

שלום־עליכם'ס מעשיות פאַר יודישע קינדער זענען צוגלייך עפּישע שילדערונגען פון דעם אופן און דעם שטייגער, ווי עס האָבען געלעבט אונזערע טאַטעס. מנחם־מענדלען און טביה'ן געפינען מיר שוין פאַרטיגע. דער שרייבער מאָלט נישט דעם הינטער־גרונד, פון וואַנען זיי האָבען זיך גענומען. ער נעהמט אָן, אַז דאָס וועט שוין דער לעזער אַליין צו־לעגען, פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע. אין די „מעשיות" אָבער זעהען מיר די שטומע און די לעבעדיגע עדות, וועלכע רינגלען אַרום דאָס לעבען פון אַ יודען פון געבורט אָן. און לעגט איהר נאָך צו צו די קינדער־מעשיות שלום־עליכם'ס בילדער: „קליינע מענשעלעך מיט קליינע השגות", בעקומט איהר אַ פול קלאָר בילד פון אַ יודישער מאַטעריעלער סביבה, אָנהויבענדיג פון אַ יודישען יום־טוב און ענדיגענדיג מיט אַ יודישען בית־עולם.

אַ גאַנצע מאַטעריעלע וועלט, וואָס רוקט זיך אָפּ פֿון אונז אַלץ ווייטער און ווייטער, האָט שלום-עליכם ווי צוגעשמידט צו די קליינע בלעטלעך פֿון זיינע מעשיות. וויל מען טיפֿער און קלערער בעגרייפֿען דעם שורש, פֿונוואַנען מיר האָבען זיך געגומען, מוזען מיר גײן צו שלום-עליכם'ס מעשיות, ווי צו בעגלויביגטע עדות, וואָס שילדערן די אַלטע יודישע וועלט. און אַזוי ווי שלום-עליכם איז בטבע נישט נוטה צו טראַגעדיעס, האָט ער בעלעבט די וועלט מיט די נשמות פֿון יודישע קינדער. און צוליעב דעם האָט ער אַריינגעבראַכט אין איהר אַ סך לעבעדיגקייט, פֿרעהליכקייט און נאַטירליכען חן. און צוליעב דעם בעקומט זיך אַ ווילע די אילוזיע פֿון עפּיס אַנ'אייגענער היים, און מען פֿערגעסט, אַז דער היינטיגער דור, וואָס האָט זיך גענומען פֿון פֿאַרצייטיגען, איז אייגענטליך אויסגעוואַקסען צוליעב די טאַטעס און די רביים דאָפּעלט היימאַטלאָז. די געשיכטע האָט צוגענומען פֿון זיין פֿאָלק דאָס לאַנד, די פּאַטריאַרכאַלישע האַרטע ערציהונג האָט צוגענומען פֿון איהם דאָס היים פֿון די קינדער-יאָהרען.

שלום-עליכם איז אין זיינע קינדער-מעשיות שוין נישט דער טרוקענער נאַטוראַליסט ווי אין זיינע מאָנאָלאָגען. ער רוקט אָפּ אָן אַ זייט די פֿיינדליכע קרעפֿטען פֿון אַ יודיש הויז און לאָזט אַרויסטרעטען די גוטע פֿריינד פֿון יודישע קינדער: די מאַמעס, די פֿרעהליכע מאַסען-מענשען און דערהויפּט די יודישע ימים-טובים. אין דער פּאָעזיע פֿון אַ יודישען יום-טוב טונקט ער אָפּ דאָס יודישע קינדער-לעבען, און דערום טראָגען אויך זיך זיינע מעשיות פֿאַר יודישע קינדער גאָר אַנ'אַנדער תאַראַקטער. עס פֿיהלט זיך דאָרט אי לעבען, אי לופֿט, אי זון. און אַ הויך פֿון סענטימענטאַליטעט שוועבט איבער זיי, און אַ פֿייכט, האַלב-לאַכעדיג אויג קוקט אַרויס פֿון זיי אויפֿ'ן לעזער.

דעם שעפֿפֿער פֿון טבֿיה'ן און מנחם-מענדלען ווילט זיך עפּיס אַ שטיקעל היים; אַ היים, וואו עס איז נישטאָ די טויטקייט פֿון אַ טבֿיה'ן, דער ווילדער אימפּעט פֿון אַ משוגענעם מנחם-מענדלען, און דאָס היים געפֿינט ער אין אַ שענעם יום-טוב-טאָג פֿון אַ יודישען קינד.

# יעקב דינעזאהן.

(צו זיין 25-יאהריגען יובילעאום).

פינף-און-צוואנציג יאהר זענען אוועק זינט דער 17—18-יאהריגער דינעזאהן האט זיך צוזאמענגעטראפען מיט אייזיק מאיר דיק. זיי האבען זיך בעגעגענט אין דער דרוקעריי פון „האלמנה והאחים ראם“, און דער יונגער דינעזאהן האט מיטגעבראכט זיין ערשטען גרויסען ראמאן „דער שווארצער יונגערמאנטשיק“. מיט דרך ארץ (ווייל אלע זשאַגערער זענען גרויסע בעלי דרך ארץ), און גרויס עניוות (ווייל דינעזאהן איז שטענדיג געווען דער גרויסער עניו) איז ער געשטאנען פאר דעם דעמאלטיגען ערשטען יודישען פאלקס-שרייבער, און ער האט זיך אליין ניט געגלויבט, אז זיינע פשוט'ע פיס שטעהען אויף די הייליגע דיעלען פון דער „אלמנה והאחים ראם“.

עפיס א קלייניגקייט! פונדאנען זענען ארויס די בעריהמטע תחינות פון שרה בת טובים, ביי דער אייגענער אלמנה האבען זיך געדרוקט „צענטוריע והענטוריע“, דער יוסיפון, צאינה וראינה, דער קרבן-מנחה-סדור און אלע הייליגע און פרומע מעשיות וועגען הלול-שבת, מצות חלה און דאס גלייכען.

ווערען געדרוקט ביי דער „אלמנה“, איז דעמאלט געווען דאס אייגענע, ווי אריינצופאלען צווישען ציצית און מזוזות, ווי צו ווערען פער-

שלאגען אינאיינעם מיט די כלי־קודש ביז די שאפקעס פון ארימסטען יודען אין דער ארימסטער קהילה. און אקוראט, ווי איינער, וואס וויל פאהרען אין א פרעמדע שטאדט, פרעגט זיך ניט נאך דעם וועג און געהט פריהער פאר אליין צו דער באהן, אזוי איז געגאנגען דינעזאהן, וועלכער האט געוואלט אריינדרינגען אין הארצען פון זיין פרעמדען לעזער, צו דער בעוואוסטער דהקערייי, א וואו אייזיק מאיר דיק איז געווען דארטען דער ערשטער קארעקטאר און קריטיקער.

י. דינעזאהן איז געשטאנען פאר איהם ווי א תלמיד פאר'ן רבי'ן. מיט א קלאפענדיג הארץ און אין הייסע ציטערניס, האט ער זיך צוגעהארכט צו די ווערטער פון דעם פארצייטיגען משכיל, וועלכער האט געלויבט דעם „שווארצען יונגנמאנטשיק" און צוגעזאגט צו דרוקען דאס ווערק.

צי האט אייזיק מאיר דיק פערשטאנען דעם הלוק צווישען איהם און דעם זשאנגערער יונגענמאן, וועלכער איז א פנים אויך געווען אזא משכיל ווי ער? צי האט ער ארויסגעפונען אין דעם ווערק דעם פאעטישען טאן מיט וואס דער יונגערמאן האט זיך אונטערשיידט פון איהם, דעם טרו־קענעם משכיל? ווער קאן דאס וויסען? מיר אבער, וואס האבען ניט נור זיין ערשטען קינדישען ראמאן, נאר אויך זיין „אבן נגף", „הערשע־לעך", „יאסעלען", ביז צו די לעצטע נאוועלען זיינע אין „יוד" און אין דער „יודישער פאלקס־צייטונג" — מיר ווייסען, וואס פאר א נייעם פאעטישען טאן י. דינעזאהן האט אריינגעבראכט אין די נייע היינטיגע „זשארגאן"־לי־טעראטור.

ניט מיט רחמנות־געפיהלען האט ער געשילדערט די יודישע וועלט, נאר מיט ליעבע־געפיהלען. ער איז כמעט דער איינציגער, וועלכער האט ליעב די מענשען, וועלכע ער שילדערט אין זיינע ראמאנען. ער איז כמעט דער איינציגער, וועלכער האט געשאפען גאנצע יודישע טיפען. בכדי אבער צו בעשאפען גאנצע טיפען, מוז מען ליעב האבען די וועלט און די מענשען, פונאנגען עס נעהמען זיך צוזאמען די טיפען. און מעהר פאר אליין זענען איהם דערביי אבגעלונגען די געשטאלטען פון יודישע פרויען און יודישע קינדער. דען נור ביי זיי האט ער געקאנט געפינען ריינע הערצער פול מיט ליעבע, גלייך ווי זיין אייגען הארץ.

צווישען ליעבע און רחמנות איז א גרויסער, גרויסער הלוק. מען מוז אליין פיהלען דעם טעם דערפון, ווען מען בעקומט רחמנות־געפיהלען אנשטאט ליעבע־געפיהלען. איטליך מאל, ווען איך קלער דעריבער, דער־

מאן איך זיך א שענעם מדרש, וואו עס דערצעהלט זיך, ווי א תנא, דור־שטיג און מיד, האט זיך אויסגערוהט אונטער א פראכטיגען בוים מיט דייכע צווייגען און ברייטע בלעטער, נעבען וועלכען עס האט גערוישט א לויטערער וואסער־קוואל. דערפרישט פון קיהלען שאטען און פון דעם קלארען וואסער, האט דער תנא פאר'ן אוועקגעהן געגעבען דעם פראכ־טיגען בוים א קורצע ברכה. ער האט איהם נור געוואונשען: בלייב ווי דו ביסט!

אט אין דער קורצער ברכה ליעגט די עכטע ליעבע פון א מענ־שען צו גאט'ס בעשעפעניסען. ער זעהט אין זיי א געטליכע *פאלקא־מענהייט*, ער האט הנאה פון זיי, זיין בליק געניסט די שענקייט פון זיי. ער הערט אויף צו זיין דער קריטיקער, וועלכער וויל מיט זיינע אומ־געלומפערטע הענד טאקען און פיילען גאטס ווערק. ער האט נור איין וואונש, דאס בייזע אויסענוועניגסטע סבות זאלען ניט צעברעכען און ניט קאליע מאכען די פרעכטיגע בעשעפענים פון דער וועלט, אז דער מדבר־ווינד זאל ניט ארויסרייסען דעם בוים מיט זיינע ווארצלען, זאל ניט פעריאגען די בלעטער מיט דעם שאטען, אונטער וועלכען עס רוישט א לויטערער קוואל.

גאנץ אנדערש אבער איז דאס רחמנות־געפיהל. דער בעל־רחמים זעהט פריהער פאר אלץ די *אונפאלקאמענהייטען* ביים מענ־שען און ביים כלל. נור אן אלטער צובונד, אדער א פערבעהאלטענער אינ־סטינקט לאזט איהם ניט אוועקגעהן פון דעם טרויעריגען בילד, וואס פערהאפט זיין הארץ. ביידע געפיהלען, ליעבע און רחמנות, דריקען ארויס טרעהרען פון אונזערע אויגען, אבער ווי פערשיידען זענען די קוואלען, פון וואנען זיי קומען צושטראמען... די ליעבע וויינט דערויף, וואס *אויס־ווענינסטע* סבות האבען צושטערט די געטליכע פאלקאמענהייט, גלויבט אבער אין די *אינערע* כחות פון גאטס וועלט, וואס איז שטארקער פאר אלע צופאלען און פערלירט ניט אויף א מינוט דעם בטחון. דאס רחמנות־געפיהל אבער וויינט דערויף, וואס עס איז ניטא קיין תרופה צו די צרות אין לעבען און אין כלל, וואס דאס לעבען צוליעב איהרע *אינעווענינ־סטע* אונפאלקאמענהייטען מוז פריהער אדער שפעטער געהן צו גרונד.

דער בעל־רחמים זעהט אומעטום פערשטעלטע אביונים, די ליעבע — דורך די לעכער פון דעם ארימאנס קלייד א פערשאלטענעם פרינצען.

מיט אזעלכע ליעבע־געפיהלען איז י. דינעזאהן געגאנגען דורך זיין קליין יודיש וועלטעל. שוין אין „שווארצען יונגעמאנטשיק“ זעהען מיר

אין יוסף'ן דעם פֿערבעדהאַלטענעם פרינצען, קלערער נאָך אין זיין „העד-שעלע“, און אומעטום, וואו ער שילדערט זיינע פֿרויען, זיינע קינדער, זיינע יונגע בחורים, פֿערגעסען מיר מיט אַמאָל דעם שמוץ, דעם חשך, די אָרימקייט, אין וועלכע זיי וואַקסען אויף און האָדעווען זיך, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען ווערען פֿערדעקט מיט די ווייסע שוואַרצע לאָקען פֿון זיינע יונגע העלדען, אַקוראַט ווי פֿון זייערע יונגע פֿונקלענדיגע אויגען וואָלט אָבגעשלאָגען אַ וואַרימער, מילדער שיין אויף דעם גראָהען לעבען זייערען...

און ווי טרויעריג און אונגליקליך עס זאָלען ניט זיין די סבות פֿון לעבען ביי'ם יחיד, שטענדיג וועט דינעזאָהן נאָך געפֿינען מענשען און הערצער, וואָס וועלען אַריינטראָגען אידעלע און ליכטיגע געפֿיהלען אין דעם חשך פֿון דעם יחיד, און וועלען איהם האָטש דערלייכטערן די לעצטע מינוטען ביי'ם געזעגענען זיך מיט דער וועלט. אין זיין „יאָסעלע“ בעשרייבט זיך דאָס אונגליקליכע לעבען פֿון אַנ'אידעלער, פֿיינער קינדערשער נשמה, און ניט איין לעזער האָט שוין פֿערגאָסען טרעהרען, לייענענדיג דאָס טרויעריגע בוך. עס דוכט זיך אויס, אַז דאָס גאַנצע לעבען פֿון אַ יודיש אָרים-קינד איז פֿערטרונקען אין אומעט און אין צרות, אַז עס איז שוין ניטאָ קיין טרייסט, האָטש זיך מיאש צו זיין. ניט מיט טינט, נור מיט בלוט האָט דאָס דינעזאָהן געשריבען, און די גאַנצע המאַרע פֿון זיין געמיט האָט ער אויסגעגאָסען אין יענער וויינענדיגער מעשה. פּלוצלינג אָבער, שוין כמעט ביי'ם סוף, מאַכט ער אונז בעקאַנט מיט אַ וואַסערטרעגער, מיט אַ מלמד און אַ שומר, און עס דוכט זיך אונז אויס, ווי מען וואָלט אונז אַ שטיין פֿון האַרצען אַראָבגענומען. דען אין די דריי מענשען הערט זיך דער פּולס פֿון ברייטע, ריינע הערצער פֿול פֿון ליעבע צו מענשען, צו איטליכען יחיד, און מיר זאָגען זיך, אַז דאָרטען, וואו עס געפֿינט זיך אַ יונה דער וואַסער-טרעגער און אַ שוחט ר' שואל, איז נאָך דאָ אַ האָפֿנונג און אַנ'אָמונה, אַז דאָס לעבען פֿון אַ יודיש אָרים קינד וועט ניט אייביג זיין אַזוי פֿערפֿינסטערט און פֿערביטערט.

י. דינעזאָהן איז דער אָפּטימיסט אין אונזער יודישער ליטעראַטור.

פֿאַר איהם איז דאָס שלעכטע נור אַ צופֿאַל-מעשה, און ער איז בטוח, אַז דאָס גוטע וועט שטענדיג מנצח זיין די אונגליקליכע סבות פֿון לעבען. דען דער, וועלכער קוקט אויף גאָטס וועלטעל מיט די אויגען פֿון אַ טרייער ליעבענדער מוטער, קאָן ניט אַנדערש פֿיהלען, ער לעבט מיט אַ טיעפֿען גלויבען, אַז אויף איין שאָטען געפֿינען זיך אַ סך טויזענדער ליכטיגע פֿאַרבען.

איטליכע ליטעראַטור האָט זיך צוויי סאָרטען שרייבער. איין סאָרט שרייבער קוקט אויף אַלץ אין דער וועלט מיט די אויגען פֿון אַ מאַנסבילשער נשמה, וואָס זעהט אַלץ קלערער, קעלטער און שאַרף אָבגעגרענצט, וואָס קוקט אויף דאָס לעבען, ווי אויף אַן׳אייביגע מלחמה פֿון גוטע און בייזע כחות, וואָס שטעלט זיך ניט אָב פֿאַר קיין זאַך, בכדי אויפֿצודעקען אַלץ וואָס איז קראַנק, שוואַך, פֿערפֿוילט און אָבגעשטאָרבען.

עס זענען אָבער דאָ שרייבער, וועלכע קוקען אויף דאָס לעבען און די מענשען מיט די אויגען פֿון אַ ליעבענדער מוטער, וואָס וועט אפֿשר צעהן הסרונות פֿערגלעטען, נאָר ניט פֿאַרביילאָזען די קלענסטע מעלה, וואָס וועט היטער אַלע הויקערס און וואונדען פֿון איהר קינד דעם קיי־ליקע שטענדיג ענטפֿלעקען דעם געטליכען פֿינק פֿון אַן׳אידעלער נשמה. אָט די דאָזיגע שרייבער האָבען דעם פֿערטראַכטען בליק פֿון אַ יונג שעֶן קינד, וואָס הלומ׳ט אין מיטען בלויען טאָג, וואָס וואונדערט זיך אויף איטליך בלעטעל און בלימעלע ווי אויף גאָט׳ס וואונדער, וואָס יואַרט אויף איטליכען קומענדיגען טאָג ווי אויף אַ טייערען גאַסט, וועלכער וועט מיטברייגען נייעסען, מתנות און אַ גליקליכען שמייכעל אויף די ליפּען.

י. דינעזאָהן געהערט צו דעם צווייטען סאָרט שרייבער. נאָך מעהר, ער איז דער איינציגער צווישען זיינע עלטערע חברים, וועלכער מאָלט אונז דאָס יודישע לעבען ניט מיט דעם בליק פֿון דער מאַנסבילשער נשמה. לייענענדיג זיינע ווערק, דוכט זיך אונז אויס, אַז מיר הערען דעם ווייכען קול פֿון אַ קלוגער מאַמע, אין וועלכער עס איז אויסגעמישט טרעהרען און ליעבשאַפֿט, ווי ליכט און שאָטענס אין אַ זומערדיגען פֿערוואָלקענטען טאָג. ער זשאַלעוועט ניט קיין רעד, ער רעדט אפֿשר אַמאָל נייִן מאָס רעד, ווייל זיינע ליעבע־געפֿיהלען גיסען זיך, ווי פֿון אַ קוואַל, און עס קלעקט פֿאַר זיי קיינמאָל קיין ווערטער ניט. זיין שפּראַך איז די שפּראַך פֿון געפֿיהלען און דאָס געשריבענע וואָרט איז נאָך ניט בכח פֿאַר דעם מישמאַש פֿון טויזענדער געפֿיהלען, צו געפֿינען דעם פּאַסיגען אויסדרוק.

אין דעם קליינעם כאָר פֿון אונזערע קינסטלער, די מאַנסבילשע נשמות, קלינגט דינעזאָהנס שטימע, ווי דער ווייכער טאָן פֿון אַ פֿלייט. אָהן איהם וואָלט אין אונזער ליטעראַטור עפּיס וויכטיגעס געפֿעהלט, מיט איהם פֿיהלען מיר זיך געהויבענער, פֿאָלקאָמענער. און ניט נור צווישען די קינסטלער, אויך אין געוועהנליכען ליטעראַרישען לעבען וואָלט ער אונז געפֿעהלט, דען ווי זיינע ביכער, וואָס זענען געשריבען געוואָרען

אין די וועניגע פרייע מינוטען פון זיין פערקויפטען טאָג, איז ניט וועניגער גרויס זיין איינפלוס אויף די שרייבער און די קינסטלער, וועלכע האָבען איהם שטענדיג אַרומגערינגעלט. ניט דורך מוסר און פילאָזאָפיע, ניט דורך האַרטע פיערקאַנטיגע ווערטער און בליצען פון זיין גייסט האָט ער געקראָגען אַזאַ ממשלה אויף זיי, ווי דורך זיין געפיהל אומעטום צו ענטפלעקען אַ טאַלענט, דאָס צו שטיצען, דעם פערצווייפעלטען אויפצומונטערן און דעם קינסטלער, וואָס איז געפאַלען ביי זיך, צו הויבען און צו שטאַרקען. זיין ווייך געמיט פול פון ליעבע, און דעריבער פול מיט דעם פערלאַנגען צוערשט פאָלקאָמענהייטען צו זעהען, צוערשט די פערבעהאַלטענע מעלות צו ענטפלעקען — האָט דאָ געווירקט ווי די וואַרימקייט און די ליכטיגקייט פון דער זון, וואָס ווייס אַליין ניט, וויפיעל זוימען זענען צוליעב איהר אויפגעשפראָצט, וויפיעל פערמאַכטע בלומען האָבען זיך צוליעב איהר אויפגעעפענט. און אַז מען זאָל וועלען אָבשאַצען דינעזאָהנס ווערדע פון דער זייט, וועט זיך אפשר אַרויסווייזען, אַז זי איז ניט נידעריגער פאַר די ליטעראַטור, ווי זיינע בעסטע ביכער. ניט דאָ איז דער אָרט אָנצורופען דעם קינד ביי דעם נאָמען. זיין יובילעאום, אויך וועלכען עס וועלען זיך באַלד לאָזען הערען אַלע, וואָס האָבען אַ שייכות צו ליטעראַטור, ס'י די אַלטע שרייבער, ווי די נייע — וועט דאָס בעווייזען נאָך אַ סך בולט'ר, ווי מען קאָן דאָס אויסדריקען אין ווערטער. אין י. דינעזאָהן האָט זייט צוועהנדליגער יאָהרען די יודישע ליטעראַטור בעזעסען אַ טרייען היסען איבערגעגעבענעם פריינד. ער האָט קיינמאָל ניט געפרעגט, אויף וועלכער שפּראַך זיין חבר שרייבט, פאַר איהם איז נור וויכטיג געווען, וואָס גיט ער דעם יודישען לעזער, צי בערייכערט ער איהם מיט געדאַנקען און בילדער, אָדער צי פערשמירט ער זיין מוח מיט פוסטע מליצות. י. דינעזאָהן, וועלכער איז געווען פון די ערשטע מיטאַרבייטער אין „השחר“. אַ פריינד פון צוקערמאַן און ישראל בערענשטיין (דעם בעסטען פובליציסט נאָך סמאָלענסקי'ן אין „השחר“) איז שפּעטער געוואָרען דער נאָהענסטער פריינד פון י. ל. פרץ און האָט ניט איין גרונטשטיין געלעגט צו דעם פונדאַמענט פון דער היינטיגער זשאַרגאָן־ליטעראַטור...

אינקירצען וועט מען פייערן דינעזאָהנ'ס יובילעאום. איך שטעל מיר פאָר, מיט וואָס פאַר אַ פערשעמט פנים וועט דער בעל־שמחה אָננעהמען זיינע געסט און די גליקוואונש־טעלעגראַמעס, דען ערשטענס איז ער אַ גרויסער עניו און גלויבט נור אין דעם טאַלענט פון אַ צווייטען, און, צווייטענס, ווער ווייס נאָך בעסער פאַר איהם, וויפיעל ער האָט נאָך צו געבען

דעם לעזער פֿון די אוצרות פֿון זיין טאַלענט. נאָך אין דער לעצטער צייט האָט זיך דינעזאָהן בעוויזען פֿון אַ נייער זייט אין דער ליטעראַטור, פֿון זיין „ברוק“ און „דער אַלגעבראַאיניק“ זעהט מען, ווי ווייט ער איז מסוגל אויפֿצו־וועקן אין פּשוט'ן לעזער פֿון פֿאָלק אַ געפֿיהל און אַ פֿערלאַנגען צו ריינער פּאָעזיע, צו ריינער קונסט, און דער וואָס קען דינעזאָהנ'ען נעהענטער, ווייס, אַז נור צוליעב אויסערע סבות איז ער נאָך ניט געוואָרען דער ראָמאַניסט־היסטאָריקער פֿונ'ם יודישען ליטווישען לעבען אין די 70—80 יאָהרען פֿון פֿאָריגען יאָהרהונדערט. 25 יאָהר זענען אַוועק זינט ער איז געוואָרען אַ יודישער שרייבער. אָבער מיר זעהען פֿאַר זיך ניט קיין פֿערמאַטערטען, ניט קיין פֿערשלאַפֿטען. נעראַד אומגעקעהרט, איך בין בטוח, אַז די ווייטערע 25 יאָהר וועלען דעם לעזער בעווייזען, האָס ער האָט אָנגעוואָרען אין די ערשטע 25 יאָהרען פֿון דינעזאָהנ'ס ליטעראַרישער טעטיגקייט.

דאָס פֿיינע, בלייכע געזיכט פֿון יעקב דינעזאָהן מיט די פֿערטראַכטע, שוואַרצע, זאַנפֿטע אויגען, דער ווייכער טאָן פֿון זיין שטימע און זיין שטילער רוהיגער גאַנג, אַלצדינג צוזאַמען רעדט מיט אונז אַ בעזונדערע שפּראַך. שטענדיג וועט ער בלייבען אַזוי, אָבער זיין ווייכע נאַטור וועט זיך נאָך אָפֿט און אָפֿט ענדערן. און האָטש דער גרונד־האַראַקטער פֿון זיינע ווערק וועט פֿאַר דעם טיעפֿערן קריטיקער בלייבען דער פֿריהערדיגער, וועלען מיר איהם נאָך זעהען אין מעהרערע געשטאַלטען. דען ער איז ניט אויסגעהאַקט פֿון שטיין, ווי די מאַנסבילשע נשמות; ער טראָגט אין זיין ברוסט דאָס ווייכע האַרץ פֿון אַ מוטער און דאָס ריינע, גאָלדענע האַרץ פֿון אַ קינד.

דורכ'ן פֿענסטער זעה איך די שווייצערישע הויכע בערג, די אַלפּען מיט זייערע צעזעגטע שפּיצען און צעהאַקטע שטיינערנע ברוסטען, זיי שטעהען, ווי עוג מלך הבשנ'ס, שטרענג, גרויס און ערנסט. די זון מאַכט זיי ניט פֿריינדליכער, די נאַכט מאַכט זיי נאָך פֿינסטערער.

אויפֿ'ן שרייב־טיש שטעהט ביי מיר אַ בילד פֿון אַ יונג שעֶן קינד. אַלע ליניען פֿון זיין געזיכט זענען אונרוהיג, ווייך, פֿליעסען און צעפֿליעסען און הערען ניט אויף צו זיין ליעבליך און שעֶן. עס ווילט זיך מיר ניט שיידען ניט פֿון די אַלפּען און ניט פֿון דעם לעבעדיגען בילד, און ווען דער איבערשטער וואָלט מיך איצט געפֿרעגט: וואָס איז דיין בקשה,

רעד—איך וועל דאָס ממלא זיין, וואָלט איך געענטפערט: שטעהן האַנד אין האַנד מיט דעם יונגען שענעם קינד און קוקען אויף דיינע שטיינערנע ריזען, גאָטעניו!...

מיין ליעבער, טייערער דינעזאָהן, דו פערשטעהסט מיין געדאַנקען: אויך דו וואָלסט דאָס אייגענע געענטפערט. וואו נעהמט מען אָבער די אַלפען אין אונזער אָרימער יונגער יודישער ליטעראַטור?!...

# ש. פרוג.

(בעטראכטונגען און געדאנקען).

גאָר אינקורצען וועלען מיר ווידער אַ ליטעראַרישען יום־טוב האָבען: ש. פֿרוג ווערט אַ יובילאַר.

צי גלויבט זיך דאָס גאָר? צי לעגט זיך דאָס גאָר אויפֿ'ן זינען, אַז אָט דער פּאָעט האָט שוין אַ „פּעקעלע יאָהרען" הינטער זיך? אַז דער זינגער פֿון „Я не былъ между вами..." און „И зорокъ глазъ, и крѣпки ноги..." האָט שוין בעגלייט מיט'ן פֿייער פֿון זיינע לידער אַ גאַנצען דור? אַז די לידער זיינע, וואָס דריקען אַרויס טרעהרען ביי אונזער היינטיגער יוגענד, האָבען שוין מיט צוואַנציג יאָהר צוריק געמאַכט וויינען אונזערע טאַטעס און מאַמעס? אַז דער אייגענער פֿרוג, וועלכער האָט ניט לאַנג בעוויינט דאָס קישינעווער אומגליק, האָט שוין מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק בעקלאָגט דעם יעליסאַוועטגראַדער פּאָגראָם און די רדיפֿות פֿון פֿאַר 20 יאָהר צוריק? צי גלויבט זיך דאָס גאָר?

ש. פֿרוג ווערט אַ יובילאַר — און אַ מהנה פֿון אומעדיגע געדאַנקען שטויסען זיך פֿון אַלע זייטען. אוי, פֿאַמעליך שלעפּט זיך דער יודישער וואָגען, ווען אַ דור נאָך אַ דור זעהט אַליין די אייגענע פּאַנאָראַמע פֿאַר זיך... ביטער ווערט אויפֿ'ן האַרצען, ווען, בעקלערענדיג דאָס לעבען פֿון אונזער פּאָעט, זעהען מיר איהם שטעהן צווישען יעליסאַוועטגראַד און קישי-

נעוו. און וואָס פאַר אַ האַרצקלעמענים איז דאָס, אַז אונזער פּאָעט, ניט קו־קענדיג אויף דעם, וואָס ער איז געבוירען געוואָרען מיט אָפענע חושים פאַר אַלצדינג, וואָס איז יונג, פריש, שען און לעבעדיג, איז שטענדיג געצוואונגען צו קלאָגען, צו קרעכצען, צו זינגען דאָס ליעד פון רחמנות און פּיין...

יונג און פריש איז ש. פרוג אַריין אין די יודישע ליטעראַטור. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם גערוך פון שמעקענדיגע גראָזען, דעם פערליעבטען בליק פון אַ בלומענפריינד, די בעטרונקענהייט פון אַ נאַטור־מענש, וואָס טרינקט די שטראַהלען פון דער ליכטיגער זון, די פּרעכטיגע פאַרבען פון בליהענדע פעלדער. ש. פרוג איז געקומען פון אַ יודישען קאָלאָניסטען־דאָרף, וואו מען האָט שוין איינגעזויגען די ליעבשאַפט צו דער ערד פון קינדהייט אויף. ער איז געווען אַ נייער מענש אין דער ליטעראַטור, אַ נייע נשמה צווישען די פערטריקענטע מליצה־שרייבער. ניט פון מאַפּו'ס „אהבת ציון" האָט ער זיך בעקאַנט מיט דער לעבעדיגער נאַטור, און ער האָט ניט בעדאַרפט לעזען אַבראַמאָוויטש'עס „תולדות הטבע", אום זיך צו פעראינטערעסירען מיט איהר. ווי פאַר יעדען געבוירענעם פּאָעט, איז די נאַטור אַליין זיין רבי געווען:

„זי האָט איהם געלערענט אי זינגען, אי שפּיעלען,
זי האָט איהם געלערענט אי דענקען, אי פיהלען,
צו אַלץ זאָל ער האָבען אַ וואָג און אַ מאָס".

(„ליעדער און געדאַנקען", אָדעס, 1898).

און ניט נור זיין לעהרער איז זי געווען, נור אויך זיין פריינד, זיין טרייסטערין, זיין ליעבהאַרציגע יונגע מוטער אין צייטען פון טרויער. אַ געפאַלענער ביי זיך, אַ דערשלאָגענער, הערט ער איהר מילדע, זאַנפטע שטימע רופען:

„קום אַריין אין וואַלד! מיר וועלען
דיך דערפרישען און דערקרעפטען,
ווי מיט ווייכע גרינע פאָדעם
דיך בעשפּינען און בעהעפטען...
מיט אַ שטילען זיסען דרימעל
וועלען מיר דיין האַרץ בעוועהען;
מיט אַ ליעבען, זיסען חלום
דיך דערקוויקען און דערפרעהען".

ער פערלאָזט דעם וואַלד אַ דערפרישטער, אַ דערקרעפטיגטער, נייע לעבענס־זאַפטען צעגיסען זיך אין זיין פערמאַטערטען האַרצען. ער געהט

אוועק אַ בעשענקטער, אַ געבענשטער, נאָך מיט איבערפלוס פון לעבענס־מוט, און זינגט דאָס „ליעד פון דער אַרבייט“:

„פאַר דיר, אוי דו אייביגער קרעכצער און זיפצער,
פערשוואַרצטער, פערקלאָגטער, פערביטערטער יוד,
טוט שאַלען און זינגען, טוט הילכען און קלינגען
מיין פרישעס, מיין לעבעדיג־פרעהליכעס ליעד!..“

די נאַטור איז פאַר פרוג'ן ניט געווען קיין שפיעל, דערויף גראַמען צו שרייבען; ער האָט זיך ניט געקינצעלט, אום אויסצומאָלען איהר שענקייט, ער האָט זי ניט אויסגעפיינט, ווייל אַזוי האָט געהייסען די פּאָעזיע פון אַנדערע פעלקער. אין דער נאַטור האָט ער געפיהלט די גרויסע וועלט־נשמה, „דאָס לעבען, וואָס גיעסט זיך אין טויזענדער שטראָמען“, דעם איינציגען קוואַל, פונוואַנען אַ געזונדעס פאָלק שעפּט הוית און ליעבשאַפט צום לעבען, דעם כּח צום לעבען. און דעריבער איז פרוג געווען דער נייער מענש אין אונזער ליטעראַטור, דעריבער איז דער טאָן פון זיין פּאָעטישער פיעדעל אַזוי וואונדערליך ניי, אַזוי וואונדערליך פריש געווען.

* *
*

...דער נייער מענש איז אָבער געקומען אין אַלטע יודישע בגדים...

איטליכעס מאָל, ווען איך קלער וועגען פרוג'ן, שטעלט ער זיך מיר פאָר מיט אַ תּנכ"ל אין דער האַנד. ניט מיט'ן תּנכ"ל פון רש"י און מצודת דוד; אַפילו ניט דער תּנ"ך מיט מענדעלזאָהנ'ס איבערזעצונג און „באור“. זיין תּנ"ך איז געווען אַ „לעטערים“, געדרוקט אויף ענגליש פּאַפּיער פון דער בריטישער ביבעל־געזעלשאַפט. צוגלייך מיט אַלע אַלטע משכּילים, האָט איהם געצויגען צו דער ריינער, שענער שפּראַך פון תּנ"ך, אָבער זיין ליעבשאַפט צו דעם איז געווען גאָר פון איין אַנדערן מין. זיי, די אַלטע משכּילים, האָבען זיך געבאָדען אין די הייליגע ווערטער פון די נביאים, ווי איינער באָדט זיך אין ים, אום געזונד צו ווערען, ווי נעמן האָט זיך, לויט אלישע'ס עצה, אונטערגעטונקט זיבען מאָל, אום פּטור צו ווערען פון די קרעץ זיינע. זיי זענען געווען מענשען מיט קראַנקע, אויסגעטריקענטע נשמות, אויפגעצויגען אויף פּלפּול און איבער־סבֿרות, מיט שפּיציגע קעפּ און אויסגעדאַרטע הערצער, — און זיי זענען געגאַנגען צום תּנ"ך, ווי צו דעם אָרט, וואו דאָס האַרץ און די פאַנטאַזיע קענען בע־

קומען די נויטיגע זאַלצען צום אָבפּרישען זיך, אַ טראָפּעלע חיות אויף אָבצואָטעמען... פֿון דער גמרא זענען זיי אַוועק צום תנ"ך, פֿון „שור שנגה את הפרה" זענען זיי אַוועק צו די געצעלטען פֿון אַנ'אַלט פֿאָלק, וואָס לעבט אַזוי געזונד און שטאַרק, ווי די אייל־בערטען אויף'ן הר הזיתים, ווי די צעדערן אויף'ן לבנון. דאָס תנכ"ל איז געווען פֿאַר זיי דאָס איינציגע בוך, וואו זיי האָבען זיך בעקענט מיט דער גרויסער, געטליכער נאַטור, מיט די פּרעכטיגע בעשעפֿעניסען פֿון גאָטס וועלטעל. פֿון תנ"ך איז אַ פֿאַר־צייטיגער משכיל דערגאַנגען, אַז עס זענען פֿאַראַן אויף דער וועלט טייכען, ימים, גרויסע חיות, אַלערליי בוימער. דעם משכיל'ס אויג איז נאָך ניט אויסגעלערענט געוואָרען צו קענען אַליין זעהן גאָט'ס וועלט. אום צו זעהן אַ בוים אין זיין גאַנצער שענקייט, וואָס איז אפֿשר אויסגעוואַקסען ניט ווייט פֿון שול־הויף, האָט ער פֿריהער געמוזט דורכלייענען וועגען דעם אין אַ בוך. די נאַטור האָט ער געקענט בענעהמען נור ווען זי האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין אַ פּאָעטישער שפּראַך. כל זמן אין ספר איז ניט געשטאַנען, אַז דער הימעל איז בלוי, האָט ער דאָס קיינמאָל אַליין ניט דערזעהן, אַליין ניט בעמערקט. דאָס תנכ"ל איז געווען פֿאַר'ן משכיל דאָס איינציגע ווערק, וואָס האָט איהם אויף אומוועגען אויסגעלערענט זיך צו־צוהערען צו דער נאַטור, זי אָנהויבען צו בעמערקען. און דעריבער איז גע־ווען די ליעבע פֿון משכיל צום תנ"כ'ל אַ דאָפּעלטע, אַ פֿיעלפֿאַכע. ער האָט אין תנ"ך געפֿונען אַ שטיקעלע היילונג פֿאַר זיין פֿערדאַרט האַרץ, פֿאַר זיין מאָגערער פֿאַנטאַזיע. ער האָט אויך אין איהם ענטפּלעקט אַ פֿיהרער, אַ רבי'ן, וועלכער האָט איהם אויסגעלערענט ניט נור צו טראַכטען וועגען גאָטס וועלט, נור אויך צו זעהן און צו פֿיהלען מיט אַלע חושים.

גאָר פֿון איין אַנדער אַרט איז געווען די ליעבשאַפֿט פֿון פֿרוג צום תנכ"ל. דאָס, וואָס האָט געווירקט אויפ'ן משכיל, האָט שוין פֿאַר איהם קיין ווערטה ניט געהאַט. דען ערשטענס, איז ער אויפֿגעוואַקסען אויפ'ן לאַנד, אין איין אַקערבוי־קאָלאָניע, נאָהענט צו דער ערד, מיט אַ צובונד צו דער גרויסער שפּייזערין. צווייטענס, האָט ער שוין פֿון קינד־הייט אויף ענטוויקעלט זיין האַרץ און פֿאַנטאַזיע, און ניט נור ביי דער גמרא אַליין האָט ער פֿערבראַכט זיין יוגענד. פֿרוג איז געקומען צום תנכ"ל, וויל ער האָט געפֿיהלט, אַז די נאַטור, וואו ער לעבט, איז אַ פֿרעמדע נאַ־טור, אַז די זאַנגען, וואָס וואַקסען אויף דער שפּייזערין — דער ערד, זענען ניט זיינע זאַנגען, זענען ניט געזייהט געוואָרען דורך זיינע הענד, אַז די טויזענדער לעבענס־שטראָמען אַרום גיעסען זיך אַרויס פֿון פֿרעמדע קוואַלען,

אז אויף דעם גרויסען יום-טוב פון דער נאטור ארום זענען אלע, אלע איינגעלאדען — נאר ער, זיין פאלק, איז ניטא דערביי. און פרוג'ן האט געצויגען צום תנכ"ל, וואו ער, זיין פאלק און די נאטור זענען איינס, וואו איטליכער בעזונדער און אלע צוזאמען זענען גליעדער פון איין משפחה, וואו דער פאעט איז ניט אבגעשיידעט פון זיין פאלק, ווייל ביידע זענען איינגעווארצעלט אין דער אייגענער ערד, אקוראט ווי די צעדערן פון לבנון און די איילבערטען אויפ'ן איילבארג. פרוג, דער ערשטער נאציאנאלער פאעט ביי יודען אין רוסלאנד, האט שטענדיג געפיהלט דעם שפאלט צווישען זיך און דער ארומיגער נאטור; דאס איז געווען אנ'אפענע וואונד אין זיין הארצען, דער קוואל פון זיינע לײדען — און ער איז געגאנגען צום תנכ"ל הלומ'ן, הלומ'ן פון דער צייט, ווען יודען האבען נאך געהאט א לאנד, הלומ'ן מיט אפענע אויגען פון א גאנצען, געזונדען יודען אויף אנ'אייגענעם שטיקעל ערד. די פרעמדקייט ארום איז דעם פאעט געווען ניט צו דערטראגען, און ער איז געגאנגען צום תנכ"ל, ווי פארצייטען די עולי רגל פלעגען געהן פון בבל קיין ירושלים, האטש יום-טוב-צייט זיך פיהלען אין דער היים. ביים תנכ"ל האט פרוג געפונען דאס לאנד, וועלכעס האט אין גלות אידם און זיין פאלק געפעהלט. ביים תנכ"ל האט ער א ווײלע זיך דערפיהלט א דערלייזטער פון גלות. זיין פערהעלטניס איז געווען א ריין ראמאנטישע — און דאס איז דער הלוק צווישען די פאעטען מיט'ן גייסט פון דער השכלה-צייט און צווישען פרוג'ן. ער, ווי דער משכיל, האט זיך געקוויקט מיט דער ביבעל. ביידע האבען לפנים אויסגעזעהן ווי ברידער פון איין טאטע-מאמען. ביידע האבען געערדט פון דער „הארפע", פון דער „ציונספאהן", ביידע האבען געשעפט פון דער תורה און מפרשים, ביידע האבען זיך ירמיה הנביא און זיין „איכה" צום מוסטער גענומען. ווי גרויס איז אבער דער הלוק צווישען ביידען! דער ערשטער האט זיך אין תנכ"ל קוים אבגעריינגט פון זיין גהעטא-שימעל. דער אנדערער אבער איז שוין געקומען א געריינגטער איינצוזויגען זיין קראפט. צום ערשטען איז די ביבעל קוים צו דער הויט צוגעקומען, דער אנדערער האט זי פערהאפט ביז צום מארך פון די ביינער. דער ערשטער האט זיך אויסגעלערענט דארטען דקדוק, בעקומען א שטיקעל בעגריף פון גאט, וועלט, א ביסעל שענקייט און ריינקייט; דער צווייטער אבער האט פון דארטען ארויסגעשעפט א נאציאנאלען אידעאל פאר דאס יודישע פאלק. דעריבער האבען די מענשען פון השכלה-גייסט, ניט קוקענדיג אויף זייער ליעבשאפט צום תנ"ך, ניט געקאנט בענעהמען די שפעטערדיגע נאציא-

נאַלע בעוועגונג. דעריבער איז פרוג טאַקע געווען איינער פון די געצעהלטע, וועלכע האָבען באַלד דערפיהלט דעם הויכען גייסט פון די „בילו'ער“: די בעסטע ליעדער פון פרוג'ן זענען בעשאַפען געוואָרען צוליעב זיי און פאַר זיי.

*

*　*

און געשריבען האָט ער זיי אויף רוסיש...

אין אַ פרעמדער שפּראַך האָט זיך געמוזט קליידען זיין געדאַנק, ווייל ער האָט קיין אייגענע געהאַט. ניט דאָ איז דער אָרט צו הייזען, ווי־טיעף די רוסישע שפּראַך האָט געווירקט אויף פרוג'ס פּאָעזיע, צו ווייזען, וואו זי האָט געשוואַכט און וואו זי האָט געשטאַרקט זיין טאַלענט. פאַר'ן קריטיקער איז היינט קלאָר, אַז מיר וואָלטען געהאַט גאָר אַן אַנדער פרוג'ן פאַר זיך, ווען דער נאַציאָנאַלער גייסט פון זיינע פּאָעטישע בילדער וואָלט אויף געפונען אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פאַר זיך. צוויי בעשענקטע פון גאָט, צוויי ברידער אין גייסט זענען אריין אין איין צייט אין די רוסישע ליטעראַטור. דער צווייטער האָט געהייסען נאַדסאָן. עס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, ווער פון די ביידע איז געווען גרעסער. נור פאַר קיינעם איז היינט קיין ספק ניט, אַז נאַדסאָן געהערט צו דער רוסישער ליטעראַטור, און פרוג — ניט. פרוג געהערט אונז, און געהערט נור אַביסעל, נור אַ העלפט, ווייל אַ פאָלק אָהן אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, אָהן אַ לאַנד — קען קיין זאַך ניט פערמאָגען אינגאַנצען. אַפילו אונזערע שרייבער און פּאָעטען געהערען אונז נור אויף אַ ווייל און מיט אַ תנאי.

און דאָך, ווען מען וויל פרוג'ן ריכטיג פערשטעהן, מוז מען איהם נעהמען אַזוי, ווי ער האָט זיך אַרויסגעוויזען אין זיינע רוסישע ליעדער, דען אין זיינע זשאַרגאָן־ליעדער הויבט ער גאָר ניט אָן צו זיין דער פרוג, וועלכען מיר שעצען אַזוי הויך. דאָס בעווייזט זיין בוך „ליעדער און גע־דאַנקען“. די גאַנצע פעראַכטונג פון זשאַרגאָן קלינגט אַרויס פון זיינע שירים. די יודישע מוזע זעהט אויס אין זיינע אויגען, ווי זיין אַלטע באַבעניו מיט אַ צעריסענער, צעביסענער וואַטובקע אין אַלע מיתה־משונה'דיגע קאָ־ליערען, אויף איין פוס אַ חליצה־שיכעל, אויף דעם צווייטען אַ ווייסע יום־כפור־זאָק, און אויפ'ן קאָפּ... די זשאַרגאָן־מוזע איז פאַר איהם אַ משל צו אַל־דעם שמוץ, צו אַל־דער ווילדקייט פון יודישען פאָלקס־לעבען. אין די

יודישע קלויזען הערט מען נור קלינגען פעטש צוליעב עליות און מפטיר׳ס, אין די יודישע גאַסען הערט מען נור בילען די יאַטקע־הינד, אין יודישען חדר,

„די היהנער שמועסען וועגען דירוש,
דער האָהן שטודירט חזנות,
דער גאנער דרשה׳נט אויפ׳ן קול,
דער קאַטשער העלפט איהם מיט כונות“.

דאָס גאַנצע יודישע לעבען אין פאָלק מאָלט זיך איהם אין פיער בילדער: געבוירען געוואָרען, חתונה געהאַט, געיאָגט זיך נאָך אַבי־טערער פרנסה, געשטאָרבען: אַנ׳עק — אַראָב פון מאַרק. ער סטאַרעט זיך אַפילו ניט אין זיינע זשאַרגאָן־לידער אַרויסצואווייזען זיין אֶמת׳ן טאַ־לענט. ביי איהם איז רעכט אָנצוהויבען אַ ליעד מיט אַ טיעף־אומעטיגען פּאָעטישען טאָן און צו ענדיגען פלוצים אין גייסט פון אַ פערבייזטען, אָבגעעקעלטען משכיל, למשל זיין ליעד „דער הימעל שפּאַלט זיך“. דער זשאַרגאָן שטויסט איהם אָב, ער בעשרייבט איהם מיט די ווערטער:

„איך האָב מיט דעם לעצטען צאָהן
געביסען און געריסען דעם זשאַרגאָן,
געקייט די ליעבע שפּראַך פון אונזער מאַמען,
געפעפערט מיט צעזור, געזאַלצט מיט גראַמען,
צו מאַכען זי אַביסעלע האָטש ווייך
און צו פערדושען יענעם ריח
פון ווילנער מאַרק און דינאַבורגער יאַטקעס
מיט אַלערליי פערוואַלגערטע אַסטאַטקעס,
וואָס שמעקט אויף דרייצעהן מייל אַרום דעם אָרט,
וואו נור עס בליהט האָטש איין זשאַרגאָניש וואָרט...“

איהם, פרוג׳ן, וועלכער איז אויפגעוואַקסען אויפ׳ן לאַנד נאָהענט צו דער נאַטור און האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פונק פון הבל׳ס נשמה, דעם זיידען פון רוהיגער ערד־אַרבייט, האָט אָבגעשטויסען די זשאַרגאָנישע וועלט, די נאַרישע מהומה פון יודישען יריד, וואו דאָס פאָלק קומט מיט קון׳ס צייכען אויפ׳ן שטערען: דו זאָלסט זיין אַנ׳אייביגער נע־ונד׳ניק. און דעריבער האָט פרוג, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט געשריבען אין זשאַרגאָן „די שטערען“ און „דאָס ליעד פון דער אַרבייט“ (צווערשט געשריבען אין רוסישען), אַ קליינעם ווערטה פאַר דער זשאַרגאָן־ליטעראַ־

טור און צווישען די שפּעטער פֿון דער היינטיגער פֿאָלקס-ליטעראַטור פֿערנעהמט ער אַ נידריגען פּלאַץ.

זיין גאַנצע קראַפֿט, זיין גרויסען פּאָעטישען טאַלענט לערענט מען נור שעצען אין זיינע הסישע ווערק, וועלכע וועלען אָבער, צו אונזער אומגליק, קיינמאָל דערגרייכען צו דער נשמה פֿון די יודישע פֿאָלקס-מאַסען.

ווען מיר קוקען זיך צו צו פֿרוג'ס לעבען, צו פֿרוג'ס מזל, קלינגט אין אונזערע אויערן די אייביגע קללה: „און דיינע קינדער וועלען אַוועקגעגעבען ווערען צו אַ פֿרעמדען פֿאָלק". ש. פֿרוג, וועלכער האָט אַזוי טיעף געפֿיהלט די ליידען פֿון אַ פֿער־יתומ'טען פֿאָלק, וועלכער האָט זיך בעגייסטערט פֿאַר דעם אויפֿבליהענדען נאַציאָנאַלען אידעאַל, האָט געמוזט צומעסטען זיינע געפֿיהלען און געדאַנקען צו דער מאָס פֿון אַ פֿרעמדען פֿאָלק, צום גייסט פֿון אַ סלאַווישער שפּראַך. מיט איהם האָט פּאַסירט דאָס אייגענע, וואָס פּאַסירט אַלע טאָג מיט'ן גאַנצען יודישען פֿאָלק: עס ווערען געבוירען כּוחות, וואָס האָבען ניט וואו זיך אַהינצוטון און פֿליעסען אַריין אין פֿרעמדע טייכען. די יודישע פֿאָלקס-נשמה האָט פֿערלוירען איהר גוף און צעטיילט זיך אין טויזענדער פֿרעמדע גופֿים. זי איז געוואָרען אַ גלגול פֿון אַלע איראָפּעאישע פֿעלקער, און נאָך איז ניט געבוירען געוואָרען דער גאוני'ישער בעל-שם, דער אָבשפּרעכער, וואָס זאָל זי בעפֿרייען און זי ברענגען אויף איהר מקום-מנוחה.

אין די אַכטציגער יאָהרען האָבען די יודען געבענקט נאָך אַזינגער, וואָס זאָל זינגען און זאָגען זייערע ליידען און האָפֿנונגען. ער איז געקומען. אַ סך האָט ער אונז געהאַט צו געבען, און דאָס, וואָס ער האָט אונז ניט דערגעבען, זענען מיר אַליין שולדיג אין דעם. אַלעס, וואָס איז רייך בעשענקט פֿון גאָט, מוז האָבען די זיילען, אויף וואָס עס זאָל זיך קאָנען שטיצען. וואו זענען אָבער די זיילען, וועלכע זאָלען קאָנען אונטערהאַלטען דעם קופּאָל, דעם העכסטען שפּיץ, די הויכע גייסטער פֿון אונזער פֿאָלק?..


שלום אש

# אַ נייער טאלאנט.

(„אין אַ שלעכטער צייט"—בילדער און ערצעהלונגען).

דאָס קליינע ביכעל זאָל מען לייענען מיט אַ שטילער שטימע, ניט האַפּענדיג, פּאַמעליך, לאַנגזאַם איינזויגען איטליכען זאַץ, איטליך געמאָלטעס בילד. „אין אַ שלעכטער צייט" איז דאָס ביכעל געשריבען געוואָרען, אין דער צייט, ווען אויף אַרגע מנוחה קומען אַלערליי פּיין און עגמת־נפש'ן, ווען עס ווילט זיך עפּעטער וויינען ווי לאַכען, ווען דאָס קאַפּעלע נחת ווערט פערטרונקען אין אַ תהום פון אומעטיגקייט און הארצקלעמענים. שען און רחבות'דיג ברייטען זיך אוים די הימלען, די פעלדער און וועלדער אַרום די קליינע יודישע שטעדטלעך, די עדה אָבער אין די דאָזיגע שטעדטלעך איז אָרעם און ניעדערגעשלאָגען, דער טונקעלער פלעק אין דער לעבעדיגער נאַטור אַרום, דער זכר להורבן אונטער די בלויע הימלען. „זומער, ווען דער וואַלד, דער גרינער זיידע פון שטעדטעל בליהט, און דאָרטען אויפ'ן באַרג ציהען זיך אַרויף גרינע פעלדער און אויבען העכער די רייכע יום־טוב'דיגע זון, ווערען די אָרימע הייזלעך פערשעמט פאַר גאָטס רייכער וועלט. אָרימע, איינגעפאַלענע הייזלעך שטעהען וויסט און טרויעריג, קלערען אויף אַ תכלית, פון יענער וועלט".

...„און דאָ איבער זיי ציהען זיך אַזעלכע רייכע און רחבות'דיגע הימלען... און די הייזלעך קוקען, נעבעך, אוים, ווי ווען אַוואָ-

כֿעדיג מנין אין וואָכֿעדיגע מלבושים וואָלט זיך צונויפֿגעקליבען אין שוהל אין אַ שבת שירה, למשל, די שירה צו זינגען...“ (זייטע 57), איטליכֿע מעשה, איטליך בילד פֿון די 12 זאַכֿען אין ביכֿעל לאָזען איבער אַ טרויעריגקייט אין לעזערס-האַרץ. ווייל שלום-אַש האָט אויף איטליכען טריט אונז געשילדערט דעם היפוך צווישען דעם יודישען קליינשטעדטלשען לעבען און דעם לעבען פֿון דער נאַטור אַרום. „ווען די זון שיינט, די הימלען זענען ליכֿטיג, די ערד בעוואַקסען, גאָט'ס וועלט אויפֿגעלעבט... דרעהט זיך אַ יוד אין גאַס אַרום אָהן פרנסה, אָהן אַ תכלית: אין דערהיים אַ הונגעריג ווייב און הונגעריגע קינדער, און דאָ פֿרעהט זיך אַלץ און לאַכֿט... עס דאַכֿט זיך, אַז גאָט אַליין מאַכֿט, הלילה, חוזק אויס דעם אָרעמאַן...“ (ז. 58).

„אויף דעם וועג קיין שעמעניץ“ (ז. 19—25), אין איינע פֿון די בעסטע בילדער אין ביכֿעל, שילדערט אונז שלום-אַש אַ שעמעניצער יודען, אָבגעריסען פֿון שטעדטיל, פֿערוואָרפֿען אין אַ דאָרף צווישען פויערים. דער יוד פֿון שעמעניץ, „וואו די לבֿנה איז דעריבער אַזוי קלאָר, ווייל קיינער קוקט אויף איהר ניט“, זיצט איינגעדויקערט אין אַ ווינקעלע ביי'ם פֿענסטער איבער אַ שניידערשער אַרבייט. ער פֿיהלט זיך געפֿאַלען ביי זיך, וואָס ער מוז ליעגען אַ גאַנצע וואָך אין דאָרף. וואָס פֿאַר אַ שייכֿות האָט ער מיט דעם דאָרף? און אַקוראַט, ווי ער וואָלט זיך וועלען פֿערענטפֿערען — זאָגט ער: באַ...אומעטום גאָטס וועלט און זיינע בעשעפֿעניסען! און ווייטער גערעדט, ווער דאַנקט און לויבט דאָ גאָט פֿאַר אַלע זיינע תבֿואות? פֿאַר אַלץ, וואָס ער האָט בעשאַפֿען, ווען ניט אַ יוד, וואָס פֿערבלאָנדזשעט זיך אַמאָל אַהער?“

אַ טיעפֿען איינדרוק מאַכֿט דאָס בילד „אַ ווינטער אין אַ שטעדטיל“. ווינטער אין אַ שטעדטיל זעהט שטענדיג אויס ווי צו מנחה צייט. די גראָהליכֿע הימלען האָבען אויך, הלעבען, אין דער היים הונגעריגע קינדער איבערגעלאָזט... דער שנעע פֿאַלט... דרעהען זיך יודען אין גאַס, פֿערשטעלט ער זיי, מאַכֿט פֿון יונג — אַלט, פֿון אַלט — יונג“... דער וואָכֿעדיגער הימעל איז ווי אָנגעמאָסטען צום גראָהען, וואָכֿעדיגען לעבען פֿון דעם יודישען שטעדטיל.

און אין דעם ערשטען בילד „איבער דער גרעניץ“ ווייזט אונז שלום-אַש אין עטליכֿע קורצע ווערטער אין וואָס פֿאַר אַ אופֿן עס דריקט זיך אויס דער צובונד צו דער ערד, וואו דער יוד הושל'ט אָב זיין גאַנצעס לעבען. עמיצער האַפּט זיך אַריבער דער גרעניץ, פֿערוואָגעלט צו ווערען אויף

איבּיג פֿון דעם אָרט, וואו ער איז געבּאָרען געוואָרען. עס פּאַטשט שוין דער רודער. דאָס געפּעק ליעגט שוין אין שיפֿעל. די צייט איז קורץ. די גרעניץ איז אויף אַ רגע פֿריי געוואָרען. ער זעגענט זיך אָבּ:

— „דאָס לעצטע מאָל זעה איך דיך, מיין לעצטער טריט אויף דיין ערד... דעם טאַטען מיט דער מאַמען דאָ אין קבֿר איבּערגעלאָזט, און טראָג דיר די בּיינער וואו אַנדערש־וואו!... „און אַ שטימע ענטפֿערט:“ וועסט שפּעטער זאָגען קנות... מאַך דיר נישט צום נאַרען“.

נאָר קבֿרים פֿערבּינדען דעם יודען מיט דער ערד, מיט וועלכער ער איז קיינמאָל ניט צוזאַמענגעוואַקסען...

* *
*

שלום אַש צעהלט זיך צו די יונגסטע טאַלענטען אין דער יודישער ליטעראַטור. דאָס איז דאָס דריטע בּיכעל, וואָס איז שוין אַרויס פֿון איהם. די ערשטע צוויי זענען אַרויסגעגעבּען געוואָרען פֿון דער „תּושיה“, אויף העבּרעאיש. דער לעזער קען איהם שוין זייט עטליכע יאָהר. זיינע נאָוועלען און בּילדער האָבּען זיך בּעוויזען אין „יוד“, „הצפֿירה“, „פֿריינד“ א. ז. וו. אונזער י. ל. פּרץ האָט אויף איהם צוערשט זיין הסכּמה געגעבּען. ער האָט דעם יונגען ש. אַש אַריינגעפֿיהרט אין די היכלע פֿענסטער פֿון דער יודישער ליטעראַטור. שלום אַש האָט זיך „אַ אייגענעם נוסח“ צו שילדערען די מענשען און די נאַטור, און קיינער פֿון זיינע יונגע חבֿרים קען זיך ניט פֿערגלייכען מיט איהם אין דעם כּח צו שילדערען גאָטס שטום וועלטעל מיט איהר שענקייט, שטילקייט און לעבּעדיגקייט, ווי ער. און דער אופֿן, ווי ער שילדערט אונז די נאַטור, האָט עפּיס אַ וואונדערליכען חן, אַ ריין יודישען חן. ער בּעשרייבּט דעם הימעל נאָך אַ רעגען: „און איבּער דעם קלאָרען הימעל גיט בּלאָהע פֿערטונקעלטע וואָלקען בּויגט זיך אויס אַ גאָלדענער רעגענבּויגען מיט בּלאָהע קאַנטען. „גאָט איז בּאַרמהערציג“, זאָגט דער הימעל און טריקענט די ערד מיט ליכטיגער ליעבּשאַפֿט, ווי אַ מאַמע ווישט אָבּ די בּעקלעך פֿון אַ פֿערוויינט קינד“ (ז. 22). די וועלען פֿון טייך, וועלכע קומען און צוגיסען זיך, זעהען בּיי איהם אויס, ווי „אַ שליח מיט אַ ראַפּאָרט, וועלכער קומט פֿון ערגעץ וואו גאַנץ ווייט און דערלעבּט ניט זיין שליחות אויסצופֿיהרען“. (ז. 3) און אין אַן אַנדער אָרט שילדערט ער די נאַכט, ווען

זי פּאַלט אויפ'ן שטעדטיל, מיט פאָלגענדע שעַנע ווערטער: „טונקעל ווערט אויפ'ן וואַסער, טונקעל אויפ'ן הימעל, און דאָס שטעדטיל הילט זיך אין אַ טהוי־נעפּעל איין, און פון דעם קליינעם בית־המדרש'ל לאָזט זיך אַ וויינענדיגער „והוא רחום" הערען, און די תפלה שוועבט אין דער לופטען איבער דעם וואַסער וויט איבער די פעלדער... אַ קריאת־שמע ליי־ענען איז עס גוואַר'ן שלאָפען לעגען זיך פון דער גאַנצער וועלט..." (ז. 6) און ניט נאָר אַ יודישער הן בכלל ליעגט אויסגעגאָסען אויף זיינע נאַטור־שילדערונגען, נאָר דער הן פון אַ יודישער מוטער־הארץ אינאיינעם מיט דעם הן פ'ן אַ יודישען קינד. דען ש. אַש זעהט די נאַטור מיט די אויגען פון אַ יודישער מאַמע, אַלע זיינע בילדער דערמאָהנען אונז אָן די ווייכקייט, גוטקייט און האַרציגקייט, וועלכע מיר געפינען צווישען דער יודישער טרייער מוטער און איהר קינד. די זון שמייכעלט ביי איהם „מיט אַ גוט געלעכטערל, ווי זי וואָלט זאָגען: זעהט וואָס זיין ליעבער נאָמען קען", „די טראָפענס אויפ'ן גראָז בלייבען הענ־גען ווי גוטע טרערען". „אַ ליעבע אימה נעמט איהם אָן" אין דער צייט, ווען די נאַטור ווערט שטיל, זיך צוגרייטענדיג צום געוויטער. און דערזעהענדיג אויפ'ן פעלד אַ בוימעל, העכער פאַר די איבריגע, קומט איהם אריין אַ געדאַנקען פון אַ מאַמע צו איהר ליעב געראָטען קינד: „העכער געוואַקסען פון אַלע גרעזער... דער גרעסטער פון אַלע... אַ שען פנים האָט דאָס". שטאָלץ און דאגות מישען זיך אויס צוזאַמען. דעם הן פון דעם יודישען קינד זעהען מיר ביי איהם אין די בילדער, וועלכע דער־מאָהנען אונז קינדערשע פריידען און קינדערשען נחת. די וואָלקענס אויפ'ן הימעל, בשעת עס ווערט פינסטער, „גיסען זיך צוזאַמען, און נייע שטיקער הימעל פערשלייערען זיך, און לייכט אין הורכזיכטיג זענען די זילבערנע שלייער. די שלייער ציהען זיך צונויף, בעהעפטען זיך, עס ווערט אַזוי היימליך, אַזוי פריינדליך, גלייך ווי מען שפּיעלט אין בעהעלטעניס".

„די איינגעוואַקסענע גרעזעלעך אין דער ערד בעוועגען זיך שטיל, זיכער, ווי עפּיס אַ קינד, וואָס וויעגט זיך אין דער מאַמעס שויס, זיך שפּיע־לענדיג אין נחת". שלום אַש קוקט אויף גאָטס וועלטעל מיט די אויגען פון אַ יודישען יתומל: אַמאָל זעהט ער אין גאָטס וועל־טעל די פערלאָרענע מאַמען—אַמאָל זיך אַליין, זיין אייגענע קינדערשע נשמה.

* *
*

איך האָב זיך געסטאַרעט אָנצואווייזען אויף די הויפּט־סמנים, מיט וואָס ש. אַש, אַלס טאַלענט, צייכֿענט זיך אויס פֿון אַנדערע היינטיגע יודישע טאַלענטען און קינסטלער. איך האַלט נאָך אָבער איצט ניט פֿאַר נויטיג אַרומצורעדען די אַנדערע מעלות, וואָס געפֿינען זיך אין זיין ביכעל. ש. אַש איז נאָך יונג. ער איז ניט שטענדיג פֿריי פֿון פֿרעמדע מוסטערען, ער קלייבט ניט שטענדיג אויס דאָס בעסטע. למשל, „ביי אַ פֿרעמדען טייך“ האָט געמעגט בלייבען אין שופֿלאָד ליגען. ער איז נאָך ניט איינגאַנצען ריין אין זיין שפּראַכֿע, אין סטיל. און די זאַכֿען, וואָס זענען ניט דורכֿגעגאַנגען דורך די הענד פֿון אַ גוטער רעדאַקציע, זענען נישט לייכֿט דורכֿצוקריכֿען. למשל, „דאָס בית המדרש'ל“, אַ וואויל בילד — פֿערדאָרבען דורך די אונריינקייט פֿון סטיל. ער איז אָבער אַ געבאָרענער קינסטלער און מיר וועלען נאָך ניט איינמאָל האָבען דעם הענוג אַרומצורעדען זיינע ווערק, אויך פֿון די אַנדערע, וועניגער שטאַרקע זייטען.

.1902

# דער זיידע און דער איניקעל.

(שלום יעקב אבראמאוויטש און שלום אש).

פון דעם עלטעסטען צווישען די אַלטע און פון דעם יונגסטען צווישען די יונגע ווילט זיך מיר איצט רעדען עטליכע ווערטער. ביידע האָבען אונז געגעבען קינסטלערישע בילדער פון דער אַמאָליגער פאַרצייטיגער פאַטריאַרכאַלישער וועלט. ביידע האָבען אונז געוויזען דאָס לעבען פון דער יודישער עדה אין די קליינע שטעדטלעך, אין די איינציגע נעסטען, וואו עס האָט זיך הונדערטער יאָהרען נאָכאַנאַנד אויפגעהאָדעוועט דאָס געטאָ-יודענטום. ביידע זענען מיט אַ טיעף געפיהל אַריינגעדרונגען אין די נשמה פון די פאַרצייטיגע דורות, און איטליכער פון זיי האָט אונז געגעבען דעם תמצית, דעם עסענס פון דער פאָעזיע, מיט וואָס יענע וועלט האָט זיך אויסגעצייכענט אַמאָל.

זייער מלוכה האָבען זיי געטיילט אין צוויי העלפטען: שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש האָט גענומען די ליטווישע, די מתנגדישע וועלט, שלום אַש די פוילישע — חסידישע. און ביידע קניגען אויף זיי מיט דער גאַנצער קראַפט פון גאָט-געבענשטע פאָעטען.

אמת, אהן דעם „זיידען" ר' מענדעלע וואלט אפשר אויך דאס איי־ביקעל נישט ארויסגעקומען אזוי געראטען, אזוי שען. אבער א גרעסערער וואונדער איז דאס, וואס שלום אש, וועלכער איז געקומען אויף דער וועלט מיט א יאהר פופציג שפעטער נאך אבראמאוויטש'ן, האט ארויס־געוויזען די אייגענע טיפע מבינות אויף די פארצייטיגע וועלט, ווי זיין ליטערארישער זיידע.

אין דעם משך פון צוויי דורות איז דאס אלטע יודענטום שטארק צעבראקעלט געווארען. שלום אש קאן נישט זאגען אויף זיך דאס אייגענע, וואס שלום אבראמאוויטש. יענער האט זיך פערגליכען מיט „א פעדעמל, וואס איז שטארק פערוועבט אין דער גרויסער מאטעריע, וואס געהט דורך די וועלט מיט'ן נאמען יוד". שלום אש איז שוין נישט קיין פערוועבט פעדעמל. און דעריבער איז נאך מעהר וואונדער, וואס א שלום אש האט מיטגעבראכט אין די היינטיגע ליטעראטור אזא פרישען לעבעדיגען חוש צו דער וועלט, צו וועלכער ער געהערט שוין אזוי ווייניג. —

צי בעווייזט נישט אט די דאזיגע עובדה אש'ס ליטערארישע ער־שיינונג, דאס די היינטיגע יודישע עכטע אמת'ע פאעזיע איז שטארק און ארגאניש פערבונדען מיט דער יודישער פערגאנגענהייט? דאס איט־ליכעס מאל, ווען עס הויבען זיך אן צו ריהרען פאעטישע געפיהלען, מוז די ציהען חיות פון דער פערגאנגענהייט?

דאס, וואס א יונגער טאלענטפאלער פאעט ווערט אינגאנצען פער־טרונקען פון א האלבטויטען עבר, קאן ווערען דאפעלט אויסגעטייטשט: אדער דאס בעווייזט, דאס דער עבר איז נאך נישט אזוי טויט, ווי מאנכע משכילים גלויבען, אדער אז עס איז נישטא קיין געגענווארט, קיין קלא־רע צוקונפט, וואס זאל קאנען דיענען אלס א קוואל פאר פאעזיע. וואס אנבעלאנגט אונז יודען, זענען ביידע ערקלערונגען ריכטיג. עס איז א גרויסער געפעהרליכער טעות צו מיינען, אז אבראמאוויטש'ס און אש'ס וועלט איז שוין אינגאנצען אויסגעשטארבען. נאך עד היום דרוקט האלמנה והאחים ראם מעהר תחינות פון שרה בת טובים ווי מאנכע פאר־טייען פראקלאמאציעס און ביכלעך. נאך עד היום קאן זיך קיין פארטיי נישט ריהמען צוהאבען אזוי פיעל איבערגעגעבענע אנהענגער, ווי גע־וויסע חסידישע רביים אין א פוילען אדער אין א וואלין.

צוגלייך אבער שיינט פאר אונז די געגענווארט דורך א וואלקען פון פיעלערליי טונקעלע שטרעמונגען, און נאך אין א גרעסערן וואלקען איז איינגעהילט אונזער יודישע צוקונפט.

דאָס, וואָס מיר פֿערמאָגען אינפֿולען און אינגאַנצען, געפֿינט זיך נאָר אין דער פֿערגאַנגענהייט. און דער פּאָעט, וואָס וויל שעפּען פֿון פֿולען און פֿון גאַנצען, געהט צו דעם עבֿר, מוז געהן צו דעם עבֿר.

עס איז נישט קיין צופֿאַל, וואָס צוויי הרות נאָך אַבראַמאָוויטש'ן בעווייזט זיך אַנ־אַש. די פֿאַרצייטיגע וועלט האָט נאָך איהר ודוי נישט אָבגעזאָגט. צו אַבראַמאָוויטש'ס צייטען איז זי געוועזן די איינציגע, צו אַש'ס — די איינציגע גאַנצע צווישען פֿיעלע אַנדערע צעשטיקעלטע יודישע „וועלטעלעך". זאָגט וואָס איהר ווילט, רופֿט אָן די ליעבשאַפֿט פֿון אונזערע היינטיגע יונגע טאַלענטען צום עבֿר ראָמאַנטיק, הלומות, לבֿנה־פּאָעזיע א. אַז. וו. — דאָס עכטע טאַלענט קאָן נישט לעבען אָהן אַ גרונט אונטער די פֿיס, און ווען דאָס לעבען גיט קיין געגענוואַרט, שפּינט מען זיך צונויף מיט אַ פֿערגאַנגענהייט.

לאַכט פֿון ראָמאַנטיק, פֿערגעסט אָבער נישט, אַז נאָר אַ דאַנק דער היינטיגער ראָמאַנטיק הערען מיר זיך אויף צו פֿיהלען אַלס צייַנער אָהן אַ פֿערגאַנגענהייט, אָהן אַ גוף.

* *

*

מיר האָבען אויבען געזאָגט: אַבראַמאָוויטש און אַש האָבען אונז געגעבען דעם תּמצית, דעם עסענס פֿון דער פּאָעזיע פֿון דער פֿרומפֿאַרצייטיגער וועלט.

אין וואָס בעשטעהט אָבער די פּאָעזיע פֿון דער דאָזיגער וועלט?

אום אָבער זיך דאָס קלאָר צו מאַכען, מוזען מיר רעדען עטליכע ווערטער וועגען פּאָעזיע בכלל. האָט קיין מורא נישט. איך וועל אַייך דאָ נישט שרייבען קיין פֿילאָזאָפֿישע תּורה וועגען פּאָעזיע, קונסט און עסטעטיק. עס וועט זיין גענוג, ווען מיר וועלען זאָגען, דאָס איטליכע פּאָעזיע ביי וואָס עס איז פֿאַר אַ פֿאָלק האָט צו טון מיט צוויי פֿונדאַמענטאַלע געפֿיהלען: מיט דעם געפֿיהל, וואָס שטאַרקט, וואָס פֿערגרעסערט אונזער צוזאַמענבונד, אונזער אַחדות מיט דער וועלט, און מיט דעם געפֿיהל, וואָס פֿערשטאַרקט אונזער אָבגעריסענקייט פֿון דער וועלט, אונזער איינזאַמקייט, פֿער־יתומ'טקייט אין דער אַרומיגער וועלט.

די נשמה פֿון איטליכען מענשען האָט אַ דאָפּעלטע טבֿע. בעת אויפֿ'ן האַרצען איז אֶמת פֿרעהליך, בעת עס איז אֶמת יום־טובֿ'דיג צום מוט, פֿיהלט זיך די נשמה אַלס אַ שוועסטער פֿון אַלץ אין דער אַרו־

מיגער וועלט. די מענשען אויפ'ן גאַס זענען איהר ליעבער דענמאָלסט, די נאַטור — נעהענטער, און אַפילו איטליך ווערעמל ווערט בעטראַכט דענמאָלסט מיט פריינדליכערע מיטפיהלענדע אויגען. די נשמה האָט ליעב דענמאָלסט זיך צו בעהעפטען צו אַליץ, וואָס טראָגט אויף זיך אַ צייכען פון לעבען און נאַטור. אין אַזוינע מאָמענטען שטראַהלט אויס די נשמה טויזענדער פעדעם, וואָס פערבינדען זי מיט נאָהענט און ווייט, מיט דעם מענשען, מיט דעם מענשליכען כלל, מיט דער נאַטור, מיט דער וועלט, און מאַנכמאָל אויך מיט די וייטעסטע וועלטען, — מיט די שטערען אין הימעל. די נשמה צעגיסט זיך דענמאָלסט אין טויזענדער וועלען, און זי ווערט אויף אַ רגע איינס מיט אַליץ, וואָס פאַלט אַריין אין איהר שטח, זי שליסט אויף אַ רגע „חבר־לאַווער“, אַ טיעפע אַחדות מיט אַליץ אין דער וועלט.

צוגלייך אָבער האָט אונזער נשמה אַ טבע אין זיך, וואָס איז פונקט קאַפויר פון דעם חשק צו שליסען מיט אַליץ אַרום אַ טיעפע ברייטע אַחדות. אין צייטען פון אומעט און טרויער, ווען אַ געדיכטער וואָלקען פערדעקט דאָס האַרץ און נעהמט צו פון מענשען דעם מוט, — פיהלט זיך די נשמה, ווי פעריתומ'ט, ווי אָבגעריסען פון אַליץ, וואָס טוט זיך אין דער וועלט. די מענשען אויף דער גאַס שיינען דענמאָלסט ווי פון אַ פרעמדער נאַציע, אויך די אייגענע, די נאָהענטסטע פריינד קריגען דענמאָלסט אַנ'אומגעוועהנליך פרעמד פנים. אַנ'אָבגעריסענע פון אַליץ, בלאָנקעט די נשמה אין דער אַרומיגער וועלט, פיהלענדיג נאָר זיך און איהר וועהטאָג. און אַליץ ענגער און ענגער ווערט דער שטח, וואָס זי פערנעהמט. אַדרבה, זי זוכט, וואָס מעהר פעריתומ'ט צו ווערען. זי זוכט אַליץ וואָס מעהר זיך אָבצושיידען פון דער אַרומיגער לעבעדיגער וועלט.

די נשמה בייט אָפט איהרע ראָלען: אָדער זי איז די נאָהענטסטע מהותנת'טע אויף דער החונה פון גאָט'ס ווערק, אָדער זי איז אַנ'אָרעם, דערשלאָגען יתומ'ל, וואָס פיהלט זיך אין דער פרעמדער קאַלטער וועלט „איינזאַם ווי אַ שטיין“.

איטליכע פאָעזיע האָט צו טון מיט די צוויי הויפטגעפיהלען אין זייערע פערשיידענע מדרגות; מיט אַלערליי מדרגות פון דעם אַחדות־געפיהל און דעם איינזאַמקייט'ס־געפיהל. אַ פאָעט איז דער, וואָס קאָן מיט דער קראַפט פון זיין פעדער צווינגען די וואָכעדיגע נשמה דורכצולעבען דעם טעם פון איינע פון דיביידע געפיהלען אין פערשיידענע מדרגות.

דער עכטער פאָעט קאָן אָבער נאָר געבען דאָס, וואָס ער געפינט

פארטיג, צי אין דער ארומיגער נאטור, צי אין לעבען פון איינצעלטען מענשען אדער אין לעבען פון מענשליכען כלל. ווען מיר רעדען פון דער פאעזיע פון דער פרומפארצייטיגער וועלט און וועגען דעם פאעט, ווי למשל אבראמאוויטש'ן, וואס האט אונז איהר פאעזיע ענטפלעקט, — מיינען מיר דערמיט, דאס די פרומפארצייטיגע וועלט האט זיך אויסגעצייכענט מיט א געוויסער רייה געפיהלען אין פערשיידענע מדרגות, וועלכע האבען געהאט א שייכות צו איינעם פון די ביידע דערמאנטע הויפטגעפיהלען; און דאס דער פאעט האט זיי ארויסגעשטעלט פאר אונזערע גייסטיגע בליקען, און אונז געצוואונגען הורכצולעבען אלערליי מדרגות פון די דאזיגע געפיהלען.

*      *
*

און איצט קומען מיר ווידער צו דער פראגע: אין וואס בעשטעהט די פאעזיע פון דער פרומפארצייטיגער וועלט?

אויך אין דעם געטא-יודענטום האבען מיר צוטון מיט די צוויי פונדאמענט-געפיהלען אין זייערע פערשיידענע מדרגות. דאס געטא-יודענטום איז געקנעטען פון דעם אייגענעם טייג, ווי איטליך אנדער פאלק. דער הלוק איז נאר צווישען איהם און אנ'אנדער פאלק, דאס די דערמאנטע געפיהלען רופען ארויס ביי געטא-יודען אנדערע גייסטיגע און מאטעריעלע אומשטאנדען. די טיעפסטע און ברייטסטע געפיהלען פון אחדות צו עפיס א העכערער גרעסערער וועלט האט דורכגעלעבט דער יוד אין די קלויזען, אין די בתי-מדרשים; די טיעפסטע איינזאמקייט האט ער געפיהלט דענמאלסט, ווען דאס לעבען האט איהם געצוואונגען צו פערלאזען די בתי-מדרשים און ארויסצוגעהן אין די קאלטע פרעמדע גאס, זיך יאגען נאך אנ'ארעמער פרנסה. דאס געטא-יודענטום צייכענט זיך אויס דורך איהר הויכע רעליגיעזע און דורך איהר נידעריגע מאטעריעלע קולטור. איטליכס מאל, ווען עס האט געקאנט זיך פערבעהאלטען הינטער די ענגע מויערן פון די בתי-מדרשים, די צענטרען פון פרומקייט, האט זיך דאס יודענטום געפיהלט הויך דערהויבען איבער אלע איהרע טעגליכע דאגות, האט עס דורכגעלעבט די העכסטע אחדות-געפיהלען פון לעבען. אומגעקעהרט אבער, אין קאמפף פאר'ן גשמיות'דיגען לעבען האט דאס געטא-יודענטום זיך געפיהלט שרעקליך פעריתומ'ט, ארומגערינגעלט פון טויזענדער סכנות, ווי א ווערעמל, וואס קאן פון איטליכען צעטרעטען ווערען.

ש. אבראמאוויטש האט צוערשט אנגעוויזען אויף דער הפך צווישען

יודישען רעליגיעזען און מאַטעריעלען לעבען, צוערשט געציינט אַלע מדרגות פֿון צובונד און אַחדות-געפֿיהלען אין איינזאַמקייט'ס-און עצבֿות-געפֿיהלען, וואָס אַ פֿאַרצייטיגער יוד לעבט דורך אין די עטליכע צעהנדליג יאָהרען פֿון זיין לעבען.

די פּאָעזיע פֿון דער פֿרומפֿאַרצייטיגער פּשוט'ער יודישער וועלט ענטפּלעקט זיך גראַדע אומגעקעהרט, ווי ביי אַנדערע פֿעלקער. ווען אַב'אַבראַמאָוויטש רעדט פֿון „דעם פּינטעלע יוד", מיינט ער דערמיט די כאַראַקטעריסטישע אומשטאַנדען פֿון יחיד און כלל ביין יודענטום, וואָס וועקען אין איהם אַ ריה פֿון געפֿיהלען אין גאָר אַנ'אַנדער סדר, ווי ביים כלל פֿון איין אַנדער נאַציע. „דאָס פּינטעלע יוד" איז מיט אַנדערע ווערטער, — די יודישע פֿאָלקס-נשמה, וואָס וויינט, בעת אַנדערע פֿרעהען זיך, און פֿרעהט זיך בעת אַנדערע צוגעהען פֿון האַרצ-קלעמענים, וואָס לעבט-דורך די אַחדות-און אַבֿלות-געפֿיהלען מיט אַלע זייערע טויזענדער מדרגות ביי גאָר אַנדערע אומשטאַנדען און אין גאָר אַנ'אַנדער סדר, ווי דער מענש און דער כלל פֿון אַנ'אַנדער אומה. —

*   *

*

די פֿרומפֿאַרצייטיגע וועלט איז עפּיס אַוועק, וואָס ווערט איטליכען טאָג אַלץ מעהר און מעהר צעבראָקעלט. די לעצטע פֿעסטונג איהרע — די קליינע פּוילישע שטעדטלעך, וועלכע זענען ביז נאָר נישט לאַנג נאָך נישט בעריהרט געוואָרען פֿון דער אַמאָליגער השכלה, הויבט שוין אויך אָן ביסלעכווייז צו צעפֿאַלען. אויך דאָרטען איז שוין אַיינגעדרונגען דער הויך פֿון אַ נייער צייט, און הויפֿענווייז פֿערלאָזט דער יונגער דור די שטעדטעלעך און געהט קיין וואַרשא, צום איינציגען גרויסען יודישען צענטר, וועלען בילדונג און אַטעסטאַטען, זיך „אויסצומענשלען".

די נייע יודישע וועלט, וואָס מאַנכע הייסע קעפּ און ברייטע הערצער טוען היינט בויען, ליעגט נאָך בעהאַלטען אין אַ געדיכטען וואָלקען. עס וועט נאָך אַוועק אַ צייט מיט יאָהרען, ביז דאָס נייע יודישע לעבען וועט אויסאַרבייטען אַלגעמיינע פֿאָלקסטימליכע פֿאָרמען, וואָס זאָלען קאָנען וועקען אין אונז ברייטע, טיעפֿע אַחדות-געפֿיהלען און אַ טיעפֿע פֿעריתומ'טקייט, מיט וואָס עס האָט זיך אויסגעצייכענט די אַלטע פֿרומע וועלט. דאָס, וואָס געהט ביי אונז היינט פֿאָר, צערייסט און צעפֿליקט די פֿאָלקס-נשמה, און עס וועלען נאָך אַ סך וואַסערן פֿערגעהן,

אֵיידער די צעריסענע פֿאָלקס־נשמה וועט ווידער פֿערוועבען דאָס גוטע פֿון דער אַלטער מיט דעם גוטען פֿון דער נייער צייט... ביז דאַמאָלסט אָבער וועט אונזער יודישעס פֿאָלקס־לעבען נישט געבען קיין טיעפֿע ברייטע פֿאָלקס־פּאָעזיע, עס וועט זיין ווי יענע טריבע וואַסערן, אין וועלכע קיין זאַך שפּיגעלט זיך ניט אָב קלאָר און רוהיג.

און איטליכעס מאָל, ווען מיר ווילען אַרויסרופֿען אין אונזער נשמה אַ בילד פֿון אַ גאַנצען פֿאָלקס־לעבען מיט אַ רייה פֿון טיעפֿע פּאָעטישע געפֿיהלען, וועלכע נעהמען אַרום אַלעמען פֿון גרויס ביז קליין, — מוזען מיר זיך אומקעהרען צו דער אַלטער פֿרומפֿאַרצייטיגער וועלט, וועלכע האָט געהאַט אַ סטיל, אַ פֿאָרם און אַ טיעפֿען ברייטען אינהאַלט. און נישט בכדי זו ווייטער אָבצופֿרישען, — דאָס אָבגעשטאָרבענע מוז צעפֿאַלען — נאָר אום אין אונזער נייעם לעבען מיט דעם נייעם תוך (אינהאַלט) אַריינצוברענגען די אייגענע גאַנצקייט, די אייגענע פּאָעזיע, מיט וואָס עס האָט זיך אַמאָל אויסגעצייכענט די אַלטע וועלט מיט איהר אַלטען תוך.

וויל מען אָבער די אַלטע פֿרומפֿאַרצייטיגע וועלט זעהן אין איהר גאַנצער קלאָרער אָבשפּיעגלונג, מוז מען געהן צוערשט צו אַבראַמזאָהן׳ס ווערק, דערנאָך צו אַש׳ס בוך „דאָס שטעדטעל“.



ד. פינסקי

# דוד פּינסקי.

I

אין דעם לעצטען יאָהר האָט זיך פּינסקי'ס שטערן ווידער בעוויזען אין אונזער הסיש-יודישען וועלטעל. באַלד נאָכ'ן קישענעווער פּאָגראָם האָט ער אין „פריינד“ אָבגעדרוקט אַ קליינע שוואַכע נאָוועלע („שיני“), וועלכע האָט אויף געוויסע ליטעראַרישע קרייזען געמאַכט אַן אײנדרוק: נישט אַזוי צוליעב איהר אָריגינאַליטעט, ווי צוליעב דער טענדעניץ, וואָס איז פאַר פּינסקי'ן געווען אייגענטליך אַ נייעס. אין זשורנאַל „לעבען“ (יאַנואַר, פעברואַר 1905) איז ערשינען אַ דריי-אַקטיגע דראַמע פון ד. פּינסקי אונטער דעם טיטעל „די מוטער“, דאָס ווערק איז פון קינסטלערישען שטאַנדפּונקט נישט געראָטען; אַ געמלאכה'טע סענטימענטאַלע זאַך, אַ מעלאָדראַמע פאַר אַ ווייבערשען פּובליקום, אַ בראָטען פאַר אַ קליין-שטעטעלדיגען בעל-בכי. אין „פריינד“ איז נאָך שפּעטער ערשינען פון פּינסקי אַן אײן-אַקטער מיט פּרעטענזיעס צו שילדערן די פּסיכאָלאָגיע פון די נייע פרייע יודישע פרויען-טיפּען. אויך די אַרבייט האָט נישט געמאַכט קיין גוטען אײנדרוק, סוף יאָהר אָבער האָט זיך בעוויזען אין אַ בונדיסטישער אונלעגאַלער אויסגאַבע זיין „פאַמיליע צבי“, און דער כמעט שוין פערגעסענער פּינסקי איז ווידער אויפגעשטאַנען אַ ליטעראַרישען תחית המתים.

איך אָבער, ווען איך דערמאָן זיך אָן פּינסקי פון אַ מאָל אין

היינט, הויבט זיך אָן ניט ווילענדיג צו פערקלערען, און עס ווערט מיר שרויעריג צו מוט.

זייט 1892 געהערט ד. פינסקי צו אונזער ליטעראַטור. אינאיינעם מיט יעקב דינעזאָהן איז ער געווען אַ נאָהענטער מיטאַרבייטער פון י. ל. פרץ ביי דער אַרויסגאַבע פון „די בלעטלעך“ און דער „יודישער פאָלקס־ביבליאָטעק“, ער איז געווען איינער פון די „יונגע“, וועלכע האָבען בערייכערט אונזער ליטעראַטור מיט אַ נייעם טאָן. דער ערשטער, וועלכער האָט בעמערקט אין דער צוזאַמענגעגאָסענער, צוזאַמענגעקנאָטענער נישט־דיפערענצירטער יודישער מאַסע די געבורט פון נייע געשטאַלטען מיט פרישע רעיונות אין מה און אַ פרישען פראָטעסט אויף די ליפען. נאָך פאַר'ן „בונד“ (1897), נאָך פאַר דעם ערשטען יודישען סטרייק (אין ווילנא, 1896) האָט ער שוין געשריבען זיין „אַראָב דעם יאָך“, זיין „היים דעם משרת“, זיינע „גאַסען־בילדער“, זיין „הנה־לאה“ און אַנדערע בילדלעך און בילדער פון יודישען פראָלעטאַרישען לעבען.

עס איז געווען אַ צייט, ווען דוד פינסקי האָט גע'חלומ'ט צו ווערען אַ סאָציאַליסטישער זאָלאַ אין דער יודישער ליטעראַטור. און דאַמאָלס האָט ער מיט אונגעדולד און פעראַכטונג זיך אָבגעקעהרט פון די חובבי ציון און די ערשטע פאָליטישע ציוניסטען, — די צוקונפטיגע אַרמעע פון טעאָדאָר הערצל, — וועלכע פערמאַכען די אויגען פאַר אַ נייע וויכטיגע ערשיינונג, וועלכע ווילען נישט בעגרייפען, אַז פון דער צוזאַמענגעקנאָטענער פאַטריאַרכאַלישער יודישער מאַסע, — ווי עס האָט זי געשילדערט אַברהאַמאָוויטש, — טיילט זיך אָב אַ יודישער פראָלעטאַריאַט מיט נאָר אַ בעזונדער קלאַסען־פסיכאָלאָגיע, מיט אַן איינגעוואָרצעלטער שנאה צום קאַפּיטאַליזם בכלל, און בפרט צו די טרעגער פון קאַפּיטאַליזם, צו די יודישע פאַבריקאַנטען מיט זייערע גראָבע בייכער.

אַלס קינסטלער איז פינסקי דער ערשטער פון די ערשטע אין אונזער ליטעראַטור, וועלכער האָט אין דעם אונקלאָרען פראָטעסט פון אַ נאָמענשען („אַראָב דער יאָך“) דערקאָנט דאָס נייע און דאָס בעדייטענדע דערפון; וועלכער האָט דערשפירט, אַז צווישען יודישען אַרבייטער און אַרבייטגעבער וואַקסט אויס אַן'אייזערנע וואַנד און עס הויבט זיך אָן אַ שטילע פערשטיקטע מלחמה. און אַלס ערשטער איז ער נאַטירליך מסוגל געווען שטאַרק צו איבערטרייבען די היסטאָרישע און סאָציאַלע בעדייטונג פון דעם דאָזיגען פראָטעסט. פינסקי האָט ניט געמאַכט קיין נפקא־מינה צווישען דעם קריסטליכען און יודישען אַרבייטער בנוגע צו די וועגען,

וואָס פֿיהרען די אַרבייטער צו אַ פֿרייער רעגעלמעסיגער ענטוויקלונג. ווי אַ יעגער, וואָס יאָגט זיך נאָך אַ שעהנעם פֿויגעל, האָט ער פֿערלאָרען זיין בליק פֿאַר אַלעם אַנדערע אַרום אין דער נאַטור; ער איז צו פֿערליעבט געווען אין די חן־גריבעלעך פֿון דעם נייעם אָקאָרשט פֿונ'ם איי אַרויסגעקראָכענעם פּראָלעטאַריאַט, אַז ער זאָל קענען קלערען וועגען זיין שפּעטערער צוקונפֿט.

פינסקי איז געבאָרען געוואָרען מיט אַנ'אויג, וואָס האַפּט אויף די פֿיינסטע אונטערשיידונגען צווישען אַ יוד אַ קבצן און אַ יוד אַ פּראָלעטאַריער, און געראַדע צוליעב דער ספּעציעלער בעגאַבונג איז ער אין אָנפֿאַנג נישט געווען בכח זיך ווייטער און ברייטער צוצוקוקען צו דו אַנדערע ענטוויקלונגס־טענדענצען פֿון יודישען כלל. אין זיינע אויערן האָט געקלונגען אַ נייער כשוף'דיגער מאָטיוו: אויך ביי יודען וואַקסט אויס אַ פּראָלעטאַריאַט! און די אַלע גוטיגקייטען, וואָס איז אָנגעגרייט פֿאַר די נאַציאָנען, צוליעב דער וועלט־בעפֿרייענדער קראַפֿט פֿונ'ם אָרגאַניזירטען פּראָלעטאַריאַט, אַלע די וואוילטאָגען וועלען מקוים ווערען אויך פֿאַר דאָס אויסגעמאַטערטע יודישע פֿאָלק.

און פינסקי איז געווען דעמאָלסט אינוועניג ביי זיך אַ ג אַ נ צ ע ר מענש; ער האָט נישט געליטען פֿון צווייפֿלען, און ער האָט געוואוסט, וואָס ער וויל. דער סם־המות פֿון נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע דמיונות האָט אויף איהם קיין שליטה נישט געהאַט. ער האָט נאָך נישט געפֿיהלט, אַז הינטער דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט, וואָס הויבט זיך אָן אָקאָרשט צו אָרגאַניזירען, אַז הינטער איהם, ווי הינטער אַלע שעפֿערישע קרעפֿטען פֿון יודישען פֿאָלק, שטעהט אַ געוואַלטיגער שונא מיט אַ שטעכעדיג מעפֿיס־טאָפֿעלישען געלעכטערל אויף די ליפּען. ער האָט נאָך נישט דערזעהן דעם מלאך הדומה פֿון אַ גלות־פֿאָלק, וועלכער דערלויבט נאָך אויף אַ ווײַלע זיך צו ריהרען, צאַפּלען, וואַרפֿען, — דערלאָזט אָבער בשום אופֿן נישט, אַז אין דעם פֿאָרווערטס־מאַרש פֿון די אייראָפּייאישע פֿעלקער זאָל דער יוד קענען מאַכען אַ פֿולען גאַנצען טריט.

שכור פֿון געזונדע יוגענד־געפֿיהלען, איז פינסקי צוגלייך מיט טויזענדע אַנדערע פֿון זיינע חברים געגאַנגען דעם וועג, וואָס פֿיהרט צו אַ נייער מלחמה און צו אַ נייעם נצחון, צו ליכט און בעפֿרייאונג, צו אַ נייער שנאה און צו נייע אידעאַלען.

ד. פינסקי האָט נישט געקאַרגט מיט ליעבע צו זיינע פּראָלעטאַ־

רישע העלדען. אלע זיינע ווייל-ציטעריגע געפיהלען האט ער זיי אוועקגעגעבען. ער האט אבער אויך נישט געקארגט מיט פאלשע פארבען און מיט די גראבסטע מיטלען, אום פערהאסט צו מאכען דעם יודישען רייכען בעל-הבית און בורזשוא אין די אויגען פון לעזער. ער האט אויסגעשטעלט דעם יודישען ארבייטער מיט פיעל בעגאבונג און דראמאטישען געפיהל. נישט קיין רחמנות-געפיהלען (ווי פרץ) האט ער געוועקט אין אונז צו איהם, זאנדערן אנ'אכטונג צו זיינע געזונדע נאטירליכע קרעפטען, צו זיינע פרישע חושים, וואס זענען נאך נישט פערטויבט געווארען פון בית-מדרש-לופט און היי-אדם.

דער מעהרסטער טייל פון זיינע מענער — ווי די פרויען-געשטאלטען צייכענען זיך אויס מיט זייער געזונדער סימפאטישער קראפט. אין פערגלייך מיט די בלאסע צעבראכענע העלדען ביי אנדערע שרייבער, — זענען פינסקי'ס געשטאלטען די איינציגע געזונדע קינדער פון דעם קראנקען יודישען פאלק.

דוד פינסקי איז דאמאלס געווען דער איינציגער שרייבער, וועלכער האט זיך געפיהלט אלס קינד פון א געזונדען כלל מיט גאנצע געזונדע אינסטינקטען. ביי איהם האבען זיך ניט אויסגעמישט די טענער פון רחמנות און יאוש: ער האט נישט געוואוסט, וואס איז דאס אזוינס דעקאדענץ. ער איז געווען א פערביסענער שונא פון אלע בעלי-חלומות און אלע וויינענדיגע סענטימענטאלע בעשעפעניסען. די בטלנות פון די אלטע משכילים און דער ראמאנטיזם פון די חובבי ציון זענען געווען פאר איהם אנ'עקעל. דאס לעבען איז ניט געווען פאר איהם קיין עולם המחשבות, קיין גרינער טיש, וואו מען קלערט און מען טראכט און מען פיהלט, נאר אנ'עולם המעשה, א קאמפפפלאץ, וואו מענשען מיט שטארקע ווילענס מעסטען זיך אין כוחות.

אין דעם פינסקי פון אנפאנג די 90-ער יאהרען האט מען שוין בהוש ארויסגעזעהן דעם צוקינפטיגען יודישען דראמאטיקער. אין אלע זיינע סצענעס האבען די מענשען גערעדט מיט א בעזונדערס קרעפטיגער און ליידענשאפטליכער שפראך. א סך מעהר ווי די אויסערע בעשרייבונג האבען כאראקטעריזירט זיינע העלדען די ווערטער, וואס זיי האבען ארויסגעזאגט; און דאס, וואס זיי האבען גערעדט, האט געהאט מארך און חיות, און האט אבגעשלאגען אין אויער מיט דעם נאטירליכען קלאנג פון נאך אנ'אונבעריהרטער תמימות'דיגער נשמה.

און אויך מיר, די בעלי הלומות, די ראָמאַנטיקער, די ציוניסטען, וועלכע האָבען בשום אופן נישט געקענט צושטימען צו פינסקי'ס מיינונגען, — מיר האָבען מיט אַ טיעפען אינטערעס פערפאָלגט די ווייטערע ענטוויקלונג פון'ם יונגען פינסקי, דעם ענטדעקער פון יודישען פראָלעטאַריאַט אין אונזער ליטעראַטור.

---

II

ד. פינסקי איז ניט געבליבען שטעהן אויף איין אָרט. ער איז עלטער געוואָרען און מיט די יאָהרען איז אויך געוואַקסען זיין טאַלענט. אין ענדע פון די 90־ער יאָהרען האָט ער געלעבט אין בערלין, איז בעקאַנט געוואָרען מיט פערשיידענע סטודענטישע, ליטעראַרישע און קינסטלערישע קרייזען. זיין בליק אויפ'ן לעבען איז געוואָרען ברייטער און טיעפער. דאָס, וואָס ער שרייבט אין יענער צייט, איז שוין ווייניגער דורכגעזאַפט מיט דער טענדענץ פון פריהער. אין זיינע סצענעס פון יודישען לעבען שילדערט ער נאָך אַליך דעם יודישען פראָלעטאַריאַט, אָבער שוין גאָר פון אַנ'אַנדער זייט. פינסקי האָט צו פיעל קינסטלער־בלוט, אַז ער זאָל קענען פאַלשעווען ביי'ן שילדערן די ווירקליכקייט. ער ווייס שוין, אַז דאָס יודישע לעבען גיט נאָך נישט די מעגליכקייט דעם יודישען בעגאַבטען אַרבייטער אויסצוואוואַקסען אַלס קעמפפער פאַר זיין קלאַס. דער בעגאַבטער קען העכסטענס נאָר זיך אַליין בעפרייען פון דער קנעכטשאַפט. העכסטענס אַריבערגעהן פון אַרבייטער־שטאַנד אין דעם מצב פון אַ קליינעם אונטערנעהמער מיט אַנ'אייגענעם וואַרשטאַט.

אין זיין ערצעהלונג „דראַבקין" געפינען מיר צו ערשט ביי פינסקי'ן אַ נעגאַטיוועס, אַ שטראָפענדעס פערהעלטניס צו זיין געליעבטען, פון איהם אַליין ענטפלעקטען יודישען אַרבייטער.

פינסקי'ן אינטערעסירט שוין נישט דער קאַמפף גראָד פון פראָלעטאַריער, נור דער קאַמפף בכלל. אומעטום, וואו ער זעהט אַ געזונדע יוגענד קעמפפען פאַר אַ פרייערן, ברייטערן שכל'דיגען לעבען, פיהלט ער זיך — אַלס דער שילדערער, דער געבאָרענער פערטייטשער פון די געפיהלען ביי די דאָזיגע קעמפפער־נשמות.

פינסקי האָט געשריבען אַ קליינע איינאַקטיגע דראמא, וואו ער שילדערט אַ יונג-מיידעל אַ פּאָר מינוטען פאַר אַ געפעהרליכע הויז-זוכונג. אין עס-שטוב רעדט מען איהר אַ שדוך. אין דערבייאיגען געסעל קלינגען שוין די שפּאָרען פון זשאַנדאַרמען. אַליין לויפט זי פון שטוב אין קיך, רוימט און פערברענט, און אין ריכטיגסטען מאָמענט ענטרינט זי פון די זשאַנדאַרמענס הענד.

ווער עס האָט געזעהען דאָס שטיק אויף דער ביהנע, (אין בערן, בערלין האָבען דאָס יודישע סטודענטען געשפּיעלט מעהרערע מאָל) האָט אויף שטענדיג אַוועקגעטראָגען מיט זיך דעם איינדרוק פון אַ שטאַרקער קעמפּפער-נאַטור אין דער געשטאַלט פון אַ פרישׂ יונג יודיש מיידעל.

די רעטעניסען אָבער, וואָס עס גיבען אויף דעם קינסטלער די קעמפּפער-נשמות, זענען פיעל פערפלאָנטערטער און טיעפער, ווי דאָס, וואָס מען קאָן אַרויסזאָגען אין קליינע גאַסענבילדלעך און אין איינאַקטיגע דראַמען, — און ס׳איז קיין וואונדער נישט, אַז די, וואָס האָבען געשעצט פינסקי׳ס טאַלענט, האָבען ערוואַרטעט פון איהם גרעסערע און טיעפערע אַרבייטען, און טאַקע קורץ פאַר זיין אַוועקפאָהרען קיין אַמעריקא האָט ער געשריבען אַ דריי-אַקטיגע דראמא „אייזיק שעפטעל“, און ער האָט מיט גלאַנץ אַרויסגעוויזען, ווי אויסגעצייכענט ער קען די סביבה פון אונזערן אַרבייטער-לעבען, ווי לייכט עס קומט איהם אָן קורץ און דראַמאַטיש צו שילדערן געזונדע שטאַרק-פיהלענדע מענשען פון דער מאַסע, און וואָס פאַר אַ פיינער מבין ער איז אויף די קאַמפּפס-געפיהלען, וועלכע שפּיעלען זיך אָב אין די נשמה פון אַ מענשען פון פאָלק, וועלכער איז געקומען אויף דער וועלט מיט אַ שעפערישען גייסט און אַ פונק פון אַ נשמה יתרה.

אין זיינע פריהערדיגע ווערק האָבען מענשען געקעמפּפט מיט אויסערע שונאים, אין „אייזיק שעפטעל“ קעמפּפט דער מענש מיט זיך אַליין.

אין אַייזיק שעפטעל שילדערט ד. פינסקי די שעפערישע פערזענליכקייט אין דער סביבה פון אַרבייטער-לעבען. נישט אויסערע ליידען צווינגען אַייזיקען צו נעהמען גיפט אין לעצטען אַקט, נאָר אַ טיעפער אינווענינגסטער שמערץ, פון וועלכען קיין קלאַס איז ניט בעשיצט, האָטש אין יעדען קלאַס נעהמט דער שמערץ אָן אַנדערע פאָרמען. אייזיק שעפטעל איז אַן אויסנאַהם צווישען זיינע חברים אַרבייטער: ער איז אַ קינסטלער-נאַטור. ער טראָגט זיך שטענדיג אַרום מיט פערשיידענע טעכנישע ערפינ-

דונגען; עס זענען איהם שוין געלונגען עטליכע קליינע ערפינדונגען. ווי אַנ׳עכטער קינסטלער, ווייס ער נישט פון קרעמערישע געשעפטען און רוחים. זיינע ערפינדונגען קויפט אָב דער בעל־הבית פון ווארשטאַט בחצי חנם. אַייזיק פיהלט זיין אינווענינגסטע ווערדע און די פּראָזאַאישע צרות פון לעבען קעהרען איהם ווענינ אָן. ער איז אַ שטאָלצע שווייגזאַמע טיעף־פערקלערטע נאַטור אין אַ גראָבער בלוזע, אין אַנ׳אַרבייטער־בלוזע.

די טראַגיק פון זיין לעבען איז, דאָס זיינע בעסטע אידעען און געדאַנקען קענען ניט בעקומען קיין הויט און ביינער, די ריכטיגע פאָרם. ער ליידט די צרות פון איטליכען נישט פּאָלירטען געשליפענעם טאַלענט, ביי וועמען די כחות האָבען זיך ניט ענטוויקעלט גלייכמעסיג, און צוליעב וואָס דאָס גאַנצע לעבען געהט אָפּט לאבוד. אייזיקס בעסטע אידעען געהען צום גרונד, ווייל זיין ערפינדערשער גייסט קען זיך ניט שטיצען אויף בילדונג און קענטעניסען. ווייל ער איז אַ בור דאוריתה בנוגע צום מאַטעריאַל, אויף וואָס ער וויל אָנווענדען זיינע טעכנישע פּלענער. אַלס רויהער מענש, פיהלט ער אַ טיעפען שפּאַלט צווישען זיינע אידעען און די רעאַלע לעבענס־פאַקטען. ער פיהלט אין זיך אַ מיש־מאַש, אַ דיסהאַרמאָניע, וואָס וועקט אין איהם אויף אַ ים פון יסורים, און וועלכע טרייבען איהם צולעצט צו אַ זעלבסטמאָרד...

אין „אַייזיק שעפטעל" האָט פּינסקי דערגרייכט די גרעסטע שטופע פון זיין קינסטלערישען טאַלענט. אויסגעהענדיג פון יודישען פּראָלעטאַרישען לעבען, איז ער נישט ווילענדיג און נישט מערקענדיג גע־קומען צום אייגענעם פּראָבלעם, וועלכער בעשעפטיגט איצט אונזערע בעסטע, נאַציאָנאַל־געזונדע שרייבער, — צום פּראָבלעם וועגען דעם: צי קען דער קראַנקער יודישער כלל אַרויסגעבען אַ שעפערישען יחיד, צום פּראָב־לעם וועגען דער שעפערישער יודישער פּערזענליכקייט.

אין דעם דראַמא האָט פּינסקי געוויזען די טראַגיק, צו וועלכער עס קען דערלאַנגען די טאַלענטירטע פּערזענליכקייט אין פּראָלעטאַריאַט. נאָר אַזוי ווי יעדע טיעפערע טראַגיק טראָגט נאָר אויסערליך אַ קלאַסען־כאַראַק־טער, קען מען זאָגען, דאָס אין „אייזיק שעפטעל" האָט דוד פּינסקי אונז געגעבען אַ ווערק, וועלכע איז שוין פריי פון יעדער נישט קינסטלע־רישער טענדענץ.

---

## III

ד. פינסקי האָט 1899 פֿערלאָזען אייראָפּא און איז אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקאַ. אין דער צייט פֿון די לעצטע יאָהרען איז מיט איהם פֿאָרגעקומען אַ גרויסע פֿערענדערונג. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ער איז געווען אַ צייט לאַנג דער רעדאַקטאָר פֿון אַ יודישער אַרבייטער־ציטונג, איז דאָך זיין אינטערעס צום יודישען אַרבייטער שטאַרק אָבגעשוואַכט געוואָרען.

אין פֿלוג גערעדט, האָט דאָך פּינסקי אין אַמעריקא, וואו דער יודישער עמיגראַנט מאַכט אָפּט דורך אַלע גלגולים פֿון אַ שוויץ־וואַרשטאַט־אַרבייטער ביז אַ „טרייד־יוניאָן־מען" און אַ „שאָפּמען", געדאַרפֿט געפֿינען פֿאַר זיין ספּעציעלעס טאַלענט אַ פֿרייע ברייטע פֿעלד. אייגענטליך האָט ער דאָך געדאַרפֿט מיט דער צייט ווערען דער קינסטלער — עמבריאָלאָג, וואָס שילדערט אונז פֿערשיידענע שטאַדיען און איבערגאַנגס־קנייצען אין לעבען פֿון דער יודישער אַמעריקאַנישער פּראָלעטאַריער־מאַסע. אין פֿרייען אַמעריקאַ, אין שאָטען פֿון באַרטעלעמי'ס ווייבערישען — עוג מלך־הבשן (די פֿרייהייטס־געטין) וואַקסען דאָך די „דראַבקינ'ס" און די „הנה לאה'ס" אין די ענג'דיגע טיפֿען ווי „היים־משרת" ווי אויף הייווען. וואו האָט נאָך פּינסקי געקענט געפֿינען אַזוי פֿיעל שטאָף, אַזוי פֿיעל דראַמאַטישע בעוועגונג, ווי אינ'ם לאַנד, וואו אויך די שבת'דיגע הלה גיעהט אויף האַסטיגער ווי ביי אונז אין דער טויטער שטאָדט גלופּסק? און דענאָך זעהען מיר, דאָס גראַד אין אַמעריקא האָט פּינסקי פֿערלאָרען זיין אַלטע יוגענד־מוזע; גראַד דאָרטען איז ער מיט איהר צוערשט ברוגז געוואָרען.

געוויס האָט פּינסקי גענוג יסורים געהאַט און נישט איין נאַכט צוגעבראַכט אין פּיין און וועהטאָג, איידער ער האָט זיך צושיידט פֿון זיין אַלטער צעפֿלאַמטער ליעבע. און אויב ער האָט נאָך אַ צייט לאַנג זיך געראַנגעלט מיט זיך, — האָט דער קישענעווער פּאָגראָם געמאַכט אַנ'עק צו זיינע צווייפֿלען.

אויבען האָבען מיר געזאָגט, אַז דאָס שוואַכע בילדעל „שיני" (די שפּראַך געקינסטעלט, מעהר „דייטשמעריש", ווי יודיש, דער טאָן הויפּטמאַן, ניעטשע, בערדיטשעווסקי, אויסגעמישט מיט הרטה און אומעט פֿון אַ פֿערדעכטיגער זאַטקייט), האָט אין געוויסע ליטעראַרישע קריי־

זען, וואָס אינטערעסירען זיך מיט פּינסקי'ן, געמאַכט אַן'איינדרוק צוליעב דער נייער טענדענץ. צום ערשטען מאָל הערען מיר פּינסקי'ן רעדען מיט דער שטימע פֿון איינעם, וואָס האָט שוין געגעסען פֿון עץ הדעת, וואָס האָט זיך שוין פֿער'סם'ט מיט נאַציאָנאַלע יודישע ספקות און פּראָבּלעמען. און ווירקליך אין די לעצטע יאָהרען האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט אַ דראַמא, וואָס דאַרף שילדערן דריי דורות, אונטער איין דאַך.

די פֿרוכט פֿון זיינע דמיונות איז ווי בּעקאַנט „פֿאַמיליע צבי“, דאָס, וואָס ס'האָט פּינסקי'ס נאָמען פּאָפּולער געמאַכט אין דער גאַנצער זשאַרגאָן-לעזענדער וועלט.

דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבּלעם — ווי מען זעהט, איז שוין געוואָרען בּיי פּינסקי'ן, ווי בּיי אונז אַלעמען, אַ שטענדיגע אָפֿענע, אייטערענדיגע וואונד.

דער פּינסקי פֿון „פֿאַמיליע צבי“ איז שוין פֿון אַן'אַנדער הדר. נישטאָ די בּעזאָנענקייט פֿון אַמאָל, די תמימות'דיגע זיכערקייט פֿון זיינע ערשטע זאַכען; נישטאָ שוין דער כעס צו יודישע בּעלי בּתים און די בּלינדע ליעבּע צום יודען אין מלבּוש פֿון אַן'אַרבּייטער. אין צענטער פֿון דראַמא שטעהט די פֿיגור פֿון ר' משה. און דער ר' משה איז ניט אַן'אַלטמאָדישער יוד, זאָנדערן אַ ראָמאַנטישע געשטאַלט. ער איז קיין לעבּעדיגער מענש, נאָר פּינסקי'ס דמיון פֿון אַ גאַנצען יודען מיט אַ גאַנצער אמונה, און אַ גאַנצער נשמה, וועלכע ער טוט אָן קינסטליך אין די מלבּושים פֿון דער פֿרום-פֿאַרצייטיגער וועלט. ווי אַן'עכטע ראָמאַנטישע געשטאַלט רעדט ער נישט מיט אַ לשון פֿון אַ לעבּענדיגען מענשען, נאָר מיט האַלבּע פּסוקים פֿון תנ"ך און מיט דעם געקינסטעלטען פּאַטהאָס, מיט דער געמאַכטער התלהבות פֿון אַ גר, וואָס האָט זיך אויסגעלערענט אויף דער עלטער צו רעדען יודיש מיט'ן לשון פֿון פּסוקים. — אין „פֿאַמיליע צבי“ איז שוין די היינטיגע וועלט ווי פֿערדעקט פֿון ר' משה'ס ראָמאַנטישער געשטאַלט. די יונגע רעדען קנאַפּ, און דאָס וואָס זיי רעדען איז צייטונגס-פּאַפּיער. נאָר איין ר' משה רעדט און רעדט, אַז מען ווייס שוין ניט, ווען וועט דאָס נעהמען אַ סוף. ווי אַ טויטע ראָמאַנטישע פּערזאָן, ווייס זי נישט פֿון קיין מאָס. איין נאָר ווייס, וואָס ער וויל. נאָר איינס איז קלאָר: ד. פּינסקי'ן האָט אָבּגעעקעלט די יודישע צעבּרעקעלטע געגענוואַרט. ער געפֿינט אין איהר שוין נישט קיין מאָטיווען פֿאַר ליעבּע, קראַפֿט, קאַמפּף און לעבּען. ער בּענקט נאָך עפּיס אַ גאַנצער נשמה,

נאָך אַ מענשען, בײַ װעמען די מחשבות און די טאַטען זאָלען זײַן פֿון אײן גוף „מעור אחד“, און ער בעשאַפֿט זיך אַ ראָמאַנטישע געשטאַלט, אַלס אַ הײלענדען באַלזאַם פֿאַר זײַן בענקענדער נשמה. װאָלט פּינסקי געװען אַ פּרץ, אַ בערדיטשעװסקי אָדער אַ הלל צײטלין, קורץ, װאָלט ער געװען אַ טאַלענט מיט אַ נאַטירליכען צובונד צו זײַן אַלטען יודישען עבר, — דענמאָלסט װאָלט אפשר זײַן דמיון אױך אָנגענומען מעהר אַ קינסט־לערישע פֿאָרם. פּינסקי איז אָבער אַ טאַלענט, װאָס פֿיהלט זיך נאָר שטאַרק מיט דער געגענװאַרט. די װעלט פֿון פֿערגאַנגענהײט איז פֿאַר איהם אַ בוך מיט פֿערמאַכטע טאָװלען. און זײַן בענקענים האָט בעשאַ־פֿען אַ טרוקענע ראָמאַנטישע טעזען־פֿיגור װי ר׳ משה׳ן; אפשר ניט קײן שלעכטע ביהנען־פֿיגור פֿאַר אַ מעלאָדראַמאַטישען אַקטיאָר, אָבער אַ לאַנג־װײַליגע בעשעפֿענים פֿאַר אַ שטילען פֿיהלענדען לעזער.

אין „פֿאַמיליע צבי“ איז שױן פּינסקי׳ס דראַמאַטישעס טאַלענט טיעף געפֿאַלען, זײַן הױפּט־העלד װאַקסט ניט. פֿון דער ערשטער ביז דער לעצטע סצענע בלײַבט ער דער אײנענער.

די מוזיק פֿון ר׳ משה׳ס נשמה דױבט זיך אָן דערמיט, מיט װאָס זי ענדיגט זיך: מיט פּויקענשלעג און טרומײטען. זי װירקט אױף אונז װי אַ װאַסערפֿאַל, װאָס פּאַטשט אַלץ די אײגענע לאַנגװײליגע מעלאָדיע. קורץ ר׳ משה איז אַ העלד פֿאַר אַ מימיקער, פֿאַר אַ מעלאָדראַמאַטישען אַקטיאָר, װאָס האָט צעהנדליגער קװיטשערײען פֿאַר אײן אײנציגען קרעכץ, אַ העלד פֿאַר אַ סצענע מיט אַ מיטעלען פּובליקום. קײן העלד אָבער נישט פֿאַר אַ מענשען מיט אמת׳ע ליטעראַרישע פֿאָדערונגען.

---

## IV

נאָך „אײזיק שעפֿטעל“ בעטײַט „פֿאַמיליע צבי“ — אַ טריט צוריק, פֿון דראַמא צו מעלאָדראַמא.

פּינסקי איז אין אַמעריקא אַן אַנדערער געװאָרען. גײַסטיג איז ער אױסגעװאַקסען, די תמימות׳דיגע בראשׁורען־תורות האָט ער אױפֿגעװאָר־פֿען, טיעפֿער בענומען דאָס יודישע פּראָבלעם, אָבער די קונסט זײַנע איז געפֿאַלען. מען פֿיהלט, דאָס די רײַזע קײן אַמעריקא האָט איהם, װי פֿיעלע

אַנדערע טאַלענטירטע מיטפיהלענדע הערצער, געמאַכט פאַר אַ נע־ונד׳ניק; צוזאַמען מיט העקעל־פעקעל איז אויך זיין טאַלענט נעגאַנגען אַבריכטען גלות.

אין זיין שפּעטערער אַרבייט „די מוטער“ ווייזט עס זיך נאָך אַרויס מיט מעהר קלאָרקייט. דען מיר בעמערקען אין זיין אַרבייט „די מוטער“ ווי דער אַמאָליגער פּאָעט פון קאַמפף־נאַטורען ווערט שוין גאָר אַ שטיקעל בעל־בכי. די שטאַרקערע, די יונגערע העלדען אין דראַמא ווערען פערשטעלט פון אַנ׳אַלטער מאַמען, וואָס ווײנט אין ערשטען אַקט, האָט וויינט אין צווייטען אַקט און וואָס וויינט אין דריטען אַקט, און וועלכע וואָלט אויך יאָמערן אין פיערטען אַקט, ווען זי וואָלט שוין אין דריטען נישט געשטאָרבען. און זי וויינט אָהן אַ טעם: זי וויינט — ווי עס וויינט זיך פינסקי׳ן אַליין! נישט וויל עס האָט עפּיס גרויסעס פּאַסירט, נאָר וויל עס וויינט זיך, פון זיך אַליין; וויל מען פיהלט טונקעל, אַז דאָס לעבען איז אויסגעשפּיעלט, אַז עפּיס איז געשטאָרבען, אַז עפּיס האָט מען, אַליין נישט וויסענדיג, אויף אייביג צו קבורה געטראָגען... אין „דער מוטער“ האָט פינסקי שוין אינגאַנצען אויפגעהערט צו זיין דער דראַמאַטיקער. דאָס וואָס זיין „מוטער“ ציהט וועניגער דאָס פּובליקום אין טעאַטער, ווי גאָרדינ׳ס „האַשע די יתומה“, ערקלערט זיך נאָר דאַדורך, דאָס פינסקי איז פיעל, פיעל טיעפער פאַר גאָרדינ׳ען, אַז ער זאָל קענען שרייבען אַ גוטע מעלאָדראַמא.

* *

*

דוד פינסקי איז געוואָרען אַ נאַציאָנאַליסט, אַ „תחיה“־מענש אין אַנ׳אונגאַטירליכער יודישער סביבה. ער האָט איבערגעלעבט זיין געווי־סענס־און הארצענס־קאַמפף אין אַ ווילד פרעמדער וועלט. ער איז געוואָרען אַ ראָמאַנטיקער אין אַ לאַנד, וואו הלומ׳ן איז אַ פערברעכען, וואו „כסף מטהר ממזרים“ און הלומות זענען מסוגל צו מאַכען פון וואַנדערבילטען אַנ׳אביון. זיין נאַציאָנאַלעס געפיהל און זיין נאַציאָנאַלע הכרה האָט אויפ־געבליהט אין אַ מדבר פון פעדלער־נשמות. און גראָד דאָס, וואָס מאַכט אונז דאָ וועניגער איינזאַם, וועניגער פערוואָגעלט, — איך מיין דער טיעף־פערשטאַנענער ציוניזם, האָט איהם אין אַמעריקא געמאַכט נאָך מעהר איינזאַם, נאָך עלענדער.

ד. פינסקי'ס מוזע איז אין גלות, און דעריבער האט זיין שפראך פערלארען זייט איינינע יאהר איהר נאטירליכקייט; זיינע געשטאלטען — די פריהערדיגע פרישע פארבען, זייער דראמאטישען לעבעדיגען פנים. אין זיין הקדמה צו „פאמיליע צבי" קען מען קוים זיך אבהאלטען נישט צו זיפצען, ליינענדיג דארטען די פיעלע איבערטריבענע פראזען. מיט זיין דראמא: „האט ער דאס גאנצע פאלק פערקליבען אונטער זיין אייגענעם בארג סיני". מען מוז זיך שוין פיהלען אויפ'ן פארנאס, ווען דאס שוואכע ווערק „פאמיליע צבי" ווערט פון מחבר אליין בעטראכט אלס א בארג סיני. מען מוז שוין זיין צו ווייט אבגעריסען פון סאמע געדיכטען יודישען לעבען, אום די אייגענע קליינע בענקעניסען און קלעמעניסען אזוי הויך אויפצוהויבען אזש ביז'ן שפיץ פון בארג סיני.

דוד פינסקי מוז נעבעך ניט וויסען, אז הויך איהם זענען נאך דא ביי אונז ברענער, בערדיטשעווסקי, און אנדערע ווי למשל ש. אש, בערקאוויטש, ה. ד. נאמבערג און דער געבארענער דראמאטיקער פרץ הירשביין. דוד פינסקי ווייס נעבעך נישט, אז אין איין „מסביב לנקודה" פון י. ה. ברענער, ליעגט מעהר יודישע טראגיק, ווי אין צעהן „פאמיליע צבי" און דאס גל.

דוד פינסקי'ס מוזע איז אין גלות. און אויך ער אליין איז אין גלות, ווען ער האט שוין אינגאנצען פערלארען דעם צוזאמענבונד אפילו מיט דער ליטעראטור פון דער וועלט, פאר וועלכע ער שרייבט, פאר וועלכע ער ליידט.

צי קען באמת נישט בליהען פינסקי'ס טאלענט אין אמעריקא? צי פיהלט ער דאס אליין אויך? און צי רעכענט ער אפשר נאר: אך זיך אומצוקעהרען צו אונז?

זאל ער נאך קומען! ער וועט בעגעגענען א סך-א סך גוטע פריינד און אויך עטליכע געטרייע, וואס זענען איהם מוחל אלע שפעטערע ליטעראַרישע עונות פאר זיינע פריהערדיגע טאלענטפאלע און לעבעדיגע ליטעראַרישע ארבייטען.

1906

# פאמיליע צבי.

(פון ד. פינסקי).

ווי בעקאנט, האט דער „בונד" ארויסגעגעבען די טעג פינסקי'ס נייע דראמע „פאמיליע צבי".

אין דער הקדמה דערצעהלט פינסקי, דאס שרייבענדיג דאס ווערק האט ער זיך געפיהלט אין זעהר א וואונדערליכען צושטאנד. איהם האט זיך פארגעשטעלט, דאס ער זאמעלט צונויף ארום זיין ווערק, ווי ארום „א צווייטען בארג סיני", דאס גאנצע יודישע פאלק.

לאמיר איצט זעהן, צי איז דאס ווערק אין דער אמת'ן א צווייטער בארג סיני? —

צי האט זיך אין דער אמת'ן איינגעגעבען דעם פערפאסער מיט דונערן און בליצען אונז צו בעשענקען מיט איין נייער תורה, אדער ווענינגסטענס האטש מיט א נייעם בליק אויפ'ן יודישען לעבען?

נאר ערשט א קורצע בעמערקונג.

אין דער לעצטער צייט האט אנ'אנדער יוד — יושקעוויטש — פיעל געשריבען וועגען דער צעריסענער נשמה פון יודישען כלל, סיי ביי די אלטע, סיי ביי די יונגע. טשיריקאוו (א קריסט) האט געשריבען א דראמא „די יודען", וואו ער פיהרט פאר אונז פארביי דעם יונגען און דעם אלטען דור עטליכע שעה קורץ פאר א פאגראם. פיעל טיעפער און מיט פיעל מעהר קענטניס פון דער יודישער נשמה האט געשריבען י. ה. ברענער

זיינע ביכער „בחורף" און „מסביב לנקודה", וואו דער אינוועניגסטער יו-דישער וועדהטאג ביי די יונגע טרעט ארויס ווי גרויס ער איז. אלע די אנגערופענע האבען צונויפגעקליבען ארום זייערע ביכער דעם יודישען דענקענדען לעזער, קיינער האט נישט געמיינט, אז זיין בוך איז א מין בארג סיני, און דענאך איז איטליכער פון זיי בעסער און שטארקער אנגעשריבען, ווי „די פאמיליע צבי" פון דוד פינסקי.

איטליכער לעזער פערשטעהט, דאס מיט „דער פאמיליע צבי" האט זיך פינסקי געשטעלט די אויפגאבע ארויס-צו-פיהרען די לעצטע דריי דורות פון יודישען פאלק; און איטליכען דור ארויסצושטעלען מיט זיינע ספעציעלע אידעאלען, ספעציעלע דמיונות פון דעם מענשענ'ס ציעל און מענשען-לעבען אויף דער וועלט, מיט דעם ספעציעלען כח, מיט וואס איטליכער דור האט זיך אויסגעצייכענט אין דער מלחמה פאר זיינע אידעאלען און לעבענסציעלען.

איצט לאמיר זעהן, ווי ווייט דאס איז איהם געלונגען, און צי האט ער אונז דערביי ענטפלעקט אזוינס, וואס אנדערע שרייבער פאר איהם האבען דאס נאך נישט געזעהן און נישט געוויזען.

די צענטראלע פיגור אינ'ם דראמא איז דער גרויסער מאמין ר' משה. ער איז דער פאטער פון דעם צווייטען שוין א ביסעל אבגעבלאקירטען דור, מיט אנ'אבגעבלאקירטער אמונה, מיט אנ'אבגעבלאקירטען רצון צו וועלען פאר עפיס קעמפפען מיט'ן גאנצען כח. ער איז דער זיידע פון דריטען דור, וואס האט שוין אייגענע אידעאלען, נייע דמיונות וועגען לעבען און וועגען מענשליכען כלל, וואס האט שוין פערביטען די אמונה אין א גאט אויף די אמונה אין פראגרעס, און וואס רייסט זיך צום קאמפף פאר א בעסערע מענשליכע צוקונפט אויף דער וועלט מיט אלע זיינע יונגע קרעפטען.

הוץ די צענטראלע פיגור זענען אלע אנדערע פיגורען פון יונגען דור, וואס איז צושיידט און צושפאלטען אין פארטייען, קליין, ווי שפיל-צאצקעס, און אהן הויט און ביינער. ר' משה מיט זיינע ברייטע אקסלען און ברייטען בארד פערדעקט זיי אינגאנצען. ער איז אומעטום, ער איז דער איינציגער, וואס רעדט, שרייט, לויפט, זוכט, רופט, קעמפפט און שטארבט. אלע איבריגע פיגורען אין „פאמיליע צבי" לויפען דורך פאר אונזערע אויגען ווי שאטענס, ווי א שוואך ווינדטעל, אהן וועלכעס מען פער-געסט די אנדערע רגע. פון גאנצען דראמא בלייבט נישט אין זכרון קיין

איינציגער פון מיטעלן דור, קיין איינציגער פון יונגערן. איבערפלעכליך אהן אינטערעס זענען זיי געשילדערט פון פינסקי, און לאזען נישט איבער קיין מינדסטען איינדרוק. זיין גאנצע ליעבשאפט האט ער אוועקגעגעבען דעם זיידען ר' משה; פאר די אנדערע צוויי דורות איז איהם גאר נישט געבליבען. און עס איז קיין וואונדער נישט: דעם מיטעלען דור קען מען נישט ליעב האבען, דעם יונגען דעם לעצטען קען פינסקי נישט.

צי קען ער אבער האטש דעם אלטען דור?
אט וועגען דעם וועלען מיר איצט רעדען גענויער.

* *
*

ווי געזאגט, אין צענטער פון „פאמיליע צבי" שטעהט ר' משה צבי, דער שטאדט-מגיד, אין וועלכען עס האט זיך פערייניגט א טיעפע אמונה אינאיינעם מיט א ברענענדיגען גייסט. ער איז אייגענטליך דער איינציגער, וואס האט א „היילינטום", א מין בית המקדש, פאר וועלכען ער איז גרייט צו שטארבען. די יונגע לייט ווי דער ציוניסט ליפמאן און דער סאציאליסט ראובן האבען נאר ווערטער, פראזען, הארצוועהטאג, בענקעניסען, טעאריען, אידעאלען, נאר עס פעהלט זיי איין זאך: א לעבעדיגעס היילינטום, וואס מען זאל דאס אין איטליכע רגע זעהן, פיהלען, אנטאפען מיט די הענד. וועגען דריטען טיפ פון די יונגע לייט, לעאנען, וועגען דעם צוקראכענעם געוועזענעם אסימילאטאר, דעם בלאסען ווייבערשען יונגענמאנטשיק — לוינט, בכלל, ניט צו פערלירען א ווארט.

דער חלוק צווישען מיטעלן דור, וואס ווערט פארגעשטעלט אין ר' משה'ס זוהן יעקעפען, און דעם יונגען דור איז דער, וואס יעקעף איז שוין אינגאנצען פערשוועכט און פערגרעבט אלס פיהלענדער און דענקענדער מענש. פאר די אלטע היילינטימער האלט ער זיך נאר מיט'ן מויל, צו קיין נייע בענקט ער נישט. און דאס איינציגע, וואס איז נאך טייער ביי איהם, איז די קראם. ר' משה צבי איז אין פינסקי'ס דראמא דער טיפ פון דעם קריסטאל-ריינעם אידעאליסט, יעקעף — דער טיפ פון גרעבסטען שטינקענדיגסטען מאטעריאליסט (זיין בית המקדש איז די קראם), ליפמאן און ראובן, — די טיפען פון דער יוגענד, אין וועל-

כֿע עס מישען זיך אוים אידעאַליסטישע און מאַטעריאַליסטישע דמיונות אין פֿערשיידענע פּראָפּאָרציעס.

און עס ליעגט קלאָר אויף דער האַנד, דאָס אין אַנ'עת צרה, ביי אַ פּלעצליכֿער קאַטאַסטראָפֿע וועט נאָר דער וויסען, וואָס צו טון, וואָס האָט עפּיס גרויסעס, טייערעס, הייליגעס; קורץ, דער וואָס האָט אַ הייליגטום. די איבריגע, די ליפּמאַנס און די ראובֿנ'ס, וואָס קוקען אויף זייער לעבען און זייערע טאַטען, ווי אויף ציגעל, מיט וועלכֿע מען וועט אַמאָל בויען אַ הייליגטום, — אַ תּייליגטום, וועלכֿען זיי בעגרייפֿען מעהר מיט'ן מוח אַלס מיט'ן אויג און מיט'ן אונמיטעלבאַרען געפֿיהל, — אָט די ליפּמאַנס און די ראובֿנ'ס וועלען אייגענטליך נישט וויסען, וואָס צו טון. אמת, זיי וועלען זיך וועהרען, און אין די צייטען פֿון אַ פּאָגראָם וועלען זיי זיך פֿערטיידיגען קעגען די הוליגאַנעס און וועלען שטאַרבען נישט ווי קיין שרעקעדיגע ווייבער, נאָר ווי מענער. אָבער דורך זייער זעלבסטשוץ און דורך זייער טויט וועלען זיי נישט מאַכֿען הייליגער זייערע אידעאַלען און הויכֿע דמיונות.

אָדער קלאָרער גערעדט. ר' משה צבֿי, ווען ער וועט שטאַרבען פֿאַר זיינע „רייניגקייטען", פֿאַר זיין אמונה, פֿאַר זיין שול, איז ער דורך זיין טוידט מקדש השם, הייבט ער אויף דורך דעם די הייליגקייט פֿון זיין אידעאַל. ווען אָבער אַ ראובֿן אָדער אַ ליפּמאַן פֿאַלט אַלס אַ קרבן פֿאַר זיין יודישקייט — הייבט ער נאָך דאַדורך נישט אויף די הייליגקייט פֿון סאָציאַליזם, און ליפּמאַן נישט די הייליגקייט פֿון ציוניסטישען אידעאַל. ר' משה צבֿי לעבט אַלס יוד, ליידט אַלס יוד און שטאַרבט פֿאַר זיין י ו ד י ש ק י י ט. ראובֿן דאַגעגען לעבט אַלס מענש, ליידט אַלס סאָציאַליסט און שטאַרבט פֿאַר זיין י ו ד י ש ק י י ט. אויך ליפּמאַן לעבט אַנדערש; אויך פֿון זיינע אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע אידעאַלען פֿליעסט נישט אַרויס די נויטוועגדיגקייט צו קעמפֿען אַלס פֿ ר ע מ ד ע ר אין אַ פֿ ר ע מ ד ע ן לאַנד, געגען פֿרעמדע אונגערעכֿטיגקייטען און אונבאַרמהערציגקייטען. אָט דערין ליעגט דער טיעפֿער ווידערשפּרוך צווישען אַ ר' משה און אַ ראובֿן און אַ ליפּמאַנ'ען. די לעצטערע שטאַרבען נישט פֿאַר די הייליגקייטען, פֿאַר וועלכֿע זיי לעבען. ווען ליפּמאַן וואָלט געשטאָרבען אין אַ יודישער קאָלאָניע, קעמפֿענדיג מיט נויט, מאַלאַריע, און מיט דער האַרטער טרוקענער זאַמדיגער ערד — האַמאָלס וואָלט זיין טויט געווען אַזוי שעהן, ווי דער טוידט פֿון אַ ר' משה צבֿי ביי'ם ארון קודש. ווען ראובֿן וואָלט געפֿאַלען אַלס קרבן, ערגעץ וואו אויף אַ באַריקאַדע אין קאַמפֿף פֿאַר'ן פּראָלעטאַ-

רישען אידעאַל, דאַמאָלס וואָלט זיין טויט געווען אַזוי טראַגיש־שען ווי דער טויט פון אַר׳ משה׳ן. הינבאַלד אָבער זיי שטאַרבען פאַר עפּיס, וואָס ליעגט הויך דעם גדר פון זייערע נאָהענטסטע אידעאַלען, איז זייער קאַמפף ווי זייערע קרבנות אַ געניטע זאַך, וואָס יאָגט אַרויף אַנ׳אומעט, אַ שוואַרצען טרויער, — וואָס דערהויבט אָבער נישט אונזער געפיהל און פערהיילינגט נישט דעם טיעפען זין פון אונזער לעבען.

ווי קומט עס אָבער, דאָס די יוגענד, די קרעפטיגע, פרישע, דענקענדיגע און פיהלענדיגע יודישע יוגענד האָט נאָך נישט קיין היילינגטום, וואָס מען זאָל קענען אָנטאַפּען מיט די הענד? ווי קומט דאָס, וואָס דער זיידע איז רייכער פון די איינקלעך?

דער תירוץ אויף די פראַגען איז שווין צו בעקאַנט, אַז מען זאָל דעריבער מוזען פיעל רעדען. די יודישע יוגענד הענגט אין דער לופט מיט איהר סאָציאַליזם, ווי מיט איהר נאַציאָנאַליזם. זי האָט קיין ערד אונטער די פיס. זי האָט נישט יענע וועלט און נישט קיין היגע. איהרע אידעאַלען אָבער בויט זי אַקוראַט, ווי זי וואָלט מיט ביידע פיס געשטאַנען אויף אַ געזונדען שוואַרצען אַקערבאָדען. איהרע טעאָריען בויט זי אויף אַ פעסטען ערד־גרונד, נאָכטועענדיג דערין אַלע אַנדערע געזונדע ערד־גרונטיגע נאַציאָנען, און דערין ליגט דער טראַגישער ווידערשפּרוך פון איהר לעבען.

ר׳ משה דאַגעגען שטעדט פעסט מיט ביידע פיס אויף יענער וועלט. די וועלט איז פאַר איהם אַ וועלט פון צופעלען און קאַטאַסטראָפען. זיין טעאָריע פון לעבען איז אַ קאַטאַסטראָפען־טעאָריע. די וועלט איז אַ פייערשפּייענדיגער וואולקאַן, נאָר נאַרען, קינדער און פּראָסטע ווייבער מיינען, אַז מען קען בויען אייביגע בנינים אויף אַזאַ געפעהרליכען גרונד. ער האָט אַ פעסטען היילינגטום, ווייל ער האָט איהם דורך זיין אמונה אויפגעבויט ביי׳ן אייביגען כסא הכבוד פון רבש״ע! ער האָט אַנ׳אייביגע העלט, און דאָרט האָט ער זיין אייביגע שטיצע, זיין אייביגע טרייסט.

* *
*

ווען ד. פינסקי וואָלט שוין נישט געוועזען אַזאַ אָבנעריסענער פון אונזער היינטיגער יודישער וועלט (פינסקי איז זייט 1899 אין אַמעריקא,

וואָלט ער אין דער „פֿאַמיליע צבֿי“ אונז געוויזן די טראַגעדיע פֿון אונזער היינטיגער יוגענד, דעם טיפֿען שפּאַלט אין איהר נשמה, די גײַסטיגע לײַדען, וואָס זי לעבט דורך. נישט מיט׳ן סטיל פֿון פּראָקלאַמאַציעס און פֿון די דרשה־שטיבלעך אין די איסלענדישע קאָלאָניעס וואָלט ער אונז געמאָלט די ליפּמאַנ׳ס און די ראובֿנ׳ס, נאָר מיט די פֿאַרבען (ווען אויך ווייניגער טאַלאַנטפֿאָל) פֿון י. ה. ברענער אין אַ „מסבֿיב לנקודה“. דאָס דראַמאַ וואָלט זיך דאַמאָלס נישט געענדיגט מיט׳ן קאָמישען וואָרט: „מיר זיעגען“ (אַז אָך און וועה צו אַזאַ זיעג; פֿערטריבען דרײַ חוליגאַנעס דערמיט זיי זאָלען צוריקקומען מיט נאָך 10 קאָזאַקען), נאָר אפֿשר מיט אַ פֿיעל ווייניגער פֿרעהליכען אָבער אַ פֿיעל טיפֿערן וואָרט: „מיר געהען אונטער“.

אָבער, ווי געזאָגט, ד. פּינסקי קען נישט די היינטיגע יוגענד.

צי קען ער אָבער דעם ייִדען פֿון דער היינטיגער יוגענד? אָדער מיט אַנדערע ווערטער: צי קען ער דאָס אַלטע יודענטום מיט זײַן אמונה, לעבענס־פֿילאָזאָפֿיע און לעבענסגאַנג? ר׳ משה צבֿי דאַרף דאָך, לויט דעם פֿערפֿאַסער׳ס אויפֿפֿאַסונג, סימבאָליזירען, ד. ה. בדרך משל פֿאָרשטעלען די אַלטע פֿרום־פֿאַרצייטיגע יודישע וועלט אין איהר גאַנצקייט און פֿולקייט! צי איז איהם די פֿיגור אויך געלונגען? צי איז זי איהם געלונגען נישט נאָר אַלס טענדענץ־פֿיגור (אַ פֿיגור, פֿון וועלכער מען דאַרף זיך אַראָבנעהמען אַ מוסר השכל), נאָר אויך אַלס קינסטלערישע פֿיגור?

אויף די פֿראַגע מוז איך ענטפֿערן מיט אַ „ניין“. ר׳ משה איז מעהר טעאַטער־פֿיגור, ווי אַ לעבעדיגע געשטאַלט. שוין דאָס וואָס ער, דער מאַמין, וואָס איז פֿול מיט בטחון און פֿעסטיגקייט אין דעם אמת פֿון זיינע געפֿיהלען און מעשים, לויפֿט אַרום אויף דער בינע די גאַנצע צייט ווי אַ פֿער׳סמ׳טע מויז, לויפֿט און רעדט, און שרייט, און וואַרפֿט זיך אַרום ווי אַ היסטערישע אשה, — שוין דאָס אַליין וויזט, ווי פֿאַלש די פֿרום־פֿאַרצייטיגע וועלט ווערט געשילדערט אינ׳ם גוף פֿון ר׳ משה׳ן. די אייגענע פֿיגור האָט מיט אַ סך יאָהרען צוריק אַרויסגעשטעלט דער פּאָעט מינסקי אין זײַן דראַמאַ „די בעלאַגערונג פֿון טולטשין“ (אויסגאַבע אין זשאַרגאָן פֿון „קולטור“ מינסק). דער רבֿ רבי אַהרן שטעלט פֿאָר די רוהיגע, טיפֿע אמונה פֿון אַלטען יודענטום, וואָס איז רוהיג שטיל, אָהן פֿראַזען און ווערטער מקדש השם ברבים. די יוגענד דאַגעגען, אין דער געשטאַלט פֿון דאָן קאַסטראָ, ווערט דאָרט געמאָלט אַלס אַזוינס, וואָס איז פֿול פֿון קאַמפֿף, נקמה־געפֿיהלען, צווייפֿעל א. ז. וו. בײַ פּינסקי איז דאָס כמעט

אומגעקעהרט. ר׳ משה ווארפט זיך און שליידערט זיך אויף אַלע זייטען. דאָ איז ער בלינד און פערנאַרעשט און רופט פון אַלע זייטען גאָט׳ס חיל בעשיצען די ספרי תורות און דאָ, — ווערט ער מיט איין מאָל קלוג און בעגרייפט אַלין. וועגען די ספרי־תורות רעדט ער נישט ווי אַ איוד, וואָס האָט געלייטערט זיין גייסט ביי די „עקרים“ און אַ „מורה נבוכים“, נאָר ווי אַ האַלב משוגענער יודישער דאָן־קיכאָט, כמעט ווי אַ געצענדיענער.

די פיגור פון ר׳ משה׳ן איז אין דער אויפפאַסונג פאַלש, נישט יודיש, און דאָס, וואָס פינסקי האָט איהם געמאַכט פאַר אַ שטאָדט־מגיד, האָט די פיגור נישט געראַטעוועט. איך שטעל זיך נישט פאָר, דאָס אַ קעלמער מגיד (לאָמיר שוין נעמען דעם גרעסטען אין דער לעצטער צייט), זאָל אַזוי נערוועז אויסדריקען זיין אמונה און זיין לעבענס־פילאָזאָפיע. גראָד דער־מיט צייכענט זיך אויס די אַלטע פרום־פאַרצייטיגע וועלט, וואָס ביי די גרעסטע קאַטאַסטראָפען איז זי געוועזען רוהיג, פול מיט בטחון און ער־האַבען גלייכגילטיג. דאָס אַלטע יודענטום האָט געקענט שעֶן און רו־היג שטאַרבען פאַר איהר גלויבען. דערין ליגט איהר גאַנצע ערהאַבענקייט. ד. פינסקי האָט פון דעם אַלטען יודענטום געמאַכט עפּיס אַזוינס, וואָס איז גוט אַלס אַ טעאַטער־פיגור, וואָס איז אָבער פון גרונד אויס פאַלש, אַלס טיפּ פון דער פרום־פאַרצייטיגער וועלט.

* *
*

איך בין דער מיינונג, דאָס נישט די יוגענד, נישט דער הויפּט־טיפּ ר׳ משה האָט זיך פינסקי׳ן איינגעגעבען אין זיין דראַמא. קיין נייעסען האָט ער אונז נישט ענטפּלעקט, ווייל ער האָט נישט געקענט טיעפער אַריינ־דרינגען נישט אין דאָס אַלטע יודענטום נישט אין דאָס נייע. אַפילו יושקעוויטש האָט שוין טיעפער פערשטאַנען די יודישע יוגענד ווי פינסקי, איך רעד שוין נישט פון אַנדערע. וואָס אָנבעלאַנגט די אַלטע פרום־פאַרצייטיגע וועלט, מוזען מיר קאָנסטאַטירען, דאָס אין יעדען קאַפּיטעל פון אַש׳ס „שטעדטעל“ קען מען אַ סך מעהר לערנען, זעהן און פיהלען, ווי פון גאַנצען ר׳ משה׳ן אין „פאַמיליע צבי“.

פון ליטעראַריש־קינסטלערישען שטאַנדפּונקט איז „פאַמיליע צבי“ אַ מיטעלמעסיגעס ווערק, און דאָס, וואָס עס האָט דאָך געהאַט אַזאַ ער־פאָלג, ערקלערט זיך דאָס דורך גאַנץ אַנדערע סבות, פון וועלכע מיר וועלען איצט נישט רעדען.

פּינסקי שרײַבט אין זײַן פֿאָררעדע:

„מיט דעם וואַקסען פֿון מײַן ווערק איז אין מיר נעוואַקסען דאָס בעוואוסטזײַן, אַז איך שאַף דאָ עפּיס אַזוינס, וואָס מוז נעלייענט ווערען פֿון דעם גאַנצען פֿאָלק, פֿון אַלע זײַנע קלאַסען און מאַסען. און איך האָב געשריבען, ווי אין אַ פֿיעבער, מיט אַ האַרץ-קלאַפּענים: איך האָב גערעדט צו אַ גאַנצען פֿאָלק. און איך האָב דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿערקליבען צו מיר אונטער מײַן אייגענעם באַרג סיני...“

איך מוז מודה זײַן, דאָס לייענענדיג די ווערטער און פֿערגלייכענדיג „די פֿאַמיליע צבי“ מיט אַלע די זאַכען, וואָס מיר פֿערמאָגען שוין אין אונזער ליטעראַטור, ווי למשל ביאַליק׳ס פּאָגראָם-און הורבן-לידער, י. ה. ברענער׳ס ביכער, אַבראַמאָוויטש׳ס ווערק, פּרץ׳ס, אַ „שטעדטעל“ פֿון אַש א. ז. וו., איז מיר אַביסעל נישט גוט געוואָרען. איך האָב מיך געשעמט פֿאַר מײַן פֿריינד ד. פּינסקי׳ן. צי איז ער שוין אַזוי אָבגעריסען פֿון אונזער לעבען, אַז זײַן איבערפֿלעכליך ווערק שיינט איהם שוין אַ באַרג סיני? אָדער צי דאָס רעקלאַמען-לאַנד אַמעריקא האָט אַזוי אָבגעשטומפּט זײַנע געפֿיהלען? אָדער צי איז אַזוי שוין געשוועכט זײַן טאַלאַנט, דאָס ער פֿיהלט שוין נישט דעם ריכטיגען ווערטה פֿון זײַן ווערק? דען דאָס מוז מען מודה זײַן — ווײַט פּינסקי׳ס דראַמע „אײַזיק שעפּטעל“ איז זײַן טאַלאַנט ווי אײַנגעשלאָפֿען. דאָס גאָלדענע לאַנד פֿאַר עמיגראַנטען איז אויך פֿאַר די עמיגראַנטען קיין גאָלדענע נישט. פֿאַר די קונסט אונזערע אָבער איז דאָס לאַנד — אַ שטיינערנע.

# פאַגראָם־ליטעראַטור.

נאָך די ערשטע פאַגראָמען אין די אַכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהר־הונדערט האָט אויפגעשפראָצט אַ גאַנצע ליטעראַטור, וואָס האָט מיט מעהר אָדער וועניגער טאַלענט געשילדערט די איבערקעהרענים אין דעני־קען, טראַכטען און פיהלען ביי דער דאַמאָליגער יוגענד. פון דער דאָזיגער גאַנצער ליטעראַטור איז אָבער נאָר געבליבען איין ווערק, וואָס האָט נאָך היינט נישט פערלאָרען זיין ווערט פאַר אונז. איך מיין דאָס דראַמע „די בעלאַגערונג פון טולטשין“ פון בעקאַנטען שריפטשטעלער מ. י נ ס ק י *). דער פערלאַג „קולטור“ האָט אַרויסגעוויזען אַן־אֶמת׳ע מבינות, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען דאָס דאָזיגע ביכעל אין זשאַרגאָן. האָטש דאָס דראַמע בעהאַנדעלט חמעלניצקי׳ס צייטען און ווייזט אַ בילד, וואָס לפנים נאָך איז דאָס וועניג עהנליך צו אַ היינטיגען יודישען פאַגראָם, דאָך פיהלט און דערקענט באַלד דער לעזער, אַז מינסקי האָט בענוצט די היסטאָרי־שע מלבושים פאַר זיין דראַמע אַלס אַ מאַסקע (אפשר צוליעב דער דאַמאָליגער צענזור); טיעפער בעטראַכט, דריקט זיך אויס אין דעם ווערק דער

---

*) אין זשאַרגאָן איבערזעצט פון אַברהם רייזען, אַרויסגעגעבען פון פערלאַג „קולטור“, מינסק.

גאַנצער שמערץ פון אַ טיעף פיהלענדען מענשען, וואָס האָט דורכגע-לעבט די געוואַלדיגע ווילדע רדיפות פון די אַכציגער יאָהרען.

די פּאָגראָמען אין די אַכציגער יאָהרען האָבען געווירקט אויף דאָס דאַמאָלסדיגע יודענטום און אויף די דאַמאָלסדיגע אינטעליגענץ, ווי אַ געוואַלטיגע קאַטאַסטראָפע. דאָס איז געווען אַ שרעקליכער זעץ אין ברוסט. די שוואַכע זענען געפאַלען צעבראָכענע און איינעגע זענען געוואָרען הלושים, די שטאַרקערע האָבען צוליעב דעם זעץ אין ברוסט גענומען געהן אַ נייעם וועג (חובבי-ציון, בילו'צעס). שטעהן זענען נאָר געבליבען אויף אַנ'אָרט די געפאַנצערטע מיט אמונה און בטחון, דער אַלטער דור, וואָס לעבט נאָר מיט יענער וועלט און האָט קיין התפעלות נישט פון די קאַטאַסטראָפען אויף דער וועלט. מינסקי האָט אין זיין דראמא אונז געוויזען דעם אַלטען און דעם נייען דור, די געפאַנצערטע מיט אמונה, און די יוגענד, וואָס קעמפפט מיט אַ ווילדען מוט פאַר נייע צוקונפטיגע אידעאַלען. ר' אַהרון און דאָן קאַסטראָ (אַ שפּאַנישער מאַראַן) זענען די פערטרעטער פוןביידע וועלטען. בעת עס פאַלען אָן אויף טולטשין די ווילדע מערדערליכע באַנדעס פון המעלניצקי'ס קאָזאַקען, שליסט דאָן קאַסטראָ אַ בונד צווישען דעם פּוילישען אַדעל און די יודען, בעשיצט די פעסטונג פון שטאָדט און קעמפפט מיט זיין יודישער גוואַרדיע ווי אַ לייב געגען די קאָזאַקען. דאָן קאַסטראָ'ן עקעלט אָב די יודישע לאַגע; ער וויל, אַז זיין פאָלק זאָל אויפהערען צו זיין אַנ'אייבי-גער הלוש, ער זאַמעלט זיינע כחות, גיסט אַריין אין איהם מוט, צוערשט טרייבט ער זיינע ברידער זיך צו נעהמען פאַר זעלבסטשוץ, שפּעטער וועקט ער אויף אין זייער האַרץ אַ טיעפערס פערלאַנגען. ער חלומ'ט פון אַ צייט, ווען אַלע יודען אין די פּוילישע שטעדט וועלען זיך פער-איינינען אין איין בונד, און וועלען, אַלס אַ קראַפט פאַר זיך, שטעהן גלייך מיט די פּאָליאַקען אין קאַמפף געגען די וואַנדערענדע באַנדעס קאָזאַקען. ער חלומ'ט פון אַ מין יודישער זעלבשטענדיגקייט, וואָס איז געגרינדעט אויף אַנ'אֶמת'ער מאַכט, און מיט וועלכער דער פּוילישער אַדעל וועט זיך מוזען רעכענען. ער חלומ'ט שוין אַפילו פון אַ „יודישער קרוין“. אין דאָן קאַסטראָ זעהען מיר דעם עכטען נאַציאָנאַלען העלד, וואָס קאָן נישט צוזעהן די געפאַלענקייט פון זיין פאָלק און וואָס חלומ'ט שטענדיג פון אַנ'אויפלעבונג, פון אַ נאַציאָנאַלען תחית המתים.

דאָן קאַסטראָ איז דער בר-כוכבא פון דעם שפּעטערדיגען יודישען גלות, דער אַלטער בר-כוכבא, וואָס בייט נאָר מיט יעדער היסטאָרישער

עפּאָכע די מיטלען, וואָס בלייבט אָבער שטענדיג געטריי דעם אַלטען אידעאַל צו שאַפען מיט אייגענעם כח און בלוט אַנ'אייגענע פולע גאולה.

ר' אַהרון, דער פערטרעטער פון דער אַלטער וועלט, וויל ניט וויסען און הערען פון זעלבסטשוץ, פערטיידיגונג און אויפלעבונגס-אידעאַלען. זיין וועלט איז די תורה, זיין תורה — איז יענע וועלט, ער האָט קיין חשק נישט צו וועלען בויען בנינים אויף אַ וועלט, וואָס איז ווי אַ חלום, ווי אַ צעבראָכען שערבעל, ווי אַ ווינטעל, וואָס פערגעהט. ער איז נאָר אַ מומחה אויף רוהיג צו שטאַרבען; און אין שטאַרבען קאָן זיך קיינער מיט איהם נישט גלייכען. ער געהט אין טויט פאַר קדוש השם, ווי אַ יונג מיידעלע אויף אַ באַל. ר' אַהרון האָט קיין שום התפעלות נישט, וואָס אין טולטשין וועט זיך באַלד גיסען יודיש בלוט, ווי וואַסער. ער האָט נאָר איין דאגה, אַז די כנסת ישראל זאָל געהן אויף קדוש השם מיט פערהיילינטער פרעהליכקייט, ווי עס פאַסט פאַר זיין טייער אויסערוועהלט פאָלק. ער קאָן נישט סובל זיין דאָן קאַסטראָ'ס יונגענד-אידעאַלען; ער האָט פחד, אַז דאָן קאַסטראָ'ס רייד קאָנען נאָך חלילה ברענגען צו כפירה.

דאָן קאַסטראָ'ס פּאָליטישע פּלענער האָבען זיך ניט איינגעגעבען, דער בונד צווישען די פּאָליאַקען און די יודען געהט פונאַנדער. די פּאָליאַקען, מיינענדיג, אַז ווען זיי וועלען אַרויסגעבען די יודען, וועלען זיי ממילא ראַטעווען זיך, ברעכען די שבועה און עפענען די קאָזאַקען די פעסטונג. עס הויבט זיך אָן אַ שחיטה, אַ שרעקליכע שחיטה. רוהיג און שעֶן געהט אין שלאַכט נאָר איין ר' אַהרון. דאָן קאַסטראָ אַלס דער לעבעדיגער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון דער היינטיגער יוגענד ליידט שרעקליכע יסורים; ער איז פול מיט יאוש, די כפירה-געדאַנקען צורייסען זיין מח. נקמה און יאוש-געפיהלען אונאיינעם מיט טיפסטע רעליגיעזע שטימונגען שניידען זיין האַרץ ווי אַנ'אַקעראַייזען. נאָר אַ רגע פאַר'ן טויט ווערט ער רוהיג, כמעט אַזוי רוהיג, ווי אַ ר' אַהרון, האָטש זיין האַרץ איז טיעפער, רייכער, ברענענדיגער, ווי די טרוקענע הערצער פון די גרויסע ר' אַהרנ'ס.

דער לעזער זעהט פון דער קורצער נאָטיץ, אַז „די בעלאַגערונג פון טולטשין", איז אונזער אייגענע בעלאַגערונג, איז דאָס אייגענע, וואָס די היינטיגע יוגענד לעבט דורך טאָג פאַר טאָג, ווען זי דריקט עס אויך אויס מיט אַנדערע ווערטער.

דאָס איז אַ בוך, וואָס בעריהרט דעם לעזער נישט וועניגער טיעף,

ווי „די יודען“ פֿון טשיריקאָוו, און אויך די „פֿאַמיליע צבֿי“ פֿון ד. פּינסקי. די איבערזעצונג איז זעהר גוט, און דרוק, שריפֿט און דאָס גאַנצע אויסערע אויסזעהן מאַכט אַ גוטען אײַנדרוק.

אויך „די יודען“ פֿון טשיריקאָוו איז פֿאַר קורצען ערשינען אין זשאַרגאָן *). געשריבען פֿון אַ קריסט, האָט דאָס בוך טויזענדער הסרונות. פֿאַר וואָס האָט דאָס געהאַט אַזאַ ערפֿאָלג? ווייל נאָכ'ן קישענעווער פּאָגראָם איז דאָס געווען דאָס ערשטע ווערק פֿאַר די סצענע, וואָס האָט געפּרוּבט נאַקעט און גראָב אַרויסשטעלען די אייביגע יודישע וואונד. פֿון אַלע די געשטאַלטען, וואָס קומען דאָרט פֿאָר, איז לעבעדיג נור איין נחמן (אַ ראַדיקאַלער ציוניסט), און אַלע איבריגע זענען נישט גוט געצייכענט, זאָגאַר שלעכט. איך קאָן זיך נישט פֿאָרשטעלען, אַז אַ יוד מיט אַ חוש הריח פֿאַר קינסטלערישע בילדער ועט קאָנען אָהן אַ שמייכעל אויף די ליפּען לייענען די געשפּרעכען צווישען דעם אַלטען פֿרענקעל און זיין געזעל שלמה'ן (ערשטער אַקט). עס האָט אַ פּנים, זוי מען וואָלט אַ רוסישען דיאַטשאָק אָנגעטאָן אין יודישע בגדים און געגעבען אַ נאָמען פֿרענקעל, און אַ רוסישען דאָרפֿישען וואַינקע וואָלט מען אָנגעטאָן אין אַ יודיש קאַשקעטעל און ציצית און אַ נאָמען געגעבען שלמה. די אַנדערע פֿיגורען (ברוך, לאה, בערע א. אַז. וו.) זענען געשילדערט אויבערפֿלעכליך, אַז זיי לאָזען נישט איבער קיין שום אַיינדרוק. נחמן דאַגעגען איז גוט, און קלאָר, און מיר מוזען צו אונזער שאַנד מודה זיין, אַז נאָר דעם קריסט טשיריקאָוו האָט זיך אַיינגעגעבען דערווייל צו בעשאַפֿען אויף דער סצענע אַ לעבעדיגע ציוניסטישע געשטאַלט.

די איבערזעצונג איז גוט, ווי אויך דאָס אויסערע פֿון דער אויסגאַבע. אַ שאָד נאָר וואָס דער פּרייז איז אַזוי הויך געשטעלט געוואָרען.

---

אונזער פּאָגראָם־ליטעראַטור וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג. אייניגע, ווי למשל די אויבענדערמאָנטע „פֿאַמיליע צבֿי“ פֿון ד. פּינסקי, ווי בערקאָוויטשעס ערצעהלונג (פּסח־נומער „די צייט“) „ביי קראַנקע“ א. אַז. וו. וועלען נאָך אפֿשר אַ צייט לאַנג אינטערעסירען דעם לעזער, צוציהען

*) פערלאַג „הצפירה“, איבערז. פון א. בערמאַן.

איהם, פֿערהאַפּען זיין געמיט און וועקען אין איהם געוויסע געפֿיהלען. די מייסטען אָבער וועלען באַלד אַראָב פֿון מאַרק, ווייל דער טאָג האָט זיי געבאָרען, און מיט'ן טאָג וועלען זיי שטאַרבען. און אויך די אויבענדערמאָנטע וועלען קיין לאַנגען קיום ניט האָבען, דען סוף כל סוף פֿעהלט זיי די טיעפֿקייט און דער פּאָעטישער כח, מיט וועלכען עס צייכענען זיך אויס גרויסע שעפּפֿערישע ווערק. „די בעלאַגערונג פֿון טולשטין“ איז אַ שטיק גאָגאָל, אַ שטיק מדרש, אַ שטיק תנ"ך, און אַ ביסעל מינסקי. „די יודען“ זענען גאָר אַן'אויבערפֿלעכליך בילד, געזעהן מיט די אויגען פֿון אַ קריסט מיט אַ מיטעלמעסיגען טאַלאַנט. און „די פֿאַמיליע צבֿי“ פֿון פּינסקי איז דער אָבקלאַנג פֿון די שמועות-שטיבלעך אין די רוסישע אויסלענדישע קאָלאָניעס.

אַ גרויסעס ווערק, אַ ווערק פֿון אַ גאָטגעבענשטען פּאָעט — האָבען מיר איינס. ח. נ. ביאַליק'ס „משירי הזעם“ מיט דעם הויפּטווערק „על השחיטה“ וועט בלייבען אין אונזער ליטעראַטור אַלס אַ שטענדיג גרויסאַרטיגער זכרון פֿון דער צייט, וואָס מיר לעבען דורך אין די לעצטע דורות. עס איז אַ געלעכטער, ווען מען בעקלערט, אַז טשיריקאָוו'ס „יודען“, פּינסקי'ס „פֿאַמיליע צבֿי“ זענען מעהר פּאָפּולער ביי דער היינטיגער יוגענד אונזערער, ווי „על השחיטה“ פֿון ח. נ. ביאַליק. דאָס בעווייזט די גאַנצע צעבראָכענקייט, אומנאַטירליכקייט פֿון אונזער גייסטיגען לעבען, ווען ח. נ. ביאַליק'ס געוואַלדיגע פּאָגראָם-פּאָעזיע איז ביז פֿאַר צוויי דריי וואָכען געווען נאָך אַ בוך מיט פֿערמאַכטע טאָוולען פֿאַר דעם גרעסטען טייל פֿון אונזער היינטיגער יוגענד. צום גליק האָט ח. נ. ביאַליק אַליין רחמנות געהאַט אויף זיין אייגענע פּאָעזיע, ווי אויף אונז, און אין אַ מייסטערהאַפֿטער איבערהאַרבייטונג (נישט איבערזעצונג) האָט ער אונז געגעבען אין זשאַרגאָן זיין ווערק „אין שחיטה-שטאָדט“. אונטער'ן טיטעל „פֿון צער און צאָרן*) האָט ער אַרויסגעגעבען צוויי פֿון זיינע פּאָעטישע ווערק „אין שחיטה-שטאָדט“ און „דאָס לעצטע וואָרט“, (צוערשט געדרוקט אין „יוד“ 1900).

דעם הויכען ווערט פֿון ביכעל איז נישט לייכט אָבצושאַצען אין אַ קורצער רעצענזיע. איך קאָן נאָר ראַטען דעם לעזער, ער זאָל דאָס ביכעל לייענען, לייענען און נאָך לייענען. זאָל דאָס ווערען ביי איהם

*) פערלאַג „קדימה“, אָדעס.

אַ טיש-בוך, זאָל ער זיך איך ביאַליק׳ס פּאָעמא איסלערנען לייענען, פֿיהלען, ליידען און נאָך אַמאָל ליידען. איך בין זיכער, אַז מבינים, מענ-שען, וואָס פֿיהלען דעם כּח און די היילונג פֿון אַ גרויסען פּאָעטישען ווערק, וועלען באַלד די „צער-און צאָרן-פּאָעזיע״ פֿון ביאַליק׳ען קענען אויסוועניג. איך בין בטוח, אַז דאָס קליינע ביכעל וועט געבען אַ שטאַרקען רוק פֿאָרווערטס אונזער אָרימע זשאַרגאָן-שפּראַך, וועט אין איהר אַריינ-ברענגען אַ טייל פֿון דעם ביבלישען און נביא׳ישען כּח פֿון אונזער העברעאישער שפּראַך.

פֿון שטאָהל און אייזען, קאַלט און האַרט און שטום,
שמיעד אויס אַ האַרץ פֿאַר זיך, דו מענש — און קום!

און שטאָהל און אייזען איז די שפּראַך פֿון ביאַליק׳ס פּאָעזיע. מיר אַלע, די שרייבער, פֿיהלען זיך שוואַך און ווייבעריש אין דער שפּראַך, ווען מיר הויבען אָן לייענען ביאַליק׳ס פּאָעזיע, הויבען אָן צו פֿיהלען מיט אונזער שפּראַכגעפֿיהל ביאַליק׳ס האַרטע מאַרמאָרנע גלאַנ-צענדיגע שפּראַך.

עטליכע בעמערקונגען, ווי מען דאַרף צוטרעטען צו לייענען ביאַ-ליק׳ס „אין שחיטה-שטאָדט״. דער לעזער דאַרף פֿיהלען, אַז אַ מעכטיגע האַנד האָט איהם פֿעסט אָנגענומען און שלעפּט איהם אַרום איבער די חורבות פֿון אַ גאַנצען פֿאָלק. ער שלעפּט איהם מיט געוואַלט, מיט אַכזריות, טייטענדיג מיט די פֿינגער דוקא איף די ערטער, וואָס זענען אָם-מייסטען שרעקליך, אָם-מייסטען אָבשטויסענד און עקעלדיג. און וואַקסט ביי איהם אַ ווערטאָג אין האַרצען, קומט דער פּאָעט און צעטרעט דעם ווערטאָג, און ווילט זיך דעם לעזער אין טרעהרען אויסברעכען, וואַרפֿט איף איהם דער פּאָעט אַ בליק פֿול מיט אַכזריות און רופֿט אויס:

שטעה און קוק און לאָז אַראָב די ברעמען —
און ווער פֿערשטיינערט!
דיין האַרץ זאָל אויסגעָדן, הלש׳ען אַ טרעהר,
נאָר טרוקען, ווי אַ שטיין אין מדבר בלייבט דיין אויג.

ביאַליק ענטפּלעקט פֿאַר אונזערע אויגען דעם חורבן פֿון אַ פֿאָלק, און דער חורבן איז אַזוי נעוואַלטיג, אַז עס איז אַ בזיון איהם גאָר צו בעוויינען, פּטור צו ווערען פֿון איהם מיט קרעכצען, יללות און הענד-ברעכען. דער פּאָעט האָט פֿערביסען די ליפּען און זאַמעלט איינציג-

איינציגווייז די וועהטאָגען, די יסורים, די קאָכעדיגע געפידלען פון נקמה, שנאה, תוכחה׳עס און ווילדען יאוש און מאַכט דערפון אַנ׳איינציגע, געוואַל־טיג ברויזענדע מעלאָדיע. ער וויל, אַז די מעלאָדיע זאָל אויפלעבען אין האַרץ פון לעזער אין איהר פולער גאַנצקייט, אַז זי זאָל קלינגען אין זיין ברוסט ווי אַ גאַנצער איינציגער שטראָם, ווי די פעף־שוואַרצע מעלאָדיע פון אַ פאָלק, וואָס געדט אונטער קערפערליך און גייסטיג. ער פאָדערט מיט אַ ווילדער קראַפט, אַז שטיל, טויט שטיל, שטיל ווי אויף אַ בית עלמ׳ן זאָל ווערען אַרום; אַז אין דער טויטער שטילקייט און אין דעם פינסטערן שווייגען זאָל אויפוואַקסען אַ נייעס צוזאַמענגעזעצטעס געפיהל, וואָס זאָל ווי דאָס וואָרט נקמה אויסדריקען די פערצווייפלונג און די שנאה פון אַ פאָלק, וואָס האָט פערלאָרען זיך, גאָט און די וועלט.

„אין האַרצען טיעף פערמויער זי, בוי אויס דאָרט, —
פון האַס, פון גרימצאָרן און גאַל פאַר איהר אַ פעסטונג,
און לאָז זי וואַקסען האַרט — אַ שלאַנג אין נעסט
און זויגען זאָלט איהר איינער פון דעם צווייטען,
און תמיד בלייבען הונגעריג און דורשטיג;
און ווען אַ בייזער יום הדין וועט קומען —
צעברעך דיין האַרץ, בעפריי די בייזע שלאַנג!
און לאָז זי אָב, ווי אַ פער׳סמ׳טע פייל
טויט הונגעריג מיט ברענענדיגען גיפט,
און מיט׳ן האַרצען פון דיין אייגען פאָלק...“ (ז. 20).

ביאַליק אין זיין „שחיטה־שטאָדט“ איז ווי דער נביא אין „דאָס לעצטע וואָרט“, וואָס צעברעכט אין שטיקער אין זיך אַליין און אין אונז די לעצטע האָפנונג נאָך אויף אַ גאָט, אויף אַ וואונדער, וואָס צעברעכט אַליץ אין שערבלעך, ווי מען צעברעכט אַ טאָפ, וואָס איז אויף אייביג פער־אומרייניגט.

אום ביאַליק׳ס „שחיטה־שטאָדט“ צו לייענען, ווי עס דאַרף צו זיין, מוז קומען אַ פאָרלעזער, וואָס זאָל קאָנען דערהויבען זיך צום נביאישען צאָרן פון אַ ביאַליק׳ען.

ביאַליקס זשאַרגאָן־אויסגאַבע פון די „צאָרן־ליעדער“ איז אַ פרייע איבעראַרבייטונג. עס זענען אין דער נייער אויסגאַבע פאַרהאַן גאַנצע ביל־דער, וואָס פעהלען אין העברעאישען טעקסט. שוין די ערשטע שורות זענען ניי און שטאַרקער ווי אין העברעאיש. אין זשאַרגאָן הויבט זיך אָן:

„פון שטאָל און אײַזען, קאַלט און האַרט און שטום
שמיעד אויס אַ האַרץ פאַר זיך דו מענש און קום!“

אין העברעאיש נאָר:

„קום לך אל עיר ההרגה.

אין העברעאישען איז דאָ אַ גרויסעס בילד, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „עתה צא מזה ושוב הנה בין השמשות“, וואָס פאַרנעהמט 27 שורות, און וועלכע זענען נישט אַריין אין די זשאַרגאָנישע בעאַרבײַטונג. דאַגעגען איז דאָ אין זשאַרגאָן אַ נייער צוזאַץ צו דעם בילד פון „מאַרק מיט לעבעדיגען בהאַלוואַרג“, ווי אויך דער נייער צוזאַץ „צום בית הקברות מיט די טאָרבעס-שלעפער“, וואָס איז נישטאָ אין העברעאישען. הויך דעם איז אויף יעדען זייטעל אין זשאַרגאָן-טעקסט דאָ גאָר אַנדערע נייע וואָרט-בילדער, אַנדערע בעצייכנונגען, אומשרייבונגען, ווי אין העברעאישען טעקסט. דער ליטעראַרישער קענער וועט זיך ניט קענען שיידען נישט פון העברעאישען, נישט פון זשאַרגאָנישען טעקסט. דאָ און דאָרט האָבען מיר דעם איינענעם גרויסען פּאָעט, רייך אין כעס אין צאָרן און צער, רייך מיט דער שפּראַך, ווי קיין איינציגער פאַר איהם.

איך צווייפעל ניט אַ רגע, אַז דאָס קליינע ביכעל „פון צער און צאָרן“ וועט אינגיכען ווערען אַ ווערק, אַ פאָלקס-שאַץ פאַר גרויס און קליין, און דערהויפּט פאַר אונזער יוגענד, וואָס מוז ערשט קריגען צופיהלען דעם טעם פון טיעפען עקעל, דעם צאָרן און צער צו אונזער צעפאַלענעם נאַציאָנאַלען לעבען, ווי דאָס גיט אַרויס פאַר אונז ח. נ. ביאַליק, אום צו קאָנען קעמפפען פאַר אַ נאַציאָנאַלע אויפלעבונג. מען מוז דאָס שלעכטע שטאַרק פיינד האָבען, אום דאָס גוטע, שטאַרק ליעב צו האָבען.

# „משיח׳ס צייטען״.

(פון שלום אש)

„משיח׳ס צייטען״ אָדער „אויפ׳ן וועג קיין ציון״ הייסט דאָס דראַמא פון ש. אַש, וועלכע מיר האָבען געזעהן פערגאנגענעם וואָך אויף דער היגער פוילישער ביהנע, און וועלכע האָט געהאַט דעם פאָריגען ווינטער אַזאַ גרויסען ערפאָלג אין קאָמיסאַרזשעווסקי׳ס פעטערבורגער טעאַטער.

אַ פּאָר אַלטע לייט קלייבען זיך פאָהרען אין ארץ ישראל, די ביינער אויסצורוהען אין די ווייסע ארץ ישראל׳דיגע ערד. די שטוב פון די אַלטע לייט ווערט מיט איינמאָל פול פון זיהן, טעכטער און אייניקלעך, וואָס זענען זיך געקומען זעגנען מיט די אַלטע לייט. פון אַלע זייטען זענען זיי געקומען. זיי רעדען פערשיידענע לשונות, און אין די פאַלבען פון די קליידער האָט איטליכער מיטגעבראַכט דעם ריח פון דעם פרעמדען אָרט, וואו זיין יודישער מזל האָט איהם פערוואָרפען. אין די קעפּ פון די אייניקלעך קאָכט און שטורמט. ציוניזמוס, סאָציאַליזמוס און איבערטריבענע אַסימילאַטאָריש-פּאַטריאָטישע געפיהלען האָבען זיך בעזעצט אין די קעפּ פון די אייניקלעך. איטליכער טראָגט זיך אַרום מיט זיין דבוק. איטליכער איז נאָר דאָס געפעס פון אַן אידעע, מיט וועלכער ער וויל

אַרומגעדמען זיין יודישע וועלטעל אינאײנעם מיט דער גאַנצער וועלט. און די אײניקלעך מיט זייערע דבוקים, זייערע הוילע נאַקעטע אידעען טאַנצען אַרום די אַלטע לייט, וואָס טראָגען אויך אַרום מיט זיך אַ דבוק: די אַלטע אײביגע היסטאָרישע בענקענים נאָך דעם לאַנד פֿון זייערע אָבות, נאָך דער הייליגער ערד פֿון מערת המכפלה און די אמהות, נאָך דער שטילקייט און פֿרומקייט פֿון הייליגע קבֿרים.

צווישען זיידע און באָבע און די אײניקלעך שטעהען די עלטערן, זיי זענען גרוים ווי אַן אָסיענדיגער טאָג; האָבען קיין פּנים, קיין פּאָלקס־כאַראַקטער נישט. זיי זענען די בריק, וואָס פֿערבינדט און צעשיידט די זיידעס פֿון די אײניקלעך. און אויטליכער מיט זיין דבוק איז מבֿטל דעם זיידענס פּלאַן צו פֿערלאָזען דעם אָרט פֿון זיין לאַנגען לעבען. שטאַרקער ווי אַלע טרעט אַרויס די האַלב היסטערישע צעפּלאַקערטע יודישע פּוילין, דאָס פֿריילין יוסטינע. אין איהר האָט זיך בעזעצט אַ דבוק פֿון אַ 400־יאָהריגער יודישער פּוילישער היסטאָריע. זי האָט ליעב דאָס לאַנד, אין וועלכען עס האָבען זיך אינאײנעם אויסגעמישט טויזענדער פּוילישע און יודישע דורות. זי קען נישט בעגרייפֿען דעם זיידען, וואָס קלערט אַפֿילו נישט מיטנעהמען קיין הויפֿעלע פּוילישע ערד קיין ארץ ישראל.

איבער דעם גאַנצען טעאַטער־שטיק שוועבט אַ פֿאַנטאַסטישע גרין־גרויע דמאַרע, אין וועלכער עס מישען זיך אויס די דבוקים פֿון דעם אַלטען דור אינאײנעם מיט די דבוקים פֿון די אײניקלעך. עס בעווייזען זיך אין שטיק פֿאַנטאַסטישע געשטאַלטען; עס בעוועגט זיך ערגעץ וואו דאָס אײדעלע בלייך פּנים׳על פֿון קאַזימיר׳ס „קאָחאַנקע“, פֿון דער שענער אָסתר׳קע. די מענשען אין שטיק זענען נישט קיין מענשען, נאָר פֿערגלי־ווערטע אידעען אין מענשליכע גופֿים. אויף דער סצענע בעוועגען זיך נאָר די גופֿים, דער דבוק אין זיי איז שטענדיג דער גלייכער, און בייט נישט אַ רגע דעם קול.

אַש׳ס שטיק איז סימבאָלישע פּאָעזיע. דאָס איז אײגענטליך נישט קיין דראַמאַ אין געוועהנליכען זין. גיכער איז דאָס אַ גראַציעזער חלום פֿון אַ טהיערינגער יונגעלשער נשמה. אַש שפּיעלט זיך מיט די פּאַר־ביגע „שטיקלעך און ברעקלעך“ פֿון יודישען צעריסענעם לעבען מיט אַ חנ׳עוודיגער מעלאַנכאָליע. ביי דער אויבערפֿלעכע פֿון יודען־לעבען, ווי ביי אַ ברעג פֿון אַ וואונדערליך טריבען טייך זיצט דער יונגער אַש, קלייבט צונויף מושעלען (ראַקאָווינקעס) און גלאַטע שטיינדעלעך, — דאָס צעברע־

קעלטע פֿון אַ שווערען עבֿר, — און מיט הנ׳עוודיגע קינדערשע הענטלעך בויעט ער אויף וואונדערליכֿע פּאַלאַצען.

דעריבער דאַרף מען אין זיין שטיק נישט זוכֿען נישט קיין דראַמאַטישע האַנדלונגען, נישט קיין רעאַלע שילדערונגען פֿון יודישען לעבען. דער גרעסטער פֿעהלער וואָלט געווען, ווען מען וואָלט נאָך פֿערלאַנגט פֿון זיין שטיק עטנאָגראַפֿישע (פֿאָלקסטימליכֿע) פּרטים. דאָס ספּעציפֿיש יודישע אין שטיק דאַרף זיך דעם צושויער פֿאָרשטעלען אין אַ הייטער, זעהר ווייטער פּערספּעקטיוו. דאָס נאָהענטע, דאָס טיפּישע, דאָס נשמות׳דיגע, דאָס, וואָס וואַרפֿט זיך געוועהנטליך אין די אויגען, דאַרף ליגען ווייט פֿון די אויגען, ווי אין אַ נעבעל. די מענשען אינ׳ם שטיק זענען דאָך ווי נאַכֿט־וואַנדלער: בלינד, איינגע׳עקשנ׳ט, מאָנאָטאָן, וואונדערליך אויפֿריכֿטיג און שרעקליך איינזאַם, זייער׳ע בעקענטניסען אין אני מאמינ׳ס שרייען זיי אויס אין חלום, איטליכֿער נאָר פֿאַר זיך, איטליכֿער נאָר מיט זיך, קיינער הערט נישט דעם צווייטען, קיין מאָל שמעלצען די טענער נישט צוזאַמען. ווי די סעצעסיאָנס־ליניען זענען זייערע איינזייטיגע נשמות שטענדיג איינזאַם — אַליין, טרעפֿען זיי זיך קיין מאָל נישט צוזאַמען. בעקומען זיי שוין אַ נייגונג (נטיה) זיך עפּיס אין אַ ווינקעל צוזאַמען צו טרעפֿען, הערען זיי אין מיטען איבערגעהאַקט.

דערמיט מען זאָל דאָס בעזונדערס אוננאַטירליכֿע, דאָס אמת׳ע וואונדערבאַרע און אויך דעם הנ׳עוודיגסטען איינפֿאַל אינ׳ם שטיק (דער קול פֿון שופֿר של משיח, די קינדיש־נאַאיווע פֿאַנטאַזיע, אַז משיח איז הינטער די פּוילישע בערג. די גרויסע אויפֿרעגונג דערביי פֿון מאַנכֿע ווירקענדע פּערזאָנען) זאָל ווערען פֿון צושויער בעטראַכֿט אַלס נישט געקינצעלט, אַלס עפּיס נאַטירליכֿעס, מוז דאָס גאַנצע שטיק געשפּיעלט ווערען אין טאָן און אין סטיל פֿון אַ קינדער־מעשה, פֿון אַ שענעם יונגעלשען חלום. וויל מען, אַז איינצעלנע אוננאַטירליכֿע פּרטים זאָלען ווירקען אויף אונז ווי עפּיס נאַטירליכֿעס, דענסטמאָל מיז דאָס גאַנצע מאַכֿען אויף אונז דעם איינדרוק פֿון עפּיס וואונדערבאַרען און פֿרעמדאַרטיגען. אַ מלאך טראָגט נישט קיין שטיוועל, אַ העלד פֿון אַ צויבער־מערכֿען איז אין איטליכֿען פּרט אוננאַטירליך און אַנדערס ווי דער העלד פֿון רעאַלען לעבען.

מעטערלינק׳ס פּופּען־טעאַטער, — די שווער׳ע שענע חלומות פֿון אַן אַנגעשראָקענער יונגעלשער נשמה, — דאָבען דעם געבילדעטען צושויער שוין פֿון לאַנג אָן צוגעוועהנט צו אַזוינע שטיק ווי אַש׳ס „משיח׳ס צייטען“.

עס איז אַ שענער חלום, װעלכען מיר האָבען געזעהן אין זומער־טעאַטער. אַ חלום, אין װעלכען עס האָבען זיך אױסגעמישט, װי אין יוסטינעס נשמה מעהרערע אײנפֿליסען.

דאָס יודישע פּױלישע, אינאײנעם מיט דעם גײסט פֿון דער יודישער און פּױלישער ליטעראַטור צוזאַמען מיט דער השפּעה פֿון די מאָדערנע טעאַטער־זשעניען — מעטערלינק און װיספּיַאנסקי — האָבען געהאָלפֿען שפּי־נען און העבען אַ־ס שענעם חלום.



ה. ד. נאמבערג

# געווידמעט ח. ד. נאָמבערג.

אויף די וואַרשעווער, אָדעסער גאַסען בלאָנקען אַרום טשיקאַווע פּנים'ער. פון אויסען בעזעהען, קען מען זיי קיים אונטערשיידען פון געוועהנליכען יודישען פּראָלעטאַריאַט אָהן אַרבייט; אין דער אֶמת'ן אָבער זענען דאָס אָפּט די העכסטע גייסטיגע טיפען פון דער יודישער געטאָוועלט. אין אָרימע און שמוציגע בגדים מיט בלייכע אויסגעמאַטערטע פּנים'ער, שלעפּען זיי זיך אַרום אין די גאַסען אַמאָל מיט אַ בוך אונטער'ן אָרעם, עפּטער אָבער מיט אַ שטעקעל אין דער האַנד, שלעפּען זיך אַרום אָהן אַ פּלאַן, אָהן אַ ציעל מיט פאַרחלומ'טע איינען. זייערע יאָהרען? — צווישען 20 און 30. דער חשק צו אַלגעמיינער בילדונג, צו ווערען אַ מאָדערנער קולטור-מענש, האָט זיי ביסלעכווייז געבראַכט דערצו, זיך צו שיידען פון בית-המדרש, פונ'ם ש"ס און פוסקים. זיי קומען אָנגעפאָהרען פון די קליינע פּראָווינץ-שטעדטלעך. פון קבצנסק, טונעיאַדעווקע און מאַזעפּעווקע לאָזט מען זיך אין די איינציגע גרויסע שטעדט, וואו יודען מעגען וואוינען: אין וואַרשוי און אין אָדעס. איטליכער פון זיי האָט אַ פּנים פון אַ פּעריאָנטען, אַרוים-געטריבענעם, אין דער אֶמת'ן אָבער האָט זיי קיינער ניט פערטריבען פון טאַטענס היים. — אַליין מיט'ן איינענעם רצון

זענען זיי געגאַנגען אין גלות. עפּיס אַן׳אינעווענינגסטע קראַפט, כאָטש ניט אימער אַ בעוואוסטזיניגע, האָט זיי געצוואונגען זיך אָבצוזאָגען פון די קליינשטעטעלשע יודישע לעבענס־פאָרמען און צו זוכען עפּיס אַ ברייטערן ראַהם, וואו זיי זאָלען קענען פריי און ברייט זיך ענטוויקלען. מען זאָל זיי ניט פערגלייכען מיט די אפּיקורסים פון דער השכלה־צייט, וועלכע זענען מיט אַ האָפנונגספולען האַרצען אַריין אין די דייטשע אוניווערזיטעטען, פון די היימישע פערפּאָלגט און פערשאָלטען, פון דער רעגירונג און די דייטשע מפיצי־השכלה׳ניקעס געשטיצט און געקעכעלט. די דאַמאָלסדיגע אַפּיקורסים האָבען פעראַכטעט די יודישע וועלט און האָבען געזוכט וואָס גיכער צו צערייסען דעם בונד, וואָס פערקניפּט זיי מיט דער יודישקייט. אַנדערש אָבער געזאָגען זענען די היינטיגע, זיי פיהלען אין זיך טיעף די וואָרצלען פון היסטאָרישען יודענטום און וועלען שוין פאַר קיין פּרייז אין דער וועלט נישט אָבשניידען די וואָרצלען, וואָס פערבינדען זיי מיט זייערע אין הושך לעבענדע ברידער. זיי וועלען שוין ניט אויף אַ רגע אָבלייקענען זייער ענגען צובונד צו זייער פערגאַנגענהייט. און האַלב בעוואוסטזיניג, האַלב אונבעוואוסטזיניג שטרעבען זיי דערצו אַ גרויסע פרעמדע קולטור מיט דער איינענער צו פערשמעלצען אין איין איינציגע גאַנצע יודישע קולטור. זיי זענען שוין ניט קיין אָבגעריסענע לעבענסקעמערליך פון יודישען אָרגאַניזם; דאָס איז די יודישע פּערזענליכקייט, דער נאַציאָנאַלער יחיד, וואָס צערייסט דאָס הייטעל פון דער ענגער פּאַטריאַרכאַלישער וועלט, אום פרייער, ברייטער, שעפּפערישער לעבען צו קענען אַלס איינצעלטער פאַר׳ן גאַנצען אָרגאַניזם.

און אַזוי ווי די דאָזיגע יחידים שלעפען אויף זיך אַ לאַנגען אַלטען עבר, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין טיעפער אינערליכער גייסטעס־קולטור. דערגרייכען זיי שוין אין יונגע יאָהרען צו די העכסטע און פיינסטע השגות. און בעת זיי וואַרפען זיך מיט אַ ווילדען חשק אויף די ביכער פון דער אַלגעמיינער בילדונג, האָבען זיי ניט דעם פּנים פון אַ יונגען גימנאַזיסט, נאָר פון געלעהרנטען כינעזער, וואָס הויבט אָן לערנען אויף דער עלטער איראָפּעאישע הכמות. דורך איטליכע קליינינקייט שיינט דורך פאַר זייער אינווענינסטען בליק דאָס הויכע ציעל, וואָס זיי האָבען זיך געשטעלט. עס האַנדעלט זיך שוין נישט דערום אַ דיפּלאָם צו קריעגען. דאָס ציעל איז אַ פיעל וויכטיגערעס: די אַלגעמיינע קולטור צוזאַמענשמעלצען מיט דער יודישער נשמה, געפינען פאַר׳ן יודענטום וועגען און געגנ, אום געזונד און נאָרמאַל ווייטער וואַקסען צו קענען.

קורץ, אדער לאנג, דערגרייכט ער, דער יחיד, אזוי זייט, דאס זיין נשמה האט שוין א שייכות צו אלץ אויף דער וועלט. ער כאפט דעם גייסט פון די פארטיי-מלחמות פון די גרויסע פעלקער, ער האט שוין בענומען די תורות פון די גרויסע עקאנאמיקער, די מאדערנע ליטעראטור מיט איהר רעאליזם, ראמאנטיזם, מיסטיציזם בעכשופ'ען איהם מיט א בעזונדערער קראפט. דעם גאנצען טאג קנעלט ער מיט זיינע תלמידים, וועלכע ער גיעט שטונדען אין העברעאיש, אדער ער זיצט איינגעבויגען אויף די קאנטא-ביכער, אלס ארימער בוכהאלטער, אדער ער מאטערט אויס זיינע אויגען אויף קארעקטורען א. אז. וו. ביינאכט אבער, ווען ער קלעטערט ארויף די פינף טרעפען פון זיין ענגען צימער, שטרעקט ער אויס די האנד נאך א קאנט, אדער שאפענהויער, עפטערס נאך מארקס אדער ענגעלס; מאנכמאל פערטיעפט ער זיך אין די ווערטער פון א בודהא, אדער מיט נערוועזען הארצקלאפען זוכט ער נאכצושפרינגען די ווילדע שפרינגערייען פון א פריעדריך ניטשע. די שבתים פערברייננגט ער אין קרייז פון חברים אזוינע ווי ער. מען רעדט, מען דיספוטירט, מען איז זיך מתוכח מיט א ברען און היץ איבער אלערליי פראגען פון יודישען, ווי פון נישט יודישען לעבען. די וכוחים צווישען עדוארד בערנשטיין און קאוטסקי, דער לעצטער מאמר פון אחד-העם, א נייער בוך פון גארקי אדער פון זשעראמסקי — אלץ, אלץ קריעגט א ווארימען אבקלאנג אין דעם ענגען חדר פון רויך, אלץ, אלץ ווערט גענומען אונטער'ן מעסער, אנאליזירט, קריטיקירט, געלויבט אדער געטאדעלט.

אט אזוי פערלעבען זיי, די „יחידים", די ערשטע יאהרען פון זייער „נייעם-לעבען". אין הארצען — בטחון, אין מח — פערנעפעלטע אידעאלען, פער'חלומ'טע אפטימיסטיש, ארים אין עולם הזה, פון קיינעם ניט אנערקענט, אבער מיט א פעסטען הסכם ווייטער אזוי צו לעבען, ביז דאס אונקלארע וועט קלאר ווערען און ווייזען דעם וועג אויף ווייטער. באלד אבער קומען די ערשטע ספקות, דען ווען זיי פיהלען אויך א שייכות צו אלץ אין דער וועלט, אבער דאס בלייבט נאר אן'אויבערפלעכליכעס פערהעלטניס. זייער לעבען געהט ניט ווייטער, ווי ביז די בלעטלעך פון די ביכער. זיי פיהלען, דאס עס איז ניטא קיין ארט פאר זיי, זייערע געדאנקען און טאטען אומצוזעצען. זייער גייסטיגער תוך ווערט פערטריקענט, ווייל קיינער, קיינער פערלאנגט ניט דעם זאפט פון זייער נשמה. זיי קומען ביסלעכווייז צו דער איבערציינונג, דאס א יחיד קען אהן נאציאנאלען באדען גאר ניט אויפטון. באלד ענטפלעקט זיך פאר זיי די

טראַגעדיע פון יודישען יהיד, וואָס איז פרעמד פאַר די וועלט, און פרעמד פאַר זיך, ווייל אַ פאָלק אין גלות, אין אייביגען קאַמפף פאַר לופט און ברויט, קען זיך ניט ערלויבען דעם לוקסוס פון שאַפענדע יחידים.

דעריבער זעהען מיר שפּעטער די יודישע פּערזענליכקייט, דעם יהיד, נאָך מעהר אַ פער'חלומ'טען, נאָך מעהר אַ פערוואַהרלאָזטען. פון יונענד אויף איז אַלץ, וואָס ער האָט געזעהן אַרום זיך, געווען ווי אַ גיהנום־קייט, געפלאָכטען פון נויט, פּיין און גייסטיגע ליידען. קען דען אַנדערס אויסזעהן אַנ'אָרגאַניזם, וואָס הויבט אָן מיט אַ ווילדע נאַטור־געוואַלט צו וואַקסען, געפינט אָבער קיין ברעקעלע רחבות פאַר זיך, אַוואו עס זאָל קענען אויסשטרעקען די נייע איפגעבלידהטע צווייגען? און מיט דעם אויסגעשאַרפטען בליק פאַר נויט, פּיין און גייסטיגען ליידען בכלל הויבט ער אָן צו בעטראַכטען אַלץ, וואָס פאַלט נאָר אַריין אין נעץ פון זיין אויג.

די יאָהרען זענען אָבער פאַר איהם ניט אַוועק אומזיסט. די בעריהרונג מיט דער מאָדערנער קולטור, האָטש פון ווייטען, דורך די טויטע אותיות פון ביכער, האָבען זיין נשמה בערייכערט מיט אַ גאַנצער רייהע פון נייע עמפּפינדונגען. דער געטאָ־יוד איז נאָך געווען בלינד פאַר דער נאַטור, פאַר איהם איז שוין די נאַטור ניט קיין טויטע דעקאָראַציע. ער הויבט זיך אָן צו שפּירען און פיהלען, וועבט זיך צונויף מיט איהר און ווערט בערייכערט פון איהר. די לאַנדשאַפט אָבער שפּיגעלט זיך אָב אין זיין האַרצען מיט די פאַרבען און ליניען, וואָס זענען נעהענטער צו זיינע אינווענינסטע טרויעריגע געפיהלען, זיין פערהעלטניס צו דער נאַטור איז אויך ניט ווי ביי דער יוגענד פון אַנדערע פעלקער.

„ניט ווי אַ פליהענדיג פויגעלע, וואָס פרעהליך שפּאַנט די פליגעלעך אויס,
ניט ווי אַ לייב, וואָס צעברעכט זיין אייזערנעם שטייג, רייס איך זיך צו דער נאַטור,
נאָר ווי אַ הונד, וואָס ענטלויפט פון זיינע פּייניגער,
לויף איך היינט פון מיין ענגער קאַמער אַהין צו דעם גרינעם פעלד".
(ביאַליק).

אַ נייער קוואַל פון ליידען עפענט זיך אויף אין די הערצער פון אונזערע יחידים. פון איין וועלט אַוועק, אין די אַנדערע ניט אַריין, אייביג אַרומגעשליידערט ווי אַנ'אומרוה צווישען אייגענע און פרעמדע קולטורען, קיין שום מעגליכקייטען ביידע צו פעראייניגען, ווייל דאָס אייגען

פאָלק קען נאָר לעבען, ווי אַ מוילוואורף אין אַ נאָרע, האָט אָבער ניט די מעגליכקייט פריי זיך צו ענטוויקלען און שעפעריש צו לעבען, — דאָס איז דער פלאַץ מיט די געברענטע קוילען אונטער די פיס, אויף וועלכע עס טאַנצט אַרום די נשמה פון דער יודישער פערזענליכקייט. און ער קוקט אויף זיך מאַנכסמאָל, ווי אויף אַ פערזעהענים פון נאָט, ווי אַנ־אויסגעמישטע בעשעפענים, האַלב ר׳ מענדעלעס „קליאַטשע“ און האַלב מענש, מיט׳ן קאָפּ אין דער גרויסער מענשליכער קולטור, מיט לייב און לעבען אין די טויטע אַטמאָספערע פון קבצנסק און טונעיאַדעווקע.

.1903



ז. שניאור

# ז. שניאור,

## עם שקיעת החמה. שירים.

(פֿערלאַג „תושיה“, װאַרשױ).

### I

איך בלעטער אין שניאור'ס שירים, און אַ װאונדערליך געפֿיהל נעהמט מיך אַרום פֿון אַלע זייטען. פֿון איטליך בלעטעל טראָגט זיך מיר אַנטקעגען אַ שטאַרקער שטראָם פֿון קרעפֿטיגע יוגענד־געפֿיהלען.

אין די 6—7 יאָהר, זייט שניאור איז אַריין אין דער ליטעראַטור, איז ער מערקווירדיג אויסגעװאַקסען. מען קאָן זאָגען אָהן אַ גוזמא, אַז נאָך ביאַליק'ען װעט מען פֿון היינט אָן ריידען פֿון שניאור'ן, װי פֿון איינעם פֿון די װעניגע אֶמת'ע פּאָעטען, װעלכע דריקען אויס די שטאַרקע ליידענשאַפֿטען פֿון דעם יודישען „שטורם־און דראַנג־פּעריאָד“.

„עם שקיעת החמה“ איז נישט דער ריכטיגער טיטעל פֿאַר שניאור'ס פּאָעזיע. פֿאַר זיינע שירים װאָלט בעסער געפּאַסט דער טיטעל „כח שירים אצלינו“, — אָדער נאָך בעסער, — „די יוגענד זינגט“. דען שניאור זינגט, װי די אייביגע אונשטערבליכע יוגענד. ער זינגט אין ברייטע שטאַרקע אַקאָרדען. ער זינגט פֿון לעבען און טויט, פֿון ליעבע און קאַמפּף, פֿון

הימעל און ערד, פון זונען און פלאנעטען, פון וועלטען, וואס צעוואק־סען זיך און ווערען צעפלאסען אין ליכט, פון וועלטען, וואס קנייטשען זיך צונויף און ווערען פערטרונקען אין פעלשוואַרצע פינסטערניסען, ער ווארפט זיך מיט קאנטראסטען, ווי מיט שטיינער ביי'ן טייך. א וואנשאל איז פאר איהם דאס לעבען, א וואנשאל, וואס ווארפט זיינע שיסלען ארויף און אראנטער, אריף און אראב. און פול פון אלעריליי בענקעניסען, זו־דיגע תאוות, יאמערדיגע נביאות און פינסטערע הלומות, שפרינגט ער אריי־בער פון איין שיסעל אין די אנדערע. ארויף און ארונטער, איז די גרונד־שטימונג, דער גרונד־ריטם פון שניאור'ס הערצענס־פאעזיע.

„א דורשטיגער געדט ער ארום מיט'ן פרידמארגען, הורשטיג, דור־שטיג צו ליכט, און גרייט איז ער פאר גרוס הונגער האטש די גאנצע זון איינצושלינגען. קומט אבער אן דער טאג, צעפלאקערט זיך אבער די זון, ווערט ער מאט און שוואך און פערדרוקט זיך „ווי אנ'עניו אין א שאטיגען ווינקעל". זיין נשמה איז צעטיילט און צעשפאלטען, „איין העלפט באדט זיך אין ליכט, און די אנדערע טרינקט זיך אין שאטענס געדיכטע". „גרויס, גרויס איז דער וועג פון זיין לעבען, פול פון סודות, פול כון פינסטערניסען", און ער שפאנט אליץ ווייטער און ווייטער, מיט א פלא־קער אין הארצען און א בראנד אין די אדערן. ער וויים אבער נישט, אי־בער וואס זאל ער אנהויבען פריהער צו זינגען, „צי איבער דאס גאלדענע ליכט, וואס בלענדט זיינע אייגען, אדער איבער די בעהאלטענע שאטענס, וועלכע עס פיהלט שוין פון דערווייטענס זיין שטורעמדיגעס הארץ?" און קומט אן די פינסטערע נאכט, בענקט ער דורשטיג נאך די ערשטע זונען־שטראהלען, און קלערט ער וועגען דער שפעטערער צוקונפט פון די מענשען, זעהט ער אדער דעם נצחון פון דער פרייער נאטור איבער דעם קליינינקען נידריגען מענשעלע, אדער ער זעהט דעם נצחון פון דעם גרויסען מענשען־געדאנקען איבער די ווילדע כאאטיש שפראצענדע נא־טור.

א ווילדע זינדיגע תאוה פלאקערט אויף אין זיין ברוסט, מיט דעם אייגענעם פלאקער אבער בעוויזט זיך אין איהם א ברענענדיגע הייליגע ליעבע. אלע ווילדע זינדיגט ער און אלע ווילדע רייניגט ער זיך פון זיינע זינד דורך א שטראם פון הייליגע געפיהלען. און שטארק איז זיין תאוה, ווי עס איז שטארק זיין חרטה.

און הערט ער א שענע פאעטישע מעשה'לע, דערמאנט ער זיך אן

די בלאַטיגע קוואַרטאַלען, וואו דער דלות צעטרעט מיט די פֿיס פּאָעזיע און אַלערליי מעשה׳לעך.

דער זונען־אויפֿגאַנג דערמאָנט איהם אָן די טויזענדער שאָטענס, וואָס לויערן ווי גנבים אין וועלדער און פֿעלזען־לעכער און וואַרטען אויף די רגע, ווען מען וועט קאָנען די גוסס׳דיגע זון צופּליקען און צופּיקען, ווי אַ געפֿאַלענעם לייב. און בעוויזען זיך די ערשטע שטערן, בּיינקט ער נאָך דער זון מיט דער גאַנצער בּיינקשאַפֿט פֿון אַ ליידענשאַפֿטליכער אונ־געדולדיגער נשמה.

---

## II

אַרויף און אַרונטער — איז דער גרונד־ריטם פֿון שניאור׳ס פּאָעזיע. דאָס איז אָבער אויך דער ריטם פֿון אַ געזונדער קרעפֿטיגער יוגענד, וואָס טרינקט אָנשטאָט וואַסער — בּיינקשאַפֿט, וואָס שפּייזט זיך מיט חלומות פֿון קאַמפֿף, ווילדע נצחונות און טראַגישע טויטען, וואָס לעבט אין אַני־איבּיגער מלחמה מיט די פֿיעלזייטיגע פֿאָדערונגען פֿון פֿרישצאַפּעלדיגען גייסט.

פֿון דער יוגענד זאָל מען נישט פֿערלאַנגען דוקא נייע בּילדער, נייע געדאַנקען, אָדער נייע חזיונות (וויזיאָנען). די יוגענד האָרף זיין פֿריש, לעבעדיג, קרעפֿטיג, האָבּען פֿאַרב און קלאָר, שטאַרקע בּיינער און קרעפֿ־טיגע מוסקעלן. די פֿריש־צאַפּעלדיגע יוגענד־פּאָעזיע מאַלט אַלטע אָפּ־געשוואַכטע בּילדער פֿונקעלדיג, ווי אָקאָרשט פֿון נאָדעל אַרויס; אַלטע אָבּגעדראָשענע פֿראַזען ווערען מיט איין מאָל גלאַנציגער, פֿרישער, לעבּע־דיגער, ווי מען וואָלט אַ נייע הויט אויף זיי אַרויפֿגעצויגען.

אויך אין שניאור׳ס ליעדער זאָל מען נישט זוכען קיין נייעסען. שניאור, ווי אַן׳עכטער פֿערטרעטער פֿון אונזער היינטיגער קעמפֿפֿענדער יוגענד, האָט נאָר פֿאַר אונז אויסגעגאָסען זיין אייגענע יוגענד. קרעפֿטיג, האַסטיג, אונגעדולדיג, היינט אַ פֿערבענקטער, מאָרגען אַ צופּלאָמטער, זינגט ער אונז אַלטע ליעדער מיט אַ פֿרישען יונגען טאָן. נייע געפֿיהלען, נייע בּילדער וועט איהר בּיי איהם נישט געפֿינען. דער קוניץ זיינער איז דאָס, וואָס אַלטע שוין לאַנג דערעסענע זאַכען לייענען זיך בּיי איהם, ווי פֿרישע

און נייע. און בעת מעשה הוכט זיך אויס, אַז אָהן שניאור'ן וואָלטען מיר דאָ גאָר נישט געפֿיהלט און געזעהן. דער קוּנץ זיינער איז, וואָס ער ווייס צו שטעלען די טראָפּ, ווען ער נעהמט אין דער האַנד די איינפֿאַכע אַלטמען בעקאַנטע מגילה פֿון לעבען, און וואָס ער לייענט זי אונז פֿאָר ווי אַ גרויסער מומחה, ווי אַ זעלטענער בעל קורא. און זיין טראָפּ שטעלען ווי זיין ריטם איז גראָד דער ריטם פֿון דער היינטיגער יודישער יוגענד, וועלכע איז אפֿשר וועניג שעפֿעריש אין דער געדאַנקען־וועלט, וועלכע איז אָבער געניג שטאַרק און מוטיג מיט אַ גרויסער אמונה און אַ מוראדיגער קראַפֿט אַריינצופֿירען אין ווירקליכען לעבען דאָס אַלטע גוטס, וואָס איז געשאַפֿען פֿון אַנדערע.

---

III

ווען מען זאָל מיך פֿרעגען, אין וואָס ליגט הויפּזעכליך די בעדייטונג פֿון שניאור'ס פּאָעזיע, וואָלט איך, קורץ אויסגעדריקט, געזאָגט: דערין, וואָס צום ערשטען מאָל האָבען מיר דורך איהם אין דער יודישער ליטעראַטור געזונדע, קרעפֿטיגע אַקאָרדען פֿון אַ יונגער יודישער נשמה.

נעהמט אַלע אונזערע פֿריהערדיגע פּאָעטען, אויך דעם גרויסען ביאַליק'ען, און איהר מוזט מודה זיין, אַז זייער נשמה האָט שוין געהאַט קנייטשען נאָך איידער זי איז בעל־מצוה געוואָרען. אָדער זיי זענען געבאָרען געוואָרען מיט אַ שוואַך קלאָגעדיגען קול, אָדער אין זייער קראַפֿט איז געלעגען עפּיס אַ קראַנקהייט, אַ פֿינסטערניס. און ווען עס וועט איך אָבהאַלטען אויף אַ רגע דער געדאַנקען וועגען ביאַליק'ס קראַפֿט, דאַרפֿט איהר זיך דערמאָנען, אַז אין ביאַליק'ס קראַפֿט ליגט נאָר די קראַפֿט פֿון צעשטערונג; זיין קראַפֿט איז נישט די קראַפֿט פֿון דער יוגענד, נאָר די קראַפֿט פֿון אַ שטן המשחית. געוויס האָט ביאַליק אין קלענסטען פֿינגער מעהר קראַפֿט, ווי דער גאַנצער שניאור, אָבער קראַפֿט איז נאָך נישט קיין סימן פֿון יוגענד. ווייל מען אונטערשיידען צווישען אַ געזונדער יוגענד־קראַפֿט און אַ געוואַלטיגער צעשטערענדער, זאָל מען שטענדיג צולעגען אַן אויער צו דעם ריטם, ווי די קראַפֿט דריקט זיך אויס. דער

ריטם פון ביאַליק׳ס פּאָעזיע איז ווי די זעצען פון אַ ריעזיגער פויסט, וואָס מיט איטליכען זעץ צעשמעטערט ער גאַנצע בנינים. אַנדערש איז אָבער דער ריטם פון שניאור׳ן, דעם פּאָעט מיט אַ יונגער צעלאָזענער נשמה. פון זיינע געשרייען און געוואַלדען הערט זיך נישט דער קול פון אַ טיעפען אייביגען יאוש. גיכער הערט זיך דאָס קלאָגען פון אַ יונגער נשמה, וועמען עס וואָלט זיך וועלען אַלע טאָג זיך פערמעסטען מיט די איילענבויגענס געגען עמיצען אַ פיינד, וועמען עס וואָלט זיך וועלען אַלע ווילע אויספּרובען די כוחות און זיך ראַנגלען, און אויסלאָזען דעם שאַמפּאַניער־גאַז פון דער אויפגערעגטער יונגער נשמה. שניאור׳ס נאַאיווע שענע לעגענדע „סהרה" דריקט אין גרונד אויס דעם תוך פון שניאור׳ס כעס אויף די וועלט און פון זיין חשק צושטרייטען און עולמות החרב צו מאַכען. אַהרימון, דער אַמאָליגער ריינער מעכטיגער מלאך, איז געוואָרען אַ שטן המשחית נאָר דעריבער, ווייל עס האָט זיך איהם פערוואָלט אַ ביסעל פערמעסטען די איילענבויגענס און זיך ראַנגלען מיט גאָט׳ס בעשעפעניסען, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זיי זענען צו שוואַך, אום זיך צו לאָזען אין אַ ווילדען קאַמפף־טענצעל מיט אַ מלאך אלהים. פון גרויס פעראַכטונג צו אַזעלכע ווייכע נפשות איז ער געוואָרען זייער שונא, זייער שטן המשחית, און ווי אַ גיפטיגער שטורם טראָגט ער זיך דורך גאָט׳ס וועלט מיט דער קללה:

„ארורה תהי, חרבה תהי, את אדמת נוף סהרה!"

ווען איהר קוקט זיך צו גענוי צו דעם שיר „סהרה", בעמערקט איהר באַלד, אַז שניאור׳ן געהט דאָ נישט אָן אַזוי דער כעס פון אַהרימון צו די פוטער־ווייכע וועלטבעשעפעניסען, ווי דער פערלאַנג צו מאָלען שטאַרקייט, קראַפט, דעם טאַנץ פון מוסקעלן, וואָס ראַנגלען זיך, די קאָנוואולסיעס פון אַנ׳אַטלעטען, וואָס וויל ברעכען, בויגען, וואַרפען, שליידערן, ווייל זיינע אייזערנע מוסקעלן און דער מעכטיגער ברוסטקאַסטען פאָדערן דאָס.

אין דעם ריטם פון שניאור׳ס פּאָעזיע הערען זיך נישט די בעוואוסטזיניגע פעסטע פינסטערע אַקאָרדען פון ביאַליק׳ן, וועלכער איז אָנגעזאַפּט מיט דעם גיפט פון פוילען יודישען ליידענס־בעכער, נאָר דאָס קלאַפּענדיגע אַרומטאַנצען פון אַ געזונדער פרישער יוגענד, וואָס וויל קאַמפף, ראַנגלעריי, בעוועגונג אָהן אַ שום טיעפערע פּניה דערביי. פון אונטער ביאַליק׳ס פינגער וואָלט אַהרימון אַרויס אַלס אַ בעוואוסטזיניגער מעכ־

טיגער בעל־נקמה געגען עפּיס אַ געוואַלטיגע אונגערעכטיגקייט, עס וואָלט אַרויס אַ משה, וואָס צעבּרעכט די לוחות, בּיי שניאור'ן איז אַהרימן אַרויס ווי דער אַטלעט פּיטלאַשינסקי, וואָס מוז זיך ראַנגלען מיט ווייבער און קליינע קינדער.

---

IV

איך האָבּ זיך לענגער אָבּגעשטעלט אויף דעם פֿערגלייך צווישען בּיאַליק'ן און שניאור'ן, ווייל אין מאַנכע ליטעראַרישע קרייזען הערט מען אָפֿט אויפֿהייבען שניאור'ס נאָמען בּיז צו בּיאַליק'ן. דאָס איז אַ טעות. קראַפֿט, גלאַנציגע בּילדער, און דער נביאות־סטיל פֿון דער שפּראַך, גרויס און בּרייט געצייכענטע בּילדער („רועה“, „סהרה“ און אַנדערע), אַלע די מעלות, מיט וועלכע שניאור צייכענט זיך אויס, בּעווייזען נאָר, אַז שניאור איז געגאַנגען אין הדר פֿון בּיאַליק'ן, אַז ער איז איינער פֿון זיינע בּעסטע שילער. דער חלוק איז אָבּער צווישען רבּי'ן און תלמיד אַזוי גרויס, אַז עס איז אַ חטא אָנצורופֿען בּיידע נעמען בּנשימה אַחת. פֿערשיידען זענען זיי איינער פֿון דעם אַנדערן דורך דעם ריטם זייערן. און די פֿערשיידענהייט פֿונ'ם ריטם נעהמט זיך דערפֿון, וואָס איטליכער פֿון זיי איז אַן אַנדער פּערזענליכקייט, אָדער קלאָרער גערעדט, בּיאַליק איז אַ פּערזענליכקייט און שניאור איז נאָך דערווייל די געשטאַלט פֿון אַ קרעפֿטיגער יוגענד, וואָס שטרעקט אויס לאַטיש אויף אַלע זייטען די מוסקעל־שטאַרקע גליעדער, און וואָס איז נאָך דערווייל צו זיך נישט געקומען.

אין „מעשה בראשית“ (אין „יודישען פֿאָלק“, נומער 12, 17), האָט שניאור אַליין אונז געוויזען די פּסיכאָלאָגיע פֿון אַ גרויסער קראַפֿט, וואָס וואַרפֿט זיך אָהן אַ ציעל אין דעם אין־סוף, און פֿיהלט איהר גרעסטען נחת נאָר אין דער הוילער בּעוועגונג אָהן אַ ציעל, אָהן אַ וועג. שניאור איז דער פּאָעט פֿון תהו ובהו, דער פּאָעט פֿון דער יוגענד, גענומען אין אַבּסטראַקטען זין. ער איז נאָך נישט קיין פּערזענליכקייט פֿאַר זיך. ער איז די בּעוועגונג, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ מישמאַש פֿון קרעפֿטיגע אַקאָרדען. ער האָט נאָך אָבּער נישט זיין איינענע פֿעסט געבּויטע נייע מעלאָדיע.

שניאור איז אַ נייע העכסט וויכטיגע ערשיינונג אין אונזער ליטע־

ראַטור, אָבער נישט קיין נייע פערזענליכקייט, ווייל ער איז דאָס נאָך נישט. מיר אָבער, די ליעבהאָבער פון אונזער ליטעראַטור, פיהלען שוין פאָרויס, וואָס מיר וועלען אַמאָל האָבען אין דעם אינטערעסאַנטען שניאור, ווען ער וועט פון זיינע שטאַרקע און שענע אַקאָרדען אָנהויבען שמידען אַנ־איינענע פערזענליכע מעלאָדיע.

בריסעל, 1906, נאָוועמבער.

## שריפטען פון ז. שניאור.

(אין דריי בענדער. פערלאַג שימינ׳ס „וועלט־ביבליאָטעק״).

### I

דער גאַנצער זשאַרגאָנישער שניאור ליגט דאָ פאַר אונז: זיינע ערצעהלונגען, פאַנטאַסטישע זעדונגען (הזיונות, וויזיאָנען) און דאָס ביסעל פּאָעזיע, וואָס ער האָט אָבגעצאַפּט פון זיין פּאָעטישען טאַלאַנט אין העברעאישען פאַר דעם אָרימען מאַמע־לשון. אונטער דעם איינדרוק פון די שרעקליכע אָקטאָבער־טעג האָט ער געשריבען זיינע פּאָגראָם־ערצעהלונגען „אויף ביידע זייטען דניעסטר״ און „די נקמה״. די רוסישע רעוואָלוציע האָט איהם בעגייסטערט צו שרייבען זיינע זעהונגען „די פרייהייט״, „פייער״ און „מעשה בראשית״. מיט דעם נעפּיהל פון אַ טיעפער בענקשאַפט און אַ גרויסער איינזאַמקייט זענען דורכגעזאַפּט זיינע ליעדער „די בענקשאַפט״ און „אַ שטיין״. און אַזוי ווי שניאור׳ס נשמה שטעלט זיך צונויף פון שאַרפע קאָנטראַסטען, „איין העלפט באָדט זיך אין ליכט, און די אַנדערע טרינקט זיך אין שאָטענס געדיכטע״ (שניאור, „עם שקיעת החמה״), צערייסט ער פלוצלינג די שווערע המאַרע פון זיין געמיט און צווינגט זיך מיט אַמאָל גאָר אויף אַ נייעם, פרעהליכען שטייגער. דוכט זיך, אָקאָרשט

האָט ער אונז דערצעהלט פֿון זיין גרויסער איינזאַמקייט און בענקשאַפֿט:

„איך האָב געזוכט אַ האַרץ, און האָב אַ שטיין געפֿונען.
עלענד אין דעם גראָז, ווי איך, איז ער געלעגען,
גאָרנישט געבענדיג דעם לעבען, — גראָה און קאַלט און האַרט, —
האָט ער אַליין פֿון לעבען גאָרנישט ניט געוואַרט".

און מיט אַמאָל, אַ בלעטעל ווייטער, לייענען מיר שוין זיינע פרעכ-טיגע „קאַרשען", וואו אַ פֿער'שכור'טער פּאָעט, שכור פֿון זיין אייגענער יו-גענד, זינגט אין טאַקט פֿון אַ פֿרעהליכען טאַנץ:

„צייטיגע קאַרשען און צייטיגע מיידלעך,
מיט איגען פֿיעל שוואַרצער פֿאַר קאַרשען...
עם קלעטערן מיידלעך נאָך קאַרשען און לאַכען,
עם בלאַנקען אין גרינם זויבער-באָרפֿיסע פֿיסלעך,
עם קנאַקען עלאַסטישע צווייגען...

— — — — — — — — —

די שטעהסט אונטערן בוים צומישט און בעצויבערט,
און ווייסט נישט, וואָס חאַפּען, וואָס — שלינגען אַ פֿריהער:
אַ קאַרש, צי אַ הייסינקען בליק...
שלינגסט קאַרשען און שטיקסט זיך פֿון יונגען געלעכטער,
דו לאַכסט אָהן אַ ציעל, אָהן אַ סבה, אָהן ווילען,
עם בליהט דער געלעכטער, ווי קוואַל-וואַסער שלאָגט ער —
און רוישט, ווי די בלעטער פֿון גאָרטען..."

אֶמת, דער גרונד-טאָן פֿון שניאור'ס פּאָעזיע איז אַ מרה-שחורה'דיגער, אָבער אָפּטמאָל ברעכט זיך אַדורך אַ שטאַרקע לײדענשאַפֿטליכע יוגענד-נאַטור און פֿערהאַפּט דאָס אויג מיט „צייטיגע קאַרשען און צייטיגע מייד-לעך".

---

II

ז. שניאור אַלס ערצעהלער שטעהט שטאַרק אונטער דעם איינפֿלוס פֿון לעאָניד אַנדרייעוו. נישט דאָס געוועהנליכע נעדמט ער פֿאַר אַ טעמע,

נור דעם אויסנאהמס־פאל. דער נאטירליכער ריטם פון לעבען בעלעבט נישט זיין פאנטאזיע. דער מענש אינטערעסירט איהם נור דעמאלט, ווען עפּיס א גרויסע קאטאסטראפע האט איהם אנגעשפאנט ווי א בויגען און געמאכט פון א וואכעדיגען מענשען א טראגישען, אדער א טראגי־קאמישען העלד. דאס אויסערע לעבען פון א מענשען איז ביי איהם א נעבען־זאך. דערהויפט גראבט ער זיך אין דעם אינווייניגסטען מענשען, און דאס אויך נור דעמאלט, ווען עפּיס א גרויסע ליידענשאפט, א גרויסער שרעק האט אבגעשטעלט דעם געוועהנליכען פערפלאנטערטען גאנג פון זיין אינווייניגסטען לעבען און דאס אויף א רגע פערגליווערט. זיינע העלדען זענען מעדרסטענטיילס אויסגעפילט מיט איין ליידענשאפט, מיט איין געפיהל, מיט איין שרעק, אדער מיט איין משוגעת.

ווייל די וויסענשאפט אויספארשען דאס געביי פון א לעבעדיגע בע־שעפענים, שטעלט זי אב ביי איהם די רעדער פון לעבען, שטעלט זי אב, ווי וויט מעגליך, אלע זיינע פרייע בעוועגונגען, פערשלעפערט איהם, און פארשט... אזוי טוט דער אנאטאם. דאס אייגענע טוט דער פסיכאלאג, דער פארשער פון מענשליכען גייסטיגען לעבען. ער נעהמט דעם מענשען נור דעמאלט אויסצופארשען, ווען די פערפלאנטערטע וועלען פון לעבען זענען מאט און פויל, ווען די טויזענדער פארבען פון א פרייער, בעוועגליכער נשמה ווערען צורונען, און עס פלאקערט נור איין געפיהל, איין געדאנק, איין ליידענשאפט. פונקט ווי דער אנאטאם, האט אויך דער פסיכאלאג נור צו טון מיט פערגליווערטע, האלב־טויטע נשמות.

ז. שניאור איז אזא מין פסיכאלאג. זיינע העלדען זענען טויטע מענשען. זיי ליגען אויף זיין אפעראציאנס־טיש, אויסגעלעדיגט פון אלע געוועהנליכע מענשליכע געפיהלען און ליידענשאפטען. נור איין איינ־ציג פייער פילט אויס זייער גאנצען קערפער און מאכט צוקען זייערע אברים, ווי ביי א הולי־ניפל.

אין די ערצעהלונגען „אויף ביידע זייטען דניעסטער" און „די נקמה" שטעהען זיינע העלדען פערטויבט און צוטומעלט, נאכדעם ווי זיי האבען דורכגעלעבט די בלוטיגע רציחות פון א פאגראם. זייער מה איז אויסגעליידיגט פון אליך, וואס האט נור א שייכות צום קאכעדיגען, ליכטיגען טאג. עטליכע שרעקליכע בילדער אינאיינעם מיט א גאל־ביטער גע־פיהל האט זיך ברייט בעזעצט אין זייער געמיט און לאזען שוין נישט אריין קיין איין איינציגען זייטיגען געדאנק.

אין „ברײנע די מויד“ איז די מויד נישט קײן לעבעדיגער מענש, נור אַ שטיק קלאָץ, דערבײ אידיאָטיש-טעמפּ, רוהיג און נאָכגיביג. נור מיט אײנמאָל דערוועקט זיך אין איהר דער אינסטינקט פֿון אַ פֿרויענצימער, און ברײנע די מויד ווערט אינגאַנצען אויסגעפֿילט מיט דעם דאָזיגען תאוה'-דיגען אינסטינקט. די שטומע מויד ווערט דורכדעם נישט בערײדעוודיגער, נור זי ווערט מיט אײנמאָל געפֿעהרליך. אין איהר איז דאָ וועניגער לעבען, ווי אין אַ געוועהנליכער צוױג.

„נחום“: אַ געוועזענער ניקאָלאַיעווסקער, אַ קאָמישע פֿיגור אין אַ יודישען בית-המדרש, וואָס איז פֿון קאָפּ ביז די פֿיס אַ פּראָדוקט פֿון דער פֿאַרצײטיגער יונ'ישער דיסציפּלין, איז נישט אינטערעסאַנט, אַלס גאַנ-צער מענש, נור אַלס דער סך-הכל פֿון אַ מענשען, וואָס איז דערצויגען געוואָרען אונטער די פֿײערדיגע שמיץ פֿון די שפּיץ-רוטען, בײ וועמען מען האָט אויסגעזעצט אַלע צײהן אינאײנעם מיט אַלע מענשליכע געפֿיהלען און דערפֿאַר איהם אָנגעפּאַקט, ווי אַ זאַק, מיט דער תורה, פֿון אַ יונ'ישער דיסציפּלין.

„דאָס פּאָרל“ ווײזט ווי ליעב ס'איז שניאור'ן צו שילדערן מענ-שען מיט אָבגעהאַקטע פֿיס און אָבגעהאַקטע נשמות. אויך אין זײנע דראַ-מאַטישע סצענעס „געגענאיבער“ און אין זײן ערצעהלונג „מײן ערשטע דירה“ איז דאָ מעהר פּסיכאָלאָגיע, ווי רײנע קונסט. די מענשען זענען קאַריקאַטורען. אײנצעלנע גראָבע שטריכען אין דער כאַראַקטעריסטיק פֿער-נעהמען דעם הויפּט-פּלאַץ. דאָס בילד קומט אַרויס טשיקאַווע אַפֿילו, אָבער אײנזײטיג און נישט נאַטירליך.

---

III

ווי געזאָגט, שניאור איז אַלס נאָוועליסט אַ תלמיד פֿון אַנדרײעוו'ן, און אפֿשר גראָד נישט דער ערגסטער. אָבער אויך דער בעסטער, ווי אויך דער רבי אַלײן זענען נור מאָדע-שרײבער. אין אַ צײט, ווען דאָס גאַנצע אַרומיגע פּאָליטישע און כלל-לעבען טרײבט אַרײן דעם אײנצעל-נעם מענשען אין היהנער-שטײג פֿון אײן געפֿיהל, אײן תאוה, אײן משוגעת, זענען דער מין נאָוועליסטען-פּסיכאָלאָגען די בעליעבטעסטע.

איך צווייפעל שטאַרק אויב אַ פרייערע, אַ גייסטיג-בעוועגליכערע צייט וועט קאָנען געניסען די טהרה-שטיבלעך-העלדען פון ל. אַנדרייעוו און זיינע תלמידים.

אודאי, האָבען שניאָור׳ס פּאָגראָם-ערצעהלונגען געהאַט אַ געוויסען ווערטה אין דער צייט, ווען מיר אַלע זענען געווען ווי פערטויבט פון די שרעקליכע אָקטאָבער-טעג. זיי האָבען געשילדערט מיט שטאַרקערע פאַרבען דאָס, וואָס איטליכער פון אונז האָט איבערגעלעבט*). אָבער היינט זענען מיר שוין נישט אַזוי פערטויבט, און ווען מען גיט אונז אַ נאָוועלע, ווילען מיר זעהען מענשען, נישט פנימ׳ער פון טהרה-שטיבלעך.

דער אייגענער שניאור אָבער, ווען ער הערט אויף צו זיין דער פּסיכאָלאָג פון פרעמדע מהות׳ן, און ווערט דער פּסיכאָלאָג פון זיין אייגענעם „איך“, ערשיינט ער פאַר אונז נאָר אַלס אַן אַנדערער, אַ רייכערער. דער פּסיכאָלאָג ווערט אַ ליריקער. ער גראָבט זיך נישט אין פרעמדס, ער גיט אייגענס. אין זיין פּאָעמא „מעשה בראשית“ האָט שניאור געוויזען זיך, ווי גרויס ער איז, אין דער גאַנצער רייכקייט און פערפלאָנטערטקייט פון זיינע יונגענד-געפיהלען, וואָס וואַרפען זיך אויף אַלע זייטען אין דעם אין-סוף, און האָבען אַ ווילדע דגאה פון דער בעוועגונג פאַר זיך אָהן אַ ציעל, אָהן אַ וועג. וועניגער געלונגען איז איהם די פּאָעמא „פרייהייט“. דערפאַר אָבער איז זיין פּאָעמא „פייער“ איינע פון די שענסטע זעהונגען, וואָס מיר פערמאָגען אין דער יודישער ליטעראַטור. די ווילדע רעוואָלוציאָנערע קראַפט פון אַ מאַסע, וואָס איז יאָהרען-לאַנג געלעגען אונטער די פיס פון אַ שווער מזל, פעראייניגט זיך דאָ מיט אַ ווילדער בריזענדער מעלאָדיע פון אַ פייער, וואָס פרעסט און צעהרט, ווינקט און לאַכט און הייבט זיך שטאָלץ צום הימעל מיט זיינע געקרייזעלטע רויך-וואָלקענס. פון דער נאַכט, דעם ים, דעם פייער און דער טויזענדקעפּיגער מאַסע ווערט איין וואונדערליכע זעהונג, אַ זעהונג פון אַ שטאַרקען פּאָעט, וואָס בלענדט דאָס אויג.

ווענען די לידער: „קאַרשען“, אַ „שטיין“ האָבען מיר שוין גערעדט. הויך זיי לאָזען נאָך איבער אַ טיעפען איינדרוק „נשמות“ און „שבת-מאָטיווען“ מיט דעם מרה-שחורה׳דיגען סוף:

„ווי רייך דער הייסער טויט, ווי אָרים דאָס לעבען...“

*) „צווישען קראַנקע“ פון בערקאָוויטש און „אויף ביידע זייטען דניעסטר“, זענען די בעסטע פּאָגראָם-שטימונגען, וואָס מיר פערמאָגען אין דער יודישער ליטעראַטור, אַלס אָבקלאַנג פון די אָקטאָבער-טעג.

און מיר ווי בעטלער קלייבען אויף די ברעקלעך...
און פול די טאָרבעס פיצלעך, ברעקלעך שענקייט.
און דאָס איז קראַפט און ציעל, און דאָס איז רייכטום?...
און איין — די ברייטע ערד, און שטאָהל — דער בלאָהער הימעל!"
דאָס טיעפסטע און שענסטע אָבער איז זיין ליעד „א שטיין".

שניאורס גרונד-טאָן איז דערווייל א שווערער אימעט, אָבער צו-גלייך פיהלט מען, אַז דאָס קלאָגט זיך אויס'ן לעבען א שטאַרקער יונ-גער גייסט. דאָ קלאָגט נישט א מענש, וואָס קאָן שוין נישט געניסען, נור איינער, וואָס בעגנעגט זיך נישט מיט א וואָכעדיגען נאַטירליכען לע-בענס-גאַנג, און וואָס וויל טרינקען פון אַלע קוואַלען און געניסען אַלץ, וואָס איז צייטיג און אונצייטיג.

י. מ. ווייסענבערג

# י. מ. ווייסענבערג.

I

עס איז נאָך קיין פֿינף יאָהר ניטאָ, זינט א. מ. ווייסענבערג איז אַריינגעטראָטען אין דער ליטעראַטור. י. ל. פּרץ, וואָס האָט שוין נישט איין טאַלענט ענטדעקט, האָט איהם צום ערשטען מאָל געדרוקט אין זיין זשור־נאַל „יודישע ביבליאָטעק", וואָס האָט אָנגעהויבען אַרויסצוגעהן אין יאָהר 1904 און וואָס האָט סך־הכל דערלעבט פֿיער העפֿטען. זיין ערשטע, גרע־סערע ערצעהלונג איז געווען „דור הולך ודור בא"; אַ מעשה מיט אַ בעל־מלאכה, וואָס הושכ'ט אָב זיין לעבען ביים וואַרשטאַט, ווערט מיט אַמאָל קראַנק, שטאַרבט אַוועק, אַ פֿער'הוב'טער ביים בעל־הבית, לאָזט אָבער אי־בער אַ זוהן היימ'ל, וואָס וועט אָבאַרבייטען דעם טאַטענס לעצטען הוב, — די זעקס רובל אויף תכריכים.

דאָס טעמאַ איז אייגענטליך נישט ניי, און דאָך האָט ווייסענבערג אויסגעדריקט אין דער ערצעהלונג עפּיס אַזוינס, וואָס פֿערגעדמט דאָס האַרץ און די פֿאַנטאַזיע. איהם האָט זיך איינגעגעבען צו האַפּען די בע־וועגליכע ליניען פֿון איינער פֿון די טויזענדער באַנאַלע לעבענס־וועלען און דאָס קלאָר און מיט אַ קינסטלערישען טאַקט אויסצומאָלען אין דעם טאָן פֿון אַנ'ערצעהלונג. דערביי האָט ער אַרויסגעוויזען אַנ'אָריגינעלע שפּראַך,

אַ נאַטירלעכקייט אין דיאַלאָג, אַ געפֿיהל פֿאַר די קאָלירען און די שטימונגען פֿון אַ יודישער נאַכט, אַ זיכערע פֿעדער, בעת ער שילדערט אין איינע צװיי שטריכען די פֿיגור און די טבֿע פֿון אַ מענשען. די מעשה הויבט זיך אָן אין „אַן אויסגעשטערנטער, הייליגער, גאָטספֿאָרכטיגער סליחות־נאַכט. שטילע, פֿונקעלדיגע שטערנדלעך קוקען אַראָב פֿון הויכען, בלאָהען הימעל אויפֿ'ן האַלב־איינגעשלאָפֿענעם שטעדטעל... די געסלעך זענען שוין שטיל און לעער. די קליינע נידעריגע הייזלעך שלאָפֿען שוין לאַנג מיט פֿערמאַכטע לאָדען, װי אַראָבגעלאָזענע ברעמען אויף פֿערמאַכטע אויגען. זעלטען־װאו דורך אַ שפּאַלט פֿון אַן איינגעטריקענטען לאָדען ציטערט אַרויס אַ רויטליכע שיין און לעגט זיך איבער די ברייט פֿון געסעל, װי אַ ברייט פּאַסיקעל". און אַזוי װי נאָטע דער לאַנגער אַרבייט פֿאַר יום־טובֿ פֿון פֿריה בעגינען ביז טיעף אין דער נאַכט, קומט איהם אים נישט איין מאָל צו װאַנדערן איבער די פֿינסטערע געסלעך פֿון שטעדטעל, און װייסענבערג צייכענט אונז אַ צװייטעס בילד פֿון דער נאַכט, װען אַ פּאָר שעה פֿאַר־טאָג װאַכט אויף דער יוד און לויפֿט אין איין אימפּעט פֿריהער אין בית־מדרש אַריין, דערנאָך צום װאַרשטאַט.

„עס איז נאָך אַ פּאָר שעה צו טאָג און דאָס שטעדטעל װאַכט שוין. די שוהל רודערט שוין. די בית־המדרש־פֿענסטער גלאַנצען, פֿון אַלע עקען פֿון שטעדטעל אײלט דער עולם מיט סליחות אין די הענד. דורך די ציטערדיגע, האַלב־אויסגעבראָכענע שױבען פֿון בית־מדרש רייסט זיך דעם בעל־תּפֿילה'ס קול אויף דער גאַס אַרויס, און אין דער פֿאַרטאָגי־גער, קיהלער לופֿט װיעגט זיך שוין דער טרויעריגער, יאָמערליכער ניגון פֿון „יתגדל". פֿון דער פֿינסטער אין עק גאַס שװימט אַרויס דער לאַנגער נאָטע. ער געהט האַסטיג... זיין שװערער אָטעם הערט זיך פֿון דער־װייטען; ער אײלט צום בית־מדרש, צום קול פֿון געשריי, װאָס איז פּלוצלינג אויסגעבראָכען פֿון הונדערטער מיילער. דער יאָמער איז איהם דורך די ביינער געגאַנגען. ער איז פֿערציטערט געװאָרען, זיך אַ שאָקעל געטון; ער האָט זיך דערפֿיהלט, װי אַ געלענד שװאַך פֿייגעלע אין שטורם־װינד. אַזעלכע הייליגע טעג, פֿאָרכטיגע נעכט, און ער האָט פֿערשלאָפֿען".

די לעצטע טעג פֿון לאַנגען נאָטע איז פֿערצויגען מיט נאַכט און דער שװערער לופֿט פֿון װאַרשטאַט. ער פֿאַלט ביי דער אַרבייט. קרענקט און שטאַרבט. און מיט אַ װאונדערליכען רעאַליזם בעשרייבט א. מ. װייסענבערג די לעצטע מינוטען פֿון נאָטעס לעבען. און קיין זאַך איז איהם

נישט צו־קליין, אז ער זאל דאס נישט אויסמאלען מיט די רעאלסטע פארבען. דערביי געפינט ער ווערטער און בילדער, וואס זענען פאר אידן נאך נישט געווען געברויכט. דאס האָרכלען פון דער גסיסה רופען אַן נאָטעס חברים אַרבייטער „די טרויעריגע כלי־זמר". „ווי א פרישׁ געפּאַנגען פישעל זוכט וואסער, אזוי רייסט זיך נאָטע נאך א קאַפּעטשקע לופט, דערנאך א שטאַרקען און לעצטען האָרחעל... און נאָטען איז אויסגעגאַנגען די נשמה".

אין די גראָבע לאַפּעס פון לעבען ווערט דאָ א מענש צוקוועטשט. און אַלץ איז אזוי נאַטירליך, און ניטאָ וועמען צו בעשולדיגען, און ס'איז שוין דאָ אַנ'עצה, ווי נישט צו לאָזען פאַלען נאָטעס ווייב און עופה'לעך. דער זוהן חיימ'ל, פערנעדמט דעם טאַטענס דרייפוס אין וואַרשטאַט. חיימ'ל וועט אָבאַרבייטען... דור הולך ודור בא".

איך האָב זיך מיט א כיון לענגער אָבגעשטעלט אויף ווייסענבערג'ס ערשטער אַרבייט, כדי צו ווייזען, ווי נאָט־געבענשטע טאַלענטען הויבען אָן. זיי קומען מיט אַנ'איינענער שפּראַך, מיט אַנ'אייגענעם אופן אויסצודריקען און אויסצומאָלען דאס, וואס האָט פערנומען זייער האַרץ און פאַנטאַזיע. זיי האָבען שוין כמעט אַלע נויטיגע פארבען, כמעט א פאַרטיגע טעכניק. און ווען מען דערמאָנט זיך, דאס פאר פינף יאָהרען איז אימליך בילדעל פון אַרבייטער־לעבען נעווען צוגלייך דורכגעזאַפּט מיט א גרויסער פיינדשאַפט צום בורזשוי, דעם בעל־הבית, דאס אפילו א דוד פינסקי הערט אויף צו זיין דער קינסטלער, ווי באַלד ער מאָלט דעם בורזשוי ביים זייט פון אַרבייטער, — מוז מען בעוואונדערן דעם קינסטלערישען טאַקט פון אַרבייטער מ. ווייסענבערג (דיזן ווייסענבערג איז ביז פאר פינף יאָהר געווען א פשוט'ער אַרבייטער), וועלכער לאָזט נישט, אז זיין קינסטלער־אויג זאל ווערען פערדונקעלט דורך טענדענציעס און אלערליי טעאָריעס, און לאָזט גיהן זיין פעדער לויט דעם טראָפּ נאָך פון לעבען, וואו עס מישען זיך אויס אַלערליי פערפלאָנטערטע נגונים, אזוינע וואונדערליכע און אַזוינע טיעפע, פיעל טיעפערע, ווי דאס קאָן אויסדריקען א געוויסע טעאָריע אָדער א געוויסער פּאָליטישער אני מאמין.

שפּעטער האָט ווייסענבערג די אייגענע וועלט פון „דור הולך ודור בא" נאך אמאָל געשילדערט אין זיין „אַנ'איידים אויף קעסט", וועלכע איז קינסטלעריש פיעל פאָלקאָמענער.

---

## II

א. מ. ווייסענבערג איז צווישען די יונגע שרייבער דאָס דריטע טאַלענט נאָך נאָמבערג'ן און אַש'ן, וואָס קומט צו אונז פֿון פּוילען. ער שטאַמט פֿון אַן אָרימער יודישער משפחה. אַליין איז ער געווען אַ בעל־מלאכה, אָבער זיין פֿערדיענסט האָט קיינמאָל נישט דערגרייכט קיין 4—5 רובל אַ וואָך. מיט זיין ערציהונג האָט מען זיך ווענינ וואָס אָבגעגעבען. אַז ער האָט אָנגעהויבען שרייבען, האָט ער געקענט נור איין שפּראַך: די יודישע. ער האָט קיין שום השגה נישט געהאַט ניט פֿון דער העברעאישער און ניט פֿון דער פּוילישער ליטעראַטור. דער, וואָס וויל בעווייזען, אַז דאָס קינסטלער־טאַלענט איז אַ נאַט'ס גאָב און הענגט נישט אָב נישט פֿון רייכקייט, בילדונג, ערציהונג א. אַז. וו.,—קאָן נעהמען אַלס ראיה ווייסענבערג'ן.

טויזענדער מענשען וואַקסען אויף אין אַן אַטמאָספערע פֿון קונסט און בילדונג; אויף יעדען טריט טראָגט מען זיי עפּיס צו, וואָס זאָל ענטוויקלען ביי זיי אַ חוש צו פֿאַרבען, מעלאָדיען א. אַז. וו. און סוף כל סוף וואַקסען זיי אויס פּשוט'ע מענשען, אפֿשר אַ ביסעל געשליפֿענערע, אָבער פֿאָרט פּשוט'ע נשמות מיט אַ פּשוט'ן אויג פֿאַר'ן לעבען. דאַגעגען זעהען מיר אַמאָל, ווי אין דער ערנסטער, ברודיגסטער אַטמאָספֿערע, וואו איטליכער פּרט פֿאַר זיך איז סם־המות פֿאַר דער גייסטיגער ענט־וויקלונג, בעווייזט זיך פּלוצלינג אַן איין־איינציגער, מיט זעלטען־אויסגעליי־טערטע חושים, מיט אַ וואונדערליך קינסטלערישען בליק אויפֿ'ן לעבען. ווייסענבערג איז אַ רעטענים פֿאַר זיין ביאָגראַפֿ. און איך צווייפֿעל שטאַרק, צי וועט זיין ביאָגראַפֿיע אונז געבען אַמאָל אַן ערקלערונג, פֿון וואַנען עס האָט זיך גענומען ביי אידם זיין טאַלענט.

און ווייסענבערג איז אַ גרויס טאַלענט. אפֿשר די גרעסטע האָפֿ־נונג אונזערע. אין אַ משך פֿון פֿינף יאָהר האָט ער זיך געוויזען פֿון פֿיעל זייטען. און איטליכע זאַך זיינע טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פֿון אַ זעלבשטענדיגען קינסטלער. דאָ ציהט ער אונז צו דורך די אָריגינעלי־טעט פֿון זיינע טעמעס, דאָ פֿערוואונדערט ער אונז מיט דער פֿרישקייט פֿון זיינע פֿאַרבען, בשעת ער בעאַרבייט אַן אַלטע טעמא, אָבער בע־טראַכט פֿון אַ נייער זייט. ער בע'כשופֿ'ט אונז מיט דער לעבעדיגקייט

פֿון דיאַלאָג, מיט דער טיפֿער לײדענשאַפֿטליכקייט פֿון זיין טאָן, מיט דעם געפֿיהל זיינעם פֿאַר די שטומע, שטענע נאַטור. ער מעג אָפֿען זאָגען אויף זיך: איך בין אַ קינסטלער, און קיין זאַך, וואָס האָט נור אַ שייכות צו קונסט, איז מיר ניט פֿרעמד. פֿון די צוויי בענדלעך פֿון „שי-מינ׳ס פֿערלאַג“ קאָן מען זעהן, ווי רייך און פֿיעלזייטיג איז מ. א. ווייסענבערג.

אין „מזל-טוב“ מאָלט ער אונז אַ חסידישע שטעדטעל „וואו דער רבי איז פּלוצלינג נסתלק געוואָרען און מען זעהט בעשיינפּערליך פֿון דער ערשטער מינוט, אַז די טויערן אין הימעל זענען פֿערמאַכט“. עס האָט איהר די גאַס, פֿער׳השכ׳ט פֿון מענשען און אַנגסטען. עס האָט איהר דעם בית-המדרש פֿול געפּאַקט מיט יודען תהלים-זאָגער. און צום סוף טראָגט זיך פֿאַרביי פֿאַר אייערע אויגען אַ לויה, פֿון אַ צדיק. און ענדיגען ענדיגט זיך דאָס... מיט אַ מזל-טוב. „דער זוהן, דער יורש, איז נאָכגעגאַנגען צו-קאָפּענס אָנגעלעהנט מיט׳ן שטערן אויף דער מטה און דאָס פּנים אין די הענד בעהאַלטען... בשעת קבורה האָט מען דעם רבי׳ן אין אָפֿענעם קבר מזל-טוב אָבגעגעבען... דער גאַנצער עולם האָט זיך געווענדט צום יורש מיט אַ „מזל-טוב“, „מזל-טוב“. דער נייער רבי האָט קדיש געזאָגט... אַ טרייסט און אַ נייע האָפֿנונג האָט אָנגעהויבען צו בליהען“.

זיין ערצעהלונג „אַ שלעכטע פֿרוי“ איז איינצי: אין דעם אַרט לויט דער אָריגינעליטעט פֿון דעם טעמא. רבקה׳לע, די העלדין, איז אַ טיפּ פֿון שלעכטסקייט. ווייסענבערג האָט פֿון דער דאָזיגער רבקה׳לע בעשאַפֿען אַ וואונדערליך לעבעדיגען סימבאָל פֿון אַ „אשה רעה“, אויף וועלכע שלמה המלך זאָגט, אַז זי איז ביטערער פֿאַר טויט. און נישט קוקענדיג אויף מאַנכע פֿעהלערן אין דער טעכניק, טרעט אַרויס ביי ווייסענבערג׳ן דער טיפּ אַזוי קלאָר, אַזוי שאַרף, דאָס פֿון היינט אָן קאָן מען דרייסט פֿערבייטען די פֿאָרשטעלונג שלעכטסקייט מיט ווייסענבערג׳ס רבקה׳לע. דער נאָמען וועט מעהר אויסטייטשען ווי דאָס וואָרט. ווי טיעף פֿערדאָרבען און געפֿעהרליך ווי אַ שלאַנג איז זי אין דער צייט, ווען זי נעהמט נקמה פֿון דעם מאַן: אַ ריכטיגע ווייבערשע נקמה, וואָס פֿערסמ׳ט די לופֿט אין שטוב און אין דער משפּחה מיט אַ שטילען טויטליכען גיפֿט. און ווען דער מאַן, אין פּשוט׳ן לעבען אַ גוטער, געזעהגט נאָכצוגעבען, נעהמט שוין אַרויס פֿון די כלים, און צעטרעט איהר גיפֿטיג האַרץ

איפ'ן מאַנסבילשען אופן, גראָב מיט צוזאַמענגעבילטע בּויסטען, — דעמאָלט ליגט זי ווי אַ שלאַנג אָהן ציידן, אָבער מיט דעם גיפטיגען שלאַנגען־בּליק אין די אויגען. נאָך אַ מאָס'ער סצענע צווישען רבקה'לען און דעם מאַן, וואָס האָט זיך געענדיגט פאַר איהר מיט אַ מפּלה — סמ'ט זי נאָך אַ ווײַלע. „בּיסלעכווייז פערצידט זיך איהר געזיכט מיט אַ מרה־שחורה. די אויגען ווערען טונקעל און טרויעריג. עס ליגט אין זיי פערזונקען אַ טיעפער האַס און אַ נישט־ניחה'קייט צום לעבען. זי נעמט אַראָב אַנ־אַלט קלייד פון דער וואַנד, שפּרייט עס אויס אויף דער ערד פאַר דער סאָפע און לעגט זיך אַנידער אײַנגעטוליעט... און די שטילקייט אין שטוב ווערט שווערער און שווערער. דאַכט זיך אַ סוד האָט זיך אַרײַנגע־נאָסען אין שטוב און האָט דעם אָטעם פערהאַלטען. צייטענווייז הערט זיך נאָך אַ פערשטיקטער זיפץ פון רבקה'לעס צוגעדריקטע דינע ליפען. דאָס פּנים בּיי איהר איז נאָך רויטליך און די בּרעמען אַראָבּגעלאָזט, ווי צום דרעמלען, און איבער'ן גאַנצען געזיכט איז אויסגעגאָסען אַ מין טרויעריגע רוהיגקייט, ווי בּיי איינער, וואָס האָט שוין אַלץ אויף דער וועלט אָבּגעטאָן, האָט שוין אַלץ געדאַט, און האָט שוין גאָרנישט, אויף וואָס צו וואַרטען מעהר.

די זון שיינט אַרײַן אין פענסטער און מאָלט רבקה'לען צו־פּיסענס צוויי־זעקסיגע קעסטעלעך פון די פענסטער־ראַהמען.

די שטילקייט ווערט טיעפער, שווערער.

פון בּאַק־אײַוען ניסט זיך דאָס טהיעריגע גרילצען פון אַ גריל, און מאַכט די שטילקייט נאָך שרעקליכער, נאָך שווערער“.

אין „אַ טאַטע מיט בּנים“ זעהען מיר פאַר זיך ווידער אַ נייעם ווייסענבּערג'ן. אַ הילכיגע קלינגענדיגע וועלט פול מיט מגושמ'דיגע כּחות און בּרענענדיגע זונען־שטראַהלען שילדערט ער אונז דאָ. שלמה דער גראָבער קאָפּ מיט זיינע צוויי בּנים ווענען די העלדען פון דער ער־צעהלונג. „וואָס האָבּען אַ טבע פרייטאָג פאַרנאַכט, בּעת יודען גיעהען אין שוהל אַרײַן, צו נעהמען דעם טאָפּ צימעס צווישען די פיס אַרײַן, און אַלע דריי מיט קאָכלעפעל אין די הענד און מיט רויטע דער־היצטע פּנימ'ער, ווי טערקען, צו רייבּען לעפעל אײַן און לעפעל אויס אין די פּיסקעס אַרײַן, בּיז עס בּלייבּט נישט אין טאָפּ קיין שריד ופליט“. אַ פערוואָרפען ווינקעל פון יודישען לעבען מאָלט אונז דאָ ווייסענבּערג:

געזונדע יאָדערדיגע יודען עם-הארצים מיט פערגרעבטע מוחות און דאָך מיט אַ שלל שטאַרקע ליידענשאַפטען און געפּידלען.

ס'איז אָנגענומען אַרויסצושטעלען אַש'ן אַלס דעם ערשטען און איינציגען, וואָס שילדערט אונז אַ געזונדען יאָדריגען מגושמ'דיגען יודען, אַלס אַ פאָלקס-טיפּ. („קוילער-געסעל", „די יאַטישע טאָכטער", „דאָס שטעדטעל"). ווען איהר וועט זיך אָבער גוט צו-קוקען צו אַש'ס יאָדריגען יודען, וועט איהר בעמערקען, אַז זייער יאָדריגקייט שמעקט אַ ביסעל מיט גוזמא, אַז פון זייער כּח, גראָבקייט און פויסט-קנאַקעריי שמעקט עפּיס מיט די גראָזען פון ראָמאַנטיזם. עס איז דאָ דערין אַ סך געקינסטעלטעס. קלערער ווי אַלץ בעמערקט מען דאָס אין אַש'ס „קוילער-געסעל". ביי ווייסענבערג'ן אָבער איז די יאָדריגקייט אַנ'עכטע. ער איז דורך-און-דורך אַ רעאַליסט, און פון אונטער זיין פעדער געהט נישט אַרויס קיין איין וואָרט, וואָס זיינע אויגען זאָלען דאָס נישט האָבען געזעהן. „דער טאַטע מיט די בנים" זענען דאָס בעסטע בעוויז דערפאַר.

צוגלייך אָבער איז די ערצעהלונג אַ מוסטער פאַר ווייסענבערג'ס הומאָר. ער פערמאָגט אַ מאָדנעם, מגושמ'דיגען געלעכטער, וואָס קיינער פון די היינטיגע שרייבער פערמאָגט דאָס נישט. עס ליגט נישט קיין שאָטען פון טרויעריגקייט אין ווייסענבערג'ס געלעכטער, ער לאַכט פון גאַנצען האַרצען, ברייט, הולכיג, מיט זיין גאַנצען מהות, זיך האַלטענדיג מיט די הענד אין די זייטען. ווייסענבערג'ס געלעכטער הערט זיך הויך אין „אַ טאַטע מיט בנים" אין זיין „מעשה מיט אַ ציג'", אין זיין „שמערעל און בערעל".

אָט די ביידע לעצטע זאַכען זענען מאָטיווען אויף בעקאַנטע טעמעס. אָבער אין ווייסענבערג'ס הענד קריגען זיי אַ בעזונדער פרישקייט. אין „בערעל און שמערעל" האָט ווייסענבערג גענומען נאָמבערג'ס טעמאַ „שייקער און שלים-מזל". ער האָט דאָס אָבער גאָר ניי בעאַרבייט. אַרויסגעוואָרפען דאָס סענטימענטאַלע און געמאַכט פון די צוקראָכענע, יודישע האַלב-אינטעליגענטען אַ לעבעדיג הומאָריסטיש געריכט, וואָס וועקט אין לעזער ווייסענבערג'ס אַ געזונדען הילכיגען געלעכטער. „די לייט קענען גוט אין די ביכער", — זאָגט אויף זיי אַ מגושמ'דיגער בחור, אַ הויכגעוואַקסענער מיט אַ פּנים אַ ראָזעווען, אויגען ווי די רעדער און צייהן, וואָס בלאַנקען פאַר ווייסקייט" — „די לייט קענען גוט אין די ביכער", לויבט ער שמערעל'ס קענטשאַפט, און דערביי מאַכט ער פון שמערעל'ס צימער

אַג׳אָרט. וואו ער פֿערברייננט זיך גאַנץ געשמאַק מיט אַ מיידעל, צו וועלכער שמערעל פֿיהלט אַזאַ ווייגענדיגע און צוקראַכענע בענקשאַפֿט.

אין זיינע דראַמאַטישע סצענען „דבורה׳לע״ און „ר׳ יואל״ ווייזט זיך ווייסענבערג אַרויס אַלס אונזער קינסטיגער דראַמאַטיקער. וואונדערליך קלאָר טרעטען אַרויס די טיפּען, אַ טיפּ פֿון אַ יונג-ווייבעל וואָס נאַרט אָב דעם מאַן מיט אַ יונגען בחור, און אַ טיפּ פֿון אַ יודען אַ פֿרומאַק, וואָס קיפּט אָב אום שבת אַ נגבה, און דערביי איז ער פֿאָרט נישט מחלל דעם הייליגען שבת. און ווידער בעוואונדערן מיר די לעבעדיגקייט פֿון זיין דיאַלאָג, די קינסטלערישע מאָס, דאָס קינסטלער-אויג, צו-גלייך מיט דעם ברייטען, פֿרייען הומאָר זיינעם.

און ווילט אידהר זיך איבערצייגען, אַז ווייסענבערג׳ן איז ניט פֿרעמד אַ טיעף געפֿיהל און אַנ׳אויסגעצייכענטע טעכניק צו דער מאָדערנער שטי-מונגס-מאָלעריי, — טאָ לייענט זיין ערצעהלונג „אין דער שטיל״, וועל-כע איז פֿול פֿון אַ מיסטישער פּאָעזיע, וועלכע איז די שטילקייט אַליין, די שטילקייט פֿול פֿון ליידענשאַפֿטען, בענקעניסען, סודות און טויט.

מען קאָן זאָגען אָהן אַ גוזמא, שוין אין די צוויי בילדער פֿון „שמינ׳ס אויסגאַבע קאָן מען זעהן דעם גאַנצען ווייסענבערג׳ן, וועניגסטענס, די גרונד-ליניען פֿון זיין פֿיעל-זייטיגען רייכען טאַלאַנט.

---

III

ווייסענבערג׳ן פֿעהלט דער חן פֿון אַנ׳אַש און דער אַנגענעהמער סקעפּטישער טאָן פֿון אַ נאָמבערג. נאָכמעהר. עס לייענט עפּיס אין זיין טאַלאַנט אַ שווער-פֿעליגקייט. צייטענווייז פֿיהלט מען ווי ער פֿער-זינקט אין דער אייגענער רייכקייט פֿון בילדער און קינסטלערישע פּרטים ווי אין אַ תהום, פֿון וואַנען ס׳איז אידהם שווער זיך אַרויסצוהאַפּען. אידהם איז אויטליכס פֿיצעלע ליעב. זיין אויג זעהט צו-קלאָר און צו-פֿיעל מיט אַמאָל. עס ווילט זיך אידהם זיין אַ קליינמאָלער, וואָס מאָלט אויס די צייהנענע

קאנטען פון א בלאט מיט דער איינענער גענויאיגקייט, ווי דעם גאנצען בוים. דעריבער ליידט ביי איהם צייטענווייז דאס געביי פון דער ערצעהלונג, וואו איינצעלהייטען פערנעהמען אמאל צו-פיעל פלאץ און שאדען דעם אלגע-מיינעם איינדרוק. דאס טרעט בעזונדערס קלאר ארויס אין זיינע ערשטע ארבייטען („א שלעכטע פרוי", „דור הולך ודור בא"), ווענינער אין די שפעטערע זאכען זיינע, האטש זיין בעסטע ערצעהלונג „א טאטע מיט בנים" איז אויך ניט פריי פון דעם פעהלער.

דער פעהלער נעהמט זיך אבער מעהר פון זיין אינוויינינסטער רייכ-קייט ווי פון א חסרון אין געשמאק. איך בין בטוח, אז מיט יעדען נייעם ווערק וועט ווייסענבערג אליין פעסטער נעהמען די לייצעס פון זיין פיעל-זייטיגען טאלאנט אין די הענד, — און ער וועט אונז געבען זאכען, וואס וועלען דורך זייער פאלקאמענהייט ווייט אריבערשטייגען די פריהערדיגע.

דאס אבער וואס צייכענט איהם אויס אלס איינעם פון אונזערע ערשטע שרייבער, איז די טיעפע ליידענשאפטליכקייט פון זיין טאן. קיינער חוץ ווייסענבערג'ן האט נישט אריינגעבראכט אין זיינע ווערק אזא ליידענשאפטליכקייט ווי ער. ער פיהלט ברייטער און טיעפער ווי אלע זיינע חברים. און ליעבע ווי אין האס איז ער שטארקער פון זיינע עלטערע חברים נאמבער: און אש. עס וועהט פון איטליכער זאך זיינער א טיעפע ערנסטקייט. הינטער זיין קונסט-ווערק זעהט מען זעלטען וועהן דעם שאטען פון זיין איינענער פערזענליכקייט. ער גיסט זיך אינגאנצען צונויף מיט זיינע העלדען. און ווען ער טרעט יא ארויס הינטער זיין ווערק, — זעהט מען פאר זיך א מענשען מיט א טיעפען, ברייטען, גוטען, הומאריסטישען בליק אויפ'ן לעבען. צווישען אונזערע היינטיגע נאוועליסטען איז ער דער אביעקטיווסטער. און כמעט דער איינציגער, וואס איז פאנאטיש פערליעבט אין דער קונסט.

מעג מאנכער לעזער שאקלען מיט'ן קאפ — מיר אבער דאכט זיך, אז מיט ווייסענבערג'ן הויבט זיך אן א נייע תקופה אין אונזער קינסטלע-רישער ליטעראטור. דען קיינער פאר איהם איז נישט געקומען צו אונז מיט אזא רייכען פיעל-זייטיגען טאלענט, און קיינער האט נישט גענומען אזוי ערנסט צום הארצען די נאכען פון זיין קינסטלער-נשמה ווי ווייסענ-בערג. ביז היינט פעהלט דער יודישער ליטעראטור דער גרויסער ראמאן, דאס גרויסע דראמע, דאס ווערק פון גרויסען סטיל. און אויב איינער

פון די היינטיגע שרייבער וועט דאס אמאל געבען, וועט דאס געוויס זיין — ווייסענבערג.

אין אקורצער צייט פון פינף יאהר האט ער עס געבראכט אזוי ווייט, דאס ער וועקט אין אונז די שענסטע און בעסטע האפנונגען פאר דער יודישער ליטעראטור.

בעל-מחשבות
(ד"ר עליאשעוו).

# געקליבענע שריפטען

צווייטער באנד.

פערלאגס-בוכהאנדלונג
שלמה שרעבערק
ווילנא.

דרוקעריי ב. א. קלעצקין, ווילנא.

# Сочиненія Д-ра И. Эльяшева.

**Томъ II.**

Второе исправленное изданіе.

---

Типографія Б. А. Клецкина. Вильно. Завальная, 33.

# אינהאלט:

## I. קריטישע ארטיקלען.


1) מרדכי בן מתתיהו אַנטאָקאָלסקי . . . . . . . 7
2) אַברהם מאַפּו (עטיוד) . . . . . . . . 19
3) מרדכי זאב פייערבערג . . . . . . . . 31
4) ח. נ. ביאַליק . . . . . . . . . 53


## II. נאָטיצען פון א קריטיקער.


1) צוויי שפּראַכען — איין איינציגע ליטעראַטור . . . . . . 63
2) קריטיק און לעבען . . . . . . . . . 72
3) פּאָפּולער-וויסענשאַפטליכע ליטעראַטור . . . . . . 76
4) ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטען . . . . . . . 84
5) דאָס יודישע טעאַטער . . . . . . . . 95
6) אַ רוסיש-יודישער דראַמאַטורג . . . . . . . 101
7) עספּעראַנטאָ און יודיש . . . . . . . . 108


## III. איראָנישע מעשה'לעך.


1) ישראליק איז קראַנק (אַ חנוכה-פאַנטאַזיע) . . . . . . 119
2) פרשנדתא האָט זיך אָבגעריסען פון דער תליה . . . . . 129
3) דער נביא פון גאס (אַ שטודיע) . . . . . . . 134
4) די תכריכים-אינזעל (אַ מעשה'לע) . . . . . . . 141
5) אַ שבועות'דיגע מעשה . . . . . . . . . 149


## IV. נאַציאָנאַל-יודישע טעג.


1) שבת . . . . . . . . . . . 157
2) תשעה באב . . . . . . . . . . 170
3) די גרויסע שטאָדט . . . . . . . . . 174
4) פּסח-שטימונגען . . . . . . . . . 179
5) ראש השנה . . . . . . . . . . 184

6) נאָך דער ערשטער מגילה . . . . . . . . . 188
7) דער וויבערשער טלית . . . . . . . . . . 194

## V. אין א שווערע צייט.

1) א יוד עמיגרירט . . . . . . . . . . . 199
2) ד"ה מאַנדעלשטאַם . . . . . . . . . . . 205
3) מחותנים אויף לויות . . . . . . . . . . . 208

# I. שטודיען.



א. אנטאקאלסקי

# מרדכי בן מתתיהו אנטאקאָלסקי.

I

דער גרויסער רוסישער קינסטלער מרדכי בן מתתיהו אנטאָקאָלסקי איז געשטאָרבען. זיין נאָמען האָט געקלונגען אין דער גאַנצער וועלט, און דורות וועלען נאָך פערגעהן אײדער זיין נאָמען וועט פערגעסען ווערען. דען ער האָט אונז איבערגעלאָזען זיינע ווערק, זיינע געשטאַלטען אין מאַרמאָר און אין בראָנזע, וואָס רעדען מיט אונז אַ שפּראַך פון מענשען, וועלכע האָבען פיעל געקלערט און געליטען. זיין מזל איז געווען אַזוי גרויס, דאָס אויך בײ אונז אין דעם קלײנעם יודישען וועלטעלע האָט מען פון אנטאָקאָלסקי געהערט און געוואוסט. אָבענדס בײ׳ן אויווען אין בתי מדרשים פלעגט מען דערצעהלען וואונדערליכע היסטאָריעס פון אַ ווילנער יודישען קינד, וואָס איז פריהער געווען אַן אָרימער יודישער שניצער און מיט דחקות און פיין פערדיענט דאָס שטיקעל ברויט. קײנער האָט ניט פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ קונציגער שניצער דאָס איז, וואָס פאַר אַ גרויס טאַלענט עס ליגט בעהאַלטען אין דעם דאָזיגען 20-יאָהריגען בחור, וואָס פלעגט אָפּטמאָלס שטעהן מיט זיין אַרבײט בײ׳ן

ווילנער שול-הויף. ביז עס איז געקומען די פרוי פון גענעראַל-גובער-
נאַטאָר נאַזימאָוו און האָט איהם אַוועקגעשיקט אין פּעטערבורג אין די
קייזערליכע אַקאַדעמיע פאַר קינסטלער. דאַמאָלסט האָבען יודען אָנגע-
הויבען צו פערשטעהן, אַז אין דעם יונגען מרדכי שטעקט עפּיס אַזוינס,
וואָס האָט פאַר זיי, די אומות העולם, עפּיס אַ משונה'דיגע ווערדע.
זיי האָבען איהם ווייניג וואָס מקנא געווען: אידער צו ווערען אַ קרוב למלכות
און זיך אָנשטאָפּען מיט טרפות, איז שוין גלייכער צו בלייבען אַ
פּראָסטער ווילנער בעל-מלאכה. נאָר הנאה האָבען זיי געהאַט, וואָס אַי-
נער פון „זיי” איז אַריין אין די הויכע פענסטער און שפּיעלט אַזאַ
ראָלע ביי די שררות אין פּעטערבורג. און בשעת עס איז אַרויס אַ קלאַנג,
אַז דער קייזער אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז אַליין בכבודו ובעצמו
געווען אין וואַרשטאַט פון קינסטלער, — האָבען יודען געקוועטשט מיט
די פּלייצעס, נישט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, וואָס דאָ טוט זיך, און
פונדעסטוועגען שטאַרק הנאה געהאַט, שטאַרק געשטאָלצירט מיט זייער
ווילנער בחור'ל. ווילנער יודען האָבען בעקומען אַ נייע געשטאַלט פאַר
זייער פאַנטאַזיע: „צום ווילנער בעל-הבית'ל” איז צוגעקומען דער שני-
צער אַנטאָקאָלסקי. דער חילוק איז נור געווען, דאָס די הונות פון וויל-
נער בעל-הבית'ל האָבען זיי געפיהלט און פערשטאַנען, די שניצערייי פון
אַנטאָקאָלסקי איז אָבער געווען פאַר זיי אַ בוך מיט פערמאַכטע טאָוו-
לען. דערום ווי נור אַנטאָקאָלסקי איז אַוועק פון די ווילנער בעלי-בתים,
איז דער אָבשטאַנד געוואָרען אַלץ גרעסער צווישען איהם און זיין
פאָלק. ער האָט ביי זיי ניט געפונען קיין מבינים אויף זיך. ער האָט
פאַר זיי ניט געקענט אַרבייטען.

יעדער קינסטלער, און זאָל ער אַפילו זיין אַזוי גרויס ווי אַנטאָקאָלסקי,
געהט ניט אַרויס פאַרטיג פון נאָדעל אַרויס. ער דאַרף האָבען לעהרער
און ערציהער, ער דאַרף האָבען די אמת'ע מבינים אויף זיך, וועלכע
זאָלען ענטוויקלען זיין טאַלענט און איהם מדריך זיין. ער מוז האָבען
שולען און פּראָפעסאָרען, וואָס זאָלען איהם אויסלערנען די ריכטיגע
טעכניק, ער דאַרף לערנען אונטער מענשען, וואָס זאָלען איהב קע-
נען אָנווייזען, ווי אויסצוניצען זיינע טייערע כוחות. אַלע אונזערע פע-
היגקייטען, מיט וואָס די נאַטור האָט אונז געבענשט, קענען אָנגע-
ווענדט ווערען דערצו, צו פערגרעסערן דעם מענשענס שכל, צו דער-
ווייטערן די מענשליכע געפיהלען. מען דאַרף נאָר וויסען, ווי די כוחות
אָנצואווענדען, און וואָס פאַר אַ פאָרם דאָס אויבערצוגיסען.

אַנטאָקאָלסקי האָט דאָס בײַ די ווילנער תּושבֿים ניט געקענט געפֿינען, מען האָט דאַמאָלסט בכלל נישט געוואוסט בײַ יודען, אַז די קונסט צו מאָלען און צו אַרבײַטען אין שטײן און אין מאַרמאָר איז אײנע פֿון די גרויסע מתּנות, מיט וואָס די נאַטור בענשט אַ מענשען. מען האָט נאָך ניט פֿערשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ טיעפֿע רעיונות און געפֿיהלען דער קונסטמאָלער דריקט אויס מיט זײַן פּינזעל, און צו וואָס פֿאַר אַ נשמה יתרה עס קען אונז דערהויבען די אַרבײַט פֿון אַ בילדהויער, וואָס האָט אין מאַרמאָר איבערגעגעבען דעם גײַסט פֿון אַ גרויסען מענשען.

און אַנטאָקאָלסקי האָט געמוזט פֿערוואָגעלט ווערען צו אַן אַנדער פֿאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין ענין פֿון קונסט אויף אַ העכערער מדרגה, ווי זײַנע ברידער די יודען. און לאַנג נאָך וועלען אונזערע קונסטלער מוזען געהן צו אַנדערע פֿעלקער. דען ווער ווײסט דען בײַ אונז די ווערדע פֿון אמת׳ער קונסט, די ווירקונג איהרע אויף אונזערע חושים? —

די קונסט לערנט אויס דעם מענשען צו אונטערשײדען פֿאַרבען און ליניען אין דער נאַטור. צוליעב דער קונסט הויבט אָן אונזער אויג קלאָרער און דײַטליכער צו זעהן, זי לערנט אויס בכלל צו זעהן. אָהן די קינסטלער וואָלטען מיר גאַנץ ווײניג פֿערשטאַנען דעם זין פֿון דער נאַטור. צוליעב די גרויסע קינסטלער הויבען מיר אָן צו בעגרײַפֿען די נשמה פֿון יעדער זאַך. זײ האָבען דעם כּח אונז צו ווײַזען אין בילדער, ווי דאָס געטליכע לעבען שפּיגעלט זיך אָב אין דער שטומער נאַטור און אין אַלץ, אויף וואָס עס פֿאַלט אַ שטראַהל פֿון דער זון. יעדע זאַך, יעדער עצם אַרום אונז דריקט אויס איהר גײַסט אין פֿאַרבען און ליניען. האָבען מיר ניט קײן חוש פֿאַר פֿאַרבען און ליניען, האָבען מיר אויך קײן ריכטיגעס בילד פֿון דער זאַך, וואָס ליגט פֿאַר אונז. מיט אַ פֿערשלײערטען בליק געהען מיר דורך גאָט׳ס ערד, וואו אין יעדען גרעזעלע לעבט און וועבט די קראַפֿט פֿון דעם בורא׳ס האַנד. מיר זענען ניט בכּח צו בעקומען אַ קלאָרעס בילד פֿון אונזער אַרומיגען לעבען; דער מח איז פֿעראָרימט, די פֿאַנטאַזיע איז נרוי און די געפֿיהלען אונזערע שײַנען מאַט אַרום ווי דורך בעשטויבטע פֿענסטער. דער קינסטלער רײניגט אונזער בליק, מאַכט קלאָר אונזערע אויגען, טראָגט אַרײַן פֿאָרמען און פֿאַרבען אין אַרומיגען לעבען. ער לערנט אונז אויס צו זעהען מיט זײַנע זעהער־אויגען, ער לערנט אונז אויס צו דערקענען די פֿײַנסטע חילוקים אין דער שטומער נאַטור און אין דער לעבענדיגער געשטאַלט פֿון אַ מענשען. און צוליעב דעם הויבען מיר אָן

צו אונטערשיידען דעם כאַראַקטער פֿון דער נאַטור און דעם מענשען, די פֿערבאָרגענע נשמה פֿון יעדער זאַך. —

אמת, מען בויט זיך דורך דעם ניט קיין מויערן, דער בייטעל ווערט דערפֿון ניט שווערער. דערפֿאַר ווערען די חושים אָפֿענער, און דער וואָס שעצט אין מענשען ניט נור דאָס שאַרף קעפּעל, נאָר אויך אַ פֿיין אויג וואָס זעהט, אַ אויער וואָס הערט — וועט דאַנקבאַר זיין דעם קינסט־לער, וואָס האָט אונז מיט זיינע ווערק אויסגעלערענט צו זעהן און מיט דער האַרמאָניע פֿון קלאַנגען אויסגעפֿיינט אונזער אויער.

אַנטאָקאָלסקי האָט געמוזט אַוועקגעהן פֿון פֿאָלק, וואָס האָט איהם ניט געוואָלט און ניט געקענט פֿערשטעהן. ווי אַ קינד פֿון זיין פֿאָלק האָט ער זיינע ערשטע בילדער געזוכט אין יודישען לעבען, ער האָט אין האָלץ געשניצט דעם „יודישען שניידער“, וואָס איז בלינד געוואָרען פֿון דער שווערער אַרבייט און וואָס מאַטערט זיך אָב אַריינצושטעקען אַ פֿאָדעם אין לעכעל פֿון אַ נאָדעל; ער האָט אונז געוויזען דעם „הריף און דעם בקי“, וואָס זענען זיך ווילד מתוכּח וועגען אַ האַרב שטיקעל גמרא; ער האָט זיך פֿערטיעפֿט אין גייסט פֿון דעם „יודישען קמצן“, וואָס צעהלט מיט אַ גייריגען בליק די רענדלעך... און אויך שפּעטער, בשעת דער בערימטער קריטיקער סטאַסאָוו האָט שוין גערעדט פֿון אַנטאָקאָלסקי'ן מיט ליעבשאַפֿט און פֿרייד, בשעת ער האָט שוין אויך איהם נביאות געזאָגט, אַז זיין נאָמען וועט אַמאָל בעקרוינען „די רו־סישע קונסט“, אַפֿילו דאַמאָלסט איז אַנטאָקאָלסקי'ס מוח פֿול געווען מיט די טרויעריגע געשטאַלטען פֿון זיין אייגען פֿאָלק. די אנוסים (מאַראַ־נען) פֿון שפּאַניען האָבען בעשעפֿטיגט זיין קינסטלערישן געמיט, ער האָט געזעהן אין זיין פֿאַנטאַזיע די פֿינסטערע הייהלען, וואו די אנוסים פֿלעגען זיך בעהאַלטען פֿון זייערע פֿערפֿאָלגער, ער האָט מיט אַ טרוי־עריגען בליק זיך פֿערטיעפֿט אין זייער פֿינסטערן מזל. פֿון לעהם האָט ער געמאַכט אַ גרויס ווערק, וואָס וויזט אונז ווי אַ פֿאַמיליע פֿון אנוסים ריכטען אָב דעם פּסח־סדר אין אַ בעהאַלטענער הייהל. צוויי פֿערבאָרגענע טירען פֿיהרען פֿון הייהל צו דעם רייכען פּאַלאַץ, וואו זיי פֿיהרען אַ קריסטליכעס לעבען. אָבער דער פּאַלאַץ איז פֿאַר זיי אַ מין תּפֿיסה, זיי פֿיהלען זיך נור אַלס יודען, ווען זיי קומען זיך צונויף אין דער פֿינסטערער הייהל. דער סוד פֿון דעם פֿערבאָרגענעם לעבען איז אַרויס אויפֿ'ן וואַסער. און אין דער צייט, בשעת די אנוסים ריכטען אָב דעם סדר, רינגלען אַרום סאָלדאַטען די הייהל, און דורך איין פֿערבאָרגענע

טיר קומען אריין די שפאנישע אינקוויזיטארען מיט א בליק פון מלאך המות אין די אויגען. א שרעק האפט אן די ארימע אנוסים. פרויען, קינדער און יונגע לייט רייסען ארונטער דעם געשטיקטען טישטוך, שליידערען ארונטער די טייערע כלים און ווארפען זיך צו דעם צווייטען פערבארגענעם אויסגאנג. אבער צוויי אנוסים, אן אלטער און א יונגער, בלייבען שטעהן רוהיג ביי'ם טיש און קוקען מיט א שטאלצען בליק אין די פינסטערע פנימ'ער פון די בלוטגיעריגע אינקוויזיטארען. אמונה און בטחון לויכט ארויס פון זייערע בליקען. מיט לייכטע טריט וועלען זיי מארגען געהן אין פייער על קדוש השם. —

אנטאקאלסקי'ן האט זיך געוואלט אין דעם ווערק געבען א הארץ-רייסענדען בילד פון יודישע צרות, אזא בילד, וואס זאל איטליכען אנגרייפען ביי דער נשמה; ער האט געוואלט פארשטעלען דעם כח פון דער יודישער אמונה, דעם שטאלץ פון דעם יודישען פאלק. זיין ווערק האט מען ניט פערשטאנען ניט ביי זיי און ניט ביי א ו נ ז. זיי האבען ניט געקענט מיטפיהלען דעם שמערץ פון א פרעמד פאלק, מיר זענען נאך געווען צו פערגרעבט אנטאקאלסקי'ס ארבייט צו שעצען. די יודישע פעטערבורגער גבירים זענען ניט געשטאנען אין דעם העכער פאר דער ווילנער דיענסטמיידעל ביי אנטאקאלסקי'ס פאטער, וועלכע האט פון „דער היהל" געמאכט א היהנערשטייג. זיי, די גבירים, האבען אנטאקאלסקי'ן געלאזט פערהונגערן, מיט קיין זאך האבען זיי איהם ניט געשיצט, און בשעת אין ווילנא האט מען געמיינט, אז מרדכי איז שוין כמעט א קרוב למלכות, האט ער פון נויט, צרות און פיין אנגעהויבען צו שפייען מיט בלוט. בעת אין ווילנא האט מען איהם אין בית-המדרש גערופען „דעם קייזערס בעל-מלאכה" איז אנטאקאלסקי געשטאנען מיט פערבראכענע הענד פאר זיין יאהרענלאנגער ארבייט, דעם איצטיגען היהנערשטייג, און די דינסטמיידעל האט גע'טענה'ט: „נו וואס איז דא די בייז? זיי וועלען אייך דאך דאס שטיק לעהם ניט אויפעסען! אי, וואס, די היהנער האבען אנגעפאטשקעט? וועט מען ריין מאכען. אויך מיר א דאגה!..."

דאס ווערק „די אנוסים פון שפאניען" איז אונז פערלארען געגאנגען, ווי אלע איבריגע יודישע ווערק פון אנטאקאלסקי'ן. די פארצייטיגע ווילנער און פעטערבורגער יודען, קינדער פון א גלות-פאלק, האבען ניט געוואוסט צו שעצען זיינע ווערק, און דאס וואס איז געבליבען אויף אייביג פון אנטאקאלסקי'ן, געהערט אן אנדער פאלק, אן אנדער גייסט.

## II

אַז מען גײַט הײַנט אַרײַן אין מוזעאום פֿון אַלעקסאַנדער דעם דריטען, אין דעם גרויסען שטאָלצען מאַרמאָרנעם פּאַלאַץ, זעהט מען שוין בײַם אײַנגאַנג אַ געוואַלטיגע סטאַטוע פֿון בראָנזע, וואָס שטעלט פֿאָר דעם בערידהמטען „יערמאַק“, דעם רוסישען העלד, וועלכער האָט אײַנגענומען אַ שטיק סיביר. „פּיאָטער דער גרויסער“, „איוואַן דער שרעקליכער“ „נעסטאָר דער סופֿר“, „יאַראָסלאַוו דער חכם“, „דימיטרי דאָנסקאָי“ — דאָס זענען די נעמען פֿון די ווערק, וואָס אַנטאָקאָלסקי האָט געשאַפֿען פֿאַר׳ן רוסישען פֿאָלק. און ווי הויך דאָס רוסישע פֿאָלק שעצט דאָס, זעהט מען דערפֿון, דאָס אין דעם זאַל, וואו עס שטעהען אַנטאָקאָלסקי׳ס ווערק, קומט ניט אַרײַן אַ ווערק פֿון אַ צווייטען. — שטונדען לאַנג שטעהען די קענער פֿאַר אַנטאָקאָלסקי׳ס שטײנערנע ווערק, וועלכע שטעלען אונז פֿאָר דעם גריכישען פֿילאָזאָף סאָקראַטעס און דעם יודישען פֿילאָזאָף ברוך שפּינאָזאָ, און קענען זיך ניט זאַט אָנקוקען אויף די געשטאַלטען פֿון די ביידע גרויסע פֿילאָזאָפֿען. ווער עס האָט אַמאָל געזעהן אַ ווערק פֿון אַנטאָקאָלסקי, דער וועט קײנמאָל ניט פֿערגעסען דעם טיעפֿען אײַנדרוק, וואָס עס האָט אויף איהם געמאַכט.

איטליך נײַעס ווערק פֿון אַנטאָקאָלסקי פֿלעגט מאַכען אַ רושם אויף דאָס געבילדעטע רוסישע פֿאָלק. גאַנצע פּרושים פֿלעגט מען וועגען דעם שרײַבען און די צײַטונגען פֿלעגען פֿול זײַן וועגען דעם מיט ערקלערונגען, מײנונגען און קריטיקען. דען אַנטאָקאָלסקי איז געגאַנגען אין דער בילדהויערײַ זײַן אײגענעם וועג. ער האָט ניט נאָכגעמאַכט די ווערק פֿון די פֿריהערדיגע גרויסע, ער האָט געשאַפֿען ווערק פֿון אײגענעם גײסט. און זײַן גײסט איז בעשטאַנען פֿון צוויי טײלען. פֿון רוסישען גײסט האָט ער איבערגענומען די ליעבע צו שילדערן די מענשען אין רעאַליסטישען שטײגער נאָך דער נאַטור; און פֿון יודישען גײסט האָט ער בעקומען דעם טיעפֿען בליק פֿאַר מענשליכע לײדען. און די לײדען האָט ער אונז אָפֿט געשילדערט אין יודישען גײסט, וואָס איז מקבל באהבה די צרות און בויגט זיך פֿאַר דעם רצון פֿון אַ העכערע קראַפֿט. די בעסטע ווערק אַנטאָקאָלסקי׳ס שילדערען אונז צומאַטערטע, צוריסענע און לײדענדע נשמות. מיר זעהען „איוואַן דעם שרעקליכען“, וואָס לײדט פֿון געוויסען; ניט מינדער ווי יענער אונגליקליכער, אויף וועלכען ער פֿלעגט אויסגיסען זײַן גרימצאָרען. מיר זעהן דעם „שטן

מקטרג" (מעפֿיסטאָפֿעל), וואָס ליידט פֿון דער פֿעראַכטונג, וועלכע ער פֿיהלט צו די פֿערפֿיהרטע ניט מינדער ווי פֿון דעם עקעל פֿאַר זיין אייגענער פֿינ־סטערער נשמה. „שפּינאָזאַ", דער גרויסער פֿילאָזאָף, מיט שווינדזוכט אין די לונגען, האָט אַ בליק פֿון אַ מענשען, וועלכער איז גובר די ליידען דורך אַ הריכען גייסט. דאָס זעלבע זעהען מיר אויך אין זיינע ווערק: „דער לעצטער זיפֿץ", „ניט פֿון דער וועלט". פֿרעהליכע מענשען, רוהיגע צו־פֿריעדענע האָט ער קיין מאָל ניט געשילדערט. די פֿרויען, וואָס ער האָט אונז געוויזען, האָבען ניט געשטראַהלט פֿון מענשליכער שענקייט, זייערע שמאָלע אַקסלען האָט געדריקט די לאַסט פֿון שמערצען פֿאַר אַנדערע („ניט פֿון דער וועלט"); אויך די קינדער, וואָס זענען אַרויס פֿון אונטער זיין האַמער, דערצעהלען אונז פֿון אַן אָבגעזעגענען זיך מיט דער וועלט, פֿון אַ פֿריהען טויט.

דאָס, וואָס אַנטאָקאָלסקי האָט מיט אַזאַ נאַטור־געטרייקייט געשאַ־פֿען די געשטאַלטען פֿון זיין פֿאַנטאַזיע, האָט ער צו פֿערדאַנקען דעם איינפֿלוס פֿון דער רוסישער קונסט. ניט אומזיסט איז ער אַ חבר פֿון מאַלער ריעפּין, אַ תלמיד פֿון קריטיקער סטאַסאָוו, אַ גוטער פֿריינד פֿון קראַמסקאָי, וואָס האָט געהאַט אַזאַ געוואַלדיגען איינפֿלוס אויף די רו־סישע קונסט. דאָס אָבער, וואָס ער האָט דאָס מענשליכע ליידען אויס־געדריקט ניט אין פֿאָרם פֿון איינצעלנע צופֿעליגע געשעהעניסען, וואָס נעהמען זיך פֿון מלחמות, למשל, פֿון אָרימקייט און קראַנקהייט, נאָר אַזוי ווי דאָס ליידען דריקט זיך אונז אויס אייביג, ניט קוקענדיג אויף די צייט און די דרויסענדיגע סבות אַרום,—דערין דערקענען מיר דעם יודישען גייסט ביי אַנטאָקאָלסקי׳ן.

עס ליגט ניט אין גייסט פֿון רוסישען פֿאָלק צו שילדערן מענשען ווי העלדען. כדי צו זעהן אין איינצעלנע מענשען אַ גרויסע קראַפֿט, וואָס קען האָבען אַ געוואַלטיגע ווירקונג אויף דאָס מענשליכע לעבען, דער־צו מוז מען האָבען אַן אַנדער גייסט ווי דעם רוסישען. אַנטאָקאָלסקי, וועלכער שטאַמט פֿון אַ פֿאָלק, וואָס שטאָלצירט מיט זיינע אייביגע גרוי־סע מענשען, אָנהויבענדיג פֿון משה רבנו, און ענדיגענדיג מיט די תנאים און אַמוראים, האָט געזעהן דעם העלדען אין מענשען, און אַזוי האָט ער איהם געשילדערט.

אַנטאָקאָלסקי׳ס לעבען איז געווען פֿול פֿון ביטערנים און פּיין. אין די בעסטע צייטען האָבען איהם פֿערפֿאָלגט די אַנטיסעמיטען פֿאַר זיין אָבשטאַמונג. איהם אַליין אָבער האָט פֿאָרט געצויגען צום רוסישען

פֿאָלק, און דער טיעפֿער צובונד צו זיי איז געוואַקסען אין איהם מיט יעדען יאָהר אַלץ מעהר. אין יודישען לעבען האָט ער פֿאַר זיך קיין אָרט ניט געפֿונען, דאָס וואָס ער האָט בעקומען אַזאַ נאָמען אויף דער גרויסער וועלט, האָט ער צו פֿערדאַנקען אַ פֿאָלק, וואָס האָט איהם פֿאָרט בעטראַכט ווי אַ פֿרעמדען; און דאָס יודישע פֿאָלק, וואָס האָט מיט בלינדע אויגען געקוקט אויף זיינע גרויסע ווערק, איז איהם פֿאָרט געבליבען איינגעבאַקען אין האַרצען. אין די צייטען פֿון די פּאָגראָמען האָט ער זיינע רוסישע פֿריינד, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך אַיינגעפֿונען דער בעריהמטער טורגעניעוו, בעוואָרפֿען מיט בריף און מיט בקשות זיך איינצושטעלען פֿאַר זיינע אונגליקליכע ברידער. די בקשות האָבען וועניג וואָס גענוצט: זיי האָט דאָס ניט אָנגערירט. און אַנטאָקאָלסקי האָט ניט איינמאָל ביטער געפֿיהלט, ווי פֿרעמד ער איז געוואָרען פֿון זיינע געשעצטע פֿריינד. „פֿרעמד ביי זיי, פֿרעמד ביי זיך"; דער געדאַנקען האָט ניט איינמאָל פֿערסמ׳ט די בעסטע מינוטען פֿון זיין לעבען. אין יאָהר 1893 שרייבט ער: „אין דער צייט בשעת איך האָב געאַרבייט פֿאַר די רוסישע קונסט, געגאָסען אין בראָנזע דעם „יערמאַק", געשניצט אין מאַרמאָר דעם „נעסטאָר", זענען געקומען דונערען אויף דונערען (פּאָגראָמען), און אָנשטאָט צו קריגען אַ טרייסט, האָבען נאָך מיינע פֿריינד געלאַכט און געשפּעט, און די דונערען האָבען אויך מיך ניט פֿערשוינט. איך האָב אויפֿגעהערט צו לייענען צייטונגען, צו בעזוכען געזעלשאַפֿטען, און איך בין געזעסען איינער אַליין אין מיין אַרבייטס-צימער. אָבער דאָרט איז מיין שמערץ ניט געוואָרען לייכטער. איך האָב געפֿיהלט, אַז איך בעגעה מיך עפּעס ניט ווי עס דאַרף זיין. איך האָב געזעהן, דאָס מיין נשמה גלייכט צו יענעם אונגליקליכען „בדחן", וואָס בעקומט אויף אַ חתונה אַ שלעכטע בשורה, און ער מוז פֿונדעסטוועגען זינגען און זאָגען און מונטערן דעם עולם צום טאַנץ. דאַמאָלס האָב איך געשריבען בריף צו מיינע בעקאַנטע, איך האָב זיך געבעטען, זיי זאָלען עפּיס טון פֿאַר די געפּייניגטע, וועקען געפֿיהלען אין שטיינערנע הערצער, אָבער עס האָט ניט געהאָלפֿען".

די קורצע ווערטער ווייזען, ווי פֿיעל אַנטאָקאָלסקי האָט געליטען פֿאַר זיין יודישקייט, ווי נאָהענט ער האָט זיך גענומען ביי׳ן האַרצען יודישע צרות. און האָטש ער שרייבט אין דעם אייגענעם בריעף: „דער ערשטער, וועלכער האָט מיר געהאָלפֿען איז געוועזן אַ רוס, מיינע פֿריינד און גוטע בעקאַנטע אין דער אַקאַדעמיע — זענען רוסען, בעריהמט בין איך

געוואָרען צוליעב א רוסישער פרוי, און אויך מיין לעבען האב איך א רוסישער פרוי צו פערדאנקען. צו האב איך דען דאמאלסט געפיהלט, אז איך בין א יוד? צי האב איך דען געהאט אן אנדער ציעל, ווי צו ארבייטען פאר דעם פאטערלאנד?" — האטש ער שרייבט די דאזיגע ווערטער, פונדעסטוועגען איז דא געגוג פאקטען, וואס רעדען אן אנדער שפראך. די דינערען זענען ניט געבליבען אהן אן איינדרוק אויף אנטאקאלסקי׳ן. אין די לעצטע יאהרען איז ער געווען בעשעפטיגט מיט דעם אמאליגען ווערק „די אנוסים פון שפאניען". נאך ביז אין זיינע לעצטע טעג האט ער שטארק געארבייט צו פערענדיגען דאס דאזיגע ווערק, און ווען די קראנקהייט וואלט אונז אנטאקאלסקי׳ן ניט צוגענומען, וואלטען מיר איבער א יאהר צו דער קינפטיגער אויסשטעלונג געהאט אפשר דאס גרעסטע לעבענס־ווערק פון גרויסען קינסטלער.

ווער ווייס, אפשר האט דער גרויסער קינסטלער זיין לעבענס־ווערק ניט געקענט ענדיגען דערפאר, ווייל דאס פאלק, פון וועלכען ער קומט ארויס, איז נאך ניט ווערט עס צו בעקומען. מיר זענען א פאלק, וואס ווייסט נאך ניט ווי צו שעצען די קונסט, און אונזערע טאלענטען מוזען מיט א געבראכען געמיט ארבייטען ביי פרעמדע. יאהרען־לאנג מערקען זיי ניט, ווי אוננאטירליך דאס איז, און שפעטער זענען זיי שוין אזוי פערפרעמדט פון אונז, אז זיי האבען שוין ניט די קראפט צוריקצוקומען. די ביאגראפיע פון אנטאקאלסקי, וואס וועט נאך א מאל געשריבען ווערען, וועט זיך לעזען ווי די לײדענס־געשיכטע פון א יודישען גרויסען טאלענט, וואס האט ניט קיין נאציאנאלען יסוד פאר זיינע גייסטיגע כחות. די וואס פאלען ארויף מיט אן אבגעריסענעם מויל אויף אזעלכע קינסטלער ווי אנטאקאלסקי דערפאר, וואס זיי ארבייטען פאר פרעמדע, זאלען זיך דערמאנען אן „די דינסטמיידעל, די הייהל און דעם הינער־שטייג" און זאלען בעזונפטיגען זייער נארישען גרימצארן. דערפאר וואס אנטאקאלסקי האט געשענקט זיין טאלענט דעם רוסישען פאלק, האט מען איהם געגעבען די מעגליכקייט צו שאפען פריי און פראנק. מיר האבען איהם נור מיטגעגעבען די לײדען פון א יודישער נשמה, און געליטען האט ער ווי יעדער גרייסער מענש ביי יודען, וואס האט קרעפטען און טאלענטען, נאר קיין היימישען ארט ניט וואו זיי אנצואווענדען.



ר. ארופו



# אברהם מאפו.

(עטיוד).

(1808 — 1908).

I

איטליכס מאָל, ווען עס קומט מיר אויס צו בלעטערן אין די ביכער פון א. מאַפו, שווימט אַרויס אין האַרצען אַ וואונדערליך געפיהל. עס דוכט זיך מיר אויס, אַז איך זעה פאַר זיך אַ רעטעניס, עפּיס אַ נאַט'ס וואונדער, עפּיס אַזוינס, וואָס אַ פּשוט'ער מח קאָן דאָס גאָר ניט בענעהמען. ווען ערגיץ־וואו אין אַ העק זאָל זיך פּלוצלינג בעווייזען די קליינע שעָנע בת־מלכה פון די קינדער־מעשה'לעך, זאָל זיך בעווייזען אויפ'ן גראָהען פּאָהן פון אַ יודיש פערוואָרפען שטעדטעל — גלויבט מיר, דאָס וואָלט נישט געווען מעהר וואונדער, ווי דאָס, וואָס אין די 30—40־ער יאָהרען פונ'ם פאָריגען יאָהרהונדערט האָט זיך בעוויזען אויף די אָרימע ברודיגע גאַסען פון סלאָבאָדקע די געטין פון פּאָעזיע און שענקייט. נאָר זעהר ווענינ מענשען, וואָס גאָט האָט זיי בעשענקט מיט אַ פיינעם חוש הראיה, האָבען בעמערקט דעם זעלטענעם גאַסט. נאָר וויפיעל סלאָבאָדקער יודען,

לויפענדיג אין קליז מיט טלית און תפילין אונטערן אָרעם, זענען פאַרביי פאַרן זעלטענעם אורח, נישט וויסענדיג אַפילו, וואָס פאַר אַ ליכט עס האָט אויפגעפלאַמט איבער די דעכלעך פון זייער ברודיג שטעדטעל.

אין אַנאָרים ליטווישען שטעדטעל צווישען נידריגע האַלב-איינגעפאַלענע הייזלעך מיט שטרויענע דעכער און איינגעקרימטע קוימענס, בלאָנדזשעט אַרום אַ ליטווישער יוד. אויף זיין גרוי פנים, גערינגט פער-וואַקסען מיט האָר, ליגען אויסגעגאָסען אַלע סמנים פון הכנעה און עבדות אינאיינעם מיט אַ בעהאַלטענעם אומעט, מיט וואָס ס'האָט זיך אַמאָל אַזוי אויסגעצייכענט איטליך יודיש געזיכט. קיין שאָטען פון אַ שמייכעל זעהט איהר נישט אויף דעם דאָזיגען פנים, וויל אַ וואַלד האָר, שוואַרץ ווי פעך הילט דאָס איין אין אַ פערגליווערטער עצבות. אַפילו דער שע-נער ווייסער שטערן איז פערדעקט. דאָס פאַרצייטיגע היטעל זיצט טיעף אויפ'ן שאַרבען און נעהמט צו פון אויך דעם איינציגען ווייסען פאַס פון יודענ'ס פנים. נאָר אַ פאָר ווייכע אויגען קוקען מיט אַ וואַרימען גלאַנץ און צעשטערען דעם שווערען איינדרוק פון דעם פערגליווערטען פנים. און ווען איהר קוקט זיך צו גענויער, בעמערקט איהר, אַז די אויגען שמייכלען מיט עפיס אַ שטילען בעהאַלטענעם שמייכעל. און אַ סוד ליגט אויסגעגאָסען אין איהם. דאָס איז אַ שמייכלען צו זיך אַליין. עס דער-מאָנט אָן דעם אויסדרוק פון די שטיל-לאַכעדיגע אויגען אויף די פאָרט-רעטען פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי און לואיני. אויסגעטאָן פון אַלץ אַרום, שמייכלען זיי צו אַ אַנדערע וועלט, צו אַ וועלט, וואָס קיינער זעהט זי נישט. זיי שמייכלען צו דער דמיון-וועלט, וועלכע נאָר זיי אַליין זע-הען, צו אַ וועלט, וועלכע נאָר זיי אַליין האָבען בעשאַפען. אָט אַזוי שמייכעלט אַ בעל-חלומות, דער גרויסער מוזיקאַנט, וואָס זויגט איין פון דער אַרומיגער שטילקייט זעלטענע מעלאָדיען, אָט אַזוי שמייכעלט דער מקובל, דער מיסטיקער, וועלכער געניסט די שענקייט פון גאָט'ס האַרמאָניע, וואָס נאָר ער אַליין איז מסוגל צו פיהלען און צו שפירען.

אין די שטיל-לאַכעדיגע אויגען פון א. מאַפו שפיגעלט זיך אָב זיין טיעפער, לעבעדיגער צובונד צו די העלדען פון זיינע ראָמאַנען, וועלכע האָבען געלעבט אין די צייטען, וואָס פאַר'ן חורבן פונ'ם ערשטען בית-המקדש, שפיגעלט זיך אָב דער נחת פונ'ם פאָעט, וועלכער פער-שפרייט דאָס נעץ פון זיין כח הדמיון אויף פערגאַנגענע דורות, וועלכער קאָן נישט גענוג אָנקוועלען פון די בילדער, וואָס טראָגען זיך פאַר-ביי פאַר זיין אינווייניגסטען בליק. דאָס לאַכט אַ פאָעט וואָס שפּרייזט

איבער די גאַסען פֿון ציון, וועלכע קאָכען און רוישען", וואָס מישט זיך צונויף „מיט די קאַראַוואַנען פֿון די עולי־רגלים, — וואָס איילען זיך צו קו־מען וואָס גיכער קיין ירושלים כדי נישט צו פֿערשפּעטיגען מיט זייערע קרבּנות אין בית־המקדש אַריין", וואָס פֿערקוקט זיך אויף דעם זון־אונ־טערגאַנג, „וואָס שפּיגעלט זיך אָב מיט די לעצטע שטראַהלען אויפֿ'ן שפּיץ מגדל־דוד און די הונדערטער שילדען, וועלכע פֿערפּוצען די היי־זער פֿון דער געטליכער שטאָדט". אין אָט די שטיל־לאַבֿעדיגע זויגען ליכט ווי אַ שטילע זון די איבערגעבענקייט און די ליעבע פֿון א. מאַפּו צו די קינדער פֿון זיין כּח הדמיון אין זיינע ראָמאַנען: „אַהבֿת ציון" און „אַשמת שומרון".

די מוזע פֿון פּאָעזיע און שענקייט, אָט די קאַפּריזע געטין האָט זיך בעזעצט אין דער נשמה פֿון אַן אָרימען דערשלאָגענעם ליטווישען יודען. און זיין שמייכעל איז איהר שמייכעל, און זיינע ביכער — זענען איהרע ביכער. אָט די געטין מאַכט נישט קיין חילוק צווישען שפּראַכען, זי איז די גרעסטע שפּראַכען־קענערין אין דער וועלט, און דאָרטען וואו זי לאָזט זיך אַראָב מיט איהרע פֿליגלען האָטש אויף אַ רגע — בלייבען שוין אי־בער אויף שטענדיג די סימנים פֿון איהר וואונדערליכער שענקייט.

אין ערשטער העלפֿט פֿון פֿאָריגען יאָהרהונדערט האָט זי ליעב בעקומען א. מאַפּו. די סלאַבאָדקער האָבען ווייניג וואָס בעמערקט, וואָס טוט זיך דאָ אַרום זיי, און די וואָס האָבען דאָס צופֿעליג יאָ בעמערקט, האָבען באַלד דערפֿיהלט, וואָס פֿאַר אַ חטא דאָס איז זיך משדך צו זיין מיט אַ אשה אַ געצענדיענערקע, און פֿלעגען שוין אויסמיידען דעם אָרי־מען שרייבער ווי די פּעסט. נאָר עטליכע משכּילים פֿון ראַסיין אינאיינעם מיט נאָך עטליכע פֿון זשאַגער האָבען פֿערשטאַנען צו שעצען א. מאַפּו'ס טאַלאַנט, און פֿלעגען איהם שרייבען הייסע בריעף פֿול מיט דאַנקבאַר־קייט און התפּעלות, און בעת מאַפּו פֿלעגט לייענען די דאָזיגע „לאהובֿי ידידי־בריעוולעך, וואָס זענען געווען פֿול מיט שענע און זיסע מליצות און אַלערליי „שבֿרי־פּסוקים" — פֿלעגען זיינע אויגען אָנהויבען לויכטען מיט דעם בעקאַנטען גלאַנץ. דען אין די בריעף האָט ער דערקענט דעם סטיל, די שפּראַך און דעם קלאַנג פֿון זיינע געליעבטע העלדען: ידידיה, יהורם, בני הנבֿיאים, סתרי, תימן, אמנון, פּנינה און תמר.

## II

די סבֿיבֿה, וואו א. מאַפּו האָט פֿערבראַכט זיין לעבען, איז בעשטאַנען פֿון פֿעראָמערטע מענשען, וואָס זענען איביג פֿערטון אין דאגות־היונה, אָבגעריסען פֿון דער נאַטור און האָבען שוין ניט קיין חוש פֿאַר קיין זאַך אין דער וועלט, חוץ דעם וואָס האָט נאָר אַ שייכות צו: קראָם, מאַרק און בית־המדרש. און ער האָט געבלאָנדזשעט צווישען זיי ווי אַ מענש פֿון אַן אַנדער שבט, ווי אַן אָבגעריסענער קלאַנג פֿון אַ וויטער מעלאָדיע, ווי אַ ליעד איבער'ן פּוסטען פֿעלד. צווישען מענשען, וואָס פֿערליערען שוין אין די קינדערשע יאָהרען די רוהיגקייט און די גרינגקייט פֿון דער יוגענד — איז מאַפּו געבליבען אַ פֿערחלומ'ט קינד, וואָס וועט שוין פֿאַר קיין געלד אין דער וועלט ניט פֿערבייטען זיין קינדערשע וועלט און זיינע קינדערשע חלומות אויף די גליקען און די דאגות פֿון די גרויסע. אויסערליך איז מאַפּו כל־ימיו געווען אַ מלמד, אַ דערשלאָגענער, אַ דערשראָקענער, וואָס מיידט אויס די גרויסע און די תקיפים און וואָס ציטערט ווי אַ בלאַט פֿאַר איטליכען פּרנס און קהל'ס־מאַן. זיינע בעדערפֿניסען זענען געווען מינימאַל קליין.

ווי אַ חדר־יונגעל, וואָס אַנטלויפֿט פֿון חדר אין וואַלד אַריין און איז גרייט אָבצוהונגערן אַ טאָג, כדי צו געניסען אַ ביסעלע פֿרייהייט, אַט אַזוי פֿלעגט א. מאַפּו אויסווייכען די גרויסע מיט זייערע עסקים און דאגות.

א. מאַפּו האָט מיט אַלע קרעפֿטען זיך געמיהט צו פֿערהיטען זיין וועלט מיט חלומות פֿון אַלערליי שמריק און צוימען. צו דער וועלט, וואו עס האָבען זיך אויפֿגעהאָדעוועט זיינע ליעבסטע ציון'ס־געשטאַלטען, האָט ער ניט צוגעלאָזען די שטיקענדע לופֿט פֿון זיין ממשות'דיגער רעאַלער סבֿיבֿה, אין וועלכער ער האָט אַליין אָבגעחשכ'ט. אַלע די דאָזיגע געשטאַלטען זענען צו־אידעאַל, אַז זיי זאָלען קאָנען אָהן סכּנות נפֿשות פֿערטראָגען די לופֿט פֿון דער דעמאָלדיגער סלאָבאָדקער קהילה. ווען ניט די ביאָגראַפֿיע פֿון מאַפּו, וואָס דערצעהלט אונז, אין וואָס פֿאַר אַ סבֿיבֿה און צווישען וועלכע מענשען מאַפּו האָט געלעבט, — וואָלטען מיר דאָס פֿון זיינע ווערק „אהבֿת ציון" און „אשמת שומרון" ניט געקאָנט אַרויסזעהן. דען די דאָזיגע ביידע ווערק (דאָס בעסטע פֿון מאַפּו'ס פֿעדער) האָבען אין אַ געוויסען זין געקאָנט געשריבען ווערען וואו איהר ווילט און ווען איהר ווילט, צי אין סלאָבאָדקע צי אין אַי־

טאליען, צי 50 יאָהר צי 200 יאָהר צוריק. א. מאַפו האָט אין זיי ניט איבערגעלאָזען קיין איין צייכען, קיין איין שאָטען, וואָס זאָל דערמאָנען אָן זיין אייגענעם ממשות'דיגען לעבען. כדי ניט צו צעשטערען די ריינע, קינדערשע פּאָעזיע פון אַנאַמנון און אַתמר איז ער געוואָרען דער רואה ואינו נראה, האָט ער זיך מיט זיין גראַהען לעבענס-פּעקעל אַליין אַרויסגעוואָרפען פון זיינע אייגענע ווערק.

עס זענען אָבער דאָך געווען צוויי ממשות'דיגע כחות, מיט וועלכע א. מאַפו האָט זיך שטאַרק בענוצט, כדי צו שטאַרקען און אָבצופרישען זיין כח-הדמיון. איינער פון אָט די באַלאָב-כחות איז געווען דער תנ"ך און די צווייטע — די אַרומיגע לעבעדיגע נאַטור. וועגען דער ראָלע פון תנ"ך, וואָס האָט אין דער גאַנצער קולטור-וועלט געהאָלפען אויפ'ס ניי אויפצולעבען די פּאָעזיע, וויסענשאַפט אין דעם כח-הדמיון פון פערשיידענע פעלקער — איז שוין גענוג גערעדט געוואָרען. נאָר הויך דעם האָט דער תנ"ך פאַר מאַפו, ווי פאַר יעדען גאָט-געבענשטען יודישען טאַלאַנט, נאָך אַבעזונדערן ווערטה. דער תנ"ך איז פאַר אונז יודען אַמין פאָטערלאַנד, וואָס אין פּאַקטישען לעבען האָט מען עס אַפילו ביי אונז צוגענומען, הערט דאָך גאָר ניט אויף צו עקזיסטירען אין די טיעפעניסען פון אונזערע דמיונות. ניט אומזיסט האָט היינע אָנגערופען דעם תנ"ך: „דאָס פּאָרטאַטיווע פאַטערלאַנד" (דאָס פאָטערלאַנד אין דער וואַנדער-טאַרבע). אָבער ניט ווייניגער האָט א. מאַפו צו פערדאַנקען דעם גליקליכען צופאַל, וואָס האָט איהם געלאָזט געבאָרען ווערען אין אַשענעם טאָל צווישען צוויי פרעכטיגע טייכען: ניעמאַן און ווילי'אַ, אַנ'אָרט, וואָס מ'רעכענט פאַר איינעם פון די שענסטע אין צפון-מערב-קאַנט פון דער רוסישער מלוכה, וואו צוויי טייכען יאָגען זייערע וואַסערן צווישען מאַלעריש-בעפוצטע בערגעס און זענען אַרומגעגאַרטעל מיט גרינע, וואַלדיגע בערגלעך.

א. מאַפו איז ניט דער ערשטער, וואָס האָט דערפיהלט די גאַנצע פּראַכט פונ'ם דאָזיגען אָרט. דער גרויסער מיצקעוויטש האָט בעזונגען דעם ניעמאַן, דער רוסישער פּאָעט-פילאָזאָף טיוטשעוו האָט איבערגעלאָזט אַלירישען שיר, וואָס איז געווידמעט דעם ניעמאַן, און די ליטווישע פאָלקס-ליעדער הערען ניט אויף צו בעזינגען די ליוב פון זיינע בערגעס, בערגלעך און פעלדער.

די אַרומיגע נאַטור האָט געגעבען מאַפו'ן פאַרבען און טענער;

ער האָט פֿון איהר בעקומען יעדע ציטערניס און יעדען ריהר פֿון אַבּליהענדיגען, שטאַרקען, שעֶנעם און נאַטירליך-פּשוט'ן לעבען. זי האָט איהם געהאָלפֿען צונויפֿצוקלויבען גענוג רעאַלע שטריכען פֿון אַ לעבעדיגער לאַנדשאַפֿט, כדי צו קאָנען שאַפֿען זיין ארץ-ישראל'דיגע לאַנדשאַפֿט. דער תנ"ך האָט מאַפּון געגעבען אַ פּאַטערלאַנד, די אַרמיגע נאַטור האָט איהם אויסגעלערענט צו פֿערפּוצען זיין פּאַטערלאַנד מיט פֿאַרבען און טענער, האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו צעשטערען די שטילקייט פֿון תנ"ך דורך די טענער און קלינגענדיגע פֿאַרבען פֿון אַ לעבעדיגער נאַטור.

און עס איז אַרויסגעקומען עפּיס אַ וואונדערליכע פֿעראייניגונג. איך די נאַטור-שילדערונגען פֿון „אַהבת ציון" און „אשמת שומרון" געפֿינען מיר ניט קיין איין שטריך, וואָס דערמאָנט אונז די היגע נאַטור, פּונקט ווי אין די געשטאַלטען פֿון אמנון און תמר איז ניטאָ קיין איין שטריך, וואָס זאָל דערמאָנען אָן אַ סלאָבּאָדקער התן-בּחור און אַ סלאָבּאָדקער כלה. דערפֿאַר אָבער זעהען מיר פֿאַר זיך דעם הר הזיתים, די הרמון-בּערג און דעם ירדן מיט זיינע טעכטער-צווייגען די טייכען.

דער תנ"ך אין פֿעראייניגונג מיט דער נאַטור האָט שטענדיג געשאַפֿען וואונדער איף וואונדער. בּיי אונז איז א. מאַפּו געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַזוינע וואונדער בּעוויזען, בּעת דער פֿאַלשער רבּנ'ישע-סגופים'דיגער קוק איף די נאַטור דערלאָזט נישט, אַז מען זאָל ריכטיג קאָנען פֿערשטעהן די ריינע פּאָעזיע פֿון תנ"ך, און פֿון תנ"ך ווערט אַ ספֿר, איף וועלכען רבּנ'ישע קאַליקעס מאַכען פּוסטע פּלפּול'דיגע פּירוש'ים און דרשות, — זעהען מיר פּונקט דעם היפּך, ווען עס ענדערט זיך דער קוק איף די לעבעדיגע נאַטור. דאָס ריכטיגע פֿערהאַלטען זיך צו דער נאַטור האָט שטענדיג געווירקט איף די אַלטע בּלעטער, ווי אַ רעגען איף אַ טרוקען פֿעלד. די אַלטע בּלעטער ווערען לעבּעדיגער, ווערען מיט איינמאָל אָבּגעפֿרישט; און נישט נור אָבּגעפֿרישט, זיי הויבען אָן צו בּליהען, און צו געבען פֿון זיך שפּראָצענדיגע בּלימלעך. און די ערשטע בּלימלעך אין דער נייער יודישער ליטעראַטור זענען געווען מאַפּו'ס ראָמאַנען: „אַהבת ציון" און „אשמת שומרון".

. . נאָר כדי אַז אַ מענש זאָל קאָנען אויסהאָדעווען בּיי זיך אָט די יונגע בּלומען, מוז מען בּעזיצען אַ קונדערשע נשמה, וואָס האָט אַנגעפֿען האַרץ פֿאַר אַלץ וואָס לעבט, און וואָס בּעווייגט דאָס צו-פֿריהע

אָבשטאַרבען פֿון אַ בלום נישט ווייניגער ווי דעם פֿריהען טויט פֿון אַ ליעבען חבֿר.

מאַפּו איז געווען די ערשטע קינדערשע נשמה אין דער יודישער ליטעראַטור. פֿאַר די סלאַבאָדקער איז ער שוין געווען צו־פֿיעל קינד, אָבער אַלס בעשעפֿער פֿון דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור איז זיין „קינדישקייט" געווען גראָד דאָס, וואָס מען האָט געדאַרפֿט. די יונגע ליטעראַטור האָט געפֿאָדערט די פּאָעזיע פֿון אַ קינדערשער נשמה. די יונגקייט פֿון דער ליטעראַטור און מאַפּו'ס נשמה זיינען געווען ווי אַ גלייכע צונויפֿגערעדטע פּאָר.

III

„מיין קינד, ווית וואַרען קינדער,
צווי קינדער קליין אונה פֿראָה"
א. אַ. וו.
(היינע „היימקעהר").

אָט אַזוי צעגיסט זיך דער פּאָעט, ווען די ביטערניסען פֿון לעבען צווינגען איהם זיך אומצוקעהרען צו זיינע גליקליכע קינדער־יאָהרען. ער איז דעמאָלט מוחל די גליקען זיינע פֿון צו זיין בעריהמט און צו קלינגען אין ליטישע מיילער; ער איז מוחל אַלע יענע פּוסטע גליקען, מיט וואָס זיין לעבען איז אַזוי רייך, און מיט אַ שטילען אומעט דערמאָנט ער זיך אָן די קינדער־יאָהרען, ווען די גאַנצע נשמה האָט זיך נאָר געבאָדען אין דריי געפֿיהלען: ליעבע, אמונה, און טרייקייט.

אַזאַ צושטאַנד לעבט דורך איטליכער פֿון אונז, ווען ער בוינט זיך אונטער דער משא פֿון לעבען, ווען די נשמה איז שוין פֿערמאַטערט פֿון אינווייניגסטע סתירות און ספֿקות, מען בעגקט דעמאָלט נאָך עפּיס, מען זוכט דעמאָלט אַ ליכטיגען פּונקט, אַ העכערע קראַפֿט, — וועלכע זאָל אונז מדריך זיין אין בעפֿרייען פֿון דעם קנויל געדאַנקען און געפֿיהלען, וועלכע צעמישען אונזער נשמה.

און דעמאָלט ווילט זיך האָטש אויף אַ רגע ווערען אַ קינד, וואָס

האט נישט קיין פליכטען, נאר וואונשען, וואס ווייסט נישט פון קיין ספקות און איז פול מיט אמונה, וואס איז קיינעם נישט צו לאסט, און וואס וועט יעדע מינוט אנווייזען מיט'ן קליינעם פינגערל אויף דעם, וואס טוט איהם נאה גוטס און גוטס. און ווען אונזער כח הדמיון איז צו-שוואך, כדי אויף א שעה צייט זיך איינצוהילען אין די מלאכים'שע קינדערשע קליידלעך — דאן שטרעקען מיר אויס די האנד צו איינע פון די אלטע קלאסישע ביכער, וואו עס שפיגעלט זיך אב א קינדערשע נשמה. מיר נעהמען אין די הענד אלטע מדרשים, אראבישע מעשה'לעך, די איליאדע פון האמער, דאן קיהאט פון סערוואנטעס א. ד. גל. צוליעב אט די ביכער הערען מיר אויף א ווייל'ע זיך צו פיהלען ווי גרויסע. און א ווידקונג האבען די ביכער אויף אונז, גלייך ווי מען וואלט אונז אבגעשוב'לט אין א פרישען קוואל וואסער. און מיר פערלאזען דעם קוואל ווי פארצייטען נעמן דעם ירדן: — אבגעפרישטע, ריינערע, פעהיגע זיך ווייטער צו נעה־מען פאר די עסקים פון די גרויסע און דערוואקסענע.

א. מאפו, זענענדיג שטענדיג א קינד, האט אונז אין „אהבת ציון" איבערגעלאזען דעם נאבקלאנג פון זיין קינדערשער נשמה. איך ווייס נישט אין דער נייער העברעאישער ליטעראטור קיין איין בוך, וואו דער קינ־דערשער קוק אויף דער וועלט זאל זיין אויסגעדריקט אזוי ריין און קלאר, ווי אין מאפו'ס דערמאנטע ווערק. פונ'ם אנהויב ביז'ן סוף איז זי פול מיט די דריי קינדערשע געפיהלען: ליעבע, אמונה און טרייקייט. עס איז גאר קיין ספק נישטא, אז אונזער וועלט איז די בעסטע און שענסטע, הינטער די פינסטערסטע וואלקען, וועלכע פערטונקלען אמאל די הימלען פון אמנון און תמר, שיינט שטענדיג דורך דער שמייכעל פון א גוטען מזל, וואס האט נור איין זארג: זיינע געליעבטע קינדער זאל שטענדיג זיין גוט און וואויל. אט דאס גוטע מזל זייערס רייניגט אב דעם וועג פאר זייערע אמונג'ס און תמר'ס, אז קיין שטיינדעל זאל זיי חלילה נישט פערשטעפען, אז תמר'ס צארט פיסעל זאל חלילה נישט ליידען אויפ'ן וועג צו ליעבע און גליק. טרעפען זיי אמאל א צוים, א עכוב, א הינדערנים — איז דאס נור צוליעב דעם, כדי זייער קומענדיג בעגע־גענים זאל דורכדעם ארויס נאך שענער און נאך גליקליכער. לויט א. מאפו, איז דאס אונגליק נאר א צופעליגע זאך. דער מענש איז גע־בארען צו זיין גליקליך און נאר גליקליך. און אויב ער געפינט נישט דאס גליק אין רעאלען לעבען, בעשאפט ער עס זיך מיט זיין כח הדמיון. געפינט ער דאס נישט אין סלאבאדקע, — נעהמט ער דעם תנ"ך און

אַ טייך ניעמאַן און בעשאַפֿט זיך אַ שטאָדט ציון, און בעזעצט די שענע שטאָדט מיט ליעבֿע ציכטיגע קינדער אַמנון, תמר, פנינה, ווערט מיט זיי בעקאַנט און בעפֿריינדעט און בינדט זיך צו זיי צו ווי אַן אַלטער פֿעטער, — מיט דער גאַנצקייט פֿון אַ ליעבענדער נשמה, און לעבט מיט זייער גליק, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען זיין אייגען גליק.

# מרדכי זאב פֿייערבערג.

(מ. ז. פֿייערבערג. קבץ ספוריו וכתביו. הוצאת חברת „הספר". קראקוי, תרס"ה).

## I.

דעם פֿירטען אדר איז געוואָרען זעקס יאָהר, זינט עס איז געשטאָרבען מ. ז. פֿייערבערג (1874—1898), דער ערשטער הויכבעגאַבטער שרייבער און פּאָעט, וועלכער האָט געהאָלפֿען בעשאַפֿען די ניימאָדישע ריכטונג אין אונזער היינטיגער ליטעראַטור.

מ. ז. פֿייערבערג איז געבאָרען געוואָרען מיט קורצע יאָהרען.. ער האָט נישט אויסגעלעבט קיין פֿולע 25. אַפּאָר יאָהר פֿאַר זיין טויט האָבען אָנגעהויבען צו ערשיינען זיינע ערצעהלונגען אין דער העברעאישער ליטעראַטור. פֿול פֿון פּלענער אויף ווייטערע גרעסטע ווערק, איז ער געשטאָרבען אין מיטען דער אַרבייט. צוערשט אָרימקייט, דערנאָך שווינדזוכט האָבען געמאַכט אַ גיכען סוף פֿון אַ געבענשטער יונגער יודישער נשמה...

די ביאָגראַפֿיע זיינע?

די אייגענע פֿון טויזענדער אָרימע בענאַבטע קליין-שטעדטעלשע יודישע קינדער, אויף וועלכע אַבראַמאָוויטש האָט שוין געזאָגט, אַז זייער

יוגענד קען מען פֿערגלײַכען מיט דעם שײַן פֿון זיעה זון אין אַ מיאוס'ען השוב'דיגען טאָג. און פֿײַערבערג'ן איז נישט בעשערט געווען איבערצולעבען זײַן יוגענד.

ער איז געבאָרען געוואָרען אין שטעדטעל נאָוואָגראָד-וואָלינסק, אָדער זוואָהיל, ווי די יודען רופֿען אָן דעם דאָזיגען אָרט. זײַן טאַטע איז געווען אַ שוחט, אַ גרויסער אָרימאַן און פֿאַנאַטיש פֿרום. שפּעטער געפֿינען מיר פֿײַערבערג'ן אין אַ דערפֿעל הילכּן, וואו ער לעבט ביז עלפֿטען יאָהר פֿון זײַן יוגענד. דער שטרענגער פֿאַנאַטיש-פֿרומער פֿאָטער איז איהם מחנך. ער האַלט אין דער האַנד אַ דאָפּעלטען קאַנטשיק. ער איז צוגלײַך זײַן טאַטע ווי זײַן רבי. אָבער די אײַנזאַמקײט פֿון דאָרפֿישען לעבען צוזאַמען מיט דער אַרומיגער פֿרײַער נאַטור וועקען אויף אין יונגען פֿײַערבערג אַ גאַנצע שורה פֿון געפֿיהלען, וועלכע בינדען זיך גאָרנישט מיט דעם, וואָס דער טאַטע לערנט איהם. און בשעת 1886 קומט די פֿאַמיליע פֿײַערבערג צוריק קיין זוואהיל, האָט שוין דער יונגער מרדכי זאב מיטגעבראַכט מיט זיך אַ חוץ דער תּורה פֿון אַ יודיש יונגעל נאָך אַ חשק צו אַ זוינע זאַכען, צו וואָס אַ יודישער פֿערשטײַסטע נער גלות-נשמה טאָר זיך גאָר נישט געלוסטען. אַ שטילער פֿרישער קוואַל פֿון פּאָעזיע האָט זיך געעפֿענט אין זײַן ברוסט. ער בעקומט פֿײַנט דעם טרוקענעם פּלפּול. עס ציהט איהם צו די אגדות און מדרשים, צו די גרינע אינזלען פֿון ים התלמוד. ער איז שוין צופֿערקלערט און צופֿיעל פֿערטראַכט.

ביז'ן פֿופֿצעהנטען יאָהר פֿערברענגט ער זײַן יוגענד אין פֿינסטערע קלײַן-שטעדטעלשע חדרים. שפּעטער ווערט ער אַ „בחור" אין טשערנאָבילער בית המדרש, וואו ער לערנט שוין פֿאַר זיך, צוגלײַך מיט אַלע דערוואַקסענע. אין דער אייגענער צײַט בעקענט ער זיך מיט אונזער נײַער ליטעראַטור, מיט'ן „אביעזר" פֿון מ"א גינצבורג, מיט די ערצעהלונגען פֿון א. מאפו און פרץ סמאָלענסקי'ן, מיט דער פּאָעזיע פֿון די לעבענזאָהנס און י. ל. גאָרדאָן, מיט די פֿײַערדיגע קריטישע ווערק פֿון מ. ל. ליליענבלום. צוגלײַך לערנט ער מיט גרויס התמדה די יודישע אַלטע פֿילאָזאָפֿיע, דעם „כוזרי" און דעם „מורה נבוכים"; אויך די נײַערע קריטיש-פֿילאָזאָפֿישע ווערק, דעם „מורה נבוכי הזמן" פֿון נחמן קראָכמאַל און דעם „דור ודורשיו" פֿון אײַזיק הירש ווײַס. זײַן שטרענגער, פֿאַנאַטישער פֿאָטער זעהט מיט ציטערניש אין האַרצען, ווי זײַן זוהן פֿערלאָזט דעם וועג פֿון תּורה און יראת שמים. ער פּרובט נאָך דאָס לעצטע מיטעל,

ווי איהם צוצובינדען צו די אַלטע פֿיהרונגען — ער פּרובֿט איהם פֿער־קנס'ען און חתונה מאַכֿען. צו 18 יאָהר ווערט פֿייערבערג אַ חתן.

דערווייל דרינגט אַיין דער ציוניזם און וועקט אין פֿייערבערג'ן נייע געדאַנקען און געפֿיהלען. און נישט קוקענדיג אויף די רדיפֿות פֿון זיין פֿאָטער, גיט ער זיך אָב דעם ציוניזם מיט לייב און זעעל. דער טאַטע פֿערלירט שוין די לעצטע האָפֿנונג צו דערלעבען פֿון זוהן עפּיס גרויסעס. ער וויל האָטש פֿון איהם אַ קרעמער מאַכֿען. עס בעווייזען זיך אָבער שוין די ערשטע סמנים פֿון זיין שפּעטערדיגער קראַנקהייט. דער צוקונפֿ־טיגער שווער דערגעהט פֿון התנ'ס פֿעהלער, און צערייסט די תנאים. און פֿאַר פֿייערבערג'ן הייבט זיך אָן די ערגסטע צייט פֿון זיין לעבען, פֿול פֿון צרות און רדיפֿות. די קראַנקהייט טרייבט איהם קיין וואַרשוי צו דאָקטוירים, ער ווערט אויך בעקאַנט מיט בעוואוסטע וואַרשויער לי־טעראַטען. די לעצטע יאָהרען פֿון לעבען האָט פֿייערבערג שוין כמעט קיין היים נישט. אין אָרימקייט און אין נויט פֿערלעבט ער זיינע טעג. נאָר איין נחת האָט ער: מען הייבט איהם אָן צו דרוקען. מבֿינים לי־טעראַטען זאָגען, אַז ער וואַקסט אַ טאַלאַנט. מען וויל איהם אויך העל־פֿען און שטיצען. אַ דאַנק דעם בעוואוסטען ליטעראַט ה' אחד־העם, קריגט ער קורץ פֿאַר'ן טויט אַ שטיצע אין געלד. אָבער די שטיצע איז שוין געקומען צו־שפּעט. נאָך נישט פֿולע פֿינף־און־צוואַנציג יאָהר אַלט איז מ. ז. פֿייערבערג געשטאָרבען.

---

II

דאָס איז אין קורצע ווערטער דער לעבענס־וועג פֿון מ. ז. פֿיי־ערבערג. טויזענדער האָבען דורכגעמאַכֿט דעם אייגענעם וועג, נאָר וועי־ניגען איז בעשערט געווען איהם דורכצוגעהן מיט אַזאַ טיעף־פֿיהלענ־דער, מיט אַזאַ קלאָר דענקענדען קאָפּ, ווי פֿייערבערג'ן. אָרים איז גע־ווען דאָס אויסזעענגסטע לעבען פֿון פֿייערבערג'ן, דערפֿאַר איז זיין אינ־וועניגסטעס לעבען רייך געווען ווי אַ קעניגליכער פּאַלאַץ, אָדער נאָך בעסער, ווי אַן אַלט טייער היילגטום. און דאָס, וואָס ער האָט דורכגעלעבט,

— די ביאגראפיע פון זיין הארצען, — האט ער אונז איבערגעלאזען אין זיינע ווערק.

ס'איז נישט פיעל, וואס ער האט אונז איבערגעלאזען; אינגאנצען קוים 145 דרוק-זייטען. אבער פערמאכענדיג דאס בוך וועט זיך דעם, וואס לייענט עס דורך מיט הארץ און קאפ, נעהיס אויסדוכטען, אז ער איז געגאנגען א ווייטען, ווייטען וועג.

פייערבערג'ס הארצענס-ביאגראפיע איז צוגלייך די ביאגראפיע פון דער גאנצער יודישקייט. דאס ארים יונגעל מיט דער שווינדזוכט אין די לונגען האט געטראגען אויף זיך דעם גאנצען יאך פון דער גרויסער אלטער פארצייטיגער יודישקייט. ווי דער לעצטער פון זיין דור, ווי דער לעצטער פרינץ פון אן אלטער דינאסטיע, האט ער געטראגען אין זיין הארצען א פעראנטווארטליכקייט פאר א גרויסע טויזענד-יאהריגע ירושה.

פייערבערג, צוגלייך מיט טויזענדער זיינס-גלייכען, איז געבארען געווארען אין דער צייט, בעת די יודישקייט צעפאלט, צעפאלט אין ברעקלעך. איבערפלעכליכע נאטורען, אדער פערגרעבטע נשמות פיהלען דאס נישט, אדער ווילען דאס נישט זעהן. אנדערש אבער פיהלט דאס דער מענש, וועלכער שפירט זיך ווי א גליעד פון דער פערגאנגענהייט, ווי א „פעדעמל אין דעם גרויסען אלטען געוועב“, וואס טראגט אויף זיך דעם נאמען „יודישקייט“. איטליכע ענדערונג אין היסטארישען לעבען פון פאלק רופט ארויס א געוויסען שמערץ ביי איהרע אמת'ע קינדער. נאר ביי די, ביי וועמען „דאס לעבען פערגעהט ווי פוילע ווינדען“, בלייבט ניט קיין זכר פון דעם צוזאמענהאנג צווישען דעם היינט און נעכטען, צווישען דעם, וואס איז אויסגעוואקסען, און דעם, וואס איז איבער נאכט פערוועלקט געווארען.

די אלטע יודישקייט, וואס פאדערט פון איטליכען יחיד, ער זאל זיין א כהן ביי נאט'ס מזבח, א שומר פון אלטע הייליגקייטען, אן איינציגער קנעכט פון די תרי"ג מצות, האט זיך בעגעגענט איצט אויג אין אויג מיט א גרויסען שונא. און דער שונא טענה'ט: הייליג איז נאר דאס לעבען, אויסער דעם איז נישטא קיין הייליגקייטען. אנשטאט צו היטען די אש פון אלטע קברים, אנשטאט צו דערהאלטען דאס פערגאנגענע, דאס טויטע, שטייט און דערהאלט דאס לעבעדיגע, און בעשאפט דורך זיי נייע לעבעדיגע הייליגקייטען. און וואס מעהר דער שונא טענה'ט, אלץ טיעפער דרינגען אריין זיינע ווערטער אין אונזער

האַרצען, אַלץ שווערער ווערט אונז צו זיין די וועלטער פֿון חורבות און פּוסטקעס. און דער שונא ווערט מיט איטליכען טאָג שטאַרקער, ער דיינגט אַריין אומעטום, וואו עס קלאַפּט אַ יונג האַרץ. ער ברענגט אַריין טויזענדער ספקות אין דעם קאָפּ פֿון דעם מתמיד, ער צעמישט די נעפּיהלען פֿון דעם פּרוש און דעם עהרליכען מאַמין און מיט דעם כח פֿון אַ נייער אמונה פֿאָדערט ער אַנ׳ענטפֿער ביי די צווייפֿעלדיגע: צי אַהין, צי אַהער! ווי אַ שטאַרקער געזאַנג רופֿט אונז די גרויסע פֿרייע דעמאָקראַטישע עפּאָכע, דער שונא פֿון טויטען עבר, צום לעבען, צום לעבען. אָבער ווי פֿערכּישופֿ׳ט זיצט דאָס אַלטע יודישע פֿאָלק אין זיין ענגען שטה, זיצט ביי אַלטע פֿאַרצייטיגע ספֿרים, האָט מורא זיך אַריהרצוטוהן, אום נישט אַריינצופֿאַלען אין די הענד פֿון לעבען, אָדער פֿון דער „סטרא אַחרא" און „סמאל", ווי מען רופֿט דאָס אָן. „און דער געזאַנג קומט אַלץ נעהענטער און נעהענטער. מען וויל בלייבען אויפֿ׳ן אָרט, בלייבען ביי׳ן „זוהר", אָבער דער געזאַנג ציהט און ציהט צו זיך... עס ווערט טונקעל אין די אויגען, שווער דער מח... צווישען די ווימפּערן לויפֿען ווי צעמישטע טויזענדער פֿינטעלעך... עס ווילט זיך אויך אַ רגע צומאַכען די אויגען, עס ווילט זיך אַ ווילע אַ דרעמעל טוהן... דאָס האַרץ אָבער צאַפּעלט זיך און בעט לעבען... נאָך אַ רגע און עס וועט פּלאַצען פֿון גרויס תאוה... און דער געזאַנג קומט אַלץ נעהענטער און נעהענטער".

(„בערב" זייטע 11).

און טויזענדער הינקעל׳עך פֿון גרויסען יודישען תהום איז איינגעדרונגען דער געזאַנג פֿון לעבען. און גראָד דער, וואָס וויפֿט די הערדע פֿון דער אַלטער יודישקייט, לעבט דורך אַ שרעקליכע מלחמה אין האַרצען. —„ווי גרויס עס זאָל נישט זיין ביי איהם די ליעבשאַפֿט צו די הייליגע ספֿרים, און ווי טריי און איבערגעגעבען ער זאָל צו זיי גיט זיין, — בעטראַכט ער זיך דאָך שטענדיג פֿאַר אַנ׳אונגליקליכען און פֿאַר אַ לעבעדיג־בעגראָבענעם. צי האָט דו, טראַכט ער אָפֿט, נאָר צוליעב דעם, רבונו של עולם, בעשאַפֿען אַזאַ שענע גוטע וועלט, זון, שטערן און די לבנה, פֿעלדער און וועלדער, כדי דיין אויסדערוועהלט פֿאָלק זאָל פֿערברענגען זיין לעבען אין אַנ׳ענגען בית המדרש, אין אַ נידעריגען און אַ פֿינסטערן!... אַלץ האָט לעבט — אַרבייט, און אַלץ וואָס אַרבייט — לעבט, נאָר דו, מיין פֿאָלק, פֿערשאָלטענער פּרינץ, האָסט אויפֿגעהערט צו לעבען אַנ׳אמת־נאַטירליך לעבען, דעריבער האָסטו אויך אויפֿגעהערט צו שאַפֿען נייע לעבעדיגע הייליגקייטען. דו לעבסט טויזענדער יאָהרען ווי

אַ שאָטען, דעריבער געהסט ער אַרום אַ פֿערחלומטער און חלומסט פֿון
דעם, וואָס איז געווען אַמאָל... און די ספֿרים, וואָס מאַכען פֿול די ווענד
פֿון בית המדרש, זענען די פֿוסטע אַרבייט פֿון אַנאַייבינען קנעכט,
וואָס איז פֿערשאָלטען געוואָרען פֿון זיין פֿריץ צו גראָבען און ווייטער
צו גראָבען" („לאַן", זייטע 69).—

טויזענדער ספֿקות ווערען געבאָרען אין האַרצען פֿון דער יו=
דישער יוגענד; פֿון דער יוגענד, וואָס איז באמת צוגעבונדען צום
הייליגען עבֿר, וואָס פֿיהלט נאָך אויף זיך איהר קראַפֿט, און וואָס קען
נישט אַזוי לייכט גלויבען, אַז די קראַפֿט איז שוין אויסגעוועבט. דורך
פֿערשטויבטע פֿענסטער פֿון פֿינסטערע קלויזען וואַרפֿען זיי אַ בליק אויף
דעם נייעם „סמאל", וועלכער רופֿט זיי צום לעבען. זיי קענען זיך אָבער
נישט אַזוי לייכט שיידען מיט דעם אָרט, וואו עס ליגט בעהאַלטען
אַ שטיק פֿון זייער נשמה, אַ גאַנצעס זאַנגען-פֿעלד פֿון איינגעוואַקסענע
געפֿיהלען. און זיי וואַרפֿען זיך און צאַפּלען זיך, פֿערגיפֿטעט פֿון
טויזענדער ביטערע ספֿקות. עטליכע פֿון זיי, די טיעפֿסטע, די געהוי=
בענסטע נאַטורען, מאַכען זיך נאָך אַ כח, ווילען פֿערטרייבען מיט גע=
וואַלד די פֿרעמדע שטימען, וואָס קלינגען אין זייער נשמה. זיי נעה=
מען זיך אָן צו פֿיהרען אַ מלחמה מיט'ן שרעקליכען שונא, און ווילען
פֿערטויבען זייער האַרץ מיט תּפֿלות, תּעניתים און מיט אַנאומענטש=
ליכער התמדה, וואָס לאָזט נישט צו קיין פֿרעמדען געדאַנק. דער
שטרייט איז אָבער צו שווער, נישט פֿאַר די כּחות פֿון אַ קוים-דער=
וואַקסענער פֿרישער נשמה, און פֿריהער אָדער שפּעטער צעבֿרעכט זי איהרע
יונגע פֿליגעל. אין דענסטמאָל האַפּט זי אָן אַ בלייכע אימה, ווילדער פּחד,
זיי פֿיהלען זיך ווי צוזאַמענגעקוועטשט פֿון צוויי געוואַלטיגע ריזען: פֿון
אַ גרויסער בליי-שווערער פֿ ע ר ג אַ נ ג ע נ ה י י ט און פֿון אַ לעבעדיגער, נאָך
אַ שטאַרקערער ג ע ג ע נ וו אַ ר ט. זיי הויבען אָן צו פֿיהלען אַ בלייכען שרעק
פֿאַר'ן לעבען, זיי ציטערן אָבער אויך פֿאַר „די שאָטענס" פֿון דעם עבֿר.
און אַ טיעפֿע, טיעפֿע טרויעריגקייט בעזעצט זיך אויף אייביג אין זייער
געמיט. פֿריה טרעטען זיי אַריין אין לעבען, ווי די „גוואַרדיע פֿון רבונו
של עולם". קורץ איז די מלחמה, און באַלד זעהט מען שוין זיי אַלס
יונגע אינוואַלידען מיט צעבראָכענע גליעדער וואַנדערן דורך דאָס לעבען,
וואָס האָט זיי אָנשטאָט צו דערפֿרישען — בעזיעגט און צעבראָכען.

און מ. ז. פֿייערבערג איז איינער פֿון די טיעפֿע געהויבענע נאַטו=
רען, וואָס האָט געפֿיהרט די אייגענע מלחמה, ווי אַ העלד, זיך אויפֿ=

הויבענדיג נאך איטליכען פאל, געפיהרט ביז צו דער לעצטער מינוט פון זיין יונגען לעבען.

---

III

איטליך אמת קינד פון זיין פאלק ווייסט, אז עס איז פערבונדען מיט דעם עבר פון פאלק. אבער די פעדעם, וואס פערבינדען, זענען נישט בײ אלעמען גלייך: אײנעם פערבינדט דער שכל מיט דעם עבר, דעם אנדערן — דאס געפיהל און א דריטען — ביידע זאכען אינאיינעם, דערצו נאך מיט א לעבעדיגער פאנטאזיע. דער שכל ווייזט אונז אויף איטליכען טריט, אז אונזער אמונה, אונזערע מראל, אונזערע פאלקס־הסרונות און פאלקס־מעלות, אונזערע פיהרונגען און אנשטאלטען, אונזער ליטעראטור און פילאזאפיע איז נישט די ארבייט פון דעם דור, אין וועלכען מיר לעבען. הונדערטער דורות האבען געארבייט פאר אונז. טרעפלעך־הייז זענען מיר געשטיגען העכער און העכער פון אונוויסענהייט צו בילדונג, פון ווילדקייט צו מענשליכקייט. דאמיט אבער, אז מיר זאלען נאך שפירען דאנקבארקייט און ליעבשאפט צו די ארבייטער פון די פערגאנגענע דורות, זענען נאך נישט גענוג די געדאנקען פון שכל. מען מוז נאך עפּיס פיהלען דערביי. און דער וואס פיהלט בענוגענט זיך נישט דערמיט וואס ער איז מודה, אז איטליכער היינט לעבט פון דעם נעכטען און עהער־נעכטען. ער ווארעמט נאך דורך זיינע געדאנקען מיט א געפיהל פון שעצונג און אכטונג צו די, וואס האבען געארבייט און געטראכט א צייט פריהער, אידער מיר זענען נאך אויף דער וועלט געווען. זעלטענער פאר אלץ איז אבער, ווען צום שכל און געפיהל קומט נאך צו א לעבעדיגע פאנטאזיע, וואס שעצט אב די ווערדע און די שענקייט פון דעם עבר. דען נאר זי אליין האט די גרויסע מעלה צו קענען אויפבויען אין מה א לעבעדיג בילד פון דער פערגאנגענהייט. נאר דער איז א גרויסער ארכיטעקט, וועלכער קען נאך האלב־פערמעקטע פלענער אויפמאלען דעם ריכטיגען פלאן, וועלכער, קוקענדיג אויף אנאלטען איינגעפאלענעם פאלאץ, ווייסט ווי ער האט אויסגעזעהן אין דעם טאג פון זיין הנוכת הבית. און נאר דער קאן זאגען, אז ער קען, פיהלט און

הייסט זיין עבר, וועלכער איז געבענשט מיט דעם כח נאך אלטע פער־שטויבטע ספרים און פערצייכענטע זכרונות צו קענען איפשטעלען א פיעל־פארביגעס בילד פון דעם עבר, ווי ער האט געלעבט און געשוועבט, מיט אלע זיינע ליידען און פריידען, מיט אלע זיינע גרויסקייטען און צרות.

מ. ז. פייערבערג, ווי איינער וואס האט מיט אזא בלוטיג הארין מלחמה געהאלטען פאר דעם יודישען אלטען עבר, איז געווען געבענטש מיט דער דאזיגער לעבעדיגער פאנטאזיע. נאר צוליעב איהר איז איהם אזוי שווער געווען צו ברעכען מיט דער אלטער יודישקייט.

דער עבר איז נישט געווען פאר איהם, ווי פאר טויזענדער משכילים, א גראהער תהום. ווי א ברייטע פארבען־רייכע פאנאראמע האט זיך דער עבר אויסגעברייט פאר זיין גייסטיגען בליק, און אויף דער פאנאראמע האט אלץ, אלץ געלעבט: דער בלאהער הימעל פון ארץ ישראל מיט דעם ירדן און דעם כרמל; די גרויסע נביאים, — ישעיהו, — געוואלטיג, ווען ער שטראפט, גרויס און ליכטיג, ווען ער רעדט זיין „והיה באחרית הימים"; ירמיהו הנביא, וואס צעגיסט זיך פון טרויער און קלאג; די תנאים און די אמוראים, די אלטע פילאזאפען און דענקער, דער רמב"ם, דער אברבנל. יעדער הורבן האט זיך פייערבערג'ן פארגעשטעלט, ווי זיין אייגענער. ער האט געזעהן פאר זיינע אויגען צוגלייך מיט די הרוגים און די אינשולדיג־פערבלוטיגטע קינדער אויך די ליכטיגע פנימ'ער פון די, וואס זענען פרייוויליג געגאנגען אין טויט על קדוש השם. דאס וואס פייערבערג, צוגעסען פון ספקות, האט שפעטער גערופען „שאטענס" זענען נישט געווען קיין שאטענס אין איינפאכען זין. זיי זענען געווען ביי איהם לעבעדיגע בילדער פון א טויטען עבר. און די שאטענס זענען געווען ארום איהם, ווי א צווייטער קרייז, א צווייטע בעפעלקערונג נעבען דער אמת'ער, ווירקליכער, ווי א וועלט, א גרעסערע, א רייכערע, א הייליגערע, נעבען א האלבדיגער, קליינער, פינסטערער, קליין־שטעדטעל'שער.

פריהער, בעת ער איז נאך געווען גאנץ יונג, האט ער נאך גאר נישט געוואוסט, אז הינטער דעם דאזיגען שאטען־פאלק איז נאך דא עפיס אנדערש. ער לעבט מעהר מיט איהם, ווי מיט דעם רבי'ן און די חברים. די אמת'ע וועלט איז אזוי טרויעריג; גראה און האלבדיג, אז די בבא־מעשה־וועלט פון דער מאמען, אין וועלכער עס שטרייטען מכשפים מיט גוטע יודען צוליעב א קינדערשער נשמה, איז ליכטיגער און לעבע־דיגער, ווי דער חדר מיט'ן רבי'ן און בעהעלפער צוזאמען.

אין זיין בילד „בערב“ שילדערט אונז פייערבערג דעם איינדרוק, וואס מאכט אויף איהם די „אמת׳ע נאכט“ אין שטעדטעל מיט גלענ־צענדע טרויעריגע פארבען:

„די בלאטע דערגרייכט ביז צום האלז. דער הימעל איז פערוואל־קענט, און דער ווינד צוטראגט די דינע רעגען־טראפענס און שמייסט מיט כעס זיי גלייך אין פנים אריין די וואס געהען אויפ׳ן גאס. און די מענשען בויגען זיך אונטער דער משא פון זייערע צוריסענע, צו־נעצטע און פערבלאטיגטע בגדים. די שטיוועל זינקען טיעף אין בלאטע, און עס איז שווער זיי ארויסצוציהען. ווי מיט א מאנטעל פון א שווארצען טרויער דעקט צו זייערע פנים׳ער א טיעפע זארג. אויף זייער גע־זיכט ליעגט אויסגעגאסען פערצווייפלונג, דאס הארץ פיהלט שוין נישט קיין פרייד און קיין שמערץ. זיי האבען נאר איין וואונש, — וואס גיכער ארויסצוקריכען פון דער בלאטע און זיך צו דערשלעפען ווי עס איז צו דער שטוב, צום פינסטערען, פייכטען און נידעריגען שטיבעל“ (ז. 2).

דערפאר אבער ציהען איהם צו זיך ווי מיט בעזונדערען כישוף די ערמער, וואו עס בעווייזען זיך די שאטענס פון דעם עבר. אויף דער זייטע 100 לייענען מיר:

„אטליכעס מאל ווען עס דריקט מיר עפיס דאס הארץ און א זעלטענער כישוף פערכאפט מיין געמיט און ציהט מיך צו עפיס א זאך, וואס איך קאן דאס מיט׳ן נאמען נישט אנרופען; ווען איך פיהל, אז מיין נשמה פערלאנגט עפיס אזא מין שפייז, וואס ס׳איז אין ערגיץ נישט צו געפינען; ווען איך פיהל, אז מיינע אויגען, אנגעפיהלט מיט טרעה־רען זוכען עפיס א ליעב בלימעל, אויף וואס זיי זאלען קענען אויס־גיסען זייער טהוי — דעמאלט לויף איך אין בית־המדרש, און צוזאמען מיט מויזענדער שאטענס קלייב איך נחת ביי א גראשענעם ליכטעל פון די הייליגע ספרים.

און הייליג זענען די ספרים, אודאי זענען זיי הייליג... און ווי פול זענען די אלמערס!...

איך ווייס נישט, פון וואנען נעהמט זיך דאס, אבער עס איז כפרט אזוי: עס זענען דא מינוטען, ווען איך זעה גאר נישט קיין ספרים, נאר טויזענדער מענשען און פעלקער דורות. און ווי הויך און גרויס זענען די מענשען, און ווי לויכטען זייערע פנימ׳ער! און פון

אונטער די דאָזיגע מענשען זעה איך פליסען טייכען, טייכען בלוט... און דאָס געוויין און די געשרייען שטייגען ביז צום זיעבעטען הימעל... הינטער זיי — טייכען בלוט און פאָרענט — נייע טייכען... ניין דאָ בין איך נישט אליין... אַ סך אומגליקליכע, ווי איך, זענען מיט מיר דאָ. ניין, דאָ בין איך נישט אַליין. נאָך אַ סך גליקליכע זענען דאָ מיט מיר.

דאָ זעה איך דאָס ליכט און דאָס גוטס, וואָס וואַרט אויף מיר, און די אייביגקייט און די פראַכטיגקייט וואָס איז הינטער מיר. און דאָ זעה איך, ווי ברייט, ווי ברייט איז די וועלט!"

און ווען פייערבערג רעדט וועגען בית-המדרש, — נישט פון דעם געוועהנליכען, נאָר פון דעם, וואו עס קלויבען זיך צוזאַמען די געשטאַלטען פון דער גאַנצער יודישער געשיכטע, — דריקט ער זיך אויס מיט פאָלגענדע מערקווירדיגע ווערטער:

„די גאַנצע וועלט איז נאָר איין *פינטעלע* אין מיין האַרצען, און מיין האַרץ איז נאָר איין קליין *פינטעלע* אין מיין אַלטען בית-המדרש, און ווי באַלד די זון געהט אונטער, ווערט שוין אומעטום פינסטער.

און איך קוק אויף מיין בית מדרש ווי אויף אַ בנין, וואָס שטעהט אין צענטער פון דער וועלט, וואָס שטראַהלט אים ליכט אויף אַלין, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען מענש".

אַזאַ לעבעדיגען געפיהל צום עבר, ווי ביי פייערבערג'ן, בעצייכענט מען מיט'ן נאָמען ראָמאַנטיק. איטליך גרויסעס פאָלק, וואָס מוז אין געוויסע צייטען זיך אָבּרייסען פון זיין פערגאַנגענהייט אום איבערצואַרבייטען נייע געדאַנקען און נייע איינפלוסען, וועלכע בינדען זיך נישט מיט דער פריהערדיגער געשיכטע, לעבט-דורך אַ צייט פון ראָמאַנטיק. נאָר די פעלקער, וואָס טרעטען אַריין אין די וועלט-געשיכטע מיט אַ אָרימער פערגאַנגענהייט, קענען נישט דעם שמערץ פון דעם ראָמאַנטיקער, וועלכער שטעהט צווישען צוויי וועלטען, ווי צווישען צוויי מאַגנעטען. און קאָן נישט געפינען קיין וועג, ווי זיי צו פערשמעלצען ביידע אינאיינעם.

---

## IV

אויבען האבען מיר אנגעוויזען אויף פיער הויפט־סמנים פון פייערבערג'ס נשמה: אויף זיין לעבעדיגע פאנטאזיע בנוגע צו דער יודישער פערגאנגענהייט, אויף דאס פעראנטווארטליכקייטס־געפיהל קעגען די גייסטליכע אוצרות פון עבר, אויף דעם גיהנם פון זיין הארצען, אלס דאס קאכענדיגע לעבען, וואס בינדט זיך נישט מיט דער פארצייטיגער יודישקייט, טראגט אריין אים פון ספקות אין זיין גייסט, און פיערטענס, אויף די פינסטערע אימה זיינע פארן לעבען בכלל. ווייטער וועלען מיר ווייזען, ווי ווייט פייערבערג'ס לעבעדיגע פאנטאזיע אינאיינעם מיט די בעשריבענע דריי גרונד־געפיהלען האבען זיך אבגעשפיעגעלט אין זיינע ווערק.

דער הויפט־העלד אין וועמענס נאמען פייערבערג דערצעהלט די ליידען און פיין פון זיין איינענער נשמה, טראגט אויף זיך דעם נאמען „הפני בעל דמיון“. דאס איז א פערטראכטער, א פערקלערטער מענש, וועלכער קוקט מיט אומעטיגע אויגען און א צושטרייטען בליק אויף אלץ וואס טוט זיך ארום איהם. די צושטרייטקייט אבער איז פון א בעזונדערען מין. אין דער אמת'ן זעהט דער צושטרייטער בליק טיעפער און אנדערס, ווי דער בליק פון די געוועהנליכע בשר־ודם'ס. הפני בעל דמיון לעבט ווי אין אן אנדער וועלט. קינדווייז איז זיין פאנטאזיע בעשעפטיגט מיט אלע די שדים, רוחות, מכשפים און בת־מלכה'ס, קורץ מיט אלע די העלדען, וועלכע פערנעהמען דעם גרעסטען פלאץ אין די יודישע בבא־מעשה'ת. פאר הפני איז די בבא־מעשה א שטיק אמת לעבען. ביי־נאכט, ווען ער פערלאזט דעם חדר און געהט אין רעגען און אין דער פינסטער אליין אין דער־היים, ווערט איטליכער רעגען־טראפען פערוואנדעלט ביי איהם אין עפּיס א העלד פון א בבא־מעשה. דאס שוואכע ליכט פון לאמטערנדעל קען נישט פערטרייבען די וואונדערליך־מורא'דיגע געשטאלטען, און „הפני געהט איינער אליין אין א מורא'דיגער וועלט וואס איז פול פון מתים, שדים און רוחות, מכשפים און ציינער (ז. 6)“ שוין דעמאלט פיהלט ער, אז פיינדליכע קרעפטען, רוחות און שדים פערשפארען איהם דעם וועג און „ער געהט ווי א העלד, ער שפרייזט גרויסע טריט, ער גיט אב זיין לעבען, ער איז זיך מפקיר, און געהט“...

ביי א „שענער מעשה“, וואס די מאמע דערצעהלט איהם, פערגעסט ער אן דעם חדר און אן דעם הונגער, און טיעף ווי אויסגעקריצט אויפ'ן הארצען דרינגען אריין אין זיין יונגען גייסט די וואנדערליכע מעשות, און וועלכע עס שילדערט זיך די מלחמה צווישען דער „קדושה“ און דער „קליפה“, דער טויזענד־יאהריגער קאמפף צווישען יודישקייט און די תאוות פון לעבען. און אין דער צייט ווען אלע שלאפען, ווען עס הייבט אן אויסצוגעהן דער קנויט אין לעמפעל, און טונקעלע שאטענס צולעגען זיך אויף ווענד און באלקענס, און אין שטוב דרינגט אריין א שרעקליכע אימעטיגקייט — פיהלט ער, אז עס שוועבט ארום אין שטוב עפּיס א זאך, וואס ער ווייסט נישט ווי דאס אנצורופען. ער ווייסט נאר, אז „דאס, וואס עס שוועבט אין דער לופט, איז עפּיס א מורא'דיגע זאך“ (ז. 1).
א יונגע גאט־געבענשטע נשמה ווערט געבארען ביי א יודישען קרעטשמער. צוויי כוחות שטרייטען אום אויסצוהאדעווען די דאזיגע נשמה. דער פריץ מיט דער קדושה פון בע"שט פיהרען א אייביגע מלחמה; די מעשה איז לאנג, זי האט גאר קיין סוף נישט. און דער קליינער הפני פיהלט, זיך לעגענדיג שלאפען, אז „אלץ איז שרעקליך: „די שטוב, דער חדר, דער בית המדרש, די גאנצע וועלט, דאס גאנצע לעבען'... „און שטענדיג מוזען מיר מלחמה האלטען מיט די שרעקליכע שונאים, וואס היטען אונז אב אויף איטליכען טריט: מיט די „גויים“, מיט די קוימענקעהרערס, מיט די שפינען, וואס טראגען פייער אין בית המקדש, מיט דעם גלות, מיט די שדים און דעם יצר הרע“ (ז. 17). און מיט ליעבשאפט טראכט ער פון דעם יונגען העלד און דער מעשה, וועלכער האט געשטריטען מיט דער קליפה און האט זי מנצח געווען.

דער קליינער הפני פיהלט זיך אלס בלוטיגער נאהענטער קרוב פון אל די גרויסע מענשען, וועלכע האבען געשטראהלט אויף דעם גלות־הימעל פון דער יודישער היסטאריע. ווי א פערטריבענער בן־מלך קען נישט גלייכגילטיג זיך צוהערען די מעשות וועגען זיינע זיידעס, די אמאליגע רעגירער פון לאנד, אזוי קען נישט פייערבערג גלייכגילטיג פארבייגעהן קיין וויכטיגע געשעהענים פון דעם יודישען עבר. די געשטאלטען פון עבר פערפאלגען איהם, ווי נאהענטע, אייגענע. ער זעהט אין חלום דעם „קדוש“ וואס האט געלעבט אין המעלניצקי'ס צייטען; ער זעהט דעם רבי'ן, וואס האט זיך צוזאמען מיט זיינע יונגע תלמידים מוסר נפש געווען צוליעב קדוש השם, און ער זעהט דאס בלוט פון די הרוגים, וואס פליסט ווי א קליינער שטראם דורך די גאסען, און

פריה, פריה הויבט אָן דער קליינער חפני צו פיהלען, מיט וואָס פאַר מאָרים׳דיגע זאַכען עס איז אָנגעזאַפּט זיין לעבען.

טיעף און אָריגינעל איז די קליינע ערצעהלונג „די קמיע“, וואו פייערבערג שילדערט אונז, ווי חפני ווערט צום ערשטען מאָל אַ „רעק־היט“ ביים רבונו של עולם, אום מיט הייליגע כלי־זין צו שטרייטען אַקעגען די טויזענדער שונאים.

הויכע טיעפע רעד פיהרט זיין טאַטע מיט איינעם אַ מקובל: „איך האָב זיי נישט פערשטאַנען — דערצעהלט חפני — אָבער מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. איינס האָב איך יאָ פערשטאַנען: אַז דער מצב איז שרעקליך, אַז די מלחמה איז אָהן אַ ג׳עק, אַז דער יצר הרע איז אַ גע־פעהרליכער שונא. ער איז אַ מלאך, האָטש אַ שלעכטער, אָבער דאָך אַ מלאך... אייביג מלחמה האַלטען, האָב איך געטראַכט, אייביג זיך ראַנגלען, אָ, ווי שווער דאָס איז!

— „נאַ דיר אַ קמיע“ — האָט דער טאַטע אָבגעהאַקט מיינע געדאַנ־קען... און אַרויסגעהענדיג האָב איך שוין געפיהלט אין זיך אַ קוואַל פון גבורה. כלי זין האָט מען מיר געגעבען... אַ סאָלדאַט בין איך, און איך וועל מלחמה האַלטען“... (ז. 26).

די אָנגעפיהרטע שטעלען ווייזען, מיט וואָס פאַר אַ לעבעדיגער פאַנ־טאַזיע דער יונגער פייערבערג האָט אַיינגעזויגען איטליך ליכטיג און בלוטיג פינטעלע פון טויזענד־יעהריגען יודישען גלות. זיי ווייזען אויך, ווי פריה ער האָט שוין דערשפּירט אַ פעראַנטוואָרטליכקייטס־געפיהל קעגען אונזערע טויטע העלדען און הייליגע הרוגים. ווי איטליכער גע־הויבענער גייסט, איז ער געקומען אויף דער וועלט מיט אַ מין ערבות. נאָך איידער ער האָט געגאָסען דאָס גוטס פון לעבען, נאָך איידער ער האָט זיך אָנגעפרעהט מיט די גרינע טעג פון זיין יוגענד, האָט ער זיך שוין געפיהלט פאַר אַ בעל־חוב קעגען עפּיס אַזוינס, „וואָס ער קען דאָס מיט׳ן נאָמען נישט אָנרופען, וואָס איז שרעקליך פון געשטאַלט און וואָס שוועבט אַרום צווישען די טונקעלע שאָטענס פון שטוב“.

דאָס, וואָס האָט אין אָנהויב נאָך אייגענטליך נישט געהאַט קיין הויך, קיין קלאָרען אינהאַלט, איז מיט די יאָהרען געוואָרען אַלץ טיע־פער און קלאָרער. מיר זעהען שפּעטער דעם אייגענעם חפני („צללים“ און „לאָן“) אַן אַייסגעוואַקסענעם, געבענשט מיט אַן אַיידעלען בליק פאַר די נאַטור און פאַר דעם קאָלעדיגען לעבען. אין „לאָן“ ערשיינט ער אין געשטאַלט פון דעם יונגען נחמן, אַרבּ׳ס אַ זוהן, אַ עלוי און אַ

קינפֿטיגער גאון ביי יודען. נחמנ'ס אויג האָט שוין אַ פֿיינעם געפֿיהל פֿאַר די פּראַכט פֿון גאָט'ס וועלט: ער קען נישט קוקען גלייכגילטיג אויף אַ שענעם פֿריהמאָרגען, אויף אַ פֿאַרנאַכט, בעת עס ביטען זיך אויפ'ן הימעל וואונדערליכע קאָליערען; ער האָט שוין ליעב די שטילע גרויסע פֿרייהייט פֿון דער איינזאַמער נאַטור, און זיצענדיג אויפ'ן שפּיץ באַרג, דעם איינציגען גרינעם אָרט פֿון אַ אומעטיג יודיש שטעדטעל, לעבט ער מיט זיך און זיינע געדאַנקען, — זיינע איינציגע פֿריינד און פֿיינד.

פֿייערבערג'ס לעבעדיגע פֿאַנטאַזיע הערט נישט אויף צו מאָלען איהם דאָס בילד פֿון דעם יודישען עבר. די מכשפים און ציגיינער פֿון די קינדערשע יאָהרען זענען שוין אויסגעמעקט. צווישען די ליכטיגע געשטאַלטען פֿון די נביאים, תנאים, אמוראים, די פֿילאָזאָפֿען פֿון דער אמונה, ר' שלמה גבירול, דעם רמב"ם און אַנדערע, מישען זיך אויס אַנדערע, וועלכע טראָגען אויף זיך אַנ'אייביגען טרויער אויף דעם חרבן פֿון דער יודישער נאַציאָן. די ווערטער פֿון דער תפלה: „געוואַלד רבונו של עולם, וואָס איז פֿון אונז געוואָרען, קוק און זעה אונזער שאַנד!" זענען פֿאַר איהם נישט קיין ווערטער, נאָר אַ בילד. ער זעהט דעם כותל מערבי, דעם פֿוקס, וואָס גנב'עט זיך דורך זיינע לעכער, דעם פֿינסטערען שלייער וואָס דעקט צו ירושלים, די שטאָדט פֿון אבלים; און ער זעהט ביים עק שטאָדט דעם אַלטען דוד ביי אַנ'אָפֿענער היכל. דוד'ס פֿינגער בעריהרען די סטרונעס פֿון אַ האַרפֿע, און אַ טרויעריג ליעד, שוואַרץ ווי די נאַכט, צעוויינט זיך אין דער לופֿט; און אַ ביסעל ווייטער שטעהט דער טערק, אַ שווערד גורט אום זיינע לענדען... ער איז דער וועכטער פֿון דער וויסטער שטאָדט...

פֿאַר דעם יונגען נחמנ'ס אויג געהען פֿאַרביי אַלע די גרויסע מענשען, וואָס האָבען נישט געקענט רוהיג צוזעהן די שאַנד פֿון אונזער חורבן, וואָס האָבען מיט'ן בלוט פֿון זייער האַרצען געזוכט צו דערנעהנטערן דעם כוף פֿון אונזערע יסורים. פֿון די ערשטע גרויסע קדושים, ביז'ן אר"י ז"ל, יוסף די־לי־רייני און דעם בעש"ט — קען ער זיי אַלעמען ווי זיינע נאָהענטע אייגענע. און אַזוי ווי זיין ערבות־געפֿיהל איז נאָך שטאַרקער, ווי אין יענער צייט בעת ער איז געווען נאָך דער קליינער הפני, גיט ער זיך אַ הייליגען נדר אַראָבצוברייגען משיח'ן, מען מוז אַראָבברייגען משיח'ן, מען מוז איהם ברענגען, עס מעג זיין וואָס עס וויל!" (ז. 37), שרייט נחמן אויס מיט אַ פֿערבלוטיגט האַרץ.

זיין בענקען נאָך־משיח'ן צוזאַמען מיט די תעניתים און סגופֿים

פיהרט נישט צו קיין ציעל. אין נחמנ'ס יונגען גייסט הויבען אָן זיך צו בעווייזען די ערשטע ספקות. ער ווייגט דורך גאַנצע נעכט, ער הויבט אָן מתרעם צו זיין אויפ'ן רבש"ע. פירכטערליכע פראַגען הויבען זיך אָן צו ריהרען ווי שלאַנגען אין זיין מח. ער פרעגט: הונדערטער יאָהרען ווייגט אַ פאָלק און בעט, בעט גאולה, און גאָט איז זיך נישט מרחם? בילדער פול פון פיין שטייגען אויף אין זיין פאַנטאַזיע. און אַ שרעקליכער געדאַנקען, שאַרף ווי אַ מעסער, צושניידט זיין קינדישע טרייקייט צו גאָט: צי האָט די זון נישט געלויכט מיט דערזעלבער קאַלטבלוטיגקייט אויף די הייליגע גופים צו חמעלניצקי'ס צייטען, ווי היינט אויף דעם חורבן פון דער גאַנצער יודישקייט? ער בעהאַלט זיך פאַר די שרעקליכע געדאַנקען, וואָס מאַכען וואַנקען זיין אמונה. ער וויל אויסרייסען מיט'ן בלוט פון האַרצען די זינדיגע מחשבות. ער קען שוין אָבער נישט לויז ווערען פון זיינע ערשטע ספקות. צוגלייך אָבער דרינגט אַריין אַלץ טיעפער און טיעפער אין נחמנ'ס האַרצען „דער געזאַנג פון לעבען". עס איז שווער און אוננאַטירליך, צו לעבען נאָר אין עבר. פיעל שווערער איז דאָס אָבער פאַר די נחמנ'ס, וועלכע האָבען אַנאָפענעם בליק פאַר די ריינע פראַכט פון גאָט'ס נאַטור. שבת-צו-נאַכט, שטעהענדיג נעבען אַ טייכעל, וואָס פליסט זיך שטיל און רוהיג צווישען זיינע ברעגעס, קוקענדיג אויף דעם וועלדעל פון אַנדער זייט טייך, און איינזויגענדיג די שטימען פון דער נאַטור, דעם געזאַנג פון די פויגעל, דאָס רוישען פון גראָז,— פיהלט ער, אַז דאָס, וואָס ער זעהט דאָ, רעדט צו איהם נאָר אין אַנ-אַנדער שפראַך, „נישט אין דער שפראַך פון הדר, פון רבי'ן, נישט אין דער שפראַך פון בית המדרש און פון מאַרק, נישט אין דעם לשון פון שטוב אָדער פון גאַס" (ז. 39). נאָך שטאַרקט זיך ביי איהם זיין ערבות-געפיהל, און ווי אַ געפעהרליכען כשוף אונטערדריקט ער זיינע נאַטירליכע געפיהלען. ער ווערט צום צווייטען מאָל, נאָך דעם בעזוך ביי'ם בעל-שם, אַ רעקרוט פון רבונו של עולם. אָבער שוין אַ הויכער מין רעקרוט, איינער פון די, פון וועלכע קיבוים קלייבען זיך אויס די גוואַרדיע.

די זייטען 47—59 אין „לאן", וואו עס שילדערט זיך דער קאַמפף אין נחמנ'ס נשמה צווישען דיביידע קרעפטען, וואָס ציעהען איהם אין פערשיעדענע זייטען, צווישען דעם חשק צו לעבען, לעבען מיט אַלע זאַפטען פון דער יוגענד, לעבען מיט אַלע נערווען פאַר דעם היינט און דעם מאָרגען, און דעם ערבות-געפיהל פאַר די ירושה פון עבר,—די זייטען וועלען שטענדיג בלייבען איינע פון די

טיעפּסטע און גרויסאַרטיגע אין אונזער נייער יודישער ליטעראַטור.

וואָס ווייטער שטאַרקען זיך די ספקות, שטאַרקט זיך אַלץ דער יצר הרע צום לעבען. „ער שטעלט שוין פֿראַגען איף פֿראַגען און ער פֿערלאַנגט שוין אונגעדולדיג אַן ענטפֿער" (ז. 56). נאָך קלינגען איהם אין די אויערען זיין פֿאָטער'ס ווערטער, די ווערטער פֿון אַלטען ערליכען סאָלדאַט, וועלכער ערקלערט איהם, „דאָס יעדער דור האָט זיך זיינע אייגענע געצען, און דאָס מיר יודען זענען די איינציגע טריע סאָלדאַטען פֿון זיין געליבטען נאָמען". נאָך שטאַרקט זיך אין איהם אַ קינדישע ערבות פֿאַר גאָט'ס תורה, אָבער דאָס לעבען אַרום פֿאָדערט זיינס, און די ספקות מעהרען זיך, און דער געזאַנג פֿון לעבען קומט אַלץ נעהענטער און נעהנטער. אין איינמאָל ווערט נחמנ'ען קלאָר דער שרעקליכער געדאַנק, דאָס די מלחמה פֿאַר די יודישקייט איז אַ פֿיסטער אוננוצליכער קאַמפּף, אַ מלחמה פֿון אַ פּרינץ פֿאַר אַ טויטע בת-מלכה, וואָס וועט שוין קיינמאָל נישט אויפֿשטעהן פֿון ארון. און פֿון דער צייט אָן פֿערליערט זיך שוין נחמן אין געדאַנקען. ער שטעהט צווישען אַ איינבאַלזאַמירטען טייערען בר-מינן און צווישען אַ לעבען אַרום, וואָס האָט קיין שייכות נישט צו זיין טייערן נפֿטר; ער ווערט געצוויגען אַהין און אַהער און ווייסט נישט וואוהין. פֿאַר'ן יונגען נחמן שטעהט די גרעסטע און שרעקליכסטע פֿראַגע: וואוהין? וואוהין?

אין צייטען, בעת דער גיהנם פֿון די ספקות ברענט אים זיין יונגען מה און האַרץ, שרייט ער אים ווי מיט דעם קול פֿון אַ געפּייניגטען: „די גאַנצע וועלט איז נאָר אַ פּינטעל אין מיין האַרצען, און מיין האַרץ נאָר איין קליין פּינטעלע אין מיין אַלטען בית מדרש" (ד. ה. אין דעם הייליגטום פֿון דער פֿאַרצייטיגער יודישער קולטור). און אין אַ ווײַלע ווייטער שרייט שוין אָבער אַ איין אַנדער שמערץ אין זיין ברוסט. ער ווייסט, „דאָס ז'ער בית מדרש קען נישט געבען אַלץ, וואָס דאָס לעבען פֿאָדערט, אַז מען קען און מען דאַרף מעהר פֿערלאַנגען ווי דאָס, וואָס דער אָרט קען געבען. צי האָבען זיי (דער „מורה", דער „כוזרי") דאָס געפֿונען? ניין, זיי האָבען נאָר ברייטער געמאַכט דעם בית מדרש, אָבער די שליסלען צו אַ ברייטערער גרעסערער וועלט, האָבען זיי נישט געפֿונען" („צללים" ז. 103). און אין אַזעלכע צייטען, בעת עס ווילט זיך איהם פֿערלאָזען אויף שטענדיג די ענגע בית-מדרש-וועלט, ד. ה. דעם אָרט, וואָס עס איז פֿול אָנגעפּאַקט מיט די אוצרות פֿון אונזער עבר, הויבט ער אָן מיט נייגעריגע בליקען זיך צו צוקוקען צו דעם וואָס עס

טהוען די, וועלכע לעבען אַנ'אֶמת לעבען אין דער אֶמת'ער וועלט. ער וויל וויסען, ווי זיי לעבען, ווי זיי טראַכטען, ווי זיי דענקען און פיהלען. ער וויל וויסען, צי לײדען זיי אויך נישט פון אינעווייניגסטע סתירות, צו זענען זיי גליקליך, צי האָבען זיי הנאה פון דער וועלט, צי איז זייער טון און טראַכטען איינס און דאָס זעלבע? אַלס יוד אָבער, אַלס אַגליעד פון אַ פאָלק פון כהנים און נביאים, האַפט באַלה זיין פיין „אידעל הארץ דאָס נישט-מאָראַלישע, מיט וועלכען עס איז אָנגעזאַפּט די היינטיגע וועלט-קולטור. אפשר לײדען די מענשען ווייניגער פון די סתירות אין איינענעם לעבען, אפשר זענען זיי פריי פון דעם פוסטען הלום לעבעדיג צו מאַכען פערטריקענטע מומיעס; דערפאַר אָבער פיהרט זיך דאָרט אַ מלחמה צווישען מענש און מענש, ווי צווישען חיות אין וואַלד. חפני, נחמן, אָדער פייערבערג שטויסט אָב די האַרטע און געפיהל-לאָזע געגג און פיהרונגען פון דער איראָפּעאישער וועלט, און ער רופט אים: „אידער צו זיין אַבעדריקער, בעסער צו זיין דער געדריקטער", איידער אַ שוחט, בעסער אַ קרבן. פייערבערג קען זיך אַ ווײלע אָבזאָגען פון עבר, ער קען אָבער זיך נישט אָבזאָגען פון די געפיהלען, וואָס דער עבר האָט אין איהם ווי אין זיין פאָלק טיעף איינגעפלאַנצט. ישעיהו הנביא האָט געלאָזען דער וועלט ז'ין „והיה באחרית הימים" און זיין אור-אור-איניקעל מ. ז. פייערבערג קען דאָס נישט פערגעסען. און ווען ער רעדט פון גוטע בעסערע צייטען, גלויבט ער, אַז דעמאָלט וועט מען זינגען אַ ניי רחמנות-ליעד, דאָס ליעד פון דער פליעג, וואָס ווערט געפייניגט פון דער שפין („יעקב דער וועכטער" ז. 119). צובראָכען, אויסגעמאַטערט פון טויזענדער געפיהלען און צווייפעל, פון ליעבע נישט ווייניגער ווי פון האַס, געפינט פייערבערג נאָר איין ענטפער אויף די פראַגע: וואוהין? דעם איינענעם ענטפער, וואָס האָט זיך געגעבען דאָס יודיש פאָלק, בעת עס האָט בעקומען נאַציאָנאַלע אידעאַלען און האָט אָנגעהויבען הויך דעם עבר אויך צו אַרבייטען פאַר אַ צוקונפט.

V

נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך לענגער אָבגעשטעלט אויף דעם אינ-האַלט פון פייערבערג'ס ווערק, הויבען מיר אָן נאָך קלערער צו בעגרייפען

די הויפט־סמנים פון זיין פּאַעטישען גייסט. מיר קענען דאָס איצט אפילו אויסדריקען מיט אַ ביסעל אַנדערע ווערטער. די לעבעדיגע פאַנטאַזיע פון קליינעם פייערבערג־הפּני האָט געבראַכט דערצו, אַז פייערבערג איז געהאָרען אַ עלט קינד פון דער גרויער יודישער פערגאַנגענהייט. ער איז צוזאַמענגעוואַקסען מיט דעם יודישען עבר, ווי עס איז נאָר ווייניגען פון אונז בעשערט. זיין פעראַנטוואָרטליכקייטס־געפיהל האָט זיך ענטוויקעלט אין אַ ערבות פאַר אַלע שיקזאַלען פון יודישען פאָלק. צוערשט פאַר דעם עבר פון פאָלק, שפּעטער היפּטזעכליך פאַר זיין צוקונפט, פאַר זיינע נאַציאָנאַלע אויפבליהונג און אויפלעבונג. און דורך דאָרניגע שנייאיגע וועגען פון ספקות איז ער דערגאַנגען צו אַ נייעם בעגריף פון לעבען בכלל און פון יודישען פאָלק בפרט. שווער איז געווען זיין אינעווענינסטער קאַמפף, פריה איז ער אין איהם אַריינגעצויגען געוואָרען. צו־פריה איז ער דערגאַנגען די שרעקליכע גריבער און פאַנג־נעצען פון לעבען. דעריבער האָט ער דורכגעלעבט זיינע קורצע יאָהרען אין איין פחד, אין איין הוילען אַנגסט פאַר'ן לעבען בכלל. כמעט אויף איטליך זייטעל פון זיינע ערצעהלונגען געפינען מיר דאָס וואָרט: ווי שרעקליך ז״ז דאָס לעבען. אויף דעם קליינעם הפּני פאַלט שוין אָן אַ פחד, ווען ער לערנט אין חדר „לך לך מארצך וממולדתך“. ווי שרעקליך מוז דאָס זיין איצט צו געהן!“ (ז. 4), ציטערט זיין יונג הערצעל. נחמנ'ען פערפאָלגען אַנדערע אַנגסטען און שרעקען. און ביי יעדען ספק, ביי יעדער ביטערער מחשבה רייסט זיך אַרויס פון פייערבערג'ס מויל, ווי אַ שטענדיג צושפּיעל דאָס געשריי: אָ, ווי שרעקליך איז דאָס לעבען!! פייערבערג, וואָס איז נאָך זיינע אינסטינקטען געווען אַ שטילע, אין־זיך פערקלערטע נאַטור, אַ מענש וואָס האָט ליעב שטיל און מיט אַ טיעפען געדאַנקען זיך צוקוקען צום לעבען, — אָט דער פייערבערג איז צוליעב זיין ערבות־געפיהל געצוואונגען געווען צו ווערען פון קינדהייט־אָן אַ שטרייטער, אַ כאָלדאַט פאַר אַלטע הייליגקייטען. זיין צאַרטע נאַטור האָט דאָס נישט געקענט פערטראָגען. דער אייביגער קאַמפף האָט איהם אָבגעשטויסען, אָבער ער האָט איהם געמוזט פיהרען. ער זאָגט זיין איין אָרט: „איך בין אַ קינד פון אַ פאָלק, וואָס האָט קיין זאַך נישט, אויסער אַן אייגענער אמונה. נאָר צוויי וועגען האָבען די פאַר זיך: צו שטרייטען פאַר אָדער געגען די אמונה. און איך וויל גאָר זיין אַ פרייער מענש. נישט דאָס איז דאָס ציעל פון מיין לעבען צו שטרייטען פאַר די אמונה אָדער געגען. אַנדערע שטרעבונגען שפּיר איך אין האַרצען און אַנ־

דערע טאַטען פֿערלאַנג איך פֿון מיין פֿאָלקס־וועלטעל" (ז. 31). שפּע־לעבען געטריבען אין אַ נייעם קאַמפּף, אין דעם קאַמפּף פֿאַר נאַציאָנאַלע טער, אַז ער האָט זיך אָבגעזאָגט פֿון דער מלחמה, האָט איהם דאַס אידעאַלען. אַלע די מלחמות זענען געווען אינעווייניגסטע האַרצענס־זאַכען. נישט מיט מענשען האָט ער געשטריטען, נאָר מיט זיך אַליין און מיט זיינע אייגענע מחשבות. און דאָס איז איינע פֿון די שרעקליכסטע מלחמות, דערום האָט פֿייערבערג, וואָס האָט געהאַט אַזוי פֿיעל גאַבען צוגעניסען דאָס לעבען, פּחד בעקומען פֿאַר דאָס לעבען, וואָס גיט איהם נישט זיינע זיסיגקייטען, נאָר שטענדיג די ביטערקייטען פֿון אַן אייביגען קאַמפּף.

פֿייערבערג'ס לעבען און זיינע ווערק זענען צוגלייך דער ודוי פֿון טויזענדער יודישע יונגע בעגאַבטע נשמות, וועלכע ליידען פֿון די אייגענע ספֿקות, וועלכע בלאָנקען אויך אַרום פֿון עבר צו אַ דונקעלער צוקונפֿט מיט דער פֿראַגע: וואוהין? אויף די ליפּען. זיין לעבען, ווי זיינע ווערק דריקען אוים די אייגענע שטרעבונגען, האָפֿנונגען און קאָנוואולסיעס פֿון טויזענדער־טויזענדער אין יודישען פֿאָלק. דעריבער איז פֿייערבערג געוואָרען פֿון די פֿיעל־געליעבטע פּאָעטען ביי אונזער יוגענד, וואָס שטרעבט נאָך אַ נאַציאָנאַלען אידעאַל.

אין אַ צייט, ווען ביי איטליכען פֿון אונז שטאַרקט זיך די ליעבע צו אונזער עבר, די ערבות פֿאַר דעם צוקונפֿטיגען גורל פֿון אונזער פֿאָלק, איז דער נאָמען פֿייערבערג, ביי וועמען די הייסע געפֿיהלען האָבען זיך אויסגעדריקט אַזוי שטאַרק — געוואָרען איינער פֿון די געשעצטעסטע אין דער יודישער ליטעראַטור. ווען נישט זיין פּחד און אימה פֿאַר'ן לעבען, ווען נישט דער טרויער־גלאַנץ, וואָס דעקט צו פֿייערבערג'ס טאַלאַנט, וואָלט ער געקענט געצעהלט ווערען צו אונזערע בעסטע גייסטער, וועלכע האָבען געזונגען דאָס ליעד פֿון דער אויפֿלעבונג פֿון יודישען פֿאָלק.



ח. נ. ביאליק

# ח. נ. ביאליק.

(משירי הזעם).

איטליכעס מאָל, ווען איך נעהם זיך צו שרייבען וועגען ח. נ. ביאַ־ליק׳ען, פיהל איך זיך עפּיס, ווי אַבהענדיג, שוואַך, קליין און ניעדער־געשלאָגען... ער איז צו שטאַרק פאַר מיר, צו מוראידיג גרויס מיט זיינע נקמה־געפיהלען און זיין ווילדען תוכחה־כעס. עפּיס מאָלט זיך מיר די געשטאַלט פון אַ פערצייטיגען נביא, עפּיס קלינגט מיר זיין שפּראַבע ווי אַן׳אַריבערגעלאָפענער דונער פון אַ טויטער וועלט; און זיין שפּראַך איז אַזוי האַרב, און האַרט איז זי, ווי אַ פעלז, און אייביג, ווי אַ פעלז.

דעם אויבערשטענס וועלט איז פול מיט אַלערליי וואונדער; אויך אין זיין ליטעראַרישער וועלט שוויבעלט און גריבעלט עס פון אַלערליי אַנטיקען און רעטענישען. ווער וואָלט דאָס געגלויבט, אַז סוף פון 19־טען יאָהרהונדערט וועט געבאָרען ווערען אין אַ קליין רוסיש שטעדטעל אַ מענש מיט אַ פייער־שפּראַך פון אַ ישעיה׳ן און אַ יחזקאל? און נישט נאָר מיט אַ הויהלער שפּראַך,— נאָר אויך מיט די אייגענע דמיונות פון גאָט, מענש און וועלט, ווי די פון די אַלטע גרויסע נביאים. דען אין ביאַליק׳ס שירים לעבט נישט נאָר אָב אויך דאָס ניי די אַלטע ביבעל־שפּראַך; עס לעבט אויך אין זיי דער אַלטער גאָט, דער ה׳ צבאות בײ וועמען

די הימלען זענען נאָך אַלץ זיין אַלטע טראָהן-זעסעל און זיין פֿוס-בענקעלע — די ערד, די שווערע גראָהע ערד...

פֿאַר עטליכע יאָהרען צוריק האָט איינער אַ אָדעסער יוד נאָכגעמאַכט די דרייפֿאַכע קרוין פֿון עפּיס אַ פֿאַרצייטיגען סאַיטעפֿערנאָס. דער נאָכמאַך איז געווען אַזוי קונציג, דאָס אַ סך גענײטע געלערנטע לייט האָבען נישט געקענט פֿועל'ן ביי זיך נישט אַנצוערקענען די אַרבייט פֿון אַן אָדעסער גאָלדשמיד פֿאַר אַ פֿערצייטיגע אַנטיק-אַרבייט. די וועלט איז געווען אויף מיט דער דאָזיגער מעשה. ווער וואונדערט זיך אָבער אויף ה. נ. ביאַליק'ען, וועלכער איז נאָך טויזענדמאָל טיעפֿער איינגעדרונגען אין די טויטע וועלט פֿון די פֿערצייטיגע נביאים, וועלכער מאַכט נישט נאָך, נאָר שאַפֿט אַ י י ג ע נ ע ס; וועלכער פֿערשטעהט אַריינצוגיעסען אין דעם אַלטען גאָלדענעם פֿורעם פֿון די נביאים די פּיין און די נויט און דעם ניפּטיגביטערען גאַל פֿון דער היינטיגער צייט?! ווען מאַנכע פֿון ה. נ. „ביאַליק'ס קאַפּיטלעך" וואָלטען צופֿעליג פֿערבלאָנדזעט צווישען די נביאים אין תנ"ך, ווען דורך אַ טעות פֿון הבחור הזעצער וואָלטען זיי אַריינגעפֿאַלען צווישען די דינע פּיינע בלעטער פֿון אַ „לעטעריסעל", — גלויבט מיר, קיין חכם וואָלט נישט געקענט אַזוי גיך דערקענען, אַז זיי זענען היינט געשריבען געוואָרען. פֿון איטליכען קאַפּיטעל וואָלט מען אַ הפֿטרה געמאַכט, און קליינע קינדער וואָלטען זיי געלערנט מיט'ן אייגענעם מעלאַנכאָלישען פֿרומען נגון, ווי די ווערטער פֿון ישעיהו בן אָמוץ. די בעלי-הפּיוטים וואָלטען די ביטערסטע תּפֿלות פֿון זיי געמאַכט, און שטיקלעךווייז, פּאַסיקלעך-ווייז, פֿונקענווייז וואָלטען זיי אַריינגעדרונגען אין די נשמה פֿון יודישען פֿאָלק.

ווען איך קוק אויף די אויסגאַבע פֿון ביאַליק'ס שירים, ווען איך בעטראַכט די נייע אויסגאַבע פֿון זיינע פּאָגראָם-פּאָעזיע מיט דעם שענעם פֿאָדערבלאַט, וואו טוידטע שאַרבענס און מענשליכע ביינער זוימען אַרום דעם טיטעל „משירי הזעם", (אויך דאָ זענען די אותיות פֿון מענשליכע ביינער צוזאַמענגעשטעלט), — פֿיהל איך עפּיס אַ שטיקעל בזיון אין האַרצען. מיר דוכט זיך, אַז ביאַליק'ס פּאָעזיע דאַרף אויך אויסערליך האָבען אַ בעזונדערען פּנים. שוין דאָס פֿאָדערבלאַט דאַרף זיינו דערמאָהנען אָן די אָבגעשטאָרבענע אייביג לעבעדיגע נביאים-וועלט, אָן די פֿערשטויבטע אורים ותומים פֿון כהן גדול, אָן די כלי קודש פֿון טיטוס-טהויער אין רוים. אַ שאָד וואָס ישראל ראַחומאָווסקי, דער קינסטלער פֿון סאַיטעפֿערנאָס'ס

דרייפאכער קרוין איז נישט דער הערויסגעבער פון ביאליקס ווערק. נאר ער, דער קונציגער ראהומאָווסקי וועט געפינען דעם אויסערן פורעם פאר ביאליקס געוואלטיגע איבּיג אַלטע און איבּיג נייע נביאים־פּאָעזיע.

* *
*

זאָל איך מיינע איינדריקע איבערגעבען פון די דריי פּאָעטישע ווערק און „משירי הזעם"?

איך פיהל מיך צו שוואך דערצו, איך וויים נישט, אויב דער אָרע־מער זשאַרגאָן וועט גאָר האָבען די ווערטער, מיט וואָס דאָס אויסצודריקען. די זשאַרגאָן־וועלט איז ביז פאַר קורצען נאָך נישט דערגאַנגען צו קיין שטאַר־קען צאָרניגען פּראָטעסט, צו קיין טיעפע אַחדות און נקמה־געפיהלען. דאָס איז געווען אַ קנעכטישע פערשקלאַפטע עדה, וואָס האָט פערלערנט די קללה פון גאָט, וואָס האָט נישט אויפגענומען אין איהר שפּראַך די גאַל פון אַ תוכחה. די העכערע געפיהלען פון ליעבע און שנאה, פון גבורה און נקמה, פון אַ פלאַמענדער אמונה און אַ ווילדער כפירה זענען בּיס־לעכוויין פערלאָשען געוואָרען. עס זענען נאָר געבליעבען די תנ"ך־ווער־טער אין איהר זכרון, אָהן איינגענע צוגעלעגטע נייע ווערטער, פרישערע, היינטיגערע. וויל מען אָבער רעדען פון ביאַליקס ווערק מוז מען זיך פער־זאָרגען מיט אַ ווערטערבוך פון צעהן תוכחות, פון הונדערטער קללות מיט וואָס אַ נביא פערשילט די וועלט, די מענשען און זיך אַליין. דען ביאַליק איז ווי די אַלטע נביאים אַ גרויסער אַכזר: אַן־אַכזר אויף זיך, זוי אויף זיין פאָלק; און הייבט ער אויף זיין בליק צום הימעל, צו די שטערן, צו דעם געצעלט וואו עס טהראָנט זיין גאָט פון תנ"ך, ווערט דאָרט אויבען אַ גערודער, ווי ווען די ערד וואָלט אַהין בליצען געשליידערט.

אין דעם וויכען צוקראָכענעם יודישען לעבען, וואו רחמנות איז דאָס הויפּטגעפיהל, וואו אַ קרעכץ די הויפּט־מעלאָדיע און אַ טרעהר איז דאָס וואַסער, וואָס פערגלעט די מאוס׳דיגסטע צרות און אונגערעכטיג־קייטען פון טאָג, — קלינגט דער ברענענדיגער כעס פון אַ ביאַליק, ווי דער טרוקענער זודיגער מדבר־ווינד.

ביאַליק איז אַ גרויסער אַכזר. אין „עיר ההרגה“, אויף די חורבות פֿון נאָך אַ קישינעווער פּאָגראָם שפּאַנט ער מיט דעם ווילדען טריט פֿון אַ פֿערבלוטיגטען ריעזען, שפּאַנט ער שטום פֿאַר גרויס שמערץ מיט טוי־זענדער גאַליגע געפֿיהלען, וואָס שטאַרען אַרויס ווי דערנער פֿון זיין נשמה, און שטעכען ביז צום טויט. ער פֿערטרינקט מיט'ן גיפֿט פֿון זיין האַרצען די וועלט וואָס האָט אַזוינס צוגעלאָזען, ער שוינט נישט דאָס אייגען פֿאָלק, וואָס האָט זיך געלאָזט שעכטען ווי שעפּסען, וואָס האָט געפֿונען אַ מיאוס'ען טויט אויף בוידעמס און אין קעלערס, אין שטעלעכלעך און אין פֿינסטערע שמוציגע לעכער. ער גיעסט בלוטיגע טרעהרען אויף אַלע די הייליגע קינדערשע און פֿרויען־נשמות, וואָס זענען געוואָרען בעשמוצט פֿון שענדליכע הענד. ער לאָזט אָבער נישט קיין ברעקעל טרייסט פֿאַר די לעבעדיג געבליבענע, ווייל אין זייער שוואַרצאַפּעל האָט זיך אָבּ־געצייכענט אויף אייביג דאָס האָזענהאַרץ פֿון זיין פֿאָלק. די צוקראָכענע פֿערפֿוילטע נשמה פֿון זיין צעפֿאַלענער נאַציאָן.

צעהן ירמיהו'ס אין איינעם וואָלטען נישט געשריבען אַזאַ „איכה“. עס בלייבט נישט קיין איין ליכטיגער פֿונק איבריג, וואָס זאָל געבען אַ טרייסט אויף אַ רגע. ביאַליק האָט זיך אין זיין עיר ההרגה אויס־געגליכען ווי גרויס ער איז, און זיין פֿויסט איז דאָרט מעכטיגער ווי פֿון אַן עוג מלך הבשן. די קראַפֿט פֿון אַ שמשון הגבור צוזאַמען מיט דעם ווילדען כעס פֿון אַ ישעיהו הנביא און די שנאה פֿון אַ שילאָקשען „שפֿוך־המתך“ האָט זיך פֿעראייניגט אין איהם צו אַ געוואַלטיגער מעלאָדיע. ער שפּאַנט מיט ווילד־פֿלאַקערענדע אויגען און פֿערביסענע ליפּען דורך דעם גרויסען שפּיטאָל, וואו עס קרעכצעט דער פֿערגעבענער קראַנקער, דאָס יודישע פֿאָלק, רייסט אַראָב פֿון איהם אַלע בינדען, קאָמפּרעסען און אייז־בײַנכערס, עפֿענט אויף אַזוינע וואונדען און טיטעלט מיט בייזע פֿינ־גער אויף די צעפֿוילטע שטעלען, און גיעסט אונז אין פּנים אַריין דעם גרינעם אייטער פֿון די עמערס. ער פֿערסמ'ט די וועלט און זיין פֿאָלק, און אַליין געדיכטער ווערט נאָך דער סם־המות, וואָס ער טראָגט ביי זיך אין האַרצען. דען נאָך איטליכען טראָפּען גיפֿט, וואָס ער שפּייט אונז אין פּנים אַריין שטאַרקט זיך דער קוואַל פֿון סם־המות אין זיין אייגענעם האַרצען. און נאָך דעם ווילדען שפּאַציערגאַנג פֿון אַ משוגענעם נביא אי־בער די קישענעווער גאַסען, איבער די חורבות פֿון אַ פֿאָלק, וואָס ווערט געשאָכטען ווי בהמות, לויפֿט ער אַוועק אין אַ מדבר, נאָך מעהר אַנ־אָנגעזעמיגטער, אַ פֿערגיפֿטעטער, נאָך מעהר אַ פֿערצווייפֿעלטער און נאָך

שרעקליכער, ווי געווען. ער טראָגט מיט זיך דעם „פולען בעכער פון שוואַר־צען טרויער". און זיין ברוסט האָט נאָר איין געשריי:

„צוריים דיין נשמה אין צעהנדליגער שטיק,
שליידער אַוועק דיין האַרץ, אַלס אַ מאכל,
צום פלאַקער פון קראַפּטלאָזען צאָרן.
און דיין גרויסע טרעהר גיעס אויס אויפ'ן שפּיץ פון די פעלזען,
און לאָז אַרויס פון דיר דיין נאַליגען געוואַלט־געשריי,
און זאָל ער צופליקט ווערען פון ווילדען שטורם.

* *
*

די דריי ווערק „משירי הזעם" זענען צוגלייך דער פולער בעכער פון ביאַליק'ס שוואַרצען טרויער. און דער טרויער אין איהם איז אַזוי געדיכט שוואַרץ, ווי דאָס קען נאָר אַרויס ביי אַ נביא פון 20־טען יאָהר־הונדערט. וועלכער האָט דורכגעמאַכט אַ סך מעהר חורבנות, ווי זיינע גרויסע פאַרגענגער.

זייט צוויי יאָהרען איז די געוואַלטיגע טראַגעדיע פון יודישען פאָלק געוואָרען כמעט די איינציגע טהעמע ביי ביאַליקען. זיין לעצטעס גרעסטעס ווערק „מגילת האש" טראָגט נאָך דעם אונטער־טיטעל „פון די לעגענדען פון חורבן", און דאָס קאָלאָריט אין איהם איז שוין אַזוי שוואַרץ, דאָס עס איז כמעט נישט צו פערטראָגען דעם פעך־שוואַרצען שטראָם, וואָס גיעסט זיך אין דעם דאָזיגען געוואַלדיגען ווערק. אַ טויזענדיאָהריגע פער־צווייפלונג האָט זיך בעזעצט אין די ברוסט פון איין איינציגען. דער פערשטיקטער געוואַלטגעשריי פון אַ דורות־לאַנגען גלות האָט לשון בעקומען. און דער פלאַקערענדער פראָטעסט געגען דעם משוגע־נאַרישען קוואַלפאַלען אונבערחמנות'דיגען לעבען אָהן אַ סימן פון געטליכען יושר אָהן אַ טראָפּען פון העכערער גערעכטיגקייט האָט אויסגעקליבען איי־נ־איינציגען צו ווערען זיין גיפט־און פייער־שפּייערדיגער שליח. וואָס פאַר געזונדע מוסקעלען, וואָס פאַר אַ ריעזענקראַפט מוז בעזיצען דער גוף וואָס טראָגט מיט זיך דעם פולען בעכער פון גיפטיגען טרויער; און וואָס

פֿאַר אַ טראַגישער גורל איז דאָס צו לעבען אין אַ וועלט, צווישען אַ פֿאָלק אונטער אַ גאָט, פֿאַר וועלכען מען האָט נאָר די טיעפֿסטע פֿעראַכטונג אין די גיפֿטיגסטע קללה.

און אפֿשר געראָד דעריבער, ווייל ביאַליק איז אַ גאַנצער פֿערצייטיגער נביא — האָט ער אויך אַ גאַנצען לעבעדיגען גאָט?

און געראָד אין קאַמפֿף מיט דעם לעבעדיגען גאָט געפֿינט ער אַנויסגאַנג פֿאַר זיינע מעכטיגע אָנגעקוואָלענע גיפֿטיגע ביטערע געפֿיהלען?

פֿאַר אַ לעבעדיגען גאַנצען גאָט בייגט זיך דער נביא אויך אין זיין גרעסטען טרויער!

* *
*

צום סוף נאָך אַ קורצע פּראָזאַאישע, און אפֿשר אויך נישט קיין פּראָזאַאישע בעמערקונג. אַלע די וואָס רעדען איצט פֿון קולטורעלער אויטאָנאָמיע, פֿון יודישער קולטור, פֿון סימען און נאָך אַזעלכע נייטיגקייטען און וואוילקייטען, — צי האָבען זיי זיך אַ ווײלע אָבגעשטעלט פֿאַר דעם גרויסען וואונדער פֿון אונזער דור, פֿאַר ח. נ. ביאַליק'ען? צי האָבען זיי זיך אַ מינוט פֿערקלערט ביי דער פֿראַגע: ווי קומט דאָס, דאָס איבערשפּרינגענדיג 2000 יאָהר פֿאַלט אַראָב אַ לעבעדיגער פֿערצייטיגער נביא, אַ נביא, הלואי אויף צווייטען בית געזאָגט געוואָרען, אַ נביא וואָס האָט צוגלייך מיט דער פֿונקעלדיגער דיאַמאַנטענשפּראַך אויך מיטגעבראַכט דעם אַלטען גאָט און די אַלטע נביאישע קראַפֿט, אַ נביא וואָס יעדעס וואָרט זיינס טראָגט דעם שטעמפּעל פֿון אייביגקייט? צי פֿרעגען זיי אַמאָל: ווי קומט אָט דער פֿערשפּעטיגטער דונער נאָך דעם בליץ פֿון באַרג סיני? פֿון וועלכע פּלאַנעטען פֿאַלען אַראָב די אַמאָליגע נשמות פֿון אַלטען בית יהודה? צי קומט זיי אַמאָל אַריין אין זינען, אַז דער געטליכער פֿאָדעם וואָס האָט זיך אָנגעהויבען שפּינען אין לאַנד כנען, און דערנאָך ביי די צעדערן פֿון לבנון האָט זיך נאָך נישט איינגאַנצען איבערגעריסען? אַז פֿיין, דין און נישט צו זעהן ציעהט ער זיך נאָך איבער די גייסטער פֿון היינטיגען יודענטום? צו פֿערטיעפֿען זיי דעם בעגריף פֿון יודישער קולטור

ביז צו דער גראָהער פערגאַנגענהייט? אָדער קורץ גערעדט, צי שטעהען זיי נישט פאַר ביאַליק׳ען ווי פאַר אַ רעטהענים? און צי פיהלען זיי נישט אין איהם דעם ריח און די פראַכטיגע פאַרבען פון דער אָריענטאַלער ערד? צי צוקלאַפּט נישט אַמאָל ביאַליק׳ס איין וואָרט דאָס גאַנצע שפּינוועבס פון זייערע טהעאָריען און „אַני מאמינ׳ס“?

די קורצע בעמערקונג איז צעפאַלען אין אַ בינדטעל פון האַרבע פראַגען. זיי מיר מוחל, ליעבער לעזער...



# II. נאָטיצען פון אַ קריטיקער.

# צוויי שפּראַכען—איין איינציגע ליטעראַטור.

I

די ביהן גיעט האָניג, און די ליטעראַטען—ליטעראַטור. זוכט נישט בײַ דער ביהן אַ בעזונדער כונה. זי איז מהנה דעם מענשען נישט ווי־לענדיגערהייט מיט איהר זיסען האָניג. און ס'איז איהר אַפילו נישט בע־קאַנט, אַז די ברייננט מיט איהר האָניג אַ שטיקעל דערלייכטערונג פאַר קראַנקע לונגען. און ווער ווייס? ווען אַ ביהן וואָלט געקאָנט רעדען, וואָלטען מיר אפשר געהערט איהרע טיעפע זיפצען און די קללות, מיט וועלכע זי פערשילט איהר ביטערן מזל, וואָס צווינגט איהר צו געבען דעם זיסען האָניג.

אַנטקעגען וואָס זאָג איך דאָס? אַנטקעגען אונזער ליטעראַטור אין די לעצטע יאָהרען.

בײַ אונז איז בעשאַפען געוואָרען אַ נייער סאָרט מענש, וואָס איז אַ שרייבער אי מאָנטאָג, אי דיענסטאָג, סיי אַ גאַנץ יאָהר. אָט דער סאָרט מענש האָט זיך גענומען אַ פעסטען הסכם אַרויסצוגעבען פון זיך לי־טעראַטור. זיינע אויגען זעהען נאר דאָס, וואָס טראָגט אויף זיך די סמנים

פון א ליטעראַרישער טהעמא. זיין הארץ קלאפּט נאר דענמאָלסט, ווען עס בעקומט א ליטעראַרישען איינדרוק, און איטליך וואָכעדיגע זאך נעהמט אָן ביי איהם א ליטעראַרישע פאָרם. און דער סאָרט מענשען, ווילענדיג צו נישט, בעשאַפען מיט מיה און מאַטערניס דאָס, וואָס מען רופט אָן ליטעראַטור. זיי האָבען מיר צו פערדאַנקען, וואָס פון צייט צו צייט בעווייזען זיך ביי אונז גראָבע און דינע ביכלעך, וואָס היינט טראָגען זיי אויף זיך דעם נאָמען „ספרות", מאָרגען „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטען" און איבערמאָרגען „קונסט און לעבען"; א „מעורר" אין לאָנדאָן, א „רביבים" אין לעמבערג, א „רשפים" אין ווארשא און א „העתיד" אין בערלין־קראקאָוו.

און זוכט נישט, ליעבע לייט, עפּעס א צוזאַמענבונד, אַן איינציגע טענדענציע אין אַלע די זאַמעלביכער. ד"ר י. קלויזנער, ש"י איש הורוויץ און זיין אייביגער געגנער האָראָדעצקי זיצען אַלע ביי איין טיש פון „העתיד"; הלל צייטלין און ראובן בריינין פעראייניגען זיך צוזאַמען מיט ד. פרישמאַן אין די געצעלטען פון „ספרות". הער ה. ברענער אין זיין „המעורר" און אין זיין „רביבים" פאָרט צוזאַמען מ. קליינמאַן מיט מ. י. בערדיטשעווסקי. אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטען" האָבען זיך פעראייניגט דריי זינגערלעך פון דריי יודישע פאַרטייען, ה' ווייטער, גאָרעליק און ניגער צו איין איינציגען כאָר. און אין „בירנבוים'ס וואָכענבלאַט" האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען י. ל. פרץ, עפּעס איינער א א. קליינמאַן און בירנבוים אַליין. דער „השלוה" איז געווען דער איינציגער זשורנאַל, וואָס איז אַ צייט געווען ריין ווי גאָלד און האָט זיך מיט קיינעם הלילה נישט אויסגעמישט. נאָר זייט ה' נ. סאָקאָלאָוו האָט זיך בעוויזען און אַמאָליגען אחד־העם'ס אָרגאַן, האָט ער פערלאָרען זיינע תמימות און אונטערשיידט זיך שוין נישט פון אַנדערע זאַמעלביכער. אויך ער איז געוואָרען אַ דעפּאָ פון אַלערליי ליטעראַטור, וואָס ווייס נישט פון קיין שום טענדענציעס און פניות.

II

מען בעקלאָגט זיך וואָס אונזערע ליטעראַרישע אונטערנעהמונגען האָבען אָבגעשניטענע יאָהרען. מען איז זיך מצער אויף דעם יונגען „המעורר",

וואָס האָט זיך אַזוי גיך אָבגעטראָגען פֿון דער וועלט, אויף „די ליטעראַרישע מאָנאַטשריפֿטען“ וואָס האָבען נישט דערלעבט אַרויסצוגעהן פֿון די וויקעלעך א. אַז. וו. אָבער איך אַלס געטרייער לעזער טראַכט נישט אַזוי. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז מיר האָבען גאָרנישט פֿערלאָרען. עס האָבען זיך נאָר געביטען ביי אונז די נעמען און די שפּראַכען פֿון אונזערע אויסגאַבען, אָבער די שרייבער האָבען זיך ביי אונז נישט געביטען. אויב דער שלעכטער מזל פֿון די שרייבער האָט געבראַכט דערצו, אַז איינער פֿון די אַלמאַנאַכען איז אַוועק שלאָפֿען,—האָבען זיי זיך באַלד צונויפֿגעקליבען אין אַנ׳אַנדערען, וואָס אונטערשיידט זיך פֿון ערשטען נור דורך זיין נאָמען און זיין שפּראַכע. אויב מען מאַכט היינט צו פּאַר זיי די ליכטיגע זאַלען פֿון די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפֿטען“,— קלייבען זיי זיך צונויף אין אַנ׳אַנדער זאַמעלבוך,— מיינטוועגען אַ העברעאישען — און שרייבען העברעאיש. אויב איינער אַ פֿערלעגער מאַכט צו היינט זיין זשאַרגאָניש קרעמעל, עפֿענט זיך אויף באַלד אַ העברעאיש קרעמעל מיט דער אייגענער סחורה אויף העברעאיש. האָט אייך ציטלין געגעבען אויף יודיש אין „היינט“ זיינע פֿייערדיגע מוסר־אַרטיקלען, ניעט ער אייך מאָרגען דאָס אייגענע אין דער נביאים־שפּראַך אין די „רשפים“. ה. י. ברענער׳ס מאמרים אין „רביבים“ געפֿינט איהר אין „היינט“ אונטער דעם נייען טיטעל „שטילע ווערטער“. נאָמבערג געפֿינט אַפֿילו נישט פֿאַר נויטיג צו ביטען דעם נאָמען, ווען ער שרייבט איבער אויף העברעאיש דאָס, וואָס ער האָט פֿריהער געשריבען אין זשאַרגאָן. דאָס וואָס האָט אין „יוד“ ע״ה געהייסען „אויף איין קוואַרטיר“ בעוויזט זיך היינט אין „ספרות“ אונטער דעם טיטעל „במעון אחד“.

די יודישע ליטעראַטור געהט הלילה נישט צו גרונד. זי איז איינע און איהר נאָמען איז איינער. נור זי קומט צום לעזער אין צוויי געשטאַלטען און ווי די שאָלען אויפֿ׳ן וואָגשאָל שאָקלען זיי זיך איינער אַנטקעגען דער אַנדערער. און אַזוי ווי אין דער נאַטור איז קיין זאַך נישט אַבסאָלוט — בעוועגען זיך די שאָלען אַרויף און אַראָב. אַמאָל זיעגט די ערשטע, אַמאָל די צווייטע שאָל. היינט קומט ברענער אין אַ זשאַרגאָנישען בגד, מאָרגען שלום עליכם אין אַ העברעאישען. פֿאַריאָהרען איז נאָמבערג געווען אַ העברעער אין „הזמן“, היינט איז ער אַ זשאַרגאָן־יוד אין „אונזער לעבען“ און אין „ראָמאַנציייטונג“. צו שפּילט טאַקע אַ ראָלע אין אַ זאַמעלבוך דער נאָמען, דער טיפּאָגראַפֿישער פּנים און דער פֿערלעגער? אין די לעצטע יאָהרען איז אָנגענומען געוואָרען,

אַז אַזוי ווי אַ קאָרעספּאָנדענט, אין אַ קאַנטאָר מוז קענען פֿרעמדע שפּראַכען, אַזוי מוז דער יודישער שרייבער קענען לכל הפחות צוויי שפּראַכען, דערמיט ער זאָל קאָנען פֿריי שאַפֿען. צום יובילעאום פֿון י. ל. פּרץ זענען אַרויס צוויי אויסגאַבען פֿון זיינע „געזאַמעלטע שריפֿטען“, איינע אין העברעאיש, איינע אין יודיש. און אַז מען האָט געפֿרעגט דעם יובילאַר, וואו פֿון די ביידע אויסגאַבען קען מען געפֿינען דעם אמתן פּרץ, האָט ער געענטפֿערט מיט גרויס ענוות, אַז אין ביידע „געזאַמעלטע שריפֿטען“ זענען צעשפּרייט די פֿונקען פֿון זיין גייסט. און ווער עס וויל בענעהמען זיין גרויסקייט און די איינציגקייט פֿון זיין נשמה — מוז זיך פֿערטיפֿען אין ביידע „געזאַמעלטע שריפֿטען“. איצט קלייבט מען זיך אַרויסגעבען אַ יודיש זאַמעלווערק פֿון ד. פֿרישמאַנס שריפֿטען. און איך בין זיכער, אַז ווען ר׳ מענדעלע וועט ווערען אַ 75-ער, וועלען זיך געפֿינען מענשען, וואָס וועלען איהם פּראָקלאַמירען פֿאַר אַ העברעער און אַרויסגעבען „זיינע געזאַמעלטע“ אין העברעאיש. און שלום עליכם האָט נישט לאַנג אַליין געזאָגט, אַז כל זמן ער וועט נישט איבערזעצען אַלע זיינע שריפֿטען אין העברעאיש, וועט דער מלאך-המות קיין שליטה אויף איהם נישט האָבען? אויך נ. סאָקאָלאָוו איז נישט זיכער, אַז ער וועט נישט בעקומען זיין זשאַרגאָנישען פּנים. זיינע אַרטיקלען אין „טעלעגראַף“ וועלען אויספֿילען אַ באַנד נישט דינער פֿון אַ פֿלאַוויטער גמרא. אונזער ליטעראַטור האָט זיך אין איהר שאַצקאַמער אַ זשאַרגאָנישען ביאַליק, אַ זשאַרגאָנישען בערדיטשעווסקי; אַפֿילו אויך אַ זשאַרגאָנישען... קלוזנער. נאָר איין אחד העם מאַכט אַן אויסנאַהם. נאָר אחד העם זאָגט דאָך אַליין וועגען זיך, אַז ער איז נישט קיין שרייבער (ז. זיין על פּרשת דרכים), און דעריבער טאַקע האָט זיין „אמת מארץ ישראל“ נישט קיין זשאַרגאָנישען נאָמען, האָטש אין זשאַרגאָן לאָזט זיך דאָס אויך כמעט נישט איבערזעצען מיט אַנדערע ווערטער, ווי „אַן אמת וועגען ארץ ישראל“.

---

III

עס געפֿינען זיך ביי אונז צופֿלאַמטע לעזער, וואָס ווילען נישט מודה זיין, אַז אונזער אינ-איינציגע ליטעראַטור האָט אַ דאָפּעלטע שפּראַך.

נאָך די טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ האָט אײנער אַ העברעאישער שרייבער (ער געפֿינט זיך איצט אין אַמעריקא) זיך אַ נדר געטאָן פֿון היינט אָן נישט צו בעפֿלעקען זיין פֿעדער מיט אַ זשאַרגאָנישׂ וואָרט. און אַזאַ נדר איז ביי איהם נישט געווען קיין קליינינקייט: דען ער האָט דערמיט צעריסען זיין בונד צווישען זיך און זיין מאַמען, וואָס וואוינט אין רוסלאַנד, און צו וועלכער ער איז אַ געטרייער זוהן. און ווידער איז מיר בעקאַנט אַ פֿאַקט, ווען אַ פֿערברענטער זשאַרגאָניסט האָט נאָך ש. אַש׳ס דרשה אין טשערנאָוויץ אָנגעהויבען לערנען זיין יונגעל דעם „מודה אַני״ אויף אַ ריינעם זשאַרגאָן. נאָר אויך דאָס איז איהם אָנגעקומען נישט מינדער שווער, ווי יענעם׳ס נדר, ווייל דער „מודה אַני״ קומט אַרויס אויף יודיש אָהן געשמאַק, אָהן פֿעפֿער און זאַלץ. איבריגענס, זייער פֿאַנאַטיזמוס האָט לאַנג נישט געהאַלטען. דער העברעאישער שרייבער איז אין גיכען געוואָרען אַ רעדאַקטאָר פֿון אַ ציוניסטיש בלאַט. און דער פֿאַנאַטישער זשאַרגאָניסט איז אָנפֿאַנג זמן אַריין אין אַ „אַגודת מלמדים״ אַלס חבר; און ווי בעקאַנט לערנט מען דאָך ביי די ניי־מאָדנע מלמדים „עברית בעברית״.

די טשערנאָוויצער רעזאָלוציע איז ווי אַ רויך צוקראָכען. דער טשערנאָוויצער צוזאַמענפֿאָהר, וואָס איז 90 פּראָצענט בעשטאַנען פֿון שרייבער האָט אַ ווילע פֿערגעסען, אַז ס׳איז דאָ שרייבער ביי יודען. זיי, די שרייבער, האָבען מיט אַ מאָל פֿערגעסען, אַז ס׳איז שוין אַזוי זייער מזל צוקלייבען שטרוי פֿאַר צווייערליי ציגעל, צו בעאַקערען צווייערליי שפּראַכען.

עס איז שוין אַן אַלטע מעשׂה, אַז מיטגליעדער פֿון קאָנגרעסען זענען געוואַלטיגע אידעאַליסטען און זיי האָבען אַ נייגונג צו ווערען אַ ביסעלע סענטימענטאַל. עפּיס אַ קליינינקייט: עס שיקט זיי דאָך אַ כּלל יודען, און זיי קעמפּפֿען דאָך פֿאַר די נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען! די דאָקטוירים האָבען שוין לאַנג בעמערקט, אַז דער פּולס ביי אַ מיטגליעד פֿון אַ צוזאַמענפֿאָהר קלאַפּט מיט 10 שלעג שטאַרקער ווי געוועהנליך, און אַז זיין פֿאַנטאַזיע אַרבייט מיט 5 פּראָצענט קרעפֿטיגער ווי אַ גאַנץ יאָהר. אַ סך אַמעריקאַנישע דאָקטוירים זענען דער מיינונג, אַז קאַלטע אָבריבונגען, אַ רייזע אין אַ לופֿט־באַלאָן און אַן אַנטייל נעהמען אין אַ צוזאַמענפֿאָהר זענען די בעסטע מיטלען קעגען מידע נערווען און בלוט־אָרעמקייט.

אַ פּשוט׳ער מענש קען זיך דאָס גאָר נישט פֿאָרשטעלען, וואָס

פאר א מהיה, וואס איז אויף א פאר טעג אין יאהר אוועקצווארפען די איי-
גענע דאגות און נאר טון און דאגה'נען וועגען אנדערע. למשל, ווען
שלום אש וואלט זיך נישט געאיילט שרייבען זיין „שבתי צבי“ פאר'ן
טשערנאוויצער צוזאמענפאהר, בשעת ער איז געווען צו פיעל פערטאן
מיט זיך און מיט זיינע איבערזעצער, וואס האבען געדארפט איבערזע-
צען זיין נייע שעפּפונג אין זיעבעציג שפראכען; ווען ער וואלט גע-
שריבען זיין ווערק אין די טעג פון צוזאמענפאהר, בשעת די נשמה איז
אזוי פול מיט אידעאלען,—אפשר וואלט דאס ווערק ארויס א סך בעסער,
אדער, וואס איז וואהרשיינליכער, עס וואלט אפשר גאר נישט דערזעהען
די שיין פון דער וועלט. איך הור איבער מיינע פריהערדיגע רעד. א פראס-
טער מענש האט גאר נישט קיין בעגריף, ווי וואויל און גוט עס איז
צו פערגעסען אויף א ווייל'ע די אייגענע זארגען, און זיך ברעכען די קאפ
וועגען פרעמדע צרות! ווען די טשערנאוויצער שרייבער וואלטען מעהר
געטראכט וועגען זיך, ווי וועגען פרעמדע עסקים, וואלטען זיי דענמאלסט,
ערשטענס, זיך געטאן א הארבען נדר צו שרייבען נאר אין איין שפראך;
צווייטענס, וואלטען זיי בויקאטירט איטליכען, וואס שרייבט אין העברע-
אישע בלעטער; דריטענס, וואלטען זיי געצוואונגען די העברעאישע בלע-
טער די זשארגאנישע ארטיקעל נישט אויסצוגעבען אלס אָריגינאל. מיט
איין ווארט, זיי האבען זיך געדארפט מוסר נפש זיין פאר'ן זשארגאן און
פערקלענערען די מעגליכקייט צו קריעגען אנ'איבריגען ארעמען האנאראר
דאדורך, וואס זיי דרוקען זיך צוויי מאל: יודיש און העברעאיש. זאל זיך
זיי נישט געלוסטען היינט צו זיין אין „ספרות“ און מארגען אין „די
ליטערארישע מאנאטשריפטען“ און אז. וו. א. אז. וו. אבער אנצונעהמען
ביי זיך אזא הסכם איז פיעל שווערער, ווי אנצונעהמען א רעזאלוציע,
אז דער זשארגאן איז אונזער נאציאנאל-שפראכע. ס'איז לייכטער צו
זיין דער גרם פון צובלוטיגטע קעפ ביי די טשערנאוויצער סטודענטען, וואס
זענען זיך מפקיר פאר א טשערנאוויצער רעזאלוציע, ווי צו בעשליסען זיך
נישט צו זיין אין דער זעלבער צייט א מיטארבייטער אין „טעאטער-וועלט“,
„יוגענד-וועלט“ און אין א „ספרות“. אוודאי, איז פיעל גרינגער א שרייבער
דעם צווייטען צוצודריקען צו דער וואנד מיט א רעזאלוציע, אלס אָב-
צוזאגען זיך פון א האנאראר פון אנ'ארעם יודיש בלעטעל.

איך מיין נישט הלילה עמיצען פוגע בכבוד צו זיין. איך וויל
נאר אנווייזען, אז די טשערנאוויצער פון גרויס אידעאליזמוס און פון
גרויס ליעבשאפט צום פאלק האבען אויף א רגע פערגעסען, אז פריהער

פאַר אַלץ זענען די יודישע שרייבער, און זיי לעבען און עטהמען צווישען צוויי שפראַכען, ווי אַ חתן צווישען צוויי מחותנים — אונטערפיהרער.

---

IV

און צו עטהעמט און לעבט דער שרייבער נאָר צווישען צוויי שפראַכען? צי טראָגט זיך נישט פון אונזערע בעסערע קריטיקער דער גייסט פון דער דייטשער שפראַכע? און בּיי אונזערע יונגערע שרייבער, וואָס האָבען זיך ערצויגען אויף דער רוסישער ליטעראַטור, צי הערט מען נישט דעם גייסט פון דער רוסישער שפראַך? און צי הערט מען נישט בּיי אונזערע קאָ־לעגען די פּאַלעסטינער שרייבער (בּן־אבי, הרמוני) דעם אָבקלאַנג פון דער פראַנצויזישער שפראַך?

אָמת, עס געפינען זיך בּיי אונז שפראַכקינסטלער ווי בּיאַליק, ג. סאָקאָלאָוו, אַבּראַמאָוויטש, שלום־עליכם, וואָס שרייבען צייטענווייז אין אַזאַ שפראַך, אַז מען קען מיינען, דאָס אין יודישען תהום איז נאָך נישט אַריינגעדרונגען קיין וואָרט, וואָס זאָל נישט דורך און דורך זיין יודיש־נאַציאָנאַל. געוויס געפינען זיך בּיי אונז אַ סך טאַלענטירטע שרייבער, וועל־כע מיהען זיך צו בעשאַפען אַ העברעאישען שפראַכגייסט, וואָס זאָל זיין די נאַטירליכע צוזאַמענפליסונג פון תנ״ך־לשון, פון דער נביאים־שפראַך, פון דער שפראַך פון משנה, מדרש און דער יוריסטישען, פילאָזאָפישען, מי־סטישען שפראַך פון גמרא, מיטעל־אַלטער פילאָזאָפיע, קבלה און חסידות. אחד־העם, בּערדיטשעווסקי, צייטלין און אַנד. זענען די דאָזיגע טאַלענטען, וואָס מיהען זיך צו בעשאַפען אַזאַ צוזאַמענפליסונג פון די פערשיידענע ריינע עלעמענטען אין דער העברעאישער שפראַך. דערווייל אָבער איז אויך העברעאיש אַנאָנימישענים פון צעהנדליגער שפראַכגייסטער. און ס׳איז נאָך אַ גרויסער ספק בּיי מיר, צו וועט דער קינפטיגער ארץ־ישׂראל־דיגער דור, וואָס איז שוין וויט פון רוסיש ווי פון אַ רוסישען פּאָגראָם, פערשטעהן גאָר די שפראַך פון ברענער, שאָפמאַן און אַנד.

דער גייסט פון דער דייטשער שפראַך איז אומעטום גלייך. עס איז קיין חלוק נישט ווער עס שרייבט אויף איהר: צי אַ דייטש, אַן אַמע־ריקאַנישער דייטש, צי אַ שווייצער. דאָס אייגענע איז מיט דער פראַנצוי־

זישער, האָט די בעלגיער, די פראַנצויזישע שווייצער און די פראַנצויזען אַליין שטאַמען איטליכער אָב פון אַנ׳אַנדער שבט. אַנדערש איז דאָס מיט דער העבּרעאישער שפראַך, וואָס איהר גייסט איז אַנדערש אין יעדער מדינה. פון אונטער דער מאַסקע פון די ווערטער שפּאַרט אַרויס דער גייסט פון אַ פרעמדער שפּראַך. און וואָס אַנבעלאַנגט דעם זשאַרגאָן איז דאָס נאָך ערגער. איהרע ריינקייט איז נאָך טויזענד מאָל פערדעכטיגער, ווי בּיי דער העבּרעאישער שפּראַך. דען העבּרעאיש האָט נאָך אויסער דער גענענוואַרט אַ געשיכטע און אַ ליטעראַטור פון טויזענדער יאָהרען, און אַ דאַנק דעם קען זי נאָך האָפען צו בעשאַפען אַמאָל אַ שפראַך מיט אַ ריינעם נאַציאָנאַלען גייסט. דער זשאַרגאָן האָט אָבער נאָר אַ גענענוואַרט. מאַכען אַ סינטעז צווישען „צאינה וראינה", אייזיק מאיר דיק, אָקסענפעלד, עטינגער, שמ״ר, יודישע פאָלקס־ליעדער, אליקום צונזער, די ציוניסטישע, בונדיסטישע בראָשורען און די אַמעריקאַנישע ליטעראַטור — וועט מן הסתם קיינעם נישט איינפאַלען. אויב מיר זאָלען פערגלייכען די העבּרעאישע שפראַך מיט אַן אינזעל אין אַ ים פון פרעמדע לשונות, וואָס ווילען זי איינשלינגען, מוז מיט וואָס זאָלען מיר שוין פערגלייכען דעם זשאַרגאָן? אפשר צו אַ איינפאָהרהויז אויף אַ מיטען שליאַך, וואו איטליכער שטעלט זיך אָב ווי בּיי זיך אין דער היים, אָבער קיינער בלייבט דאָרט ניט לענגער, ווי אַ קורצע ווײלע? נאָר די גענענוואַרט קען מאַכען פון זשאַרגאָן אַ ליטעראַרישע שפראַך, נאָר פון דער גענענוואַרט ציהט זיך איהר חיות. אָבער אונזער גענענוואַרט איז פון דעם מין, וואָס וויל נישט און קען נישט בעשאַפען אַ ממשותדיגע זאַך. בעשאַפען אַ שפּראַך, ווי יעדע נייע שעפּפונג, קען מען נאָר דאָרטען, וואו עס איז רוהיג און שטיל, וואו עס דרינגען נישט אַריין די קולות פון מאַרק און די זיפצען פון נויט. אַ פאָלק אַ וואַנדערער איז אָבער נישט בכח צו בילדען אַ שטילע סביבה אַרום זיך. נישט גענוג וואָס ער קען גאָר נישט טון פאַר דער שפּראַך, פערוואָרייניגט און פערשוועכט ער זי נאָך אויף איטליכען שליאַך פון זיין איביגער וואַנדערונג.

---

„אונד וואָס איזט דער רעדע קורצער זין"? — אַז שפּראַכען האָבּען מיר צוויי און אַ טויג גייסטער פון פרעמדע שפּראַכען, אָבער אַ ליטעראַטור

האָבען מיר נאָר איינע. און דעריבער טאָר דער לעזער, וואָס וויל זיך באַקאַנען מיט שטרעמונגען פון יודישען לעבען, באַגרייפען דעם גייסט פון יודישען המון און דעם יחיד, ווי דאָס דריקט זיך אויס אין אונזער ליטעראַטור, — דעריבער טאָר ער נישט מאַכען קיין חלוק צווישען אַ העב־רעאישען און אַ זשאַרגאָנישען שרייבער. ר׳ מענדעלי, ביאַליק, שלום־עליכם, בערדיטשעווסקי, פייערבערג און אַז. וו. — אַלע זענען זיי די פאָרשטעהער פון אונזער ליטעראַטור, אַלע פערקערפערען אַ שטיק יודיש לעבען אין דער ליטעראַטור, אַלע זענען זיי יודישע קינסטלער, האָטש נישט אַלע באַנוצען זיך מיט די צווי שפּראַכען, אויסצודריקען זייערע קונסט־באַטייטען.



# קריטיק און לעבען.

איטליכעס מאָל, ווען אַ פֿאָלק גלייבט איס אַ ביסעל די ביינער און פֿרובֿט ווידער לעבען פֿאַר עפּיס אַ ציעל, פֿאַר עפּיס אַ בעסערע צוקונפֿט, גיעהט אַרויס די קריטיק פֿון איהר בעהעלטעניס און צופּליקט און צערייסט מיט איהר בייזען צאָהן אַלצדינג, וואָס איז אַלט און פֿערפֿוילט אין לעבען פֿון פֿאָלק. עס איז אַ טעות, ווען מען מיינט, דאָס די צייטען, בשעת די קריטיק האַפּט זיך אַרויף אויף אַ גאַיבערשטען אָרט, זיינען די אומעטיגסטע צייטען אין דער געשיכטע פֿון אַ פֿאָלק. אמת, עס זיינען די שווערסטע צייטען, אָבער ניט די אומעטיגסטע, דאָס זיינען די צייטען פֿון איבערגאַנג, בשעת דאָס אַלטע געבוידע דריקט און שטיקט, און דאָס נייע איז נאָך נישט פֿאַרטיג. זיי זיינען אָבער ניט די אומעטיגסטע, ווייל פֿיעל טרויעריגער איז נאָך צו לעבען אין אַזאַ צייט, ווען דער אַלטער בנין האַלט שוין ביים איינפֿאַלען, און עס איז ניטאָ קיין האָפֿנונג, קיין מוט צו בויען אַ נייעם בנין. אין די דאָזיגע צייטען שווייגט דאָס גאַנצע פֿאָלק, עס שווייגט אויך די קריטיק, ווייל די קריטיק איז נור דאַמאָלס מעגליך, ווען עס לעבט אויף אַ האָפֿענונג אויף בעסערע צייטען.

און צוליעב נאָך אַ טעם שווייגט די קריטיק, ווייל זי איז אַפֿשר גאָר ניט פֿערהאַן... אַזוי עס איז חושך — פֿינסטער, קען מען ניט זעהן

די פעדהלערן און לעבער און אלטען בגין. מען פיהלט נור, אז דאס לעבען איז געוואָרען שווער און ביטער, מען ווייסט נור, אז עס איז ניטא, וואו זיך אקעהר צו טון, אז ס'פערהאַפט דעם אָטעם פון שטי־קענים... מען קען אָבער צוליעב די פינסטערקייט אַרום — ניט צוגליי־דערן די פעהלערן פון לעבען, דאָס גאַנצע אומגליק, וועלכעס איז צוזאַמענגעקיטעוועט פון טויזענדער קלענערע און גרעסערע צרות. די גרעסערע פינסטערקייט איז דאַמאָלסט, בשעת די מענשען פון אַ גאַנץ פאָלק לעבען פון היינט אויף מאָרגען, ניט האָבענדיג די קראַפט און דאָס האַרץ זיך פאָרצושטעלען אַ בעסערע צוקונפט. צו אַלע צייטען און אַלע לענדער, לעבט ניט דערפון די קריטיק, וואָס רופט צו דעם עולם: הערט אויף צו לעבען, הערט אויף צו האָפען; ניט דערפון, וואָס זי פעראורטיילט דאָס גאַנצע פאָלק צו אַ ביזען שרעקליכען סוף... נאָר דערפון וואָס זי צעגליעדערט די מאַטעריעלע און גייסטיגע זייטען פון לעבען, און הורט אַליך איבער: דאָס איז אַלט, דאָס איז טויט, דאָס איז פערפוילט; וואַרפט אַרויס דאָס אַלטע, דאָס טויטע און פערפוילטע און איהר וועט וויטער לעבען, בעסער און פרייער לעבען.

צוגליעדערן קען מען נור דאַמאָלסט, ווען עס שטאַרקט זיך דער גלויבען אין די צוקונפט, און דער גלויבען לויכט אַריין אין די פינ־סטערקייט פון גאַנצען לעבען. נאָר אידעאַלען גיעבען אונז די מעג־ליכקייט צו גלויבען און האָפען. אָהן זיי איז דער גלויבען נור אַבער־גלויבען, דאָס האָפען — אַ קינדערשע פאַנטאַזיע.

איך וויל זיך דאָ ניט אַריינלאָזען אין אַ שמועס וועגען אידעאַלען בכלל. קורץ גערעדט, ליעגט אין איטליכען אידעאַל, וואָס עס בליהט אויף אין די הערצער פון אַ פאָלק, ערשטענס, די פעסטע אמונה, דאָס דאָס פאָלק איז פעהיג צו לעבען און לעבען... צווייטענס, אַז עס איז בכח, צו אונטערנעהמען אַ גרויסע אַרבייט אויף דורות לאַנג... דריטענס, אַז די אַרבייט וועט ניט אַזוי לייכט צעשטערט און אויסגעראָט ווע־רען. פיערטענס, אַז די אַרבייט, וועלכע דאָס אידעאַל פאָדערט מוז געמאַכט ווערען. און פינפטענס, אַז די אַרבייט וועט זיין דעם פאָלק און אַלעמען וואָס טראָגען אויף זיך דעם נאָמען „מענש" צו נוצען און צום גליק. דאָס אידעאַל, צוליעב וועלכען עס פלאַקערט אויף אין די הערצער פון אַ פאָלק אַזאַ מין אמונה, לויכט בכלל, ווי אַ ליכטיגעס פייער, ער לויכט אַריין אין אַלע ווינקעלעך פון לעבען, ע"ז טראָגט אַרויס אויף די ליכטיגע שיין אַזעלכע פערשטויבטע אַלטע זאַכען, אַזאַ

בּאַרג פון שימעל, וועלכע מען האָט זיי פריהער אָהן די אידעאַלען גאָר נישט געקענט זעהען. דאַמאָלסט ווערען אויך די בּלינדע זעהענ-דיג, אֶלדד און מידד הייבּען אָן צו זאָגען נבואות, אויף יעדען מין מענשען געפינט זיך איין קריטיקער און אין יעדער צווייטער שטוב געפינט זיך אַ מענש, וואָס טייטעלט מיט די פינגער, קריטיזירט און ווייזט אויף...

איך דערמאָן זיך אָן דער פייער-זייל און דער וואָלקען-זייל, וועלכע האָבּען בּעגלייט די יודען דורכ'ן לאַנגען מדבּר. פאָראויס האָט געשוועבּט די פייער-זייל, הינטען האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ שווערע וואָלקענזייל. און מיר דוכט זיך, דאָס די לעצטע איז אַ קינד פון דער ערשטער. דורך דאָס ליכט פון דער פייערזייל האָט מען געקענט אָנהויבּען זעהן אין וואָס פאַר אַ חמאָרע עס האָבּען געלעבּט און געליטען די יודען אין מצרים. אָבּער כדי פון דער חמאָרע זאָל ווערען אַ וואָלקענזייל, אַ וואַנד וואָס לאָזט ניט געהן צוריק צו די „פלייש-טעפּ" פון מצרים, האָט גע-דאַרפט קומען די קריטיק מיט איהר שאַרפען בּליק, מיט איהר בּיטערן אמת אויף די ליפּען. זי, די קריטיק, האָט מיט אומבּאַרמהערציגע הענד צוזאַמענגעקליבּען דעם שטויב, דעם שמוץ און דעם שימעל, אין וועלכען עס האָבּען געלעבּט די יודען אין גושן, און האָט דערפון אויפ-געבּויט אַ שווערע וואָלקענזייל. דער עמוד-הענן איז די אַרבּייט פון דער שרעקליכער בּייזער קריטיק, וועלכע לאָזט ניט געהן צוריק, וועלכע גיט צו קוקען פאָרויס, פאָרויס אויף די פייערזייל, אויף די פליהענ-דיגע און וויינענדיגע שטערנס פון דער קומענדיגער צוקונפט.

איצט איז ליכט צו פערשטעהן, פאַר וואָס אין דער לעצטער צייט, בּשעת די האָפנונג אויף די קומענדיגע פרייהייט האָט אָנגעהויבּען זיך בּיי אונז צו שטאַרקען — האָט די קריטיק אָנגעהויבּען צו פערנעהמען אַזאַ בּרייטען אָרט אין דער יודישער ליטעראַטור. און ניט נור אין דער לי-טעראַטור אַליין. די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסען, וועלכע זענען גע-ווען פאַר פיעל מענשען דער ערשטער טריט פון גושן, האָט דער קריטיק געגעבּען כמעט דעם ערשטען פּלאַץ, דעם העכסטען אויבּען-אָן. דערמאָנט זיך נאָר די רעדען פון מאַקס נאָרדוי, ד"ר בּירנבּוים און אַנדערע.

די צייטען, בּעת די עהרליכע קריטיק דרינגט אַריין אין אַלע שפּאַל-טען פון לעבּען, זענען שווערע, אָבּער געזונדע צייטען, די צייטען פון וואַקסען. פאַר דער קריטיק האָבּען מורא ניט די שטאַרקע, וואָס בּויען

אין שאפען אין פאלק, נאר די אלטע און שוואכע, וואס פיהלען, דאס די נייע בעוועגונג וועט זיי נישט נעהמען מיט זיך. דער וואס האט מורא פאר אמת׳ע קריטיק, האט מורא פארן לעבען און איז נישט בכח צו לעבען.

1900.

# פּאָפּולער־וויסענשאַפֿטליכע ליטעראַטור.

אַ נייער ביכער־פֿערלאַג: ער טראָגט אויף זיך דעם קלינגענדיגען נאָמען „פּראָגרעס“. אין אַ קורצע צייט האָט ער שוין בעשענקט דעם זשאַרגאָנישען לעזער מיט דריי ווערק...

ביכער, וואָס מען גיט אַרויס פֿאַרן פֿאָלק, האָבען אַ סך סמנים. ערשטענס, ווערען זיי געדרוקט אויף גראָבע פּאַק־פּאַפּיער, צווייטענס זענען זיי געוועהנטליך נישט אין האַנד צונעמען, דריטענס זענען זיי וואָלוועלע סחורה. דער ר׳ „פּראָגרעס“ האָט זיך נור בעגנוגענט מיט די ערשטע צוויי סמנים. וואָלוועל זענען זיינע ביכלעך דערווייל ניט, אפשר, אַז זיי וועלען עטליכע יאָהר אָבפּוילען אין די שטעלעכלעך, וואָס יודישע מוכרי־ספרים רופֿען זיי „קראָמען“, וועט מען זיי פֿערקויפֿען ביליג אַ קאָפּיקע אַ פֿונט.

דאָס פֿאָדערבלאַט פֿון „פּראָגרעס“ בייט זיך אין אַלע פֿאַרבען: רויט, גרין, געל און אַז מיר קוקען זיך צו נעהענטער, דערזעהען מיר צוויי מעדאַליען, און אונזער יודיש האַרץ שפּרינגט פֿאַר שמחה, דאָס מען האָט אָנגעהויבען צו בעשענקען מיט מעדאַליען אונזער זשאַרגאָנישע פּאָפּולערע ליטעראַטור. לסוף לאָזט זיך אויס, אַז עס איז גאָר אַ אחיזת עינים, אַ טעות גאָר. דער ערשטער פֿון די צוויי קרייזען נעהמט

ארום אַגלאָבוס, צוויי (!!) זייגערס און נאָך עפּיס וואָס קיין מענשען־ראיה איז דאָס נישט בכח צו בענעהמען. דער צווייטער ווייזט אונז עפּיס אַאָגנבליק פון אַמענשען, וואָס זיצט ביי אַשרייב־טיש און מענטעלט אויף אַבלאַט פּאַפּיער. דער טיש האָט מן הסתם שאַרפע קאַנטען, ווייל ער האָט דעם שרייבער זיך טיעף איינגעשניטען אין לייב, די וואַנד פון שרייבערס צימער איז פערנומען מיט בילער אָדער מיט קאַכלעס פון אַנאיזיען, דער שרייב־טיש אַליין איז אַוואונדערבאַרע מלאכה, קיין סטאָלער וועט דאָס ניט קענען נאָכמאַכען, אַזאַ טיש קען מען זיך גור פאָרשטעלען, און אויף אַזאַ פאָרשטעלונג איז מעהר נישט מסוגל דער מאָלער פון פערלאַג „פראָגרעס“. צווישען ביידע מעדאַילען ציהט זיך אַקאַפּעל, פון וועלכען עס גיסען זיך בינטלעך שטראַהלען. די שטראַהלען זענען אַמשל, אַגלייכניס צו דעם ביכער־פערלאַג, וועלכער וועט בעשטראַהלען דעם מח פון פראָסטען לעזער מיט ליכט פון דער וויסענשאַפט.

און ליכטיג ווערט מן־הסתם אין מח פון לעזער בשעת ער לייענט דורך: „דער מענש איז שוין דער לעצטער רינג אין דער לאַנגער קייט פון דעם טוישען דעם קערפּערליכען פאָרם און גייסטליכען לעבען, וואָס אַלע בעשעפעניסען טוישען זיך איבער“ („די געשיכטע פון דער מענשליכע ענטוויקלונג“, זייטע 3), אָדער „ווי דער מענש ווערט אָבער גענויט צו זאָרגען וועגען זיין לעבענסמיטעל, דאַן הויבט זיך אָן די מלחמה צווישען איהם מיט דער נאַטור, וועלכע ער פיהרט מיט די הילפע פון זיינע פערשטענדליכע (?) פעהיגקייטען און שטרעבט שטענדיג דערצו, דאָס ער זאָל זיעגען די נאַטור־קרעפטען, אום די מענשהייט זאָל זיך בענוצען מיט זיי פאַר איהר געברויך, אַלזאָ זעהען מיר (!), אַז דאָס לעבענספערזאָרג איז דער ערשטער טריט צו קולטור“ (זייטע 6). אָדער: „דער הויף פון געוויקס־שפּייז, האָט דאָס ערנעהרען זיך פון פלייש געווירקט שלעכט אויפ'ן מענשען און זיין גייסטיגע ערציהונג“ (זייטע 33), אָדער (זייטע 71): „נאָך היינט אורטיילען מיר דעם גייסטליכען (!) שטאַנד פון אַמענשען נאָך דאָס גענויט זיין (?) צו בענוצען זיך ביי רעדען מיט הענד“. — אויף ז. 29 געפינט דער לעזער די דאָזיגע ליכטיגע רייד: „כל זמן דער מענש האָט זיך בעגנוגענט בלויז מיט די פרוכט פון די ווילדע געוויקסע, האָט ניט געקענט זיין קיין רעדע פון קולטור. נאָר ערשט דאַן, ווען זאָרגענדיג, וועגען דעם צוקונפט (?!) האָט דער מענש פונקט ווי די טיערען מיט זייער אינסטינקט זיך בעזאָרגט צו פערבעהאַלטען די געוויקסע, וועלכע וואַקסען

נאָר אַ געוויסע צייט אין יאָהר, אויף דער צייט ווען זיי וואַקסען ניט, און אַזוי נאָכהער ביסלעכווייז דערפֿון ערקלערט צו פֿערגראָבען אין דר'ערד פּרוכטבאַרע קערנער און וואַרטען ביז זיי וועלען צייטיג ווערען, האָט זיך דאַמאָלסט געלעגט דער גרונד, אויף וועלכען עס שטעהט די היינטיגע קולטור".

דאָס צווייטע ביכעל פֿון פֿערלאַג „די געשיכטע פֿון דער מענשליכער ענטוויקלונג" איז אַנ'איבערזעצונג פֿון אַ איבערזעצונג. שטרייסלער האָט פֿערפֿאַסט אַ מיטעלמעסיג ביכעל אין דייטש, איז געקומען אַ רוסישער חכם און האָט דאָס איבערגעזעצט אין רוסיש. א. ברעסלער האָט דעם חכם שטאַרק מקנא געווען, און, אַזוי ווי ער קען קיין דייטש נישט, האָט ער שוין פֿון רוסישען איבערזעצט אין זשאַרגאָן. דאָס הייסט ער האָט אַ שלעכטען מלבוש'ל צום צווייטען מאָל איבערגעניצעוועט פֿאַר'ן יודישען לעזער. א. ברעסלער קען מן הסתם קיין דייטש נישט, נאָר ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז ער קען קיין יודיש אויך נישט, וואָלט ער אפשר זיך גענומען פֿאַר אַ נוצליכערע אַרבייט.

דאָס ערשטע ביכעל פֿון „פּראָגרעס" הייסט: „שטיינער וואָס פֿאַלען פֿון הימעל" פֿון ב. פֿ. אין קורצען קאַטאַלאָג, וואָס „פּראָגרעס" גיעט דעם לעזער, דערגעהען מיר, דאָס ב. פֿ. איז ב. פֿייגענבוים. פֿאַרוואָס גערade האָט מען אויסגעקליבען אַזאַ טעמא, ווייס איך ניט. מען קען מיינען, אַז אין די ליטווישע גאַסען פֿאַלען כמעט אַלע וואָך שטיינער (מעטעאָריטען) פֿון הימעל. און אפשר האָבען גאָר די פּראָגרעס-לייט געהאַט גאָר אַנ'אַנדער מיין? פֿאַר פֿייגענבוים'ס אַרטיקלען, וואָס דרוקען זיך אין אַמעריקאַנישע צייטונגען, איז מען ניט מחויב צו צאָהלען, מען קען דערביי מאַכען ניט קיין שלעכט עסק'ל...

איבריגענס, קיין גרויסע מציאה האָבען זיי דאָ ניט געכאַפּט. דען אַפילו פֿייגענבוים'ס ביכעל איז בעסער איבערגעשריבען פֿאַר ברעסלער'ס (ערגער פֿאַר ברעסלער'ן קען מען דאָך, דאַכט זיך, נישט שרייבען), פֿונדעסטוועגען איז דאָס ביכעל זעהר שוואַך. אַ גענויע פֿערשטענדליכע ערקלערונג קריגט דער לעזער ניט, ער דערגעהט נור אַ פּאָר וואונדערבאַרע מעשה'לעך און הערט עפּיס אַ שפּאָגעל נייע וואָרט: „קאָסמישער וואָלקען"; קלערער ווערט אָבער איהם נישט אין מח. אַ פּראָבע פֿון פֿייגענבוים'ס קלאָרע שפּראַך קען מען געפֿינען אויף זייטע 24: „אין אמת'ן איז קיין הימעל, ווי די מענשען שטעלען זיך פֿאָר, ניטאָ. דאָס בלויע,

האָט מיר זעהען, איז ניט מעהר ווי דער קאָליער פֿון דער לופֿט: די ליכט-שטראַהלען, ווען זיי געהען דורך די לופֿט, ברעכען זיך פּונקט אויף אַזאַ אַרט ווי די ליכטשטראַהלען, וואָס שלאָגען זיך אָב אָן אַ בלויען קאָליאָר. די בלויקייט זעהען מיר נאָך אויף דעם ענד פֿון דער ווייטקייט וואָס אונזער זעה-קראַפֿט קען דערגרייכען (ניט דאָ איז דער פּלאַץ דאָס צו בעווייזען און דאָס צו דערקלערען)". פֿייגענבוים איז אָבער פֿיעל מעהר מסוגל צו שרייבען פֿאַרן פֿאָלק, ווי ברעסלער. לויט איך געדענק, האָט ער געשריבען אַ סך בעסערע פּאָפּולערע זאַכען, און ווען „דער פּראָגרעס" האָט שוין זוכה געווען מן ההפקר, דרוקט שוין יאָ אָב אַמעריקאַנישע אַרטיקלען, פֿאַרוואָס האָט ער ניט אויסגעקליבען אַ בעסערע אַרבייט פֿון פֿייגענבוים'ס פֿעדער? נאָר דער תירוץ איז פּשוט: די „פּראָגרעסלייט" זענען ניט די ריכטיגע מענשען אַרויסצוגעבען אַ פּאָפּולער-וויסענשאַפטליכע ליטעראַטור פֿאַרן יודישען פֿאָלק: פֿרעגט זיי בהרם, וואָס מען דאַרף, און ווי מען דאַרף דאָס טון.

דאָס דריטע ביכעל פֿון „פּראָגרעס" איז „דער בלינדער מוזיקאַנט" פֿון קאָראָלענקאָ. איבערזעצט פֿון רוסיש, איבערגעדרוקט (מן הסתם) פֿון אַן אַמעריקאַנישען בלאַט.

דער געדאַנק אַרויסצוגעבען קאָראָלענקאָ'ס פּראַכטפֿאָלע ווערק פֿאַר אונזער פּראָסטען לעזער איז אַן אויסגעצייכענטער. דאָס ווערק האָט אין זיך אַ סך ריינע הויכע פּאָעזיע, דערצו האָט עס אַ גרויסען וויסענשאַפֿטליכען אינטערעס, ווייל עס זוכט פֿונאַנדערצוגליעדערן די נשמה פֿון אַ מענשען. קאָראָלענקאָ'ס בוך איז גלייכצייטיג אַ פּאָפּולער-וויסענשאַפטליכעס ווערק.

צום אונגליק אָבער איז די איבערזעצונג זעהר ניט געלונגען. זי איז אַרויס טרוקען און אָהן שום גלאַנץ פּאָעזיע, דערצו קאָסט זי נאָך צו טייער, אַז דאָס פֿאָלק זאָל דאָס קענען קויפֿען. 35 קאָפּ. פֿאַר אַן איבערגעדרוקט ביכעל פֿון 105 זייטען אויף שלעכטען פּאַפּיער מיט דרוקפֿעהלער איז איטליכער דריטער שורה איז צו טייער.

נאָר לאָמיר אַוועקלעגען די „פּראָגרעסלייט" אָן אַ זייט. זיי אינטערעסירען אונז נישט מעהר. דאָס וואָס זיי זאָגען צו, וועלען זיי האַלטען. אין אַמעריקא איז גענוג אָנגעדרוקט, אַז מען זאָל דאָס קענען איבערדרוקען. פֿאַר דרוקפֿעהלערן האָבען זיי קיין מורא ניט, פּאַק-פּאַפּיער פֿעהלט גאָט צו דאַנקען ניט, און די טייערע פּרייזען, וואָס זיי שטעלען, וועלען ברענגען דערצו, אַז מען וועט זיי סיי ווי ניט קויפֿען. עס איז מעהר

נישט ארחמנות, וואס מענשען האבען זיך גענומען ניט פאר זייער עסק און פערלירען אומזיסט צייט און געלד. איין ראטונעק איז דא נור פאר די „פראגרעסלייט": איבערצוגעבען זייער פערלאג אין בעסערע הענד, גוטע ליטעראַרישע קרעפטען און ניט זשאלעווען קיין געלד פאר אריגינעלע וויסענשאפטליכע ארבייטען פארן פאלק.

די פראגע צוגעבען ריכטיגע וויסענשאפטליכע פארשטעלונגען דעם יודישען פאלק איז איינע פון די שווערסטע.

געבען פאפולערע ליטעראטור איבער נאטורוויסענשאפטען איז כמעט אונמעגליך, ווייל יעדע וויסענשאפט קען זיין פאפולער ביז צו א געוויסער גרעניץ, ווייטער פון דער גרעניץ מוז מען שוין לערנען. דאס הויפט־אומגליק, פאר וואס מען קען די יודען ניט געבען קיין וויסענשאפטליכע ביכלעך, בעשטעהט אין דעם, וואס אונזער פאלק האט ניט די אייראפעאישע שולבילדונג. אין חדר, דער יודישער פאלקסשולע, דערגעהט דאס קינד קיין זאך נישט, וואס האט א שייכות צו דער נאטור. ער זעהט קיין נאטור־ערשיינונגען ניט ארום זיך, און אויב ער זעהט וואס, דערקלערט איהם דאס קיינער ניט. פאפולערוויסענשאפטליכע ליטעראטור מוז זיין געבויט אויף דער שולבילדונג. די פאלקס־שולע איז דער פונדאמענט, אויף וועלכען זי בויט איהר בנין. ווי שוואך עס איז ניט די בילדונג אין דער פאלקס־שולע ביי אנדערע פעלקער, בעקומט פארט דאס קינד א קליינע פארשטעלונג פון באטאניק, זאאלאגיע, מינעראלאגיע, פיזיק און כעמיע, איך רעד שוין ניט פון אנדערע זאכען. אין שול ווייזט מען איהם אלערליי מעטאלען, פלאנצען, ער זעהט בילדער פון פערשיידענע חיות, ער ווערט בעקאנט מיט דעם בנין פון א מאשינע א. אז. וו. דעריבער איז שפעטער מעגליך די פעהיגערע פון פאלק צו בילדען מיט פאפולערער ליטעראטור.

ביי יודען איז דאס אונמעגליך. איך מיין, אז די, וואס ווילען איצט בילדען דאס פאלק, זאלען אוועקלעגען אן א זייט די פאפולערע ליטעראטור, וואס בעשעפטיגט זיך מיט נאטורוויסענשאפטען און זעהן, ערשטענס צו רעפארמירען די חדרים, מאכען זיי אייראפעאישער אין דעם זין, ווי מיר האבען אויבען גערעדט, און צווייטענס, גרינדען אבענד־שולען, שבת־שולען, האלטען פארלעזונגען פארן פאלק מיט דער הילף פון בילדער־קארטען, פלאנצען, מינעראלען, מעטאלען א. אז. וו.

די פאפולער־וויסענשאפטליכע ליטעראטור וועט אונז היינט קיין

נוצען ניט ברענגען. עס איז אַ דורכגעאַרבייטע אַרבייט. קיינער לייענט זי ניט, זאָגן דער וואָס לערנט זי, פערשטעהט זי ניט. אמת, אז מען וואָלט פערלייגען מיט די נויטיגע בעווייז-מאַטעריאַלען, וואָלט דאָס ברענגען נוצען. קיין פערלאַג אָבער קען מען נאָך אויף דעם נישט געפינען.

איך מיין, דאָס די פּאָפּולערע ליטעראַטור דאַרף זיך נעהמען צו אַנדערע אַרבייטען. זי דאַרף בויען אויף די קענטניסען, וואָס דער יונגעל האָט געקראָגען פון חדר. דער יודישער חדר גיט אויך בילדונג, נאָר די בילדונג איז אַ מאָראַליש-רעליגיעזע. אויסער דעם גיט זי שוואַכע קענטניסען פון דער העברעאישער שפּראַך מיט דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור. אַלע ביכלעך, וואָס מאַכען לייכטער צו פערשטעהן פראַגען פון מאָראַל, פון רעליגיאָן, א. ד. גל. וועלען אַריין אין פאָלק, וועלען ווערען געלעזען און מען וועט זיי פערשטעהן. אַ גרויסע וויכטיגקייט וואָלטען געקראָגען וויסענשאַפטליכע ביכער איבער די ביבלישע צייט, איבער די ענטוויקלונג פון נביאות ביי יודען, איבער איטליכען נביא בעזונדער א. אַ. וו.; לעבענסבעשרייבונגען פון מענשען, וואָס שטעהען נאָהענט צו די צייטען פון אונזערע חז"ל, וואָלטען געקענט ברענגען אַ גרויסען נוצען, זיי וואָלטען ענטוויקעלט דאָס היסטאָרישע געפיהל פון לעזער, זיי וואָלטען געוויזען, ווי ענהליך זענען די ציעלען פון אַלע גרויסע מענשען אין געוויסע צייטען.

די ביאָגראַפיע פון סאָקראַטעס (אַרויסגעגעבען פון גאָטעלניק) איז נויטיג. דאָס וואָס „פּראָגרעס" קלייבט זיך אַרויסצוגעבען דאַרווינ'ס ביאָגראַפיע, איז אַ גאָר אומזיסטע אַרבייט. דאָס פאָלק וועט דאָס נישט פערשטעהן.

נאָר אויסער דעם, וואָס דאָס פאָלק טרעט אַריין אין לעבען מיט די שוואַכע קענטניסען פון חדר, אויף וועלכע מען קען מיט נוצען ווייטער בויען, איז דאָס פאָלק קיין קינד ניט. אַ טייל פון פאָלק געהערט אַלע צייטען צו געוויסע פּאַרטייען. איטליכע פּאַרטיי אָבער טראָגט מיט זיך אַ סך לעבענס-פראַגען, האָט זיך איהרע בילדונג, וועלכע זי פערברייטעט צווישען איהרע אָנהענגער, און בילדעט זיי אויס דורך דעם.

אויף דער בילדונג, וואָס די פּאַרטיי גיט דעם פאָלק, קען ווייטער בויען די פּאָפּולערע ליטעראַטור. עס זענען דאָ זאַכען, וואָס דאָס לעבען טייטשט איין בעסער ווי יעדער חדר. אַ פּראָסטער אַרבייטער דאַרף ניט לערנען פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אום צו פערשטעהן, דאָס זיך גוט אויסשלאָפען איז נויטיג פאַר'ן פאַבריקאַנט ניט ווייניגער ווי פאַר איהם אַליין, און דאָס דער הייטיגער אַרבייטער איז אויך אַ מין לעבעדיגע

מאַשינע א. אז. וו. דער פּראָסטער ציוניסט פֿערשטעהט, אַז די מענשהייט זאָרגט פֿאַר איהם זעהר וועניג, אַז לעבען פֿריי ווי אַ נאַציאָן איז בעסער און געזינדער, ווי צו זיין נע־ונד, ער ווייס, דאָס דער אַנטיסעמיטיזם איז אַן אייביגע פֿראַגע, כּל זמן יודען וועלען זיין אין גלות, אַז זייער לאַגע מוז ווערען ערגער, ווען עס וועט אַלץ מעהר וואַקסען די קאָנקורענץ.

די פּאָפּולערע ליטעראַטור, אויב זי וויל, אַז דאָס פֿאָלק זאָל זי פֿערשטעהן, מוז זיך סטאַרען צו ענטפֿערן דעם לעזער אויף די לעבענס־פֿראַגען, וואָס אינטערעסירען איהם, און פֿון וועלכע ער האָט שוין אַ ידיעה, נישט לערנענדיג אין אַ חדר.

אויסערדעם דאַרף מען ניט פֿערגעסען, אַז דאָס פֿאָלק בעשטעהט פֿון מענשען, וואָס האָבען ווייבער, קינדער, לעבען אין שלעכטע וואוינונגען, ליידען פֿון קראַנקהייטען און גיבען אַוועק אַ טייל פֿון זייער פֿערדינסט דעם דאָקטאָר און דעם פֿעלדשער. דעריבער זענען פֿאַר זיי וויכטיג און אינטערעסאַנט אַלע ביכער, וואָס קענען האָבען אַ שייכות צו זייער פֿאַמיליענלעבען און צו זייער אייגענער און זייערע קינדערס געזונדהייט.

ד״ר גאָטליעבס אויסגאַבען וועגען פֿערשיידענע היגיענישע פֿראַגען זענען דעריבער זעהר נוצליך און וואָלטען נאָך געווען אַ סך נוצליכער, ווען אָנשטאָט צו געבען מעדיצינישע קענטניסען, וואָלט ער מיט דעם לעזער געפֿיהרט אַ טיעפֿערען שמועס וועגען לופֿט, וואַסער און ליכטיגקייט, און וואָס פֿאַר אַ שייכות זיי האָבען צו דער מענשליכער געזונדהייט, ניט ווי אַ כעמיקער נאָר ווי אַ היגיעניסט. מען דאַרף ניט פֿערגעסען די ערציעהונג פֿון אונזער פֿאָלק, מען טאָר ניט פֿערגעסען אָן חדר׳ אונזערן, מען מוז האָבען אַ ברייטען פֿרייען בליק אויף די לעבענס־אינטערעסען פֿון פֿאָלק, אַז מען זאָל קענען שאַפֿען אַ גוטע פּאָפּולערע ליטעראַטור פֿאַר דעם יודישען לעזער, אום מען זאָל טרעפֿען צוגעבען דאָס, וואָס ער איז בכח צו בעגעהמען. ניט קאָטיק און ברעסלער, ניט נאַסעלניק, ניט דער פֿערלאַג „פּראָגרעס״, וועט דאָס אונז געבען. אום צו שאַפֿען די נאַציאָנאַלע אַרבייט פֿון פֿאָלקס־ערציהונג, מוזען זיך נעהמען דערצו די בעסטע פֿון פֿאָלק און אַלע צוזאַמען.

אויסער דעם איז נאָך דער פֿעהלער פֿון אַלע די פֿריהערדיגע אַרויסגעבער, דאָס זיי האָבען וועניג פֿערשטאַנען צו שעצען די נאַציאָנאַלע זייטען פֿון יודישען לעבען. עס איז מערקווירדיג, ווי זיי האָבען האַלט איבערזעצונגען. זיי פֿערשטעהען ניט, דאָס פּאָפּולערע ליטעראַטור פֿאַרן פֿאָלק (עס איז דאָ אויך פֿאַר געבילדעטע אַזאַ ליטעראַטור, ווי העלמהאָלץ׳ס,

ווירהאָווס, קאָהן'ס ווערק א. אַ. וו.) מוזען זיין אָריגינעלע אַרבייטען, בעזונדערס פאַר יודען, וועלכע האָבען אָנשטאַט א פאָלקסשולע דעם חדר פאַר זיך. „די געשיכטע פון א שטיקעל ברויט" וואָס א פראַנצויז האָט געשריבען פאַר זיין פאָלק, וועלכעס האָט געענדיגט א שולע, אייביג געלעבט אַרום פעלדער און גערטנער, נעבען מאַשינען און עלעקטרישע אַנלאַגען, קען ניט ווערען איבערזעצט פאַר דעם יודען, וואָס קען נאָר מעביר זיין די סדרה, עטליכע דינים פון חיי אָדם און איינמאַכען ציצית. — ווילען מיר שוין האָבען א פּאָפּולערע ליטעראַטור, מוזען מיר די אַליין שאַפען, אַליין פערפאַסען. די איבערזעצונגען וועלען אונז ווייניג נוצען ברענגען.

די פראַגע וועגען פּאָפּולערע ליטעראַטור איז איינע פון די שווערסטע. דער ציוניזם, וואָס וויל בילדען דאָס פאָלק, מוז זיך מיט איהר בעשעפטיגען. מיט דער צייט וועט זי ווערען איינע פון די ברענענדיגסטע פראַגען. דען פעלקער, ווי די דייטשען, אסך געבילדעטער פאַר אונז גיעבען אויס זייער פאָלקס-בילדונג דורך פערברייטונג פון פּאָפּולערע ביכער גרויסע סומען געלד. היינט ווי ווייט מעהר דאַרף דאָס אינטערעסירען אונז, וואָס האָבען נאָך אַפילו ניט דאָס צעהנטעל וואָס די דייטשען פערמאָגען אין בילדונג.

דערווייל אָבער ליגען די פּאָפּולערע אויסגאַבען אין די הענד פון מענשען, וואָס ווילען אפשר גוטס דעם פאָלק, ווייסען אָבער ניט ווי זיך צו נעהמען דערפאַר.

# ליטעראַרישע מאַנוסקריפּטען.

(העפט I, II, III).

אַ װאונדערליכען אײנדרוק מאַכט דער ערשטער אַרטיקעל „צו די לעזער“ אין די ל. מ. העפט 1. עפּיס הערט זיך אין איהם דער טאָן פֿון אַ פּראָקלאַמאַציע, אויסגעמישט מיט אַ בשורה טובה פֿון אַ הײנטיגען פּאָליטישען נביא; עפּיס קלינגט אין איהם די צופֿריעדענהײט פֿון אַ מחותן אויף אַ חתונה, װאָס ברענגט אויס אַ טאָאַסט אויף דאָס יונגע פּאָר'ל. עפּיס קלינגט אין איהם די פּוסטע גאוה און די רוהיגע עם־הארצות פֿון אַן אָפֿיציעלער פּאָליטישער רעדע. דערבײ איז די שפּראַך אַזאַ צוקאַלעטשעטע, און די עברי אַזאַ גױאישע... די אַרױסגעבער זענען אונז מבשר, אַז עס זעהען זיך שוין (!) די ערשטע שפּראָצונגען פֿון אַ יודישען קולטור־רענעסאַנס, אַז ס'האָט זיך שוין געביטען דאָס פֿערהעלטניס פֿון אונזער אינטעליגענץ, סײ פֿון דער נאַציאָנאַל־אָרטאָדאָקסאַלער (אַ פֿײן נײ װערטעל פֿאַר די ציוניסטען) און האַלב־אַסימילירטע צום אָרימען זשאַרגאָן. די ציוניסטען, װאָס האָבען ביז איצט געקוקט אויפֿ'ן זשאַרגאָן, װי אויף אַ שמאַטע (?!), װילען זיך שוין פֿון איהם איצט נישט שײדען. די בונדיסטען, װאָס האָבען נישט געװאָלט װיסען פֿון יודישער נאַציאָנאַלער קולטור, זענען שוין אויך געװאָרען בעסער. אויך דער לעזער איז געװאָרען אַן אַנדערער, אַ געהויבענער מיט העכערע פֿאָדערונגען. קורץ און גוט, אַלײן איז פֿאַרטיג, אַז די יודען זאָלען װערען געבענטשט מיט „עלטע נישט

„געפעלשטע" ליטעראַטור. און די אַרויסגעבער פון די ל. מ. וואָס האָבען דאָס אַלץ בעמערקט, זענען געווען אַזוי גוט, עדעל און פיין און האָבען גענומען בעוואָרנען די האַלב־אַסימילירטע און אָרטאָדאָקסאַל־נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ, ווי אויך דעם נייעם לעזער מכל טוב. און עס קומט אויס, אַז אין דעם טאָג, וואָס דריי יודען פון פערשיידענע פּאָליטישע הדרים האָבען בעשלאָסען אַרויסצוגעבען אַ זשורנאַל, האָבען זיך איבערגעקעהרט די מעשי בראשית, יודען זענען געוואָרען אַ פאָלק, און רעדענדיג מיטן שענעם לשון פון די אַרויסגעבער: „ס'עפענען זיך נייע קוועלען אין דער ליטעראַטור, עס וואַקסען נייע צווייגען אין זייער פרוכטווערט ציטיגער".

## פּרץ הירשביין.

אין די ערשטע צוויי ביכלעך געפינען זיך „וואַנדערטרוימען" (שטימונגס־בילדער) פון פּרץ הירשביין. איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב פון זיי קיין שום הנאה נישט געהאַט. הירשביינ'ען האָט זיך נישט איינגעגעבען צו שאַפען האָטש אַ שאָטען פון אַ שטימונג. מליצות, סענטימענטאַלע מליצות, און אַלטע מליצות (די בת מלכה מיטן רויז, די רויטע רויז ווערט פאַר צער ווייס, עס קלינגען אין אויער קייטען, די געטער, מיט דער „זי־מוזע", ווי אַלט און ווי אָבגעבלאַקירט און ווי לאַנגווייליג!). דערביי איז די שפּראַך שלעכט. עס איז נישט קיין יודיש, נאָר בערדיטשעווער טייטש. דער ערשטער טייל ענדיגט זיך מיט די ווערטער: ערוואַך זיך, ערוואַך זיך! אויך מיין איינדרוק איז געווען, אַז ס'איז שוין צייט, אַז פּרץ הירשביין זאָל זיך אומקעהרען צו זיין אַמאָליגער פשטות, צו דער צייט, ווען ער האָט געשריבען „פון איגענע און פרעמדע", אַז ער זאָל אויפוואַכען פון דעם חלום און דעם כשוף, מיט וועלכע עס האָט איהם בעכשופ'ט די איראָפּעאישע שטימונגס־ליטעראַטור, אָבער אַנשטאָט אויסצורופען: ערוואַך זיך (וואָס איז נישט אין גייסט פון דער יודישער שפּראַך און אויך נישט פון בערדיטשעווער דייטש) וואָלט איך איהם צורופען: וואַך אויף! וואַך אויף! דרוק די שטימונגס־סחורה אין „שפּאָזניק". אויב דו ווילסט, און אונז גיעב דאָס, מיט וואָס דו האָסט אונז צוגעזייגען

אין די ערשטע יאָהרען פֿון דיין ליטעראַרישער טעטיגקייט; גיעב אונז דיין טיעפֿע גוטסקייט, דיין טיעפֿעס גערעכטיגקייטס־געפֿיהל, און דיין בּגנועהדיגע שטענע ליעבע צו יונגע יודישע פֿרויענגעשטאַלטען.

---

### נ. ש.

צום ערשטען מאָל, דוכט זיך, דרוקען זיך די שטימונגס־בילדער פֿון נסתּר, וועלכער איז שוין אין ליטעראַרישע קרייזען בּעקאַנט זייט עטליכע יאָהר. אויך זיינע שטימונגען זענען ליטעראַרישע פּראָבען, ניט ליטעראַרישע קונסט. אויך ער איז סענטימענטאַל און ריהרט ניט דעם לעזער. אין „פּויליש" זעהט מען נישט קיין טאַנץ, נאָר מען הערט אַ סך עפּיטעטען וועגען טאַנץ. אויך ער איז פֿול מיט מליצות, נאָר זיינע מליצות זענען אַזוי ניי, זיינע ווערטלעך זענען אַזוי אָריגינעל, דאָס דער ליעבּהאָבער פֿון דער יודישער שפּראַך קען זיך נישט גענוג אָנקוועלען מיט זיי. נסתּר איז אַנאָנפֿאַנגער, און ווי בּיי איטליכען אָנפֿאַנגער איז ער מעהר פֿול מיט דעם מאַטעריאַל פֿון קונסט, ווי מיט דער קראַפֿט דאָס שענע דעקאָראַטיווע מאַטעריאַל אויסצונוצען צו אַ געוויסען קינסטלערישען צוועק. נסתּרין פֿעהלט דער ריטם, די ריינע מנוחה, מיט וועלכע עס צייכענט זיך אויס אַ פֿאַרטיגער קינסטלער. דערפֿאַר אָבער בּעזיצט ער אַ שפּראַך, וואָס איז אַזוי אָריגינעל, אַזוי רייך, און אַזוי יודיש־נאַציאָנאַל, דאָס די ליטעראַטור קען האָפֿען פֿון נסתּרין נאָך צו דערלעבען אַ סך, אַ סך נחת.

---

### מנחם.

מנחם׳ס „תּפֿילות פֿון אַ יזאַכען", וואָס זענען אָנגעשריבען מיט אַ קלוגער בּערעכנונג, קאַליגראַפֿיש קלאָר, מיט אַ ריינער גוטער שפּראַך — מאַכען זעהר אַ גאָנצאַנגענעהמען איינדרוק. מנחם איז דער היפּוך פֿון

בסתר. ער איז א נולד מהול, ער איז ארויס פאַרטיג פון פורעם, ער האט מן השמים ווי יענער עלוי, דער עקר, שוין צו ניין מאָנאַט א ברכה געמאַכט אויף דער מאַמעס ברוסט. אַלע ליטעראַרישע פאָרמען גיעבען איהם זיך זעהר לייכט איין. שוין זיינע ערשטע ליטעראַרישע אַרבייטען זענען געווען דרוקפעהיג. ער האט, מיר דוכט זיך, קיינמאָל נישט געפיהלט דעם טעם פון וועלען און נישט קענען. בעת דער טאַלענטירטער נכתר ווערט דערשטיקט פון דער מאַסע מאַטעריאַל וואָס פליסט איהם ארויס אונטער דער פעדער, און דעריבער פערלירט ער דעם גרונד-ריטם פון זיין קינסטלערישען געדאַנקען — זיצט זיך מנחם מיט א פאַרטיגען ליטעראַרישען ווערטערבוך, מיט א פאַרטיגער, פון ערגיץ וואו גענומענער, ליטעראַרישער פאָרם, מיט א פאַרטיגען קלאָרען פראָגראַם, קלאָר ווי א געאָמעטרישע פיגור, און שרייבט זיך געלאַסען, רוהיג דאָס, וואָס ער וויל און דאַרף. מנחם איז געווים זעהר א בעגאַבטער מענש, אָבער איהם פעהלט די הויפט-זאַך — טאַלענט. דאָס וואָס ער שרייבט, זענען געמאַכטע זאַכען, נישט דורכגעלעבטע. למשל, נעהמט זיינע תפלות, דוכט זיך גוט, פיין און שעהן, און בילדער זענען דאָ, און הויכע זודיגע פראַזען און א געוויסער ריטם, במעט א גאַנצער ווערלען... נאָר איינס פעהלט: דאָס אמת'ע האַרציגע רעליגיעזע געפיהל. און אז ער וועט שרייבען איבער „ליעבע“, וועט איהר ביי איהם האָבען אַליז, וואָס האט א שייכות צו ליעבע, נאָר איינס וועט פעהלען: די אמת'ע האַרציגע ליעבע. ער געהערט צו דעם טיפ שרייבער, וואָס קען גאַנץ פיין אַרומשרייבען אַלע קלייניגקייטען און בייזאַכען פון א הויפט-געפיהל, אָדער פון א ערלעבענים, אָבער ער האט נישט קיין אויג פאַר דאָס געפיהל אַליין. מען קען זיי פערגלייכען מיט די סאַרווערס אויף א חתונה, וואָס קענען פיין דעקאָרירען די טישען, אויסשטעלען אויף זיי די שענסטע ווינען און פרוכטען. טרינקען אָבער דעם ווין טוען טרינקען אַנדערע, און די סאַרווערס נעבעך ווייסען אפילו נישט דעם טעם זייערן.

---

## שלום אַש אין ח. ד. נאמבערג׳ס

אונזער „בן יחיד“ שלום אַש האט געגעבען אין די ל. מ. דעם ערשטען קאַפּיטעל פון זיין „פאַלעסטינא-רייזע“. שוין אין ערשטען קאַפּיטעל זעהען מיר, ווי זיין פאַלעסטינא-רייזע איז אייגענטליך א רייזע דורך

זײן „שטעדטעל“. װיפיעל ער אַרבײט נישט איבערצוגעבען די נאַטור-אײנדריקען זײנע, פאַהרענדיג אױפ׳ן שיף דורך צװײ ימים — עס קומט אַלץ אַרױס „דאָס שטעדטעל“. „די דאַרדאַנעלען װענען נאָך בעהױכט מיט דעם נאַכט-טױ װי שבת-מאַמע-טראָפּען (?). „קירשענבױמעל (!) און מירטענבױמעל (!)... קוקען אױף דאָס שיף, װי הדר-יונגלעך... װאָס װערען מיט בײגעל און סדור פֿון בעהעלפֿער געפֿיהרט“.

דער ים אַלײן װערט אין ערגיץ נישט געשילדערט מיט די אױגען פֿון אַ קינסטלער. ער האָט פֿאַר איהם קײן אײגענעם נאָמען נישט, דער ים איז צו גרױס פֿאַר דעם פּאָעט פֿון „שטעדטעל“, און ער האָט פֿאַר איהם קײן װערטער נישט. יאָ, דעם װאָלקען איבער׳ן ים זעהט ער שױן, אױך די װעלען זעהט ער. אָבער ער זעהט זײ, װי די װאָלקען און העלען פֿון אַ קלײנשטעדטעלשען טײך. „ציטריג מײדעלש, װי די קאַלטע ציטערדיגע ברוסטען פֿון מײן כלה, קומט דער װאָלקען העקען דעם שטילען (!) װאַל, דעם שטילען טראָפּ (!)“. און אױך דאָס שיף זעהט עפּיס אױס אין אַש׳ס שילדערונג, װי אַ שפּעלע פֿון אַ טײכעל „חירק“, נישט װײט פֿון שטעטעלע. די שפּראַך פֿון ערשטען קאַפּיטעל איז שטאַרק געקינצעלט און פֿערדײטשמערישט. אין מאַנכע שטעלען איז דאָס געבױ פֿון זאַץ דײטש, נישט יודיש. זעהר שװאַך איז די שילדערונג פֿון זונענמאַרגען איבער גאָלדענעם האָרן. עס בלענדט די אױגען פֿון זונענגלאַנץ. דער זאַץ אָבער: „עס װערט אײן שרײענדער שטראַהלען-שטרײטענדער זונענמאַרגען“ איז נישט יודיש. אַש איז װי אַ שװאַך, װאָס װײנט אײן אַלערלײ אײנדריקען פֿון לעבען, און זײנע רײזען קײן בעדײט האָבען געקאַלעמשעט זײן שפּראַך. און נישט נאָר זײן שפּראַך. אַש האָט עפּיס דערשמעקט אין לופֿט דעם בעגריף פֿון „פּראָבלעם-דיכטונג“ און „פּראָבלעם-שטימונג“, און מיט אַ יונגעלשען לײכטזין האָט ער זיך גענומען פֿאַר די „מאָדע-זאַכען“. אָנגעהױבען האָט ער מיט זײן „משיחס צײטען“ און געענדיגט האָט ער מיט זײן „שבתאי צבי“. נאָר דעריבער אין די װײטערע נאָטיצען“.

דאָס זעלבע, װאָס האָט פּאַסירט מיט אַש׳ן, האָט אױך געטראָפֿען נאָמבערג׳ן. אַש איז בלינד פֿאַר׳ן ים — נאָמבערג פֿאַר די טיראָלער בערג. אין זײן ערצעהלונג „צװישען צװײ בערג“, — אײנע פֿון די בעסטע זאַכען נאָמבערג׳ס, לױט די רוהיגקײט פֿון פֿערצעהלער-טאָן, לױט דעם גלײכען האַרמאָנישען ריטם, װאָס פֿליסט דורך די שײנע נאָװעלע — האָט נאָמבערג געפּרובט איבערגעבען זײן קינסטלערישען אײנדרוק פֿון די טיראָלער בערג

ווינטערצייט. און עס איז אַרויסגעקומען עפּיס אַמאָגער בּילדל גרינה און גראָה, אָהן טאַלענט, אָהן ליעבּע צו דער זאַך. נעהמט למשל די שטעלע: „אינזער הויז האָט זיך געדרעהט ווי אַ שלאַנג; דערזעלבּער צוטראָטענער שניי פון אונטען, דערזעלבּער פערפרוירענער שניי פון די זייטען און אַזוי אָהן אַ אויפהער. די ליכטפלעקען און די שטיקער בּלויער הימעל זענען צייטענווייז איינגאַנצען פערשוואונדען...“

„און אַרום זענען געשטאַנען די בּערג פון פערשיידענער הויך (!), פון פערשיידענע געשטאַלטען, זיי האָבּען זיך צוגעפּרעסט איינער צום אַנדערען, אָדער געקראָכען איינער דעם אַנדערען אויפ'ן קאַרק א. אַז. וו. א. אַז. וו.“ און אַט אין דעם טאָן פון אַ פּראָטאָקאָל געהען די ווייטערע בּעשרייבּונגען.—דערפאַר אָבּער האָט זיך נאָמבּערג איינגעגעבּען איבּערצוגעבּען אין דער נאָהעלע זיין ציטעריג פלאַטערדיג לעבּענסגעפיהל: זיין הכנעה קעגענאיבּער אַ שטאַרקערן, זיין קאַלטער רחמנות צו אַ שוואַכערן, די תאוה פון אַ שוואַכען מאַנסבּיל צו אַ נקבה אַ קאָזאַק; דאָס לעבּענסגעפיהל פון איינעם וואָס זאָגט: עס קיצעלט... און אַמאָל טאַקע צום איבּלען, אָבּער הנאה טוט עס ניט.

---

# אנכי.

הינטען אָנכי׳ס „ר׳ אלחנן“ קען איך נאָר זאָגען, דאָס אויך די נאָוועלע דערגרייכט נישט צו זיין „שלמה דער שוחט“, וועלכע איז ערשיענען פאַר צוויי יאָהרען אין „דעם יודישען פאָלק“. אָט אַזוי ווי נסתר איז רייך מיט אַלערליי הערטלעך, אָט אַזוי איז אָנכי אָרים, ווען עס ווילט זיך איהם עפּיס אויסדריקען. דער אַלטער, אַלטער בּית המדרש; די גראָהע, גראָהע בּאָרד; דער ווייסער, ווייסער שניי א. אַז. וו.—דערמאָנט אָן דעם לשון פון קליינע קינדער, וואָס קענען נאָך נישט רעדען. אנכי איז נאָך אַלץ אַ בּעל פה. און זיינע זאַכען מאַכען נאָך אַלץ דעם איינדרוק פון אַ טאַלענטפאָלען אָנפאַנגער. דאָס וואָס ער איז נאָך אַלץ נישט אויסגעוואַקסען, ערקלער איך דערמיט, וואָס ער האָט נאָך אַלץ נישט בּעצוואונגען דעם קוואַל פון זיין סענטימענטאַליטעט. איהם פעהלט אַ בּיסעלע אַכזריות צו זיך און צו זיינע העלדעלעך. אין דעם טאָג, ווען ער וועט מיט אַ שמייכעל אויך

די ליפען קוקען אויף זיינע גבריאלס, וועט ער אונז אָנהויבען צו געבען דאָס, וואָס מען ערוואַרט שוין פון איהם זייט שוינע עטליכע יאָהרען.—

———

## ש. ניגער.

איך היב איבער זילבורג׳ן (קיין רושם נישט איבערגעלאָזען) פריז׳ן (ערשט דער אָנפאַנג), איינהאָרן, וועלכער האָט געגעבען אַ פּאָר גוטע לירישע שירים, א. וויטערס אַרטיקעל איבער טעאַטער (דער אינהאַלט: אינטעליגענטיש—בעלי-בתיש, די עברי — אינטעליגענטיש צובראָכען און צו-קאַליעטשעט. אַלס ביישפּיעל נעהמט דעם פאָלגענדען זאַץ: „דער פאַרס איז בכלל אַ שטיעף-קינד פון טעאַטער, געבוירען פון דער צירק-אַרענא מיט דעם גאַס-באַלאַגאַן. אפילו ניט מיט זיין אַלטען רעפּערטואַר („בר כוכבא“, „שולמית“), האָט ער אויך זייער נאַאיווער מיטטערען-פאָרם ליגען שוין פלעקען פון בדחנישער בעגרענצטער פערשפּיצטקייט, פון פער-טעמפטען בעל-הבתישען לצנות-וויץ. דאָס יודישע טעאַטער איז אַזוי קרענק-ליך בעליידיגענד, נור מיט זיין נייעם, האַלב אַמעריקאַנער, האַלב רוסלענדער, מאַרגאַרין-רעפּערטואַר און מיט זיינע סצענישע מיטלען, מיט׳ן אַרט שפּיעלען, וואָס איז אין איהם אַזוי אָרגאַניש צוזאַמענגעוואַקסען און אַזוי גוט צוגע-פּאַסט צו דער בולוואַר-דראַמאַ“, אַ גאָלדענע שפּראַך! הויך אינטעליגענ-טיש און קלאָר געשריבען!) אויך ש. נאָרעליק׳ס „קריטישע“ אַרטיקלען רחמנא לצלן (וואָס מישען צונויף דעם „נאָרוועגער דעמב“ מיט׳ן קוטנער בחור און דעם געניאַלען קראַנקען דאָסטאָיעווסקי און פיקען אין אויער ווי אַ זלידנע פייקעל), און וויל נאָר קורץ אָנווייזען אויף די אויסגעצייכענטע קריטישע אַרבייטען פון ש. ניגער, אום צו פערענדיגען מיינע נאָטי-צען מיט שלום אַש׳ס שבתאי צבי. ש. ניגער׳ס אַרבייטען וועגען פרץ׳ן, נאָמבערג׳ן און א. רייזענ׳ען זענען באמת אַ צירונג פאַר די ל. מ. שוין צוליעב זיי אַליין איז כדאי געווען צו אָבאָנירען אויף דעם זשורנאַל. ש. ניגער האָט אָנגעהויבען שרייבען אינ׳ם „וואָרט“. שוין נאָך זיינע ערשטע אַרטיקלען איבער אַש האָט מען געזעהען, אַז עס וואַקסט ביי יודען אַ קריטיקער. עס איז אָבער נישט געווען קלאָר, וואָס פאַר אַ טיפּ קריטיקער, צי פון דעם רוסישען מין אָדער פון דעם איראָפּעאישען, צי וועט ביי

איהם דאָס קונסט־ווערק זיין נאָר אַ צוטשעפּעניס אום צו מאָלען די סאָ־ציאַלע צושטאַנדען פון אונזער הייגטיגען לעבען, אָדער צי וועט זיין הויפּט־ציעל זיין אַרויסצובעקומען די נשמה פון דעם עצם קונסטווערק. אָדער קורצער גערעדט: צי וועט ער אונז געבען סאָציאַלע קריטיק, אָדער עסטעטישע. די לעצטע דריי אַרטיקלען בעווייזען, דאָס ער געהט אויף דעם וועג פון דער עסטעטישער קריטיק. דער וועג איז אַ פּיעל שווערערער, ווי דער ערשטער. סאָציאַלע קריטיקער זענען דאָ ביי אונז אַ סך (ש. גאָ־רעליק איז אויך איינער), עסטעטישע כמעט גאָר ניט.

ש. ניגער, ווי דער געבאָרענער עסטעטער ליטעראַטור־קריטיקער (נאָר דער עסטעטישער איז דער עכטער) האָט פּראַכטיג אויסגעשפּרייט פאַר אונז די קינסטלערישע נשמה פון פּרץ'ס, נאָמבערג'ס און רייזענ'ס ווערק. יעדער פון די דריי, וואָס זייער גייסט איז פונקענווייז צעשפּרייט און צע־וואָרפען אין זייערע שריפטען, זענען ביי איהם אַרויסגעקומען אַלס גאַנצע, פולע נשמות, איטליכע נשמה מיט איהר קרוין אויפ'ן קאָפּ, מיט איהרע טיעפע וואָרצלען, פון וואַנען זי זויגט איהר חיות, און מיט די פגימות פון איהר קרוין און איהרע וואָרצלען. מעהר פאַר אַלץ האָט זיך איהם איינ־געגעבען צו האַפּען דעם ריטם, דאָס לעבענסגעפיהל פון נאָמבערג'ס קינסטלער־נאַטור. וועניגער האָט זיך איהם אַיינגעגעבען רייזען. אָבער אין איטליכען אַרטיקעל ניגערס פיהלט מען, אַז מען האָט דאָ צו טון מיט איינעם, וואָס האָט אַ פּיינעם חוש פאַר די נשמה פון אַ ליטעראַרישען קינסטלער, און אונזערע יונגע ליטעראַטען מעגען זיך פרעהען, דאָס אין אונזער אָרימער וועלטעל איז צוגעקומען אַ מענש, וואָס האָט אַנ־אויג און אַ פּיינעם חוש פאַר זייערע אינטימסטע שעפערישע ערלעבע־ניסען.

---

שלום אַש.

אין אַש'ס „שבתאי צבי" זעהען מיר ווי אין אַ בּרענגלאָז אַלע הסרונות פון אַש'ן אַלס שרייבער און אַלס מענש. אויב איהר ווילט, קען מען זאָגען, דאָס אַ דאַנק „שבתאי צבי" וועלען אויך די פשוט'ערע לעזער זעהען די גרענעצען פון אַש'ס טאַלענט און די קרומע שטעגען, וועלכע ציהען

אַשין אַראָב פֿון זיין געוועהנליכען נאַטירליכען וועג, און מאַכען פֿון איהם אַ קאַריקאַטור. אַש איז דורך און דורך אַ לייכטע קינדערישע נשמה, וואָס שפּיעלט זיך שטענדיג מיטן לעבען, און בעגרייפֿט די מיסטעריען פֿון לעבען גאָר גאַנץ, גאַנץ אויבערפֿלעכליך, ווי דורך אַ דינעם שלייער. „ביין ברעג פֿון אַ טייך" זיצט דער יונגער אַש, קלויבט צונויף מושעלען און גלאַטע שטיינדעלעך, — דאָס צעב־עקעלטע פֿון אַ שווערען עבר, — און מיט חנ'ענדיגע קינדערישע הענטלעך בויט ער אויף זיינע שענע מעשה'לעך, זיין פּאָעמע „דאָס שטעדטעל". זיין „שטעדטעל" איז אַ גראַציעזער חלום פֿון אַ יודיש קינד. זיין „משיח'ס צייטען" איז אַ קאַרטען־פּאַלאַצעל — אַ צאַצקע. דאָס קונצער עופֿה'לע מאַכט פֿון אַלצדינג אַ צאַצקעלע. אַט גראָד אין דעם ליעגט זיין טאַלענט, דער חן זיינער. אַש איז ווי אַ געניבט קינד, נישט טיעף, נאָר שען.

אָרים אַלס שעפּפֿערישער גייסט מיט געבאָרגטע געדאַנקען, מאָטיווען און פּסיכאָלאָגישע שטיקלעך — בעזיצט ער דעם יונגעלשען חן — אַלטע בעקאַנטע זאַכען שענער אויספּוצען, לופֿטיגער אויסצושטעלען פֿאַר די אויגען. ער, אַש, איז דורך און דורך אַ דעקאָראַטיווער טאַלענט. ער איז מעהר ווירטואָז, אַלס פּאָעט. זיין פּאָעזיע ליעגט נישט אין האַרצען, נאָר אין זיינע חנ'דיגע לייכטע יונגעלשע הענד. צווישען אַנדערע פּעראָמערטע פּערבייזטע, מאַנסבילשע ליטעראַטען איז ער דאָס איינציגע קינד מיט רויטע בעקלעך, מיט אַ לייכטען האַרצען און נאָך אַ לייכטערען געוויסען. און אַלע האָבען מיר ליעב דאָס קינד, נישט ווייל מיר ערוואַרטען פֿון איהם גדולות, נייע ווערטער, נייע קונסטפֿאָרמען, נייע ערלעבעניסען — נאָר ווייל אין דער משפּחה פֿעהלט אַ קינד, פֿעהלט די ליעבע קינדערישע גראַציע, די חנ'עוודיגע טענצלעך פֿון קינדערישע פֿיסלעך. מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, און דאָס קינד האָט פּלוצלינג אויפֿגעהערט צו זיין דאָס, וואָס ער איז, און דורכאויס געוואָלט ווערען אַ גרויסער. אַש'ס נשמה איז אָבער פֿון די, וואָס וואַקסען נישט, ווי יענע קליינינקע קאָליברי־פֿויגעלעך, וועלכע זענען שען פֿון ערשטען טאָג פֿון זייערע געבורט, נעהמען אָבער נישט צו אין וואוקס, אָדער ווי יענע שעניינקע ענגלישע שוים־הינטעלעך, וועלכע בלייבען אייביג קליין. אַש'ס נשמה האָט זיינע גרעניצען — און טרעט ער אַרויס פֿון זיי און הויבט אָן דאָס הינטעלע צו מאַכען אַ פּנים פֿון אַ סען־בערנהאַרדינער הונד — מאַכט דאָס אַ קאָמישען איינדרוק. כל זמן אַש האָט געבויט קאָרטענפּאַלאַצען, — האָט קיינער צו איהם גאָר נישט געהאַט, נאָר וויבאַלד אין „גאָט פֿון נקמה" האָט דאָס קינד

אָנגעהויבען זיך צו רייבען מיט גאָט, און מיט פֿראַזען אָהן האַרץ שרייען ווי די גרויסע, איז ער געוואָרען קאָמיש. נאָך קאָמישער איז ער מיט זיין „שבתאי צבי“. דאָס קוטנער עופֿה׳לע הויבט נישט אָן צו בעגרייפֿען די פּסיכאָלאָגיע פֿון די גרויסע. שבתי צבי און שרה זענען צו גרויס פֿאַר זיין קינדערישען שכל, און ער מיינט, דאָס ווען ער וועט אַריינלעגען זיי אין מויל אַלערליי פּסוקים און אַ האַלבען טייטש־חומש און צעהן תחינות, און עטליכע פּראָבלעם־ווערטלעך, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין בערלין און אין פּעטערבורג — וועלען זיי אַרויסקומען לעבעדיג, פּונקט ווי ביי די גרויסע. אַ טעות געבעך. ליטעראַריש מאַכט „שבתי צבי“ דעם איינדרוק, וואָס אַ מכירת יוסף־שפּיעל: ווערטער, ווערטער אָהן אַנ׳אינהאַלט. אַ יונגעל האָט געוואָלט געבען דאָס בילד פֿון שבתי צבי, די דעמאָנישע געשטאַלט פֿון שרה׳ן, און אַרויסגעקומען איז נאָר אַ פּורים־שפּיעל פֿון האַלבע פּסוקים, טייטש־חומש־שפּראַך און אַלערליי ווערטלעך. און די פּורים־שפּיעל איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, דאָס דאָס עופֿה׳לע האָט בכלל פֿערגעסען צו שילדערן דעם הויפּט־העלד שבתי־צבי און אין דריטען בילד האָט ער נישט דערקענט די שרה פֿון צווייטען, און אין מאַנכע ערטער איז די שפּראַך געוואָרען פּשוט אַ ווילדער קוידערוועלש. למשל, אַש גע־בריבט אין איין שטעלע: „פֿון איין ליכט בעהאַנגט פֿון גאָט בינאָהגט“. פֿרעגט איהם בחרם, אויב ער ווייס אַליין דעם טייטש פֿון דעם דאָזיגען זשאַרגאָן. איך וועל זיך דאָ נישט אַריינלאָזען אין אַ דעטאַלע קריטיק וועגען אַש׳ס „שבתי צבי“, וועלכע שטויסט אָב איטליכען געזונדען ליטע־ראַרישען געשמאַק, און וועלכע איז פּשוט אַ פּערזעהענים. איינצעלנע שענע מליצות, וועלכע הענגען אין דער לופֿטען, ווי אַרויסגעריסענע זייטע פֿון עפּיס אַנ׳אונבעקאַנטען בוך, קענען דאָ גאָר נישט העלפֿען. מליצות אָהן אַ פּאָעטישען ווילען, אָהן אַ קינסטלערישען צוועק מאַכען אַ שלעכטען איינ־דרוק.

אַקוראַט ווי דער קוטנער אַש האָט נישט געקענט בעגרייפֿען דעם ים (צו שווער זיך מיט איהם צו שפּיעלען), אַט אַזוי האָט ער אויך נישט געקענט בעגרייפֿען די נשמה פֿון אַ שבתי צבי. אַש איז אַ גרעזעלע, טיעף איינגעוואָרצעלט אין דער ערד, וואָס ליעגט אויפֿ׳ן וועג צו שעמעניק. וואָס ער זעהט, קריעגט אַ פּנים פֿון שעמעניק און קוטנא. „אַ מירטעל־בוימעל, אַ קאַרשען־בוימעל, אַ שטילע וואַל, אַ ים־טראָפּ“ — אַט דאָס זענען די שטיינדעלעך מיט וועלכע עס איז אַזוי לייכט צו שפּיעלען אין ציכען. אָבער שבתי צבי, שרה, — אַ גרויסע היסטאָרישע טראַגעדיע, אַ בעוועגונג

פון מיליאָנען פאַנאַטיש-גלויביגע אַלט-פּאַרטייטיגע יוִדען — דאָס איז שוין
נישט פאַר די חנ׳זעדיגע הענטלעך פון אַ שעמעניצער יונגעל. דערצו דאַרף
מען האָבען שטאַרקערע הענד, פון אַ גרויסען. אין „שבתי צבי“ קען
מען זעהען קלאָרער ווי אומעטום, ווי קליין איז דער וואוקס פון אַש׳ס
טאַלענט, און וואָס פאַר אַ קינד דאָס איז, ווען ער טראָגט זיך אַרום מיט
אַזאַ בוטאַפאָרסקע זאַך פון איין טעאַטער צום אַנדערען און פערמאָגט
נישט, ווי אַלע קינדער, אויף אַ גראָשען זעלבסטקריטיק. מען קען אויך
פון דעם שטיק זעהען, ווי ווייט אַש איז שוין פערקראָכען, זייט ער איז
געוואָרען צוליעב אַנ׳אונגליקספאַל (זיין שטיק איז דורכגעפאַלען אין דייט-
שען טעאַטער) אַנ׳איראָפּעאישער שרייבער, זייט ער איז געוואָרען פאַר
זיי „דער גרויסער“, און זייט ער האָט אויפגעהערט צו זיין פאַר אונז
„דאָס קינד“.

מאי 1908.



# דאס יודישע טעאטער.

איטליכעס מאל, ווען מען רעדט וועגען אידישען טעאטער, רעדט מען גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, זיך ניט אפגעבענדיג קיין חשבון וועגען פובליקום, פאר וועמען דאס טעאטער איז בעשאפען געווארען. ביי אידען, ווי ביי אלע אנדערע קולטור-פעלקער, זענען פאראן פערשיידענע טעאטער-פובליקומס. די גרויסע מאסע פון פאלק האט ליעב שונד און זוכט אויס אזא טעאטער און אזא שטיק, וואו זיין שונד-געשמאק זאל קענען געפינען א בעפריעדיגונג. א קלענערער טייל פון טעאטער-פובליקום וויל שוין א מעלאדראמע, א בעסערם פאלקס-שטיק און אזא פובליקום געפינט איהר געשמאק אין י. גארדינ׳ן, אדער אין די שרייבער, וואס ארבייטען אויף זיין שטייגער. ווייטער איז דא א פובליקום — פון העכערער אינטעליגענץ פון פאלק —, וואס קען מיט א יעקב גארדין ניט אויסקומען, וואס האט א גוסט און אן אינערליכסטע בעדירפניס צו א גוטער עכטער דראמא, מעג עס זיין פון א היינטיגען, אדער פון א פארצייטיגען גרויסען דראמאטורג. אט די דאזיגע אידישע אינטעליגענץ האט נאך ניט איהר אייגענעם טעאטער און איז געצוואונגען צו בעפרידיגען איהר חשק צו א גוטען שטיק, וואס ווערט גוט געשפיעלט, אין פרעמדע טעאטערס אויף א פרעמדער שפראך.

רעדט מען וועגען א אידישען טעאטער גלאט אזוי און מען בע-

קלאָגט זיך דערבײַ, אַז מיר פֿערמאָגען נאָך ניט דאָס, װאָס קלענערע פֿעל־קער פֿון אונז בעזיצען שוין פֿון לאַנג אָן, — מײנט מען דערמיט אײגענט־ליך אַ קלײנעם טײל פֿון פֿאָלק — די אידישע אינטעליגענץ. דען קומען הײנט מיט אַלגעמײנער בעהױפּטונג, אַז אידען האָבען נאָך ניט קײן טעאַטער — איז פּשוט אַ פֿעלשונג פֿון דער װירקליכקײט. קאַמינסקי׳ס טרופּע אין רוסלאַנד שטעהט אין קײן זאַך ניט אָפּ פֿון די בעריהמטע קלײן־רוסישע טרופּען. און הױך קאַמינסקי׳ס טרופּע זענען פֿאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע, װאָס שפּיעלען אױסגעצײכענט גאָלדפֿאַדען׳ס, גאָרדינ׳ס, לאַטײ־נער׳ס, ריכטער׳ס, קאָברינס און אַנדערע טעאַטער־שטיק. „הינקע און פּינקע“, „בר כוכבא“ און „שולמית“ געהען שטענדיג בײ אַ פֿולער קאַסע. דאָס גרױסע פּובליקום, װאָס האָט הנאה פֿון אַזױנע שטיק, האָט זיך ניט װאָס צו בעקלאָגען. פֿאַר איהרע גילדענע בעקומט זי דאָס, װאָס זי װיל, אױף׳ן בעסטען אופֿן. אױך גאָרדינ׳ס שטיק װי „מירעלע אפֿרת“, „די שחיטה“, אָדער ליבינ׳ס „צעבראָכענע הערצער“ האָבען אַ טרײעס דאַנקבאַרעס פּובליקום. די געװעשער און נאַלעװקער העכערע משרתים פֿון די מאַגאַזינען, די קלײנע בעלי־בתים, מיט זײערע זיהן און טעכטער, די נײהטאָרקע, די מאָדיסטקע, דאָס בעסערע פֿאַבריק־מײדעל, די ענטװיקעלטע אַרבײטער און בעלי־מלאכות געהען מיט פֿערגעניגען אױף די דאָזיגע שטיק, און עס פֿעלט זײ גאָר אײן קאָפּ ניט אײן צו בײטען אַ רוסיש אָדער פּױליש דראַמאַטישע שטיק פֿון דעם זשאַנר אױף גאָרדינ׳ס אַ טעאַטער־שטיק. בײדע דערמאָנטע פּובליקומס האָבען שוין אײן מאָל פֿאַר אַלע מאָל זײער טעאַטער, און װען זײ לײענען פּובליציסטיק פֿון אונזערע שרײבער, אַז יודען האָבען נאָך ניט קײן טעאַטער — קװעטשען זײ מיט די פּלײצעס און פֿערשטעהען ניט די זיפֿצען פֿון בעל המאמר.

די אײנציגע אָבער, װאָס פֿערמאָגען באמת ניט קײן אידיש טעאַטער, דאָס איז די אידישע אינטעליגענץ, װעלכע איז שױן אָנגעזאַפּט מיט אַ סך אײראָפּעאישע קולטור, װעלכע איז בכח מיטצוגעהן די טריט פֿון דעם פֿײנסטען דראַמאַטישען טאַלענט און װעלכע איז שױן צו אַריסטאָקראַטיש אין איהרע געפֿיהלען זיך צו צוהערען צו דער שנײדערשער פֿילאָזאָפֿיע פֿון י. גאָרדין, אָדער צו די מעלאָדראַמאַטישע טיפּען פֿון „צעבראָכענע הערצער“ א. ד. גל. אָבער דער דאָזיגער אינטעליגענץ פֿעהלען נאָך אַ סך אַנדערע זאַכען, הױך טעאַטער. ערשטענס פֿעהלט איהר אַ שפּראַך. זי איז נעבאַך אַ כבד־פּה. זי רעדט אַלערלײ לשונות און בעזיצט ניט דעם גײסט פֿון קײן אײנציגער. װאָס אָנבעלאַנגט מאַמע־לשון, בענוצען זײ זיך מיט

איהר צו האָלעדיגע זאַכען. דער דאָקטאָר רעדט אויף איהר מיט זיינע אידישע פּאַציענטען, דער אינזשענער מיט זיינע אידישע אַרבייטער, דער אַדוואָקאַט מיט זיין אונגעבילדעטען קליענט. אין דער היים, ביין שרייב־טיש, אין עפענטליכען לעבען האָט דער אינטעליגענט די שפּראַך, אויף וועלכער ער האָט זיך געלערענט און שטודירט. ער רעדט שטענדיג אַ טרוקענע בוך־שפּראַך, זעהר גראַמאַטיקאַליש, אָבער שטענדיג טויט ווי אַ בוך.

צווייטענס, פעהלט דער אידישער אינטעליגענץ בכלל אַ גייסטיגעס לעבען, וואָס זאָל זיך אויסדריקען אין דיינע אידישע פאָרמען. אין רוסלאַנד טראָגט איהר גייסטיגעס לעבען דעם שטעמפּעל פון רוסישען גייסט, אין פּוילען — פון פּוילישען און אין גאַליציען שוועבט איבער איהם דער וויע־נער גייסט. אין אונגאַרען איז דער אידישער אינטעליגענט אַ מאַדיאַר און אין אַמעריקא ווערט ער פּלוצלינג אַ „יענקי“. ער איז חלילה־וחס ניט אַסי־מילירט. אדרבא, דער אידישער אינטעליגענט אין רוסלאַנד קען זיך ניט גענוג אָבזאונדערן אויף די פּויערישע קעפּ פון די קאַצאַפּען. ער ווייס, אַז וואָס אַ איד האָט אין פינגער, האָט דאָס ניט אַ גוי אין גאַנצען שאַרבען זיינעם. פונדעסטוועגען אָבער דריקט ער אויס אַלע זיינע לעבענס־פאָרמען אין אוי־בערפלעכליכען רוסישען גייסט. דאָס אייגענע איז אויך אין אַנדערע לענדער.

דריטענס, האָט נאָך די אידישע אינטעליגענץ ניט די אידישע ליטע־ראַטור, וואָס זאָל זי צוציהען צום אידישען לעבען מיט לייב און זעעל. האָט ער ליעב בעלעטריסטיק, מוז ער דאָס נעהמען צי דירעקט, צי אין איבערזעצונג אין דער שפּראַך, אין וועלכער ער האָט זיך געלערענט; וויל ער בעפרידיגען זיינע וויסענשאַפטליכע, פילאָזאָפישע אָדער אַנדערע גייסטיגע אינטערעסען, מוז ער געהן וואַנדערן צווישען די ווערק פון פרעמדע ליטעראַטורען.

גראַדע דערפאַר, ווייל דער אינטעליגענט איז אָרימער פון דעם פּשוט'ן מענשען פון פאָלק, ברייגגט עס דערצו, אַז ער האָט ניט זיין אייגענעם טעאַטער. פאַר דאָס „הינקע און פינקע“־פּובליקום אָדער „מירעלע אפרת“־פּובליקום איז דאָס טעאַטער, וואָס אָנבעלאַנגט אָן דער שפּראַך און אין דעם גאַנצען גייסט, דער נאַטירליכער איבערגאַנג פון לעבען צו טעאַטער. די אַקטיאָרען ריידען זיין שפּראַך, די פּערזאָנען דענקען און פיהלען פּונקט ווי דאָס פּובליקום. פאַר'ן אינטעליגענט אָבער, וואָס זיין אויער איז שוין אָבגעוועהנט פון נאַטירליכע פאָלקס־טענער, וואָס קאָן זיך ניט פאָרשטעלען, אַז מען קען זיך „ליעב“ האָבען און „קושען“ אויף יודיש

איז דאָס יודישע טעאַטער עפּיס אוננאַטירליכעס. און עס טרעפט אָפט, אַז ער לאַכט דאָרטען, וואו דאָס פּובליקום וויינט, און אומגעקעהרט.

די אידישע אינטעליגענץ איז שרעקליך אָרעם, ווען מען בעטראַכט זי פון שפראַך־שטאַנדפּונקט. דאָס איז אַ מאָדנער זאָרט מענש, וואָס איז שטענדיג געצוואונגען זיינע ליידען און פרידען אויסצודריקען אויף אַן־אויסגעלעהרענטער שפּראַך, וועלכער איז אַפילו אַ מינוט פאַר דער גסיסה געצוואונגען צו ריידען מיט אוננאַטירליכע טענער פון אַ פרעמדער שפּראַך. דאָס טעאַטער אָבער, וואָס נעהמט איהר גאַנצען חיות פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, וואָס לויט דער קראַפט נאָך, נאַטירליכקייט און קרעפטיגקייט פון איהר היינגט אָב איהר גאַנצע ווערדע — קען נאָר צוציהען אַזאַ פּובליקום, פאַר וועלכען די שפּראַך פון די צוהערער פליסען פון איין מקור, פון די טיעפעניסען פון פאָלקס־שפּראַכס־לעבען.

ווי קען אַלזאָ די אינטעליגענץ האָבען איהר טעאַטער, ווען זי האָט ניט קיין שפּראַך, דאָס איינציגע און וויכטיגסטע אינסטרומענט, מיט וועלכען מען בעשאַפט טעאַטער־שטיק און אַ טעאַטער?

פאַר מיר דעם נאַציאָנאַלען יודען איז קודם כל וויכטיג, אַז דעם יודישען פאָלק זאָל ניט פעהלען קיין זאַך וואָס עס פערמאָגען אַנדערע ווע־ניגער בעגאַבטע, נאָר מעהר מזל'דיגע פעלקער. אָבער איך בין נאָך ניט אַזוי פערנאַרט אַז איך זאָל פערלאַנגען פאַר זיי אַ גרעסער לאַנד, ווי דאָס פערמאָגט למשל, סערביען, אַ בעסערען טעאַטער, ווי דאָס פערמאָגען צ. ב. די קליין־רוסען, אָדער די האָלענדער און אַזוי ווייטער. איך בין צופריעדען מיט'ן איצטיגען יודישען טעאַטער, און הויב ניט אָן צו פערשטעהן די קלאַנגען פון מאַנכע אונזערע שרייבער, וואָס פערלאַנגען דורכאויס, אַז אין וואַרשוי, אָדער אין ניו־יאָרק, זאָל זיין אַ יודישער טעאַטער ווי למשל „דאָס דייטשע טעאַטער" אין בערלין, אָדער „אָדעאָן" אין פּאַריז. איך בעפין, אַז וואָס אָנבעלאַנגט דער טעאַטער־פראַגע האָט די יודישע מאַסע, ניט וואַרטענדיג אויף די עצות פון דער אינטעליגענץ, זיך בעשאַפען דאָס, וואָס זי וויל און וואָס זי פערלאַנגט. אַ, וואָס, מיר האָבען ניט קיין טעאַטער, וואָס זאָל בעפרידיגען אונזערע העכערע אינטעליגענץ? דערין איז ניט שולדיג דאָס יודישע פאָלק. נאָר די יודישע אינטעליגענץ אַליין, וואָס איז זעהר מסוגל צו געבען אַ טויז עצות דעם „פאָלק", האָט אָבער ניט די קראַפט זיך אַליין איבערצומאַכען אין איהר טעגליכען לעבען. כל זמן די יודישע אינטעליגענץ וועט ניט ריידען איין שפּראַך, איהר מוטער־

שפראך, כל זמן זי וועט ניט זוכען איהרע געדאנקען און געפיהלען אויסצודריקען אין דער שפראך פון פאלק, קען זי ניט האבען ניט די ליטעראטור, וואס זי דארף, ניט דאס טעאטער, אין וואס זי נויטיגט זיך.

איך מיין דא ניט צו בעריהרען די שפראכען-פראגע אין ספעציעלען זין. אין אלגעמיינעם שטעה איך אויף דר. זשיטלאווסקי'ס שטאנדפונקט (זעה זיין ארטיקעל אין „דאס נייע לעבען” העפט 1, „די יודישע שפראך-בעוועגונג”), וועלכער מיינט, אז יודיש און העברעאיש דארפען אנערקענט ווערען אלס די נאציאנאלע שפראכען פון יודישען פאלק, און דאסביידע דארפען זיין גלייכבערעכטיגט אין די אויגען פון די וואס ווילען, אז עס זאל ענטשטעהען א העכערע, פולערע יודישע פאלקס-קולטור. פאר מיר איז איצט וויכטיג אנצואווייזען אויף דעם שרעקליכען מום פון דער יודישער אינטעליגענץ, וואס איז אין א דאפעלטען גלות: פערוואגעלט פון אייגען לאנד, פערוואגעלט פון דער אייגענער שפראך.

אויב די טענות און זיפצען מכה דעם, וואס ס'פעהלט דער אינטעליגענץ א יודיש טעאטער, זענען אמת'ע, טו זאל די יודישע אינטעליגענץ אנהויבען דערמיט, וואס זי זאל זיך אפ'טוב'לען אין דער יודישער שפראך. זאל זי אוועקווארפען די פוסטע גאוה און א זייט, און אנהויבען אין אלע ווינקעלעך פון איהר לעבען (אין דער היים, אין שול, אויף עפענטליכע פערזאמלונגען) איינצופיהרען די יודישע שפראך אלס איהר אייגענע. האט זי געדאנקען וועגען פילאזאפיע, קונסט און וויסענשאפט — זאל זי דאס ארויסזאגען אויף יודיש, און ניט זיך דערלייכטערן די ארבייט דאדורך, וואס זי ניצט אויס דערצו פרעמדע שפראכען, פערהארעוועטע פון אנדערע גייסטער.

אין דעם מאמענט, וואס זי וועט פארציהען שעקספיר'ן אויף יודיש — איידער אויף רוסיש, אין דעם מאמענט איז שוין בעשאפען געווארען דאס יודישע טעאטער פאר דער קליינער צאהל יודען, וואס האבען עס נאך ניט.

עס איז א טעות, ווען מען מיינט, אז עס דארף קומען נאך גארדינ'ן א יודישער שעקספיער, אום עס זאל זיך אויסבילדען א טעאטער פאר א העכערען געשמאק. עס זענען פארהאן ביי אידען גענוג טאלאנטפולע אקטיארען, וואס וועלען קענען שפיעלען שעקספיער'ן און עס זענען אויך פארהאן ביי אונז גענוג טאלאנטפולע שרייבער, וואס וועלען קענען אנטאן דעם געניאלען ענגלענדער ווי אנדערע גרויסע דראמאטורגען אין קלייה פון דער יודישער שפראך. זאל נאר די יודישע אינטעליגענץ וועלען צוריקבעקומען איהר שפראך, און באלד וועלען קומען די גרויסע איבערזעצער

און אַקטיאָרען ,וואָס ווערען דערשטיקט אין די גאָרדינ׳שע פּיעסען און העלען בויען דאָס הויז פון אַנ׳עכטער דראַמאַטישער קונסט.

ניט דאַדורך, וואָס מען וועט שפּיעלען אַ העכערען רעפּערטואַר פאַר דאָס גאָרדינ׳שע פּובליקום, וועט מען האָבען די עכטע דראַמאַטישע קונסט, נאָר דורכדעם, וואָס אַ העכער געבילדעטעס פּובליקום וועט פערלאַנגען די בעפריעדיגונג פאַר איהר דראַמאַטישען געשמאַק אין אַ יודישען טעאַטער.

און דאָס קען נאָר דעמאָלסט זיין, ווען דאָס געבילדעטע פּובליקום וועט אָנהויבען צו פערשטעהן, דאָס בנוגע צו דער שפּראַך איז עס אָרע-מער ווי דער אָרעמסטער פּעדלער.

# א רוסיש־יודישער דראַמאַטורג.

(„הונגער" פון ס. יושקעוויטש).

„הונגער" הייסט דאָס נייעסטע גרעסערע ווערק פֿון ס. יושקעוויטש. דאָס איז אַ דראַמע אין פֿיער אַקטען, און אויב עס איז נאָך ביז איצט ניט געגעבען געוואָרען אין טעאַטער — איז נאָך קיין ראיה ניט, דאָס הייסט מאָרגען וועט דאָס נישט מאַכען אַ רייזע איבער אַלע גרעסערע רוסישע טעאַטערן. איך צווייפֿעל אויך ניט, אַז דאָס שטיק וועט שטאַרק אויסנעהמען ביי'ן פּשוט'ען טעאַטער־פּובליקום. דען דאָס איז אַ טענדענץ־שטיק, אַזאַך, וואָס דאַרף געבען דעם צוהערער אַ מוסר השכל וועגען דעם אומ־ברחמנות'דיגען כאָציאַלען סדר אין אונזער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אַזאַ שטיק ווירקט אויפֿ'ן עולם, ווי אַ לעבעדיגע פּראָקלאַמאַציע, אין ווען אויך פֿון קונסט־שטאַנדפּונקט איז דאָס שטיק נישט אַזוי מהודר'דיג, דערפֿאַר אָבער איז עס חשוב'דיג, אַלס פּראָטעסט געגען די קאַפּיטאַליסטען, וואָס ברייגנען אום דאָס אַרבייטער־פֿאָלק דורך הונגער און נויט.

די העלדען פֿון שטיק טראָגען אויף זיך יודישע נעמען, האָטש מאַנכמאָל זעהר וואונדערליכע; למשל איין מאַנספּיל הייסט מינאַ, א צווייטער — גאַבאַי, אַ דריטער — סעם, אַ מיידעל פֿון 14 יאָהר, פֿון וועל־כען מען ווייס ניט ביז'ן סוף, וועמענס קינד דאָס איז, הייסט בעטקאַ.

די סבֿיבֿה, וואו עס קומען פֿאָר די פֿערשידענע סצענען, איז לפֿנים אַ ריין יודישע. די מענשען אין שטיק רעדען אַפֿילו רוסיש, נאָר געמיהט האָט זיך דער פֿערפֿאַסער דאָס רוסישע צו פֿעריודישען, ד. ה. איבערצוגעבען אין דער אַרט ריידען, ווי אין דעם געביי פֿון די פֿראַזען דעם יודישען פֿאָלקס-כאַראַקטער. איבריגענס האָט זיך דאָס איהם נישט אײַנגעגעבען.

אַ וואונדערליכען אײַנדרוק מאַכט דאָס ווערק פֿון ריין קינסטלערישען שטאַנדפּונקט. דאָס רוסיש איז עפּיס קיין רוסיש ניט; די יודען זענען עפּיס קיין יודען נישט, די מעשׂה, וואָס שפּיעלט זיך כּלומרשט אָב, איז קיין מעשׂה נישט. און דערנאָך קאָכט עפּיס אין די פֿיער אַקטען, קאָכט און בראָט און פּרעגעלט זיך; עפּעס זיעדט אין דעם שטיק ווי אין אַ זודיגען טאָפּ; עפּיס צאַפּעלט זיך דאָרט אַ פֿערביטערטקייט, אַ כּעס, עפּיס הערט זיך דאָרט אַ הייזעריגעס פּייפּען און אַ קריטצען מיט די ציינער. די מענשען, די העלדען פֿונ'ם דראַמע, זענען נאָר די הילצערנע פֿיגורען, אין וועלכע עס האָט זיך בּעזעצט דער תּוכחה-כּעס פֿון יושקעוויטש'ען. ער בּענוצט זיי אַזוי לאַנג, כּל זמן ער דאַרף דורך זייערע מײַלער אַרויסשיסען פֿאַר'ן עולם די גאַל פֿון זיין אָנגעלאָדענעם געמיט. צופֿעליג הייסען זיי מינא, מיכאַ, נחמה, כּעם און אַז. וו. צופֿעליג גיעהען זיי אַרום אויף דער סצענע אין די מלבּושים פֿון יודישע אַרבּייטער און אָרימע לייט. זיי האָבען געקאָנט פּונקט אַזוי גוט האָבען דייטשע נעמען אָדער פֿראַנצויזישע, זיי האָבען געמעגט זיין נישט מינדער פֿראַנצויזען ווי יודען, און דאָס שטיק, דער אינהאַלט וואָלט דערפֿון אַטראָפּען זיך נישט געביטען, דען יושקעוויטש איז נישט געגאַנגען דערום צו שילדערן אין זיין ווערק אַ שטיק יודישעס לעבען. ער וויל גאָר עפּיס אַנדערס, ער וויל פֿערביטערן די הערצער פֿון די אָרימע, אַרויסרופֿען ביי זיי אַ פּראָטעסט געגען די רייכע, די קאַלטע און האַרטע הערצער. און פֿון טעאַטער-בּימה אַרונטער, וויל ער זיי די קאַלטע און האַרטע הערצער פֿערשמוצען און בּעשפּייען מיט זיינע גיפֿטיגע רייד.

ווי אין זיינע גרעסערע ערצעהלונגען „איטע היינע“, „אונזערע שוועסטער“ א. אַז. וו. איז יושקעוויטש אין „הונגער“ געבּליעבּען דער אייגענער, וואָס אַ מאָל. ער בּענוצט די יודישע סבֿיבֿה נאָר ווי אַ מיטעל אום צו אַרבּייטען אין גייסט פֿון געווויסע פּראָקלאַמאַציעס. דאָס יודישע אָרימע לעבען דיענט איהם נאָר פֿאַר אַ צוטשעפּענים, אַז ער זאָל קאָנען מוסר'ן דעם עולם מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלען אידעאַל פֿון סאָציאַליזם. און דאָס אידעאַל איז ביי איהם די הויפּטזאַך, צוליעב איהם פֿאַלשעוועט ער אין דער שילדערונג

פונ'ם יודישען לעבען, מאַכט אָן גוזמאות, מאָלט דאָס יוד'שע לעבען מיט פעטע גראָבע פאַרבען, פעלשוואַרץ, שמוציג-גרוי, אָדער בלוט-רויט.

מען קאָן צו יושקעוויטש'ן נישט האָבען קיין טענות. אין צייטען פון פאָליטישען קאַמפף, בשעת אַלץ קאָכט און זידט, נוצט מען אויס אַלע מיטלען, אום צו וועקען די הערצער ביי די מאַססען, אום זיי אָנצוטרייבען צו אַ שאַרפען פראָטעסט.

אָמת, דאָס ווערק „דער הונגער" איז אַ פּראָקלאַמאַציע אין פיער אַקטען, אָבער וואו שטעהט עס געשריבען, אַז מען טאָר נישט דראַמאַטיזירען אַ פּראָקלאַמאַציע, זי צוברעקלען אין געשפּרעכען, אין איינצעלנע סצענעס און אַקטען??!

ווירקען וויל יושקעוויטש אויף דעם עולם, און ער עסט זיך קנאַפּ אָב דאָס האַרץ, ווען עס ליידט דורכדעם די אָמת'ע קונסט, ווען דאָס ווירקליכע יודישע לעבען קומט אַרויס ביי איהם געפאַלשעוועט און אונ-געלומפּערט פאַנטאַסטיש.

---

אַ שענער חלום האָט זיך גע'חלומ'ט יושקעוויטש'ן, בעת ער האָט גענומען בעקלערען זיין לעצטעס דראַמע. ערשטענס, האָט ער געוואָלט מן הסתם אויסמאָלען פאַר'ן צושויערס אויגען דעם שד און דעם מלאך המות פון אונזער צייט, דעם הונגער מיט די איינגעפאַלענע באַקען, אויס-געלאָשענע אויגען און מיט הענד, מאָגערע ווי שפּענדלעך. צווייטענס, אויף דעם מורא'דיגען הינטערגרונד, בעת מענשען ווערען פערווילדעט צוליעב דער שרעקליכער נויט, אַרויסשטעלען פאַר אונז פיער הויפּט-געשטאַלטען פון מענשליכע כאַראַקטערען, וואָס קעמפּפען איטליכער אויף זיין אופן מיט'ן הונגער און מיט די טיעפערע סבות פון דער מענשליכער נויט בכלל. איהם האָט זיך געוואָלט ווייזען צוערשט אַן איוב-געשטאַלט, אַ מענשען, וואָס פערלירט די ערד אונטער די פיס, דעם לעצטען פונק גלויבען און האָפנונג, וואָס האָט נאָר איין געפיהל און איין שפּראַך, אַ טיעפע פער-ביטערטקייט אין האַרצען און אַ קללה אויף די ליפּען. די איוב-געשטאַלט דאַרף מען בעטראַכטען אַלס די ערשטע מדרגה פון פּראָטעסט קעגען אַנ-אונבע'רחמנות'דיגען לעבען. — אַ וויבערשען איוב האָט געפּרובט בעשאַפען יושקעוויטש אין זיין נחמה, וועלכע רופט אויס:

„אַ קללה אויף אַלע די זאַטע, וואָס זיצען אין וואַרעמקייט! אַ קללה אויף אַלע, וואָס געוועלטיגען איבער אונז! איהר קאַלטע, צופֿריעדענע, וואָס איהר זיצט אויף אונזערע פלייצעס — פֿערשאָלטען זאָלט איהר ווערען! אַ קללה אויף זיי און אויף זייערע תנים, כלות און קינפֿעטאָרינס! זאָלען זיי דערשטיקט ווערען עסענדיג! די ערד זאָל זיך עפֿענען אונטער די פֿיס פֿון רייכע, וואו נאָר ער שטעהט, ליגט אָדער געהט!...“

און שפּעטער שוין, ריידענדיג מיט גאָט, שרייט זי אַ פֿערצווייפֿעלטע:

„צו וואָס בעדאַרפֿסטו דעם מענשענס צרות?! צו פּאַסט עס פֿאַר דיר, רבונו של עולם, זיך צו פֿלעכטען אַ טראָן פֿון יסורים? צו פּאַסט עס פֿאַר דיר זיך צו מאַכען אַ פֿוס-בענקעלע פֿון מענשליכע טרעהרען? און פֿון אַלע זייטען הערען מיר נאָך וועגען דיר: ער איז די גוטסקייט אַליין, ער איז די פֿאָלקאָמענהייט אַליין. אָט אַזוי לויבט מען און מען הנפֿ'עט די רייכע און די מעכטיגע אין דער צייט, ווען אַלע זייערע טועכצען און זייערע געדאַנקען זענען הוילע אַכזריות'ען“!!...

אָ גאָט, וואָס טוסט דו! פֿערטיידיג דיך, ענטפֿער! עס געהט אַ דור נאָך אַ דור און דיינע אונגערעכטיגקייט מעהרט זיך, די מענשען האָבען שוין קיין כח נישט אויסצוהאַלטען! דו האָסט זיך אָבגעקעהרט פֿון אונז? צו וואָס האָסטו דו אונז געפּייניגט?... דו אונגליקליכער פֿערפֿיהרער, מענסט הונדערט מאָל מיך וואַרפֿען אין פֿייער פֿון גיהנום, — מיין נשמה וועט זיך נישט אונטערגעבען! די מענשען וועלען דיר קיינמאָל נישט מוהל זיין דיין אַכזריות'דיגע אָבנאַרעריי“.

אַלס געגענזאַץ פֿון דעם ווייבערשען איוב'ן טרעט אַרויס ביי יושקעוויטש'ן די צווייטע הויפּטגעשטאַלט סעם, דער מאַמין, וואָס האָט זיין גאָט אין האַרצען, און וואָס קיין צרה און קיינע שלעק קאָנען איהם נישט מאַכען שוואַך אין זיין גלויבען. אין סעם פֿערקערפּערען זיך די פֿילאָזאָפֿישע דמיונות פֿון דער מאַסע, איהר פֿילאָזאָפֿישע רעליגיעזע וועלט-אַנשויאונג, וועלכע מאַכט די מאַסע נאָכגעביג און וועלכע דערלאָזט זיי נישט אַרויסטרעטען מיט אַ פּראָטעסט געגען זייערע געקרענקטע און געוועהנליכע וועלטליכע בעדריקער.

נעבען ביידע געשטאַלטען טרעט אַרויס די פֿרישע לעבעדיגע געזונדע יוגענד; אָבער די יוגענד טיילט זיך אין צוויי אַרטען פֿון נשמות: אין אַ מענישע און אַ מיידעלשע. די מענישע געזונדע קרעפֿטיגע יוגענד וויל נישט וויסען פֿון אַנ'איוב'שער פֿערצווייפֿלונג און פֿערגליווערטער אמונה,

זי שאַפט זיך אַליין אַן אמונה, און איהר אמונה איז אַ היע-וועלטיגע, אַן אידעאַל וואָס פיהרט צו בעפרייאונג פון קנעכטשאַפט און נויט. די מענישע יוגענד שטרייט און קעמפפט פאַר'ן אידעאַל מיט דעם פעסטען הסכם צו זיעגען און צו לעבען פאַר'ן אידעאַל; די פרויעניוגענד דאַגעגען זוכט אַ היילינגעם אידעאַל, פאַר וועלכעס זי זאָל קאָנען שטאַרבען, פאַלען, אַלס אַ נוצליכער קרבן.

גאַבאַי און מיכא שטעלען פאָר ביי יושקעוויטש'ען די ביידע אַרטען פון יוגענד-געשטאַלטען.

פערצווייפלונג, די אמונה פון אַ פאַרצייטיגער וועלט, דער קעמפפער פאַר אַ צוקונפטיגען מענשהייטס-אידעאַל און דער קרבן פון דעם אידעאַל ווערען אַרויסגעשטעלט ביי יושקעוויטש'ן אַלס די פיער הויפט-העלדען.

אויג אין אויג מיט אַן אונבאַרמהערציגען הונגער שטעהען נחמה, סעם, גאַבאַי און מיכא. איטליכער פון זיי דאַרף אונז ווייזען, ווי דער מענש קעמפפט מיט זיך, מיט זיין לעבען, מיט די סאָציאַלע פעהלערען פון לעבען, און אַלע אינאיינעם דאַרפען אונז ווייזען, ווי עס וואַקסט אויס די מענשליכע נשמה, ווי זי קריגט גאַל, צייהן, (נחמה), אָדער ווי זי קאָרטשעט זיך צוזאַמען אין דהקות צוליעב נישט היגע פאַנטאַסטישע רעליגיעזע דמיונות (סעם, דער מאַמין), אָדער ווי זי קריעגט פליעגעל און אַ לעבענס-גייסט אין קאַמפף פאַר אַ בעסערע צוקונפט (גאַבאַי), אָדער ווי זי געהט אום פול מיט אַ געטליכען חן, ווי אַ טאַנצענדיגע מרים, אַלס אַ קרבן פאַר אַ הויכע אידעע (מיכאַ).

אָט דאָס איז געווען יושקעוויטש'עס חלום, בעת ער האָט אין דונקעלע נעכט אויף איינזאַמע שפּאַצירגענג בעקלערט זיין לעצטעס דראַמע.

דער חלום איז אָבער לײדער געבליבען אַ חלום. די פיער געשטאַלטען לעבען נישט אין זיין דראַמע; דעם הונגער זעהט מען נישט דאָרטען. מען זעהט נישט קיין לעבעדיגע מענשען, נאָר מאָראַלישע דמיונות, פערצווייפלונג, אמונה. די יוגענד-געפיהלען זענען אַרוים ווי נאַקעטע השגות, אָהן הויט און ביינער, מאַנכע העלדען ריידען ווי אַ מאַרקסיסטישער טייטש-חומש, מאַנכע מיט האַלבע פסוקים פון תנ"ך, סעם ציהט זיין גאַנצע אמונה פון סדור, ער געהט אייביג אַרום מיט אַ „מאָליטווענניק", אויף וועלכען ער טייטעלט מיט די פינגער: אָט דאָ, אָט דאָ וועט איהר געפינען אַן ענטפער אויף אַלע קשיות. זיין שפּראַך דערמאָנט אונז די נוסח-

פֿראַזען פֿון אַ פֿרומען קריסטען. ער איז טויט — טויט אַלס מענש, טויט אַלס יודישע געשטאַלט, און דערצו נאָך אויסערליך געפֿאַלשעוועט דורך זיין קריסטליכען אופֿן אויסצודריקען זיין אמונה. נחמה רעדט מיט האַלבע פסוקים (יושקעוויטש לייענט מן הסתם אַמאָל תנ״ך אין דער איבערזעצונג, און מאַכט דעם גוישען פֿעהלער, אַז אַ יוד, ווען ער ווערט צוהיצט, רעדט תמיד אין לשון התנ״ך), און איז אין מאַנכע ערטער נאָר אַ קאַריקאַטור אויף אַ יודען. גאַבאַי רעדט נאָר, רעדט, ווי אַ בוך, ווי אַ פּראָקלאַמאַציע; מען זעהט אידם אָבער נישט אַלס מענשען. די בעסטע פֿיגור איז שוין מיכאַ, אָבער געמאָלט אויפֿ'ן אַלטען שטייגער: האַלב לייכטזיניג, האַלב קאָקעטיש, מאַנכמאָל פֿערטראַכט, פֿערבענקט און צורודערט, ווי אַ היסטעריטשקע. קורץ, פֿון יושקעוויטש'עס הלום איז נישט אַרויס קיין קונסט־ווערק.

אָדער מיט אַנדערע ווערטער: דער לעזער בעקומט נישט דאָס געפֿיהל, אַז די מענשען אין שטיק זענען אויך פֿאַראַן אין לעבען, מען הערט זייערע ווערטער, מען פֿערטראַכט זיך זאָגאַר איבער מאַנכע רייד זייערע, מען פֿערליערט אָבער אויף אַ מינוט נישט דעם חוש, אַז אַלע די העלדען זענען נאָר אַ צוטשעפּעניס צו די ווערטער, וואָס יושקעוויטש וויל זאָגען פֿאַר'ן עולם. אין אַ קונסט־ווערק איז דער איינדרוק פּונקט פֿערקעהרט: די ווערטער פֿון די געשילדערטע מענשען שיינען אונז שטענדיג אַלס אַ טפֿל, די קונציג אַרויסגעשטעלטע פֿיגורען זאָגען דעם לעזער אַ סך מעהר, ווי דאָס וואָס זיי ריידען.

---

צום שלום נאָך עטליכע ווערטער מכּח יושקעוויטש'ען אַלס כּלומר'שט דעם איינציגען טאַלענטפֿולסטען שילדערער פֿון יודישען לעבען אין דער רוסישער שפּראַך. (אייזמאַן איז וועניגער אַנערקענט).

אין דער רוסישער ליטעראַטור בעטראַכט מען יושקעוויטש'ען אַלס אַן אויטאָריטעט, וואָס אָנבעלאַנגט צו דער שילדערונג פֿון אונזער יודישער וועלט. דעם יודישען לעזער בעדאַרף מען נישט זאָגען, ווי ווייט דאָס איז פֿאַלש. אין צעהן שורות ביאַליק'ס, אין איין ערצעהלונג פֿון ה. ברענער'ן, אַפֿילו אין דעם מיטעלמעסיגען שטיק פֿון פּרץ הירשביין „פֿון איינענע און פֿון פֿרעמדע“ („די צייט“) ליעגט מעהר טיעפֿקייט און קענט־

נים פון יודישען לעבען, ווי אין אַלע ווערק פון יושקעוויטש'ען. עס איז אַ ביטערער הוזק, אַז יושקעוויטש וואָס בענוצט די יודישע סביבה אין גרעבסטען אופן, ווי אַ פראָטעסט-מיטעל פאַר געוויסע סאָציאַלע טענדענ-צען, ווערט בעטראַכט אַלס אונזער שילדערער. דער הוזק ווערט נאָך ביטערער, ווען אונזער יודישע אינטעליגענץ, וואָס איז דערהויטערט פון דער אָריגינעלער יודישער ליטעראַטור און פון פאָלקס-לעבען, קוקט אויף יושקעוויטש'ען מיט די אייגענע תמ'ועטע אויגען ווי אַ קריטיקער אין „רוס-קאָיע באָגאַטסטוואָ".

עס איז שוין לאַנג צייט געווען צו ערקלערען דעם רוסישען עולם, אַז מינא'ס, גאַבאַי'ם און סעס'ם זענען נישט קיין לעבעדיגע יודישע פי-גורען, נאָר סימוואָלען פון געוויסע מענשליכע געפיהלען, ווי למשל, די העלדען פון מאַנכע אַנדרעיעוו'ס דראַמען.

צופעליג איז לייכטער יושקעוויטש'ען צו בענוצען (אָפט אומגע-לומפערט) יודישע נעמען, אַלס רוסישע אָדער פראַנצויזישע. צופעליג בענוצט ער די יודישע סביבה פאַר זיינע סאָציאַל-פאָליטישע ציעלען, וויכטיג איז אָבער פאַר איהם גראָד דאָס לעצטע; דאָס ריין טיפיש יודישע שפיעלט ביי איהם שטענדיג די ראָלע פון אַ נעבענזאַך, און עס איז אַ טעות, ווען מען וויל פון רש"י לערנען פראַנצויזיש און פון יושקעוויטש'ס ווערק דאָס יודישע לעבען.

# עספּעראַנטאָ און יודיש.

(צום טשערנאָוויטשער צוזאַמענפאָהר).

I

אין דרעזדען זענען זיך צונויפגעפאָהרען עספּעראַנטיסטען פון דער גאַנצער וועלט. רוסען, אַמעריקאַנער, יאַפּאַנער אינאיינעם מיט דייטשען, פראַנצויזען און ענגלענדער האָבען זיך פעראייניגט, אום צו שטאַרקען און קרעפטיגען די וועלטשפּראַך עספּעראַנטאָ. פערשיידענע רעגירונגען האָבען געשיקט זייערע פערטרעטער אויפ'ן עספּעראַנטאָ-קאָנגרעס און אַרויסגעוויזען זייער אינטערעס צו ד"ר זאַמענהאָפ'ס ווערק. ד"ר זאַמענהאָף אַליין האָט מען מקבל פּנים געווען מיט פּויקען און טרומייטען, מיט אַ גאַנצען אָרקעסטער, און בעת ער איז אַרויף אויף די קאָנגרעס-בימה איז דער קאָנגרעס-זאַל פערהילכט געוואָרען פון בראַוואָ-פּאַטשערײַ און די געדיכטע באַסאָווע טענער פון אָרגעל-מוזיק.

דער דרעזדענער עספּעראַנטאָ-קאָנגרעס האָט זוכה געווען צו אַ גרויס-גרויס פּאַראַד, און די הילכיגע אינטערנאַציאָנאַלע הנאָ-גלאָק האָט גע-קלונגען אין די אויערען פון די פעלקער פון איין עק וועלט ביז דער אַנ-דערער. אָט אַזאַ מזל האָט שוין אַליין אויף דער וועלט, ווען דאָס שמעקט נאָר מיט די גראָזען פון אינטערנאַציאָנאַליטעט און פעלקער-ברודערשאַפט.

איך בין זיכער, דאָס דער פאַראַד פון די קומעדיגע קאָנגרעסען וועט נישט לערך זיין גרעסער און הילכיגער, ווי דער פאַראַד פון היי־יאָהר, און מיט איטליכען יאָהר וועט זיך מעהרען די צאָהל פון די חגאַ־גלאָקען, וואָס גלעקלען מיט קאַלט־שטאָהלערנע צונגען די קאַלטע בשורה פון קאַל־טער פעלקער־ברודערשאַפט.

---

II

אין טשערנאָוויץ זענען זיך צונויפגעפאָהרען יודישע שרייבער, פּאָעטען, קריטיקער, פובליציסטען, נאַציאָנאַל־פּאָליטיקער. אויך דאָרטען איז געזעסען אַ יודישער אַמעריקאַנער נעבען אַ יודישען פוילען און אַ יודישען ענגלענדער. קיין גרויס פאַראַד האָט מען פאַר זיי נישט געמאַכט. נישט נאָר די אינטערנאַציאָנאַלע, אויך די נאַציאָנאַל־יודישע חגאַ־גלאָק האָט פאַר זיי נישט געקלונגען. און אין קעלן, דעם איינציגען אָרט, וואו עס ליגען צונויפגעוויקעלט עטליכע בלאָה־ווייסע מגן־דוד־פאָהנען, האָט מען גע־קנייטשט מיט'ן שטערן און פעסט בעשלאָסען, צו מאַכען פון דעם טשער־נאָוויצער צוזאַמענפאָהר אַ מעשה שלא היה ולא נברא. די בלאה־ווייכע מגן־דוד־פאָהנען האָט מען נאָך טיעפער פערדרוקט אין קאַסטען, און, אום צו פערטרייבען דעם אומעט, זענען אונזערע פיהרער געגאַנגען זיך איינ'הזר'ן די פאָר פסוקים לשון־קודש, מיט וואָס זיי וועלען איבער אַ יאָהר עפענען דעם 9־טען ציוניסטישען קאָנגרעס.

אָט אַזאַ מזל האָט שוין אַלץ אויף דער וועלט, וואָס פערלאָזט זיך נישט אויף וועלט־בעלי־טובות, האַגער קאָנגרעסען, רוסישע קאַרעטען, וועלט־אָטאָמאַנען, און לאָזט זיך שטיל און ערנסט געהען צום האַרצען פון פאָלק, צו'הערען תוך פון זיין נשמה, אום צו געפינען די גליקען אין איינענעם שטח, אין חי שמאָלע ד' אמות פון דער אייגענער פאָלקס־קולטור. און איך בין בטוח, אַז אויך די קומענדיגע קאָנפערענצען וועלען פאַרבייגעהען נישט מינדער שטיל, ווי די היי־יאָהריגע, כי לא ברעש ה'.

---

III

עספּעראַנטאָ און יודיש! דאָרטען די בעשאַפונג פון אַ נייער שפּראַך, און דאָ די פערוואַנדלונג פון אַ לעבעדיגער פאָלקס-שפּראַך אין אַ ליטעראַרישע, נאַציאָנאַלע. דאָרט מוז מען זיך מעסטען מיט דעם רבונו של עולם, ווערען אַ גאַנצער בעשעפער, און דאָ נאָר אַרויסבעקומען כללים און נאָרמען פון דער שפּראַך, וועלכע לעבען אין איהר אַ שטילען פער-בעהאַלטענעם לעבען זייט הונדערטער יאָהרען.

דאַכט זיך, גאָר אַ קלייניגקייט! און דעננאָך ווי גיך איז ד"ר זאַמענהאָף פאַרטיג געוואָרען מיט זיינע מעשה בראשית, און ווי שווער, ווי ביטער שווער וועט אָנקומען די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ-לייט, ביז זיי וועלען דערגרייכען האָטש אַ טייל פון זייערע וואונשען. זייט רישעליע'ס צייטען אַרבייטען פראַנצויזישע געלערנטע אויף דעם פראַנצויזישען אַקאַדעמישען ווערטערבוך — און זיי זענען נאָך עד היום נישט פאַרטיג. זייט גרימס צייטען אַרבייטען די דייטשען אויף זייער ווערטערבוך — און אויך זיי זענען נאָך נישט פאַרטיג מיט דער אַרבייט. דאַגעגען אָבער וועט זאַמענהאָף פאַרטיג ווערען מיט זיין „אַקאַדעמישען” ווערטערבוך אין איין קאָנגרעס-יאָהר. די זעצער וועלען נישט וואַרטען איין רגע, די ווערטער נאָכ'ן אַלף-בית וועלען אָנקומען פון וואַרשוי גיך ווי אַ וויכער, און די עספּעראַנטיסטען וועלען בעקומען אין אַ פרידהמאָרגען דאָס, אויף וואָס פעלקער וואַרטען הונדערטער יאָהרען.

עספּעראַנטאָ און יודיש!... מען מוז קומען צו אַ הסכם, אַז בעשאַפען איז לייכטער, ווי דאָס בעשאַפענע צו בעגרייפען, אַז דעם אויבערשטען זענען אָנגעקומען די סדרי מעשה בראשית לייכטער, ווי די סוגיאָ תגרילוד, אדם מיט חוה'ן האָבען איהם איינגאַנצען געקאָסט אַ שמייכעל אויף די ליפען און דער לויתן מיט'ן שור הבר — אַ קוועטש מיט די אַקסלען. דען ווי די מעשה זאָל ניט זיין, איז פאָרט דער אויבערשטער אַ פלינקערער בעשאַפער, ווי ד"ר זאַמענהאָף, דער אויגענדאָקטאָר אין וואַרשוי.

---

IV

עספּעראַנטאָ און יודיש!... ביידע זאַכען האָבען מיר צו פערדאַנקען די גאונות פון די מזרח-יודען. עס איז נישט קיין בלויזער צופאַל,

וואס א רוסישער יוד איז געווארען דער בעשעפער רחמנא לצלן, פון א וועלט־שפראך. אמת, הויך עספעראנטא געפינען זיך נאך אין די פנקס'ען פון דער וועלטקולטור נאך אנדערע 148 וועלטשפראכען. און אויב איך האב קיין טעות נישט, לעבט נאך יאהאן מארטין שלייער, דער בעשעפער פון וואלאפיק, וועלכע האט געהאט אמאל נאך מעהר אנהענגער, ווי היינט ד"ר זאמענהאף. און דענאך מיין איך, אז עס איז קיין בלויזער צופאל, וואס א רוסישער יוד איז איצט דער ערשטער גאון צווישען די וועלט־שפראכען־מאכערס.

ווער וואקסט אויס נאך מעהר ווי דער רוסישער יוד אהן א שפראך? ווער איז נאך מעהר מטמא זיין מויל מיט א מיש־מאש פון אלערליי נישט דורכגעלעבטע, נישט דורכגעפיהלטע שפראכען, ווי דער רוסישער יוד און זיינע קרובים, די גאליציאנער, רומענער און „אמעריקאנער בירגער"? דער אומגליקליכער מזל פון אונזער פאלק האט געמאכט פון אונז אזוינע ברואים, וואס קוקען אויף אלץ אין דער וועלט, ווי אויף א מיטעל זיך צו דערשלאגען צו אן אנ'ארעמער הונה. אין דער מלחמה פאר'ן פשוט'ען גשמיות־דיגען לעבען האט דאס פאלק פערלוירען דעם חוש צו די זאכען, וואס זענען א ציעל פאר זיך אליין. אויך די שפראך איז פאר אונז א מיטעל נישט קיין ציעל. אויך זי דינט אונז ווי א דינסטמויד, און ווייטער ווילען מיר פון איהר נישט וויסען. דאס יודישע פאלק איז דאך שטענדיג פעריאגט און געפלאגט, עס איז שטענדיג געצוואונגען, זיך צו בענוצען מיט די פיינסטע און ליעבסטע זאכען, ווי מיט א מיטעל, זיך ארויסצוראטעווען פון עפיס א צרה. אין א שעת סכנה קוקט מען נישט אויפ'ן עצם פון דער זאך. פאלט אן א גזלן, כאפט מען די שבת'דיגע לייכטער און מען וועהרט זיך קעגען דער געפאהר. אין מיטעלאלטער האבען יודישע ווייבער אויף דער נסיעה זיך פערקליידעט אין מענישע קליידער, און דער יוד מיט'ן פע־קעל אויף די פלייצעס פערמאסקירט זיך אין פרעמדע שפראכען. אי וואס, קיינעם נארט מען נישט אב!? ווער קלערט וועגען דעם? ווער האט דאס גאר צייט איבערצוקלערען, ווען דער אימפעט טראגט??!

מיר זענען אזוי אומגליקליך געווען, דאס מיר האבען קיין מאל נישט געקענט זיצען אויף אן ארט און רוהיג געניסען דאס ביסעל שענקייט פונ'ם לעבען. געניסען אבער, איז דאס אייגענע, וואס מודה זיין, אז דאס לעבען, אזוי ווי אלע צווייגען, בלעטער און בלומען פונ'ם לעבען האבען א ווערט פאר זיך אליין, האבען א ממשות צו אלע צייטען, אויך דאן, ווען עס גיט נישט קיין ריוח בצדו, אויך דאן אפילו, ווען

די בעטלער=טאָרבע ווערט נישט פולער דערפון. דער קליין=קרעמערישער אָדער, נאָך בעסער, דער פעדלערישער גייסט האָט אויסגעמעקט אינ'ם יודישען פאָלק די פראָסטע געזונדע חושים צו דער אייגענער שפראַך און ממילא אויך צו אַנדערע שפראַכען. ווען מען קוקט אויף אַ שפראַך מיט די אייגענע אויגען, ווי אויף אַנ'אייזענבאַהן, אַ טעלעגראַף, אַ טעלעפאָן — טו פאַרוואָס זאָל מען נישט מאַכען פון דער דאָזיגער „ערפינדונג" עפּיס אַזוינס, וואָס זאָל זיין פשוט בתכלית הפשטות?

דאָס פערדרעהטע, פערפלאָנטערטע יודישע לעבען וועקט אין איטליכען פון אונז אַ מאָדנעם גוסט צו פשטות. די יודישע פערמאַטערטע נשמה ווינט נאָך פשטות. געוואַלד, צו וואָס אַלע די פערפלאָנטערטע שווערע שטריק, וואָס פערצוימען דעם וועג דעם אָרעמען פעדלער, בעת ער איילט זיך, צו געהן איבער די הייזער?! געוואַלד, צו וואָס די גרעניצען, די פערשיידענע פאָלקסטיפען, די פערשיידענע שפראַכען און נאָך אַזעלכע שמאָכטעס?! צו וואָס נאָך מאַכען שווערער דאָס ביטערע לעבען, אַז אַזוי איז עס שוין אויך נישט אויסצוהאַלטען?!

און אין יודישען לעבען בעמערקען מיר עפּיס אַזוינס, וואָס נאָר אַ רבונו של עולם — נישט אַ ד"ר זאַמענהאָף — איז דאָס בכח צו בעשאַפען. דער יוד, וואָס איז אויסגעבונדען מיט טויזענדער סתירות, וועמענס נשמה איז אפשר איינע פון די פערפלאָנטערטסטע צווישען די פעלקערטיפען, וואָס וואָלט אין דער שטילקייט און איינפאַכקייט פונ'ם דאָרפלעבען אומגעקומען, ווי אַ פיש אויף דער יבשה — אָט דער יוד שרייט און ווינט: געוואַלד פשטות, האָטש אומעדום די ענגלישע קאָנסטיטוציע, האָטש אומעדום איין שפראַך!

אָט אַזאַ קאַריקאַטור איז בכח צו בעשאַפען נאָר דער אויבערשטער, און איינער פון זיינע גאונים אין דער דאָזיגער קאַריקאַטור איז ד"ר זאַמענהאָף, דער בעשאַפער פון דער וועלטשפראַך עספּעראַנטאָ, דען ד"ר זאַמענהאָף איז פאָרט אַ גאון.

V

דער מיטעלער מענש פונ'ם פאָלק איז נישט קיין גרויסער בעל מדות. ער ווייסט נישט פון ווייטע וועגען, ווייטע ציעלען, צוקונפטס=אידעאַלען

און דאָס גלייבען. ער האַלט נאָר דערפון, וואָס גיט איהם אַ שטיצע אין דער מלחמה פאַר'ן לעבען, און ער קעהרט זיך אָב מיט אַ ברום פון אַלץ, וואָס שוואַכט איהם אָב אין זיין לעבענס־קאַמפף. ער שעצט אינסטינקטיוו יעדע שפּראַך, ווען זי ווערט גערעדט פון אַ גוט אָרגאַניזירטען פאָלק, און ווענדט זיך אָב מיט פעראַכטונג פון דער שפּראַך, וואָס ווערט געפיהרט פון אַן'אָרעם הייפעל נע־ונד'ניקעס־ציגיינער, אָהן געלט און אָהן כח, אָהן אַני־אויבערע פּאָליטישע מאַכט, אָהן אַן'אינעווייניגסטע סוהרישע קראַפט. און קען ער נישט קיין אַנדערע, חוץ די, וואָס מען האָט איהם אין וויגעל געלערנט — שעמט ער זיך מיט איהר אין די עלטערע יאָהרען, און ציי־טענווייז בעקומט ער צו איהר אַ ברענענדיגע שנאה. אין אָנפאַנג פונ'ם פאָ־ריגען יאָהרהונדערט האָבען זיך די דייטשען געשעמט מיט זייער שפּראַך, ווען זיי פלעגען פערוואָגעלט ווערען קיין ענגלאַנד אָדער פראַנקרייך. אין דער פעראַכטונג צו דער אייגענער שפּראַך דריקט זיך אויס די פעראַכטונג צום אייגענעם פאָלק, צו זיך אַליין. ווען דאָס פאָלקסלעבען איז אַזוי צעבראָכען, אַז עס איז נישט בכח, צו בעשאַפען אַן'אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אַרומנעהמען איטליכען גליעד פונ'ם פאָלק און איהם פערלייכ־טערן זיין טאָג, — דאַן פערוואַנדלען זיך די בעסטע און טייערסטע זאַכען פון דער פאָלקס־קולטור אין אַ לאַסט, און אָפטמאָל אין אַ מכה שלא כתובה בתורה. די מנהגים פונ'ם פאָלק, די שפּראַך מאַכען נאָך דעם מיטעלען מענ־שען אָבגעשיידטער, איינזאַמער; נישט זיי פערלייכטערן איהם דאָס לע־בען צווישען די שטאַרקערע און אָרגאַניזירטע פעלקער, נאָר מאַכען נאָך שווע־רער און ביטערער. דער איינצעלנער בעקומט דעריבער אַ שנאה צו די אויסערע און אינערע סמנים, וואָס שיידען איהם אָב פון די אַרומיגע בעסער אָרגאַניזירטע פעלקער, און זוכט מיט אַלע מיטלען, ווי אַזוי צו פערמאַסקירען דעם גע'ירשה'נטען הויקער.

שטאַרקער ווי אומעטום דריקט זיך דאָס אויס ביים יודישען פאָלק, וואָס ליידט פון זיינע אויסערע סמנים און זעהט פון זיי זעלטען ווען עפּעס גוטס. דער מיטעלער יוד, וואָס לאָזט זיך אַוועק אויף די גוי'שע מערק, ליידט פון זיין שפּראַך, ליידט פון זיין הלוך, פון זיין היסטאָרישער נאָז. און קומט ער פון די מערק אַהיים אַ צומאַטערטער מיט אַ לעדיגער קעשענע — איז ער גרייט, צו שעלטען מיט טויטע קללות זיין הויקערדיגע נאָז, זיין הויקערדיגע שפּראַך. די גאַנצע פעראַכטונג, וואָס דער יוד פיהלט צו זיין צוקראָכענעם פאָלקסלעבען, גיעסט ער אויס אויף איינע פון די הויפּט־צווייגען פון זיין קולטור־לעבען — אויף זיין אייגענער שפּראַך. עס

איז א טעות, ווען מען מיינט, דאס נאר אונזער אסימילאטארישע אינטעליגענץ פֿעראכטעט דאס „יודיש". דאס פֿאלק איז נאך א גרעסערער שונא פֿונ'ם „זשארגאן", ווי די אינטעליגענץ, און אין מאנכע פֿעריאדען זעהען מיר גראד פּונקט דעם היפּוך דערפֿון ביי דער יודישער אינטעליגענץ. אט נעהמט האטש די קאנפֿערענץ אין טשערנאוויץ. די שענסטע נעמען פֿון אונזערע נאציאנאלער אינטעליגענץ האבען זיך פֿעראייניגט, אום צו דערהויבען די יודישע שפּראך, אום זי צו ברענגען צו א מדרגה פֿון א ליטעראריש-נאציאנאלער שפּראך. דאס פֿאלק דאגעגען שטעהט וויט אבגערוקט פֿון דער שטילער קאנפֿערענץ — און דערהערט עס עפּעס דערפֿון — איז עס שוין גרייט, צו מאכען א „גלייכווערטעל" און אבצושפּעטען פֿון א יודישער גראמאטיק, וואס וויל אריינברענגען א טאלק אין זיין צומישטען לשון.

---

## VI

עספּעראנטא און יודיש... דארטען פּויקען און טרומייטען, דא דאס אראנישע געלעכטער פֿון א פֿאלק א חולה, וואס שפּעט אב פֿון דעם רופֿא, וועלכער פּרובט נאך אריינצוברענגען לעבען אין דעם פֿערפֿרוירענעם גוף. דארטען קאקארדעס און עפּאלעטען, טעלעגראמעס פֿון אלע עקען פֿון דער וועלט, באנקעטען, טעאטער-שטיק, פֿרויען אין שענע טואלעטען און הערען אין פֿרעק און לאקשיך; און דא א הייפֿעל דיכטער, בעלי חלומות און פֿערטרויערטע נאציאנאליסטען, וואס ארבייטען שוין צעהנדליגער יאהרען, צו ארגאניזירען דאס צעפֿאלענע יודישע פֿאלק. דארטען קלינגען די גרויסע הנא-גלאקען, און א נעץ ווערט געווארפֿען איבער די קעפּ פֿון דער גאנצער מענשהייט; און דא א שטילע חתונה פֿון עטליכע בעלי חלומות, אויף וועלכער עס פֿעהלען די הויפּט מחותנים — דאס יודישע פֿאלק. ווי גרויס איז דער חלוק? אזוי גרויס, ווי צווישען ארעם און רייך. און דעננאך וואס פֿאר א טיעפֿע, גייסטיגע ארעמקייט האט פֿעראייניגט די עספּעראנטיסטען און וואס פֿאר א טיעפֿער צער, וואס פֿאר א טיעפֿע ליעבע האט פֿעראייניגט די טשערנאוויצער יודען!.. די עספּעראנטיסטען קלעפּען צוזאמען מענשען פֿון פֿערשיידענע פֿעלקער, דאמיט מען זאל בעקוועמער

און האכטיגער קענען קויפען און פערקויפען קארן און ווייץ, פוטער און לעדער, קעז און ארבעס; די טשערנאוויצער פעראייניגען א צעפאלען, צעבראקעלט פאלק, דאמיט פון די איינצעלנע פערוואגעלטע נשמות זאל מיט דער צייט בעשאפען ווערען אן איין־איינציגע פאלקס־נשמה. די עספעראנטיסטען פערנעהמען זיך נישט מיט דעם אינעווענינסטען מענשען, מיט דער נשמה פון די פעלקער; ביי זיי איז רעכט א דייטש־נאציאנאלע דראמא צו לאזען שפילען פון 20 אקטיארען פון 20 פערשיידענע אומות. די טשערנאוויצער אבער ווייסען, אז די שפראך פון א פאלק האט נאר דענמאלסט די מעגליכקייט צו לעבען און זיך צו ענטוויקלען, ווען דאס פאלק אליין האט זיך נישט אויפגעהערט צו ענטוויקלען, ווען דאס גאנצע פאלקס־לעבען איז אזוי ארגאניזירט, דאס יעדער איינצעלנער פיהלט זיך אין איהם ווי א טייל פונ'ם גאנצען, ווי א פיש אין זיינע נאטירליכע וואסערן. ווי ארעם און פשוט איז די מלאכה פון די עספעראנטיסטען!.. ווי רייך, טיעף און קאמפליצירט איז די ארבייט, וואס שטעהט פאר דער קאנפערענץ פון דער יודישער שפראך.

קאוונא, 25 אויגוסט 1908.

# III. איראַנישע מעשה׳לעך.

# ישראליק איז קראנק

(א חנוכה־פֿאנטאזיע).

I

איך געה אַרום הין און צוריק דורך דעם לאַנגען ברייטען חדר... אין קאָפּ דולט און דולט... און מיר דאַכט זיך, אַז וואָס גיכער איך וועל שפּאַנען, וואָס קלאַפּענדיגער עס וועלען זיין מיינע טריט, וועט מיר אַלץ רוהיגער און ליכטיגער ווערען אין צוטראָגענעם מח... און איך געה אַלץ גיכער הין און צוריק...

די זון לאָזט זיך שוין ערגעץ וואו אַראָב; אין שטוב ווערט טונ־קעלער און טונקעלער... איך קען שוין קוים דערקענען דאָס פּנים פֿון דער באָבעניו, וועלכע זיצט איצט ביים פֿענסטער איינגעטוליעט אין אַ טוך, מיט אַן אונטערגעשפּאַרטער באַק...

פֿון מיינע טריט ווערט די פֿינסטערע שטוב אַלץ הילכיגער און הילכיגער... עס טאַנצען די שטוהלען, די ביינקלעך אַרום מיר... דאָס ווייסע לאָמפּ־גלאָז זעגט מיר אין אויער מיט זיין פֿערפֿראָרענעם ציטע־ריגען קול־כיל.

פֿון די הוֹשעריי און קלאַפּעריי הויבט מיר אָן דער קאָפּ נאָך מעהר צו דולען... איך וויך אויס דעם הינקעדיגען טיש, וואָס טאַנצט מיר נאָך מיט אַ מאָדנעם חן, ביי איטליכען טריט מיינעם... איך וואַרף בייזע בליקען אויפֿ׳ן ווייסען לאָמפּ־גלאָז; איך קריטץ מיט די ציינער

אויף דעם אַלטען אויסגעטריקענטען שאַף, וועלכער ברעכט זיך און קווי־טשעט מיט אַ מאוס׳ען קול... איך פיהל, אַז אָט אָט וועל איך צוזאַמענ־קוועטשען די פויסטען, און שילטען, און זידלען, ווי אַ געבאָרענע מאַרק־יודענע.

— „ישראליק, וועסט אָפשר בענשען הנוכה־ליכט?״ — טראָגט זיך פאַרביי פאַר מיין אויער דער באָבעניו׳ס קול.

איך ענטפער ניט.

— „ווידער דער קאַפּריזאָנ״ — הער איך שוין דייטליכער אַ ווייכע האַרציגע שטימע.

— „איצט גאַנצענע טעג אויף די ביכער, עסט ניט, טרינקט ניט, אַלץ מיט די ביכער, אַלץ מיט זיין פערטראַכטקייט״ — וויינט ווידער אַ ווייכע האַרציגע שטימע.

אַ ביטער געפיהל הויבט זיך אויף, ווי אַ שטראָם, אין מיין ברוסט, און פערהאַפּט און פערשטיקט מיר דעם אָטהעם... איך קען ניט ענט־פערן!

— וואָס פייניג איך די אָרימע באָבעניו, וואָס איז זי שולדיג! — שפרינגט, ווי אַ פייל, דורך מיין מאַרך...

עס ווילט זיך מיר איהר טרייסטען, איהר פרעהליך מאַכען!... איך קען אָבער ניט... איך קען ניט!

די פיס טראָגען מיך דורך די שטוב, און די מעבעל טרייסלען זיך, ווי אין קדחת...

— „בענטש, מיין זוהן, הנוכה־ליכט, וועסט זעהען, ס׳וועט אַי־בערגעהן״ — דערהער איך גלייך ווי מען רעדט איין אַ קליין קינד.

אַ אומעדיגער שמייכעל איז אַריבער מיינע ליפּען. איך קען שוין די באָבעניו׳ס נאַרישקייטען, בעת זי ווינשט אַ אייניקעל גוטס. וויפיעל מאָל פלעג איך זיך פרעהליך פונאַנדערלאַכען פון אַזעלכע רייד... איצט אָבער בין איך מיעד, מיעד... עס דולט מיר דער קאָפּ! עס צורייצט מיך נאָך מעהר! אָט שפּרינגט שוין אַרויס, ווי פון אַ פאָנטאַן, אַ ביטערעס געפיהל, ביטער ווי גאַל!..

— „צי ווילסט דו, איך זאָל צו פישעל דעם קרעמער געהן הנוכה־ליכט בענשען?״ — הער איך ווידער די באָבעניו׳ס שטימע, און אין איהר קול הערט זיך אַ פּאַראַבעל.

— „פישעל דער קרעמער? הנוכה־ליכט?״ —

די גאַנצע בלוט איז מיר אַריין אין פּנים; דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבען שטאַרק צו קלאַפּען, איך בין געוואָרען אש־להבה.

— „פֿישעל!"

מיר האָט זיך פֿאָרגעשטעלט דער איינגעהויקערטער פֿישעל, מיט זיינע קנעכטישע העוויות, מיט זיינע היטרע קליינע לויפֿענדיגע אייגעלעך — דער אמת׳ער מאוס׳ער יוד מיט דעם טויזענד־יאהריגען גלות אויף די פּלייצעס... און דער מנוול, וואָס האָט ניט קיין בושה פֿאַר זיך אַליין, וואָס פֿאַר אַ קאָפּיקע לאָזט ער זיך און זיין פֿאָלק טרעטען מיט די פֿיס צוואַנציג מאָל אַ טאָג, אָט דער בענשט חנוכה־ליכט לכבוד די חשמונאים!..

דורך מיין קראַנקען מאַרך איז דורך אַ ווילדע פֿאַנטאַזיע, און איך האָב אַ ווײַלע אויפֿגעהערט אומצוגעהן אין דער פֿינסטערער קלינגענדיגער שטוב.

מיר האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעדוכט, אַז בעת פֿישעל האָט מיט אַ פֿערקאַטערטער נאָז געזונגען „הנרות הללו", זענען אַריין אין זיין שטיבעל מתתיהו כהן גדול מיט זיינע פֿינף זיהן. זיי זענען אַריין שטיל, אָהן אַ שום גערויש, אין לאַנגע ווייסע ליינענע קליידער, אַרומגעגאַרטעלט מיט גאָלדענע גאַרטלען, פֿון וועלכע ס׳האָבען געבלאַנקט די שיידען פֿון די שווערדען. מיט גרויס פֿערוואונדערונג האָבען זיי געקוקט אויף פֿישעל׳ס אַרבייט, וועלכער איז געשטאַנען מיט דעם רוקען צו זיי, עפּיס געבורטשעט אונטער דער נאָז, און איז געווען פֿערטהון מיט דעם צוקלעפּען פֿון אַ חלב׳נע שמש־ליכטעל אָן דעם בלעכענעם פֿערפּאַטשקעטען חנוכה־לאָמפּ.

און וואָס מעהר זיי האָבען זיך צו איהם צוגעקוקט, איז אַלץ פֿינסטערער געוואָרען זייער ליכטיגער פּנים; אין זייערע אויגען האָט זיך געמאָלט דאָס זעלבע געפֿיהל פֿון עקעל, וואָס משה רבנו האָט געפֿיהלט, בשעת ער האָט געקוקט אויף דעם מצרי, איידער ער האָט איהם דערשלאָגען און בעגראָבען אין זאַמד. און פּלוצלינג האָט זיך פֿישעל אַ קעהר געטאָן צו דער טיר, וואו עס זענען געשטאַנען די זעקס פֿרעמדע פֿאַרשוינען.

אַ ווילדער שרעק האָט אויפֿגעריסען זיינע קליינע לויפֿענדיגע אייגעלעך... ווי געיאָגט פֿון שדים און פֿון רוחות, האָט ער זיך אַ שליידער געטאָן דורכ׳ן פֿענסטער, איבערגעקעהרט די חנוכה־לאָמפּ און...

אין איין רגע איז פון פישעל קיין זכר ניט געבליבען! מען האט מעהר ניט געהערט, ווי פון הויף האט זיך געטראגען א שרעקליכער קול: געוואלט! ראטעוועט! גזלנים! גזלנים!!...

* *
*

א ווילדער געלעכטער האט פערקלונגען די שטוב...

— האב איך דאס געלאכט?

די באבע איז, ניט טויט ניט לעבעדיג, צוגעלאפען צו מיר, מיך אנגענומען ביי די הענד, בעטענדיג זיך מיט א יאמער-שטימע:

— "ישראליק! וואס איז מיט דיר געשעהן! גיה לעג זיך צו אביסעל! נעהם א פראשעקעל" דו זעהסט דאך אויס ווי א בר-מינן! גאט איז מיט דיר! נעהם א פראשעק! נעהם...

עס יאמערט ארום מיר... אין מיר יאמערט עס אויך... אבער מיינע אויגען בענעצען זיך ניט פון טרעהרען... עס קלאגט אין מיר, טיעף אינע-ווענינ, איטליכער אבר, איטליכעס ביין קלאגט און יאמערט אין מיר...

איך נעהם עפיס א עסלעפעל-ביטערס אין מויל, פאל-אנידער אויף דער זאפע און פערמאך די אויגען.

---

II

מיינע אויגען זענען צוגעמאכט, און ארום מיר איז פינסטער... אבער מיינע נערווען זענען אפען, אפען, און זענען בכח א גאנצע וועלט צו פערשלינגען... ווי טויזענד אויגען שפארען זיי ארויס פון מיין קראנקען קערפער און זעהען, און פיהלען, און פייניגען מיין גייסט...

איך זעה טויזענדער, צעהנדליגע-טויזענדער יודישע הייזלעך, ארי-מע, איינגעפאלענע, מיט פערלאטעטע שויבען און צובראכענע קוימענס... און אקוראט ווי די הייזלעך זענען די מענשען אין זיי: פער-

טראכטע, פערשלאגענע, פעראומערטע, מיט גרויע קראנקע פנים׳ער מיט הונדערטע דאגות אין קאפ, וועלכע בויערן און בויערן דעם מח...

און די אלע מענשען שטעהען ביי בלעכערנע לעמפעלעך, גיעסען בוימעל אין קליינע פערשמוצטע רעהרעלעך און דרעהען מיט׳ן גראבען פינגער באזועלנע קנייטלעך. און וואס מעהר זיי דרעהען דעם וויסען באזועל, ווערט דער קנייט אלץ ברודנער און ברודנער, ווייל אויף זייערע פינגער ליגט דער ברוד פון גאנצען דרויסען...

און מיט איינמאל צינדען זיך אן צעהנדליגע־צעהנדליגע טויזענד פלעמעלעך, און צעהנדליגע טויזענד יודען מאכען פאמעליך מיט די ליפען און זינגען א חנוכה־ליעד...

און מיינע אפענע אויגען זעהען דאס אלץ, און איטליכעס נערווענצווייגעלע ציטערט און פלאטערט אין מיר.

עס שיינט ניט פון די פלעמעלעך, עס רויכערט פון זיי!! עס קלינגט ניט דאס ליעד, עס קרעכצעט אין איהם!!

אי! ווי ווילט זיך מיר, דאס פון די אלע פלעמעלעך זאל ווערען איין איינציגער פלאם, א פלאם, וואס זאל ברענען, ווי א שרפה, מיט א בייזען ווילדען שיין, א פלאם, וואס זאל פערפארבען דעם הימעל מיט פורפור, וועלכער זאל דער גאנצער וועלט דערצעהלען פון א יודישען יום טוב!...

עס ווילט זיך מיר א ליעד, אין וועלכען עס קלינגען געזונדע פרישע מענשליכע ברוסט־שטימען, א ליעד, וואס מאכט ציטערן די לופט מיט א הייליגען קלאנג, וואס קלינגט ווי א געטליכער שופר פון איין עק וועלט צום אנדערען!...

טויזענדער פלעמעלעך ברענען פאר מיין גייסט, אבער זיי מאכען איהם ניט ליכטיגער, זיי פערפינסטערן איהם! אלע די טויזענד שטימען קלינגען אין מיין אויער, אבער איך הער ניט קיין געזאנג, איך הער נור א געשריי פון הייזעריגע גארגלען!.. און איך ווייס, אז ווען אפילו מיליאנען פלעמעלעך זאלען ברענען פאר מיר, וועט אלץ זיין דער אייגענער השך! איך ווייס, אז ווען אלע שטימען וועלען צוזאמענפליעסען אין איין קול, איך וועל נור הערען א קרעכץ, א קרעכץ פון א גוסס!..

דעם ברוד פון דרויסען, פון אנאנדער וועלט האבען זיי אריינגעטראגען אין זייער קנייט; דער אומעט פון גלות האט זיך אריינגעגנב׳עט אין זייער חנוכה־ליעד...

טויזענדער ברידער שטופּען און שטויסען זיך, און רינגלען מיך אַרום פֿון אַלע זייטען און יאָמערן:

— „מיר האָבען זינגען געוואָלט, די שטימע האָט אונז פֿערלאָזען! מיר האָבען אונזער השך-לעבען געוואָלט בעשיינען. די שטראַהלען ווייכען און מיידען אונז אויס! מיר האָבען אַראָבגעוואָרפֿען די וואָכעדיגע בגדים, מיר האָבען יום-טובֿדיגע אָנגעטאָן, אָבער אין די קנייצען פֿון זיי האָט זיך אונזער גלות בעזעצט!... העלף אונז! העלף אונז! מיר קלאָגען און בעטען פֿאַר דיר!...—

ווען דער ים-הגדול וואָלט אין קלאָג אויסגעבראָכען, זיין יאָמער וואָלט ניט פֿערהילכט דאָס געבעט פֿון מיינע ברידער... ווען אַלע בערג וואָלטען פֿאַלען און זינקען, זיי וואָלטען ניט פֿערטויבט דאָס געשריי פֿון דעם טויזענד-יעהריגען גלות...

איטליכעס גליעד מיינס האָט זיך געריסען פֿון קערפּער... איטליך לעבענסטראָפּען פֿון מיין לייב האָט געוואָלט אויסוואַקסען, ווי אַ ריעז, ער זאָל קענען שטילען די פּיין פֿון מיינע בעטערס...

איך האָב ניט גערעדט, איך האָב ניט געטרייסט... איך האָב זיך נור געוואָרפֿען פֿון איינעם צום אַנדערען, אַריינגעקוקט איהם אין די אויגען, געגלעט, געטוליעט... מיין גאַנצער קערפּער איז צוגאַנגען, צוגאַנגען אין טיעפֿען, טיעפֿען טרויער.

* *
*

„ער הלשט! ער הלשט! מינטערט איהם! מינט...“ — האָט זיך געהערט אַ פֿערשטיקטע שטימע פֿון ערגעץ-וואו גאַנץ וויט-וויט.

איך האָב אויפֿגעעפֿענט די אויגען, אויף מיין שטערען איז געלעגען די באָבעניו'ס האַנד. אין דער אַנדערער האָט זי געהאַלטען אַ נאַס טיכעל, פֿון וועלכען ס'האָט זיך געהערט אַ עסיג-גערוך.

די באָבעניו איז מיר געזעסען צוקאָפּענס; איבער איהרע אַלטע צוקנייצטע באַקען האָבען גערונען גרויסע שווערע טראָפּענס:

„איך טענה מיט דיר טאָג ווי נאַכט: ישראליק שטרענג זיך ניט

אָן צופיעל): קוק אויף זיך אויך אַביסעל! איך זאָג דיר דעם אֶמת, מיין זוהן, איך בין דיינע אַלע ביזלעך אַדם־שונא. וואָלסט מעהר שפּאַציערען געהן, אַריינגעהן צו בעקאַנטע, קרובים"...

די זיסע־ליעבע רייד פון מיין באָבעניו האָט מיך ביסלעכווייז בערוהיגט, און ס'איז אַ ווײַלע אַרויף אויף מיר אַ רוהיגער שלאָף.

---

III

אַ לאַנג גרויס פעלד בעדעקט מיט שנעע, איינגעטוליעט פון טומאַן, שווערע שוואַרצע וואָלקענס הענגען איבער דאָס פעלד. די שטראַהלען פון דער לבנה קענען ניט צושפּאַלטען די פינסטערע המאַרעס, און די וואָס דרינגען דורך אָן אַ זייט ווערען פערשלונגען פונ'ם געדיכטען טומאַן. מענשען, הייזער, בוימער זענען ווי איינגעזונקען געוואָרען. אַ גאַנצע וועלט ליעגט, ווי פערטרונקען פון אַ מבול, און די פערטרונקענע וועלט אָטהעמט שווער, ווי אַ חולה פאַר'ן טויט.

מיט מיין האַסטיגען קערפּער צוריי איך דעם טומאַן, און געה גיך דורך דאָס אומעדיגע פעלד. דער שנעע קנאַקט אונטער מיינע פיס, און מיין פנים ווערט דורכגעווייקט פונ'ם נאַסען טהוי.

אויסגעשטאָרבען איז די וועלט! ניטאָ קיין איינציגער מענש, אין וועמענס אויגען ס'זאָל ברענען אַ וואַרעמעס פייער, ניטאָ קיין איין האַרץ, וואָס זאָל שפּרינגען אין דער ברוסט און פערלאַנגען גרויסע העלדענטהאַטען. אומעטום פערלאָשענע בליקען, שלאַפע הענד, און הערצער וואָס קלאַפּען שוואַך און שטיל, ווי אַן אַלטער זייגער.

און איך פרעג זיך אַליין: וואוהין געהסטו? וואָס זוכסט דו? וואוהין טראָגען דיך דיינע פיס? וואָס האָפסט דו צו דערזעהן?

אָך: איך קען ניט, ווי אַנדערע, בעלעבען די אומעדיגע וועלט מיט טויטע העלדען. איך קען ניט, ווי אַנדערע, קוקען אין זייער געטליכען פנים, הערען זייערע קלוגע רייד און זיך וואַרעמען אָן דעם פייער

פון זייער גייסט! פאַר מיר זענען די קליינינקע לעבעדיגע מענשעלעך טויט, און די טויטע העלדען זענען אויך טויט, און איך לעב אין אַ וועלט פון פאַרטריקענטע נפשות, צעפּאַלענע ביינער און געלע צעלע-כערטע שאַרבענס!

וואָס זוך איך? איך זוך די ליכטיגע זון, די גרינע שפּראָצענדע פעלדער, איך זוך דעם מענשען, וואָס האַלט מלחמה מיט די חוואַליעס פון קאָכעדיגען ים, איך זוך אַ לעבעדיגען יודישען מתתיהו!

און קוים זענען די לעצטע ווערטער אַרוים פון מיינע ליפּען, ווערט שוין דינער און דינער דער געדיכטער טומאַן, אַ ליכטיגער רינג בעווייזט זיך אין דעם אַרומיגען חושך, און דער רינג וואַקסט און וואַקסט, ווערט אַלץ ברייטער און ברייטער און פאַרבלענדט מיר די אויגען מיט זיין ווייסען גלאַנץ.

אַ קינדישע שמחה מאַכט פול מיין אומעדיג געמיט, איטליכעס גליעד מיינס ציטערט פאַר פרייד, מיין האַרץ ווערט גרוים, ווערט פול פון ליב און דאַנק און ציהט זיך צום קלאָר-ווייסען ליכט...

און פּלוצלינג בעווייזט זיך אין ליכטיגען רינג אַ הויכער פאַר-שוין אין אַ ווייסען ליינענעם מאַנטעל. אַ לאַנגער זילבער-גרויער באָרד פליסט אַרונטער אויף זיין ברייטע ברוסט, אין די גרויסע שוואַרצע אויגען ברענט אַ מוראדיג פייער, און די פעסטע שטאַרקע פויסט נעהמט אַרום דאָס גאָלדענע הענדטעל פון אַ בלאַנקען שווערד.

און עס פאַלט אויף מיר אָן אַ הייליגער פחד... איך קען ניט פאַרטראָגען דאָס געטליכע פנים, און וואַרף זיך אַנידער אויפ'ן שנעע מיט דעם קאָפּ צו דער ערד.

— „דו האָסט מיך גערופען אין דער נויט פון דיין זעעל“ — הער איך אַ טיעפע ברוסט-שטימע, און די שטימע געהט דורך אַלע מיינע גליעדער און קלינגט אין מיר, ווי אַ געטליך-געזאַנג, — „דו האָסט מיך גערו-פען אין פּיין פון דיין האַרצען, און זעה, איך בין געקומען צו דיר. ס'האָט מיך גערירט דיין טיעפער טרויער, און זעה, איך רוף דיך צו מיר! הויב זיך אויף! הויב זיך אויף! מתתיהו קען ניט פאַרטראָגען, אַז אַ מענש זאָל זיך בויגען און בוקען! מתתיהו כהן גדול פאַרלאַנגט אַ גלייכען רוקען, אַ אויסגעשטעלטע ברוסט, אַ קלאָרען בליק, אַנ'אויג,

אין וועלכען עס ברענט און פלאקערט א שטארקער גלויבען! הויב זיך אויף! הויב זיך אויף!

איך האב זיך אויפגעהויבען פון דער ערד, און מיט א צעבראכענער קניה בין איך צוגעפאלען צום וויס־ליינענעם קלייד... איך האב פערגראבען מיין צורה אין די פאלבען פונ'ם מאנטעל, און מיין גאנצער קערפער האט זיך געטרייסעלט פון א אינעווייניגסטען שטורם.

מיין שטימע האט געיאמערט:

— איך קען ניט פערטראגען דאס ליכט פון דיין פנים, איך בין פערבלענדט און ציטער פון קאפ ביז די פיס. אין חושך בין איך אויפגעוואקסען!.. אין א פרעמדען לאנד האב איך זיך געהאדעוועט... איך האב נור געחלומ'ט פון גרויסע העלדען, איך האב זיי אבער קיינמאל ניט געזעהען... ווי א בליינאפטיגער בין איך געגאנגען צווישען מיינע ברידער, און אייביג געזוכט דעם בעפרייער, דעם העלדען, וואס זאל אונז פיהרען אהיים... און איצט, בעת איך האב דיך דערזעהען, האבען מיינע קניה אנגעהויבען זיך טרייסלען, און מיין הארץ אין מיין ברוסט איז פערגליווערט! דער לאנגער שווערער גלות האט צעבראכעלט מיין גייסט! איך קען ניט, איך קען ניט פערטראגען דאס ליכט פון דיין געטליכען פנים!" —

און מתתיהו ענטפערט, און אין זיין קול הערט זיך רחמנות:

— ישראליק! דו ביסט קראנק, דערפאר רעדסט דו אזעלכע רייד!—

און עס ווערט שטיל ארום מיר. איך פיהל נור אויף מיין קאפ די האנד פון מתתיהו'ן, א האנד, וואס קרייזעלט מיינע האר, בערוהיגט און דערווארעמט. אין מיין צעטראגענעם מח ווערט קלאר און ליכטיג, א נייע האפנונג בליהט אויף אין מיין הארצען און עס צעגיסט זיך א פרישקייט דורך אלע מיינע גליעדער.

— — — — — — — — — —

ס'איז שטיל ארום מיר, אבער אין מיר לעבט עס און לעבט. און פלוצלינג ווערט מתתיהו'ס קול וויך און פריינדליך, און ער רעדט הייטער:

— „דו האסט זיך פריהער בעקלאגט, אז דו קענסט ניט בעלעבען די וועלט מיט אמאליגע גבורים, אז די אמאליגע העלדען זענען פאר דיר טויט און פערגעסען. ישראליק! צי גלויבסט דו אין מיר? צי לעבט נאך מתתיהו?"

— ער לעבט! ער לעבט!" — ענטפערט א שוואכינקע אלטע שטימע, און זי, מיין באבעניוס שטים, ציטערט פאר פרייד.

— "צי לעבט ער אין ווינד, צי לעבט ער אין שטורם? צי דרינגט דורך זיין ליכט דורך וואלקענס און המארעס?" —

— ער לעבט! ער לעבט! —

— נו, געה צו דיינע ברידער און טרייסט זיי, דערצעהל זיי...

— אז ער לעבט, ער לעבט! — האט פערקלונגען מיין קול דאס אומעדיג פעלד, און א הייליגער גלויבען איז אריין אין מיין זעעל.

היידעלבערג, 1897.



# פרשנדתא האט זיך אבגעריסען פון דער תליה.

„גלויבט ניט אין מעשה=ביכלעך", זאָגט אַן אַמעריקאַנישער שרייבער, „זיי דערצעהלען אייך נור דעם האַלבען אמת, דעם שענעם אמת; די אַנדערע העלפט פון דער מעשה, דעם מיאוס'ן סוף, בעהאַלטען זיי פון דעם לעזער, דערום גלויבט ניט די מעשה=ביכלעך!"

פערלאָזט זיך נישט אויף די מעשה פון אסתר'ן און מרדכי'ן, זאָג איך אייך, דען די מגילה דערצעהלט אייך דעם האַלבען אמת, דעם מיאוס'ען סוף פון דער מעשה זאָגט זי אייך ניט אוים.

אין דער מגילה ענדיגט זיך די מעשה פון אסתר און מרדכי מיט אַ פורים, מיט אַ פרעהליכס, מיט אַ טענצעל. מרדכי ווערט אַ משנה=למלך און אַלע יודען זינגען און טאַנצען: שושנת יעקב צהלה ושמחה!

דאָס איז אָבער נאָך נישט דער סוף. הערט זיך צו, וואָס די אַרויסגעגראָבענע אַלטע פאַרמעטען דערצעהלען ווייטער.

פרשנדתא, דער עלטעסטער זוהן פון המן'ען, וועלכער האָט געוואויגען אַ פוד זעקס, איז ניט דערהאַנגען געוואָרען. די שטריק האָט ניט געקענט אויסהאַלטען די שווערע משא פון זיין גוף און האָט זיך אָבגעריסען. ביז טיעף אין דער נאַכט איז ער נאָך געלעגען אין הלשות, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעצוקעט און געמאַכט אַ ויברח. ביי אַ יודישען שענקער ניט ווייט פון שושן האָט ער געקויפט פאַר אַ פאָר שקלים די קליידער פון אַ דערוויש (אַ מין פערסישער בעל=שם). אַזוי פערקליידט איז

ער אנטלאפען אין איינע פון די נאהענטע פאלמען=וועלדער; און דארטען האט ער א צייט לאנג געלעבט אין א היהל ווי א פערס'שער בעל=שם, פערבעהאלטענערהייט.

מרדכי, וואס איז אזוי עולה=לגדולה געווארען, איז שוין אין קעניגליכען טויער נישט געזעסען. די גוטע מסירות האבען שוין אנדערע געבראכט פאר'ן קעניג. בשעת ער פלעגט פארבייגעהן, פלעגען זיך אלע פאר איהם בוקען און קניען. הינטערן רוקען אבער פלעגט מען איהם ווייזען פייגען און אנשטעלען א צונג. דאמאלסט האט מען נאך ניט געוואוסט, אז מען קען מאכען פון א פאלע א חזיר'שען אויער.

די קרובים פון בגתן ותרש האבען שוין לאנג געבונטעוועט א קעגען מרדכי'ן און די יודען, איצטער זענען נאך צוגעשטאנען צו זיי צוויי פון די שענסטע פערסישע פאמיליען, די פאמיליע המן און זרש'ס פאמיליע. אין איטליכער שטאדט און אין איטליכען דארף, וואו יודען האבען דערשטיקט המנ'ס געפלאנטען פאגראם אויף זיי, האבען זיך געעפענט חברות פון צוררי=היהודים. און איין מאל א יאהר פלעגען זיי זיך צונויפקלייבען אין די ארומיגע וועלדער, וואו זיי פלעגען שווערען ביי די געטער ארמוזד און אהרימון ניט צו רוהען און ניט צו עטעמען ביז עס וועט פון די „יהודים“=די „בלוטזויגערס“ און ניי אויפגעקומענע שררים נישט בלייבען א שריד ופליט. אין בונט האבען זיך בעטייליגט א סך אחשדרפנים און אפילו דער בעקאנטער ממוכן. די וואס מיינען אז ממוכן איז דער אייגענער וואס המן — לעבען אין טעות. צו אחשורוש'ס צייטען פלעגען נור די יודען האבען צוויי נעמען, איינעם א יודישען און פאר דער וועלט א גוי'שען.

די בונטאוושטשיקעס זענען באלד דערגאנגען, אז פרשנדתא לעבט ניט ווייט פון שושן אין די קליידער פון א דערוויש, און באלד איז טאקע פרשנדתא'ס היהל געווארען דער וויכטיגסטער פונקט, וואו מען פלעגט האלטען אסיפות אויף אסיפות. מען האט געווארט אויף א געלעגענהייט, ווי זיך נוקם צו זיין אן די יודען. דערווייל האט מען געארבייט מיט אלע כחות. אפילו חרבונה, וואס מיר דערמאנען איהם נאך היינט צו גוטען, איז צוגעשטאנען צו די צוררים. אמת, א צייט לאנג האט ער זיך נאך געהאלטען פון ווייטען, נאר דערנאך, ווי ער האט געקראגען דעם פערציגסטען פאסקוויל און נאכדעם, ווי ער האט זיך איבערצייגט, אז אין זיין בעכער האט מען צוויי מאל געפרובירט אריינגיעסען סם, איז ער אויך אוועק צו פרשנדתא'ן אין היהל.

הגה, דער כרים פון אחשורוש'ן, וועלכער איז געווען דער אויפ-

זעהער אויף אַלע ווייבער פֿון קעניג, וועלכער האָט אין אַ קורצע צייט דורך זיינע טייערע באַלזאַמען געמאַכט פֿון אֶסתּר׳ן דאָס שענסטע ווייב פֿון פּרס און מדי, איז געווען אַ בעהאַלטענער צורר-היהודים. כל-זמן ער האָט ניט געוואוסט מרדכי׳ס שטאַם, איז ער מרדכי׳ן געווען אַ גוטער פֿריינד, אַפֿילו ניט פֿאַר אומזיסט. ווי ער איז אָבער דערגאַנגען, ווער אֶסתּר און מרדכי זענען, האָט ער אָנגעהויבען צושיטען צו אֶסתּר׳ס באַלזאַמען און שמעקעדיגע בוימאייל די שטאַרקסטע הויטגיפֿטען. צוליעב דעם האָט די שענע אֶסתּר באַלד געקראָגען רויטע און גרויע פֿלעקען אויף איהר אַלבאַסטער-ווייסען קערפּער, און איהר פֿיין פּנים׳ל איז געוואָרען געשטופּעלט ווי נאָך אַ פּאָקענקראַנקייט. צום קיסר׳ס הויף איז זי ניט געגאַנגען, און אַפֿילו פֿאַר איהרע דיענערינס פֿלעגט זי זיך שעמען ווייזען איהר געשטופּעלט פּנים. אחשורוש האָט אָן זי שוין לאַנג פֿערגעסען, און אויף מאַלצייטען האָט זי שוין דעם מוט נישט געהאַט איהם צו רופֿען. הגה האָט דערווייל אָנגעווענדט אַלע כּחות און די טייערסטע באַלזאַמען אום צו מאַכען פֿון דעם יונגען קערפּער פֿון המנ׳ס אַנאַייניקעל דאָס שענסטע ווייב פֿון פּרס, די צוקינפֿטיגע סולטאַנשע אויף אַלע 127 מדינות.

אֶסתּר׳ס און מרדכי׳ס לאַגע איז געווען ביטער ווי דער טויט. זיי האָבען געוואוסט, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז זיי אַ שונא, עס איז זיי געווען אויפ׳ן האַרצען, ווי מען וואָלט זיי אַוועקגעזעצט צווישען בערגלעך פֿון מוראַשקעס. און צו אַלע צרות האָט מען נאָך געמוזט בלאָזען פֿון זיך און מאַכען אַ וויכטיגע שטאָלצע מינע, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ קיסר׳ס ווייב און אַ משנה-למלך, וואָס טראָגט אויף זיך אַ הימעל-בלאָה קלייד.

אַלס ביי אֶסתּר׳ן האָבען זיך בעוויזען די ערשטע גרויבלאָהע פֿלעקען, האָט מרדכי גוזר געווען אויף אַלע יודען אַ דרייטאָגיגען תּענית, אָבער דער לאַנגער תּענית האָט ווייניג וואָס געהאָלפֿען. הגה איז דערפֿון מאָגערער נישט געוואָרען. פֿערטרייבען האָט מען איהם ניט געקענט, וויל אין פּרס האָט דער ערשטער סריס אַלץ מעהר דעה ווי אַמאָל דער ערשטער מיניסטער.

צוויי יונגע לייט, וועלכע פֿלעגען דאַמאָלסט אָפֿט אײַנגעהן צו מרדכי׳ן, עזרא און נחמיה, האָבען צוואַנציג מאָל זיך געבעטען ביי מרדכי׳ן, אַז ער זאָל שטילערהייט אַנטלויפֿען פֿון שושן. זיי האָבען נישט געהאַלטען פֿון מרדכי׳ס גדולה, די יודישע לאַגע אין פּרס איז זיי שטאַרק ניט געפֿעלען, און זיי האָבען פֿאָרזיכטיג געגרינדעט אַגודות, חברות מיט דער

דעה אַריבערקלייבען זיך אין ארץ־ישראל. זיי האָבען אַלץ מיט מרדכי'ן געטענה'ט: ‏בעסער אין אֶרץ־ישראל האַלץ האַקען און וואַסער טראָגען, ווי אַמאָל די גבעונים, איידער צו זיין אויסגעפוצט אין אַ הימעל־בלאָהען קלייד און לעבען אין איין ציטערניס פאַר'ן מאָרגענדיגען טאָג. נאָר מרדכי האָט געהאַלטען פון אַנאַנדער פאָליטיק. ער האָט געפּ'הרט די פּאָליטיק פון די היינטיגע ניי מאָדנע יודישע באַראָנען. — „לויט דער קאָנסטיטוציע פון פּרס און מדי טאָר מען מיר ניט טון קיין שלעכטס, וואָס די האָר איז ווערט. היינט וואָס אַרט דאָס מיך, ווען דאָס גאַנצע לאַנד וויל מיך אויפ־הויבען אויף אַ קלאָץ פון פערציג קלאַפטער די הויך?” אַזוי פּלעגט מרדכי ענטפערן די יונגע לייט, און עזרא און נחמיה פּלענגען פערלאָזען זיין הויז מיט צעבראָכענע געמיטער...

ויהי, און אַחשורוש האָט געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר אַלע שׂררים און גרויסע לייט פון זיינע 127 מדינות. פון זיין רעכטער זייט איז גע־זעסען מרדכי, וועלכער איז נאָך געווען בעליעבט און גרויס אין זיינע אוי־גען, פון דער לינקער זייט, נעבען זיינע פיס איז געזעסען די שענע כּאַלאָמבאָ, דאָס אייניקעל פון המן און זרש, איינע פון זיינע קעבסווייבער, וועלכע פּלעגט איהם בעדיענען ביי'ן טיש. אויפ'ן דריטען טאָג, בשעת אַחשורש איז געווען שוין גוט פרעהליך, האָט ער פּלוצים אַזאָג געטאָן: — „מרדכי! אַלץ וואָס דיין האַרץ געלוסט זאָל היינט דערפילט ווערען! צי ווילסט דו, אַז איך זאָל דיך און דיינע ברידער צוריקקעהרען אין אייער אייגען לאַנד? בעט, און דיין בקשה זאָל ווערען געשעהן!”

מרדכי, וועלכער האָט צווישען יודען און אין דער היים זיך גע־גרויסט מיט זיין יודישקייט, אָבער פאַר דער וועלט געשפּיעלט די ראָלע פון דעם גרעסטען פּאַטריאָט אין פּרס און אין מדי, איז געזעסען אַ ווילע ווי אַ צומישטער. ענדליך האָט ער זיך צוזאַמענגענומען און געענטפערט ווי אַ גרויסער דיפּלאָמאַט: מיין לאַנד איז דער אָרט, איבער וועלכען עס שוועבען דיינע ערהאַבענע טריט, און איך בין דיין קנעכט”.

אַחשורש'ן האָט דער ענטפער שטאַרק פערדראָסען. ס'טייטש, ער וויל ווייזען זיין פריינגעביגקייט און מרדכי שטויסט איהם אָב פון זיך, און דער קעניג האָט אָבגעקעהרט פון איהם זיין גאָלדענעם שרביט.

מעהר ווי אויף אַזאַ צופאַל האָבען מרדכי'ס שונאים ניט געוואַרט.

באַלד איז טאַקע סאַלאָמבאָ צוגעפאַלען צו די פיס פון אַחשורש'ן און האָט אָנגעהויבען בעטען, אַז ער זאָל לאָזען קומען איהר פעטער פרשנדתא אין קעניגס הויף.

„וועלכער פרשנדתא?“ האט געפרעגט דער קעניג, וואס האט געהאט תמיד א שוואכען זכרון.

„דיין געוועזענעם מיניסטער המנ'ס זון, געטליכער קעניג“.

— „פאר וואס איז ער ביז איצט ניט געקומען?“

„וויל מרדכי האט איהם געוואלט הענגען, דערום איז ער געלעגען בעהאלטען אין די וועלדער, הימלישער קיניג“.

דער הימלישער קיניג ווארפט א צארניגען בליק אויף מרדכי'ן, און מרדכי ווייס שוין, אז עס איז געקומען א סוף צו זיין גדולה.

---

די שריפט פון די אויסגעגראבענע פארמעטען איז פון אלטקייט ערטערווייז קאליע געווארען. דעריבער קען איך אייך נישט דערצעהלען באריכות, ווי מרדכי איז געווארען אויס מיניסטער, ווי פרשנדתא האט געטראגען זיין הימעלבלאה-זיידענעם קלייד, ווי זיעבען טעג און זיעבען נעכט האט מען געשטורמט יודישע הייזער, ווי די גאסען זענען געווען בעדעקט מיט שנייווייסען פוך פון פערענעם און קיסענס, ווי בלוט האט זיך געגאסען טייכענווייז, און ווי אין די ווייסע פוך און אין די רויטע שטראמען האבען זיך געצאפעלט מענשליכע קערפער...

געבליבען זענען נור ביי'ן לעבען די שענקערס, וויל זיי האבען געשיקט צו פרשנדתא א דעפוטאציע און איהם דערמאנט אן די טובה, וואס א שענקער האט איהם אמאל געטאן. ביי'ן לעבען זענען נאך געבליבען די אנהענגער פון עזרא און נחמיה, ווייל זיי האבען נאך בייציטענס מיט זייערע פיהרערס זיך אפגערוקט פון דער רייכער און פרעהליכער שטאדט שושן.

דאס איז דער אמת'ער סוף פון מגילת אסתר, לויט די אויסגעגראבענע אלטע פארמעטען מיט מיינע אייגענע הגהות דערצו...

...היינט זעהט איהר שוין, אז מען טאר ניט גלויבען אין די מעשות פון די ביבלעך. דען זיי דערצעהלען אונז נור דעם האלבען אמת, דעם שענעם אמת, דעם שלעכטען סוף בעהאלטען זיי פון לעזער. דערום פערלאזט זיך נישט, קינדער, אויף מעשה-ביבלעך!...

אדר, 1901.



# דער נביא פון גאס.

(אַ שטודיע).

I

...אין די שטילע פינסטערע צייטען, דאַמאָלסט, ווען אוים פּחד פאַר פלעווע'ן האָבען אויך די העהגער אויפגעהערט צו קרעהען, — אויך דאַמאָלסט איז ער פול געווען מיט אַלערליי כלל'שע און פאָליטישע נייעסען.

פון אַלע קעשענעס האָבען זיי זיך ביי איהם געשאָטען, פון איטליכען ווינקעל האָט ער זיי אַרויסגעשארט. וואונדערליכע שטיקלעך פּאַפּיער מיט פערשמירטע אותיות אויף אַלערליי לשונות פלעגען זיך פלוצים בעווייזען אויפ'ן טיש, — איין גאָט וויים פון וואַנען ער האָט זיי בעקומען! — און די קורצע אָבגעהאַקטע שפּראַך, דער קורצער אָבגעהאַקטער געוואַלד-געשריי: אַרוים צום קאַמפף! ניעדער מיט'ן קאַפּיטאַליזמוס! א. ז. וו. פלעגט מאַכען אויף אונז אַ רושם ווי פון אַ גייסטער-שפּראַך, ווי אַ פערשטיקטע קללה פון האַלב פערשאָטענע מענשען.

אונזער שטומע וועלט פלעגט, אַ דאַנק צו אונזער נייעסענבּרענגער, ווערען מיט אַמאָל פערפולט מיט אַלער'י פערדעכטיגע גערוישען, האַלב-פערשטיקטע קולות און אַ מוראדיגען סקריפּען.

נישט די מייז קראַצען ערגעץ אין אַ ווינקעל, — ניין, — דאָס מינירט מען ערגעץ וואו אַ הויז; נישט די טראָפּען פֿון וואַסערלייטונגס־קראַהן פֿאַלען אין בעקען, — דאָס בויערט מען ערגעץ וואו אַ לאָך אין אַ מויער; און דער האַרטער טרוקענער קנאַק פֿון אַ נאָדעל, וואָס שטעפּט אין צווייטען חדר, הערט זיך ווי דאָס פּיקען פֿון אַ בייזען רויב־פֿויגעל.

און אַלע טאָג פֿלעגט ער אונז ברייננגען אַנדערע נייעסען... דאָרט האָט מען עמיצען געהאַנגען. נעכטען האָט מען אַנ׳אָפּיצער געשאָסען, דאָרטען איז עמיצער אַנטלאָפֿען, זיך בעהאַלטען, — אַ וועכטער אונטערגעקויפֿט... „צווישען די הויכע פֿענסטער“ איז דער אַראָב און ענער אַרויף... דער אַלטער איז היינט דערפֿאַר, אָדער מאָרגען דערפֿאַר. פּאָביעדאָנאָסצעוו האַלט ביי׳ן שטאַרבען... יודען קריגען פּראַזיעס... פּראָצענטען אין גימנאַזיעס ווערען פֿערקלענערט, צי פֿערגרעסערט... פֿון מאָסקווע טרייבט מען „פּערווי גילדעס“ און די „איסקרא“ שרייבט, און אין „אָסוואָבאָזשדעניע“ שטעהט, און דאָס „בערלינער טאַגעבלאַט“ איז מודיע... א. ז. וו. און פֿון אַלע די נייעסען וואַקסט אויס אַ וואונדערליכע בענקענים. עס הויבען זיך אָן צו וואַרפֿען אין מוח אַלערליי פֿאַנטאַסטישע בילדער, דאָס האַרץ קלאַפּט, מען האָפֿט אויף עפּעס, מען וואַרט אויף עפּעס, די אויגען לייכטען ווי פֿון אַ געשמאַקען צוזאָג... עס קלעמט אויף דער ברוסט, און מיט איינמאָל פֿאַלט עפּעס אָן אַנ׳אימה... דען אָט־אָט צוגעהט זיך די וואַנד אין סאַמע מיטען, און עס וואַקסען אויס ווי פֿון דער ערד שפּיאָנען, זשאַנדאַרמען און אַלערליי מלאכי־חבלה און מען נעהמט אונז אַריין אין קאָן... „דען אויך די וועגד האָבען אויערן“...

נישט אַלע נייעסען זענען מקוים געוואָרען, נישט אַלץ איז געווען ווי ער האָט דערצעהלט. אונזער נייעס־ברענגער איז נישט געווען קיין חבר פֿון קיין פּאַרטיי, און אַלע פּאַרטייען האָבען איהם געקענט; אַלע האָבען איהם געהאַלטען פֿאַר זייערען, און אַליין האָט ער נישט געוואוסט דאָס פּראָגראַם פֿון קיין איינציגער פּאַרטיי. מיט דער אייגענער פֿרישקייט איז ער געקומען אָנזאָגען, אַז סטרווע האָט אָבגעדרוקט אַ געהיימען רעגירונגס־דאָקומענט, און אַז ד״ר הערצל קלייבט זיך פֿאָהרען צום פּאַבסט, אָדער צום דייטשען קיסר. די מעשׂה וועגען אַנ׳אַרעסט פֿון אַ בונדיסט איז אַרויס פֿון זיין מויל מיט דער אייגענער שפּראַך, ווי די מעשׂה פֿון דער מנהה אויפ׳ן פֿעלד נאָכ׳ן גער׳ער רבינ׳ס לויה. מיט די אייגענע לעבעדיגע תמימות האָט ער פֿערשפּרייט קלאַנגען וועגען באָמבעס, וואָס האָבען קיינמאָל נישט געפּלאַצט, ווי וועגען אַ „פֿערליעבענים“ פֿון אַ הויכען

שרדה אין אַ טענצערקע, וואָס שטאַמט אָב פון יודען, און וועגן אַ נייעם בונט פון די קאַלמיקעס אין די קירגיזער סטעפּעס.

און אויך זיין פּנים איז געווען אַזוינס, וואָס מען קען דאָס ניט גע־דענקען. גראָהע אויגען, וואָס לויפען אַרום אָהן אַ גלאַנץ; אַ שוואַך קול, אין וועלכען עס וואַרפט זיך אַרום אַ נערוועזע נייגיעריגקייט. אַ גוף אַ קליינס, אַ ווייכעס, אַ צאַפּעלדיגעס. וואָס האַלט שטענדיג גרייט די פיס צו לויפען, צו פערשווינדען...

איז ער אַ צייט נישט געקומען,— פלעגט מען פערגעסען אָן איהם ווי אָן טויט. פלעגט ער זיך אָבער ערגעץ וואו באַווייזען,— האָט מען איהם בעגעגענט מיט'ן שענסטען „ברוך הבא".

און פערלאַנגט האָט מען פון איהם נאָר נייעסען, לויטער נייעסען... קיינער האָט איהם נישט געפרעגט, וואָס ער מאַכט; עס האָט קיינעם ניט אינטערעסירט זיין לעבען, זיינע פּרנסות; אַפילו, ווי אַלט ער איז געווען איז קיינעמ'ס עסק נישט געווען. מענער און יונגע לייט האָבען גע־קוקט אויף איהם ווי אויף אַ ג'אַנדרוגינוס; ווייבער און מיידלעך האָבען מיט איהם קיינמאָל נישט קאָקעטירט, און האָבען איהם בעהאַנדעלט ווי אַ לייבע חבר'טע.

אויך קיין דאַנקבאַרקייט האָט מען צו איהם נישט געפיהלט. אמת, די ענגע בעל־הבית'ישע שטיבער זענען פון זיינע נייעסען עפּעס ווי ברייטער געוואָרען, דער מידער לאַנגווייליגער מוח פון אַ געוועהנליכען בשר ודם איז אַביסעל אָבגעפרישט געוואָרען. ווער דאַנקט אָבער דעם ווינטעל, וואָס בלאָזט מחיה'דיג אין פּנים אַריין, אָדער די אייז־בלומען אויף די ווינטער־שויבען, וואָס פערפוצען אַזוי די פענסטער?

און איינמאָל האָט אויך פּאַסירט, דאָס, אַנשטאָט דאַנק, האָט ער בעקומען זלזולים. אַ פּאַק פון נייעסען האָט ער אויסגעשאָטען פאַר אונ־זערע אויערען, איינע שטאַרקער, ווי די צווייטע: בלוט, קעטען, בונטען, סיביר, ביקסען און שטריק אויף מענשען צו הענגען, און זעק פאַר די דערוואָרגענע און דער'הרג'טע... אַ יונגע סטודענטקע, אָנגעשפּאַרט אויף צוויי קלאָר־ווייסע אָרעמס ביי די שלעפען, האָט זיך צוגעהערט מיט אַנ־אָפען מיילכעל צו איטליכען וואָרט פון נייעסען־ברענגער. איהרע טונ־קעלע אויגען זענען געוואָרען אַלץ שוואַרצער און שוואַרצער, אויף איהר אידעל געטאָקט פּנים'על האָט אָנגעהויבען עפּעס צו צוקען און צוקען... און פּלוצלינג האָט זיך דאָס קליין מיילעכעל קינדיש פערקרימט, דאָס

פנימער איז געוואָרען בלאַס און האַרט ווי מאַרמאָר און... אַ רגע שפּעטער האָט דאָס מיידעלע זיך שוין געוואָרפען אין ספּאַזמעס...

די מאַמע פון דער סטודענטקע האָט אויסגעלאָזען דעם גאַנצען כעס געבענדיג צום אָרעמען נייעסען-בּרענגער.

זי האָט איהם פּשוט געוויזען די טיר.

II

איינמאָל פאַרנאַכט איז ווידער געזעסען ביי'ן טיש די שענע סטודענטקע אָנגעשפּאַרט אויף איהרע קלאָר-ווייסע אָרעמס, און האָט ווידער מיט איהרע דונקעלע אויגען זיך צוגעהערט, וואָס מען רעדט. גערעדט האָב איך, און דוקא וועגען נייעסען-בּרענגער, וואָס מען האָט געבּענקט אַזוי שלעכט בּעהאַנדעלט.

— דער נייעסען-בּרענגער, זאָלט איהר וויסען זיין״, — האָב איך גע'טענה'ט, — "איז ניט קיין פּשוט'ער מענש. ער גערט בכלל נישט אַריין בבחינת מענש. ער איז, זאָלט איהר וויסען דיין, — אַ לעבעדיגער סימבּאָל, ער איז די גאַס, וואָס האָט בּעקומען לשון, ער איז די קלינגענדיגע גלאָק פון אַלע אונזערע בּענקעניסען, וואָס האָט נור איין שפּראַך: געוואַלד, זאָל האַטש עפּעס אויף אַ רגע אַנדערש ווערען! דער אַרומיגער בּלייישער און פּאָליטישער טויט דריקט אונז ווי אַן אייזערנער רייף. מיר האָבען נישט קיין פּראָגראַמעס, מיר האָבען נישט קיין פּאָליטישע אידעאַלען, אָבער אַלע הילען מיר אַרויס פונ'ם אייזערנעם רייף. מיר זענען ווי די קראַנקע, וואָס ווילען שטענדיג בּייטען די קישענס, אויף וועלכע זיי ליעגען. מיר ווילען און מוזען בּייטען דעם אָרט; מיר קענען נישט מעהר אויסהאַלטען! און דעריבּער וואַרפען מיר זיך מיט אַזאַ בּרענענדיגער תאוה אויף אַלע נייעסען, אויף אָמת'ע און אויף פאַלשע, אויף מעגליכע, ווי אויף פאַנטאַסטישע. אַט זיי, די נייעסען, גיבּען אונז אויף אַ רגע דעם שיין, אַז די וועלט שטעהט ניט אויף אַנ'אָרט, אַז די שטומקייט און די טויטקייט אַרום איז נאָך פון אויבען. טיעפער אָבער, ערגעץ וואו ווייטער לעבּט מען, קעמפּפט מען, ראַנגעלט מען זיך און מען בּעשאַפט עפּעס...

מיר, די מענשען פֿון גאַס, קרימען און שטיקען זיך אין אַ שווערער־פּאָליטישער און כּלל׳ישער אַטמאָספֿערע. מיר ווילען אַרוים פֿון די ענגשאַפֿט אַרום, און ווייסען נישט ווי; מיר ווילען צו אונזער בענקען צופּאַסען ווערטער,— געפֿינען אָבער נישט. ווי צופּלאָסענע וואָלקענס האָט אונזער בּענקען קיין פּנים נישט, און בּעקומט עס אַ פּנים, איז דאָס אָהן פֿאַרבּ און אָהן בּלוט.

נאָר אָט קומט דער גראָהער מאַן מיט זיינע נייעסען. קיינער ווייסט נישט, פֿון וואַנען ער האָט זיי, נאָר אַלעמען קומען זיי עפּעס וואונדערליך בּעקאַנט פֿאָר. די גאַס האָט זיי אויסגעטראַכט, אונזער ענגשאַפֿט האָט זיי אויסגעקנעטען, אין אונזער צופּלאָסענער פֿאַנטאַזיע האָבּען זיי שטענדיג געלעבּט, ווי אַ צוקראָכענער הלום.

דער גראָהער מאַן מיט זיינע נייעסען איז דער נבֿיא פֿון גאַס און פֿאַר׳ן גאַס. עס זענען פֿאַראַן נבֿיאים פֿאַר פֿעלקער; ישעיהו, ירמיהו, יחזקאל; אויך דער ווייכהאַרציגער יונה איז געווען אַזאַ נבֿיא. אַזאַ מין נבֿיא פֿאַר פֿעלקער איז געווען אין פֿאָריגען יאָהר־הונדערט למשל קאַרל מאַרקס. זיי, די גרויסע, האַפּען דעם צופּלאָסענעם גייסט, די שפּינוועבּס־הלומות פֿון דער מענשהייט, און שפּינען אויס דערפֿון געוואַלדיגע טעפּיכען, פֿעסט ווי שטריק און פּראַכטיג ווי אַ קעניגס מאַנטעל.

דער נבֿיא פֿון גאַס אָבער האַפּט נאָר דעם גייסט פֿון גאַס, פֿון פֿערשטויבּטען צומישטען מיטעלען בּשר־ודם. אין שטילע רוהיגע צייטען, בּיי אַ געוויסער פּאָליטישער פֿרייהייט צוקריכט זיך דער גייסט ווי שוים אויפ׳ן וואַסער. דעמאָלט אָבער, ווען דאָס פּאָליטישע לעבּען האָט נישט קיין סימנים פֿון פֿרייהייט, הויבּט אָן די גאַס צו קריגען אַ גייסט, צושפּינען הלומות. דאַמאָלסט בּעווייזט זיך דער נבֿיא פֿון גאַס, דער גראָהער מאַן, וואָס קיינער פֿרעגט זיך אויף איהם קיינמאָל נישט נאָך. דער תּמימות׳דיגער נייעסען־בּרענגער, דער, וועלכען אַייער מאַמע האָט נעכטען די טיר געוויזען.

מיין ליעבּעס פֿריילין, אַ נבֿיא איז געזעסען אין אַייער שטובּ. יאָ, אַ נבֿיא. דען פֿון זיינע ווערטער, פֿון זיינע תּמימות׳דיגע, אמת׳דיגע און פֿאַנטאַסטישע נייעסען האָט אַייער יונגע בּרוסט געציטערט און געפֿלאַטערט ווי אַ פֿויגעלע אין אַ נעסט. און אין אַייער לאַנגווייליגעם לעבּען האָט ער אַריינגעבּראַכט דעם געשמאַק פֿון ספּאַזמעס. אַ נבֿיא איז געווען בּיי איך, מיין שיין קינד. ספּאַזמעס האָט איהר פֿון איהם בּעקומען...

און אַייער מאַמע האָט איהם, דעם נבֿיא, אַרויסגעטריבען.

ווידער האָט זיך פֿערקרימט דאָס מיידעלס פּנימ׳על. ווידער האָט עפּעס אָנגעהויבען צו צוקען אַרום איהרע ליפּען. די מאַמע האָט אויך איך מיך געוואָרפֿען אַנ׳אומ׳חן.

---

III

...עטליכע וואָכען נאָכ׳ן 17-טען אָקטאָבער איז מיט׳ן נייעס-ברענגער פֿאָרגעקומען אַ גרויסע פֿערענדערונג. די גאַס האָט זיך שוין בימלעכווייז בערוהיגט. נאָך מעהר, עס איז שוין איהר מיאוס געוואָרען דאָס וואַרפֿען זיך פֿון אָרט צו אָרט. זי האָט שוין געוואָלט גיהן צוריק צו איהרע פֿריהערדיגע פּרנסות און אָנהויבען רוהיג צו געניסען די בעקומענע פֿאָרפֿרייהייטען. מיין נייעס-דערצעהלער איז אַנ׳אַנדערער געוואָרען. ווי עמיצער וואָלט פֿון איהם די נבֿואה אָבגענומען, האָט ער שלום געמאַכט מיט טאַטע-מאַמע, מיט וועלכע ער איז פֿריהער געווען נישט איינִי. ער האָט זיך בעקומען אַ כלה, התונה געהאַט און באַלד געעפֿענט אַ קראָם, ווי עס פּאַסט פֿאַר זיין שטאַנד און זיינע יאָהרען.

מענשען, וואָס האָבען איהם געזעהן אין דער צייט, זענען פֿערוואונדערט געווען, וואָס פֿאַר אַ שטומער מאָלטקע ער איז געוואָרען. דען בטבע איז ער געווען אַ שווייגענדיגער. נאָר די גאַס האָט איהם געמאַכט רעדענדיג... אַפֿילו פּראָקלאַמאַציעס האָט ער אויפֿגעהערט צו לייענען.

נאָר אַ נבֿיא בלייבט פֿאָרט אַ נבֿיא, און ווי נאָר די נייע רעגירונג האָט פֿערטריבען די גאַס אין אַ היהנערשטייג, האָט אויך מיין נייעסען-ברענגער אַוועקגעוואָרפֿען וויב און קראָם, און איז געוואָרען דער קוריער פֿאַר אַלץ, וואָס פּאַסירט אין בעהעלטענים, פֿון אַלע פֿאַנטאַזיען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין מח פֿון דער אָרעמער פֿערענגטער גאַס.

די טעג האָב איך זיך מיט איהם ווידער בעגעגנט. ער האָט מיר געוויזען זיין שטעקען פֿון אַ גע׳הרג׳טען אָדעסער הוליגאַן; פֿון קעשענע האָט ער אַרויסגענומען אַ „קוריער צאָדזיענִי“, וואָס איז נישט דערדרוקט געוואָרען. פֿאַרבייגעהענדיג פֿאַר קראָנענבערג׳ס פּאַלאַץ, האָט ער מיר ענטפּלעקט, אַז דאָ ליגען בעהאַלטען אַנטלאָפֿענע רעוואָלוציאָנערען פֿון

מאָסקווע. אויף די מאַנקעטען איז געווען בײַ איהם פֿערצייכענט אַ נייעס רעוואָלוציאָנערעס ליעד. ער האָט מיר מבֿטיח געווען, אַז דער קריעגס־צושטאַנד אין וואַרשאַ וועט מאָרגען אַראָפּגענומען ווערען.

אונטערוועגס האָבען זיך צונעקלעבט צו אונז אַ גאַנצער רעדעל מיט שפּאַציערער, בעקאַנטע פֿון מיין נייעסען־בּרענגער. מיט אַ בּרענענדיגער תאווה אין די אויגען האָבען זיי זיך צוגעהערט צום נבֿיא פֿון גאַס, צום איינענעם נבֿיא.

פֿאַר'ן צוזעגענען האָט ער מיר אָבגעביטען אַ גאָלדענעם פֿינפֿרובּעלדיגען, מיט די געלד, וואָס מען האָט גע'גנבֿ'עט אין מאַזאָוויעצק.

מיין נייעסען־בּרענגער האָט ווידער צוריק בעקומען די נבֿואה. דען די גאַס האָט ווידער בעקומען אויף אַ ווײַלע אַ שטיקעל נשמה, אַ טראָפּעלע רוהגיות און אַ שווערע בענקעניס; און אינאיינעם מיט זיי איז אויך געקומען איהר נבֿיא, דער נבֿיא פֿון גאַס.

וואַרשוי, 1906.

# די תכריכים-אינזעל.

(אַ מעשה׳לע).

(דעם אַנדענקען פון נ״ה, הערצל).

I

ערגעץ-וואו אין אַ העק אויף איינע פון די פערוואָרפענע ים-איי-זעלן האָט געלעבט אַן אָרעם פישער-פאָלק. געשפּייזט האָבען זיי זיך מיט דעם, וואָס האָט זיי געבראַכט דאָס נעץ; זעלטען ווען האָט מען געהערט אויף דער אינזעל דעם ריח פון געבראָטענעם פלייש. עלענד האָבען אויסגעזעהן די פישער, די יונגע, ווי די אַלטע; קליינגעוויקסיג, אָהן אָדערן און אָהן כח.

אַ מאָל, אַמאָל פאַר עטליכע הונדערט יאָהרען האָט זיך בעוויזען בּיי זיי אַ נביא מיט ווילד-ברענענדיגע אויגען, מיט לאַנגע צעוואָרפענע האָר און אַ גרין-גראָהליכען צושויבערטען באָרד. בּיין ברעג ים, וואו עס פלע-גען זיך צונויפקלייבען די פישער, האָט ער זיך אויסגעבויט אַן אָרעם געצעלט. דאָרטען האָט ער געלעבט ערגער ווי אַ הונד אין זיין נאָרע.

דאָרטען האָט ער זיינע שרעקליכע נביאות געזאָגט. און אַלע מאָל פּלעגען זיך זיינע שטראָפרעד ענדיגען מיט דער התראה: אַז אויסגעראָט וועט ווערען דאָס אָרעמע פּישער-פּאָלק, און קיינער וועט אַפילו ניט וויסען דעם שרעקליכען סוף זייערען. מיט איטליכען יאָהר וועט זיך אַלץ מעהרען די צאָהל פון די מתים, ווי פון די נייגעבאָרענע, און אויף איטליכער חתונה וועלען זיין זיעבען לוויות.

און ווען דאָס פּאָלק האָט הערהערט די שרעקליכע נביאות, איז עס געוואָרען שטאַרק פעראומערט, האָט אָנגעהויבען וויינען אויפ'ן קול, און איהר קעניג האָט אַ זאַק אַרום זיינע לענדען אַרומגעבונדען און בעשאָטען זיין קאָפּ מיט אַש. און דער נביא האָט ניט געקענט צוזעהן דעם צער פון זיין פּאָלק, און האָט מתפלל געווען צו גאָט אַזוי: „רבש"ע! צי מוז טאַקע אָנקומען די שרעקליכע נביאות? צי קען נישט צעריסען ווערען דער גזר דין? צי איז נישטא אַן עצה, ווי אַראָבצונעהמען די שרעקליכע קללה?"

און פון הימעל האָט מען איהם געענטפערט:

„עס וועט באַלד קומען אַ צייט, ווען די קעניגין וועט בעשענקען איהר קעניג מיט אַ זוהן. זאָל מען נעהמען דאָס קינד און מען זאָל עס אַוועקפיהרען אין אַ פרעמדע לאַנד; און עס וועט אַרויס פון זיינע לענדען אַ דור, וואָס ווייס נישט פון זיין אַלטען געבורטסאָרט און זיין גזע. עס וועט אָבער קומען אַ טאָג, ווען די וועלען פון ים וועלען פערטראָגען אַ צעהנטען פון דעם דאָזיגען דור צו די ברעגעס פון אייער אינזעל. און ווען איהר וועט דענמאָלסט פערשטעהן, ווער איז דער אורח און ווי איהם מקבל פנים צו זיין — וועט בטל ווערען די גזרה".

פון דענמאָלסט אָן האָט דאָס פּאָלק געלעבט מיט צוויי דמיונות. איין דמיון איז געווען, אַז זיי זענען פערשאָלטען פון גאָט אויסגעראָט צו ווערען, דער אַנדערער, אַז עס איז אפשר נאָך מעגליך אַ רעטונג. אין האַרצען ביי זיי האָט נאָך געטליעט אַ שוואַכע האָפנונג, אַז אַ מאָל וועט זיך נאָך אפשר בעווייזען זייער דערלעזער און וועט אַרונטערנעהמען די קללה פון דער אונגליקליכער אינזעל. און אַזוי ווי דער טויט איז געוואָרען ביי'ן פּאָלק אַן אָפטער גאַסט, אַ נאָהענטער מחותן, וועלכער פלעגט קומען דריי מאָל אַ טאָג, און די האָפנונג אויף דער דערלעזונג איז געוואָרען אַזוי שוואַך און נעבעך זיך געשאָקעלט אויף הינערשע פיסלעך, האָט

זיך דאָס פֿאָלק גענומען פּראַוּוען אַלע מנהגים און געגנ לויט דעם גובט נאָך פֿון דעם מלאך מיט טויזענדער אויגען.

נאָך אײדער דאָס קינד פֿלעגט אַרויס פֿון דער מאַמעס בויך פֿלעגט מען איהם אָנגרייטען צוערשט תּכריכים, דערנאָך וויקעלעך. אין איטליכען הויז האָט מען געהאַלטען גרייט די שערבלעך, וואָס מיט זיי בעדעקט מען די אויגען פֿון אַ מת. נאָך אײדער אַ מיידעל האָט זיך אויסגעלערנט קאָכען וועטשערע, האָט זי שוין קונציג געקאָנט נעהען די אייבּיגע בגדים. די ערשטע צאַצקע, מיט וואָס דאָס יונגעל הויבּט אָן זיך צו שפּיעלען, איז געווען אַ לאָפּעטקע, מיט וואָס מען גראָבּט קבֿרים׳לעך. און ווען אַ בּחור פֿלעגט בעל־מצוה ווערען, פֿלעגט איהם דער טאַטע בעשענקען מיט אַ זייגער און אַ קייט און אויפ׳ן קייט האָט געבאָמבּעלט אַ קליינע מצבֿה׳לע. ווען אַ כּלה פֿלעגט מאַכען אַ מתּנה דעם חתן, פֿלעגט זי אויסנעהען אויף זיינע שלאָפֿשיך „אל מלא רחמים“. און ווען קינדער פֿלעגען זיך צו־גייפּקלייבען שפּיעלען זיך, פֿלעגען זיי גראָבּען קבֿרים׳לעך, מאַכען די מינע פֿון קבֿרנים׳לעך און זינגען דאָס אַלטע ליעדעלע:

„די מאַמע האָט געהאַט אַ יונגעלע,<br>
האָט מען איהם גערופֿען משה׳לע;<br>
האָט מען געגראָבּען אין זאַמדעלע<br>
פֿאַר איהם אַ קבֿר׳ל, אַ קבֿר׳ל...

יעדער בעל־הבית האָט געהאַט אָנגעגרייט די פֿעדערן, וואָס מען לעגט אונטער אַ גוסס אונטער׳ן נאָז. די וואַסער־טוגען זענען קיינמאָל ניט געווען אָנגעגאָסען פֿול, ווייל סיי ווי סיי ועט מען זיי באַלד דאַרפֿען אַרויס־גיסען. זעקס מאָנאַטען אין יאָהר פֿלעגען זיין פֿערהילעט די שפּיעגלען אין די הדרים און איטליכער האָט שטאָלצירט מיט זיינע דריי שטרוי, וועלכע מען וועט איהם לעגען נאָך דעם טויט זיינעם.

פֿון קינדהייז אָן האָט מען שוין געלערנט אויסווענינ די קבֿרני׳ישע תּחינות און תּפֿילות. אין אַ סך הייזער איז אויף דער מזרח־וואַנד געווען אָנגעקלעבּט אַ קדיש־דרבּנן מיט גרויסע אותיות, און אײדער דאָס קינד האָט נאָך געוואוסט פֿון אַ „מודה־אַני“, האָט עה שוין געקענט אויסווענינ זיין קדיש.

ווען עס האָט זיך בעוויעזען אַ ניעופֿה׳לע מיט אַ שענעם קול׳כעל, פֿלעגט מען איהם שוין איינשרייבען אין חבֿרה „קלאָגער און וויינער“.

און עס איז געווען אַ פאַרגעניגען צו זעהען, ווי אין אָבענד פלעגען זיך צו־גויפקלייבען די קינדער ביי'ן ברעג ים, פלעגען פּאַטשען, זיי פערצוויי־פעלטע מיט די הענטלעך, פלעגען יאָמערען מיט זיסע קאָלאָראַטורנע קול־כלעך און פלעגען מיט צופלאַמטע פּנים'לעך אויסרעכענען די מעלות פון דעם הבר'ל, וואָס האָט נאָכגעמאַכט אַנ'אֶמת'ן בר־מינן און איז גע־לעגען אויף צופליסענס אין קבר, נישט ערגער פון זיין פעטער יאָסע ע"ה.

ווען אַ מאַמע פלעגט וועלען לויבען איהר קינד, פלעגט זי זאָגען, אַז איהר זוהן וועט זיין אַ גאון עולם; אַפילו מען זאָל איהם אויפוועקען אין שלאָף, וועט ער אויך זאָגען אַ הספד. די כלה־מיידלעך פלעגען מיט טלית־און תפילין־זעקלעך שיקען דעם התן אַ זעקעלע ארץ־ישראל־ערד. און נאָך דער התונה פלעגען זיי אָבשערען זייערע שעָנע לאַנגע האָר און דאָס מקבר זיין מיט גרוים פאַראַד אויף אַ בעזונדערען בית־עולם, וואָס מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען: „דער בית־עולם פאַר שענקייט און יוגענד".

אייטליכען ארון פון אַ מת פלעגען מלוה זיין גאַנץ שטאָדט. דאָס האָט מען גערופען: „אַנ'אֶמת'ער גמילות חסד". און גרוים און קליין פלע־גען זיין צעשפּרייט אויפ'ן בית־עולם, וואו קינדער פלעגען זיך שפּיעלען אַ גאַנצען טאָג און דערוואַקסענע בעלי־בתים פלעגען צוברענגען די זומער־דיגע פאַרנאַכטען. אין די שטילע מילדע פאַרנאַכטען פלעגען געהען קופּ־קעס מענשען אַרומקוקען מצבות פון נאָהענטע און בעקאַנטע. און יחוס האָט מען געמאָסטען מיט די צאָהל פון די מתים פון איין משפּחה. וואָס מעהר אַ משפּחה האָט פערנומען „פּלאַץ" אַלץ גרעסער דער יחוס.

די מצבות פלעגט מען אויסהאַקען פון גוטען שטיין, און אויס־געקריצטע בעגולטע אותיות פלעגען אויסדערצעהלען די שבחים פון דעם הייפּעל ביינער, וואָס ליעגט אונטער דער מצבה. עס איז געווען אַ מנהג גיט צוקאַרגען מיט מצבות. און מאַנכע מצבה האָט מעהר אָנגעטראָפען, ווי דאָס הייזעל, וואו עס האָט געוואוינט דער לעבעדיגער אַלמן, אָדער די לע־בעדיגע אַלמנה.

און אַז עס פלעגט זיך טרעפען, דאָס איינער פון די אינזעל־לייט פלעגט זיך לאָזען אין די מרחקים, פלעגט ער זיך סטאַרען קומען אויף דער עלטער אַהיים, דען עס איז געווען אַ שפּרוך: לעבען זאָל מען לעבען אין דער פרעמד, אָבער שטאַרבען זאָל מען אין דער היים. דען אין ער־געץ איז דער טויט נישט אַזוי ליעב און גוט, ווי אויף דער תכריכים־אינזעל".

אָט אַזוי האָבען פערלעבט זייערע יאָהרען די אינזעל-לייט: געלעבט האָבען זיי אין דחקות און בעגראָבען האָט מען זיי מיט דעם גרעסטען פּאַראַד.

---

II

און איין מאָל אין אַ שרעקליכע פינסטערע נאַכט האָט געבלאָזען פון ים אַ מורא'דיגער שטורמווינד. אַזאַ שטורמווינד האָבען זיך שוין די עלטעסטע פון די אַלטע נישט געקאָנט דערמאָהנען. ער האָט געריסען די דעכער, צובראָכען די קליינע הייזלעך, אויסגעפליקט יונגע בוימער מיט די וואָרצלען און צוטראָגען אויף ברעטלעך די שייערען, וואו עס טריקענען זיך די פיש פון אַ גאַנץ יאָהר. אויך די מצבות, וואָס האָבען געהאַט אַ פעסטערן פונדאַמענט, ווי די הילצערנע הייזלעך און די יונגינקע בלימלעך, אויך זיי האָבען שטאַרק געליטען פון שטורם, און טויזענדער פון זיי זענען געלעגען צעבראָכען און צוואָרפען אויף דער ערד פון בית-עולם. עס איז געווען אַ צער צו קוקען אויף די טייערע קברים.

ווי באַלד דער שטורם האָט זיך בערוהיגט, האָבען זיך אַלע אינזעל-לייט אַלאָז געטאָן צום בית-עולם. דען כל זמן עס איז דער בית-הקברות נישט אין אָרדנונג, קען שוין קיין גוטס נישט זיין אויף דער אינזעל. און איטליכער, וואָס האָט געהאַט נאָר געזונדע הענד און פיס, איז געלאָפען, ווער מיט אַ לאָפּעטע, ווער מיט אַ האַק, דען אויך דער פּאַרקאַן פון בית-עולם איז אַיינגעפאַלען. צווישען די אָנגעלאָפענע איז אויך געווען דער עלטעסטער פון די אינזעל-לייט: אַ גרייזגראָהער זקן, וואָס האָט געדענקט די ספּעציעלע תּפילה פאַר דעם פאַל, ווען אַ'אונגליק צעבראָכט און צעשיט אַלטע מצבות.

מיט געניטע הענד האָבען זיי זיך גענומען צו דער טרויעריגער אַרבייט, טרערען זענען זיי געשטאַנען אין די אויגען, אָבער פלינקע הענד האָבען נישט אויפגעהערט מיט געפיהל צענויפצוקלייבען דעם הייליגען שטויב פון די אַיינגעפאַלענע בערגלעך.

ווען אַלע זענען שוין געווען שטאַרק פערטאָן אין דער אַרבייט, איז פלוצלונג געקומען צולויפען אַ קליין יונגעל, קוים וואָס ער האָט גע-

אָטעמט. און זיינע אויגען האָבען געברענט ווי אין אַ פֿיבער.

— „ביין ברעג פֿון ים... זיצט עפּעס אַ פֿרעמדער יונגער מאַן... זיין פּנים לויכט, ווי די זון... אַ וועל האָט איהם געבראַכט... ער טריקענט באַה די זון זיינע נאַסע קליידער...“

יונגע ווייבער זענען שטאַרק צעשראָקען געוואָרען פֿון דעם יונגעל'ס מעשה, זיי האָבען צוגעדריקט די הענד צום האַרצען און זייערע בלייכע ליפּען האָבען געשעפּטשעט: „דער דערלעזער!... דער דערלעזער!“ די הערצער פֿון די יונגע לייט האָבען אָנגעהויבען שטאַרק צו קלאַפּען, אָבער זיי האָבען צוגעדריקט די ליפּען און קיין וואָרט נישט גערעדט. הערוויל האָט דער זקן גענומען זאָגען זיין תּפֿילה און אַלע האָבען שטיל צוגעהאָרכט.

און אין דער צייט, ווען די אַלט-ציטערענדיגע, וויינענדיגע שטימע האָט געזאָגט די תּפֿילה, וואָס בעט מחילה ביי צובראָכענע מצבות, צוטראָגענע קברים און עלענדע, פֿערוואָגעלטע נשמות, האָט זיך פּלעצליך בעוויזען דער פֿרעמדער, וואָס אַ וועל האָט איהם פֿערטראָגען צו דער אָרעמער אינזעל. און פֿערציטערט זענען געוואָרען די וויינער און בעטער. דאָס איז געווען אַ וואונדערליך געטליכער מאָמענט. קיינער האָט אַ רגע נישט געצווייפֿעלט, אַז דער פֿרעמדער איז דער, אויף וועמען מען וואַרט שוין הונדערטער יאָהרען. ווי פֿערשטיינערטע זענען געשטאַנען די אינזעל-לייט און האָבען זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקען אויף דעם פֿרעמדען, וואָס האָט זיי בעטראַכט מיט אַ פֿריינדליכען בליק און איז מיט אַ פֿעסטען זיכערען טריט אַלץ צוגעגאַנגען נעהענטער און נעהענטער.

די לאָפּעטעס האָבען זיך אויסגעגליטשט פֿון די הענד, עפּעס אַ העכערע קראַפֿט האָט געצווינגען דעם עולם צו דעם וואונדערליכען פֿרעמדען. און אַלע, ווי איין מענש, האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן מקבל פּנים זיין דעם זעלטענעם גאַסט.

צום ערשטען מאָל האָבען דערפֿיהלט די אינזעל-לייט אַז דאָס לעבען איז אַזוי נאָהענט און דער טויט אַזוי וויט, אַזוי וויט...

עס איז נישט פֿערגאַנגען קיין פֿערטעל-שעה, ווי מען האָט שוין דעם טייערען גאַסט אַריינגעפֿיהרט אין שטאָדט אַריין.

נצחון און פֿרייד האָבען געלויכט אויף איטליכענס געזיכט.

———

## III

נאָר באַלד האָט פּאַסירט אַזוינס, אָז וואָס די אינזעל־לייט קענען זיך נישט דערמאָהנען אָהן טרעהרען אין די אויגען.

דער ערשטער רעדנער, וואָס איז אַרויף אויף דער בימה מקבל־פּנים זיין דעם טייערען גאַסט מיט אַ ברכה, איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי אויפגערעגט פון פרייד. אָבער וויפיעל ער האָט נישט געסטאַרעוועט זיך, אַז זיין שטים זאָל ציטערן פאַר פרייד, עס איז נאָר אַרוים אַ קרעכץ פון אַ מספּיד, און זיין רעדע איז געווען דער בעסטער הספּד, וואָס ער האָט גע־האַלטען אין זיין לעבען.

דער יונגעלשער כאָר האָט געזונגען מיט שוואַכע טרויערדיגע שטימען דעם „צדוק הדין" און ווען דער חזן איז אַרויף מאַכען אַ „מי שברך", איז אַרויס פון זיין מויל אַנ„אל מלא רחמים". די ווייבער האָבען געיאָמערט, ווי ביי אַ „הזכרת נשמות", און וויפיעל די אינזעל־לייט האָבען זיך נישט גע־סטאַרעט מאַכען אַ פרעהליך פּנים, אויף זייער געזיכט איז געלעגען דער יאוש פון אַ „ברוך דיין אמת".

דער דערלעזער איז געשטאַנען מיט אַנ'אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, אין זיין האַרצען האָט געברענט אַ געוואַלדיגע שמערץ. ער האָט פערשטאַנען, ווי גרויס איז דער חלוק צווישען די געפיהלען פון פאָלק און דעם אופן דאָס אויסצודריקען, און גרויס איז געווען זיין צער.

פאַר נאַכט האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען די זקנים אויף אַנ'אַסיפה. זיי זענען געווען שטאַרק פערזאָרגט, אַנ'אומעט האָט געדריקט זייער האַרץ. מען האָט אַרויסגענומען די אַלטע ספרים, וואו עס רעדט זיך פון דער פאַרצייטיגער נבואה, און ביז שפּעט ביי נאַכט זענען זיי געזעסען און געקלערט, מיט וואָס מקבל פּנים צו זיין דעם דערלעזער, מיט וואָס פאַר כבוד'ן איהם מכבד צו זיין. נאָר וואָס מעהר זיי האָבען געקלערט, אַלץ קלאָרער איז געוואָרען פאַר זיי, אַז אָרעם איז זייער לעבען, און אַ רייכען אויסזעהן האָט נאָר ביי זיי דער טאָג פון טויט.

שטיל און אומעטיג זענען זיי געזעסען, און אויף זייערע פּנימ'ער איז געלעגען אַ פערצווייפלונג.

און די שטילקייט האָט צובראָכען דער עלטעסטער פון די זקנים, וואָס האָט זיך צו־וויינט אויפ'ן קול און אויסגערופען:

„רבש״ע! צו וואָס האָסט דו אונז, קברנים, געשיקט אָט דעם לעבע-דיגען, צו וואָס האָסטו אונז געשיקט, אונז, אַ לעבעדיגען, אַ לעבעדיגען?!“

אַ שרעק איז אַריבער איבער די אַסיפֿה. דעם זקנ׳ס ווערטער זענען געבליבען ווי פֿערגליווערטע הענגען אין דער פֿערשטיקטער לופֿט פֿון ענגען חדר...

.1907

# אַ שבועות'דיגע מעשה.

## I

דוד שפּינוועבס, אַ פּערקלערטער, אַ פּערטראַכטער, מיט אַ שוואַכען גוף, אַ בלייכען אײדעלען פּנים און אַ פּאָר לאַנגע מאָגערע הענד, וואָס רוהען נישט אַ רגע, — איז גֶעווען דעם טאָג נאָכמעהר פּער'חלומ'ט, ווי אַלע מאָל. די נאַכט, האָט ער געוואוסט אויף זיכער, וועט זיך שפּאַלטען דער הימעל, אליהו הנביא וועט זיך בעווייזען אין ליכטיגען גילדענעם שפּאַלט, און אַלץ, וואָס ער וועט זיך דערמאָלט ווינשעווען, וועט מקוים ווערען אויפ'ן האָר.

האָטש דוד שפּינוועבס איז סך־הכל געווען אַ יונגערמאַן פון פינף־און־צוואַנציג יאָהר, האָט ער שוין אוספּייעט אַריינצוגיסען אין זיך אַלץ, וואָס אַ יוד פון היינטיגען דור איז נור בכח איבערצולעבען. צייט דעם ערשטען באַזעלער קאָנגרעס ביז צו דער טערקישער רעוואָלוציע, האָט ער אויף אַ רגע נישט אויפגעהערט צו זיין בעוואוסטזיניג. פון זיין בר־מצוה אָן איז ער אַ שטענדיגער צייטונגס־לעזער, און צייט צעהן יאָהר איז ער אַקטיוו. אין די צעהן יאָהר האָט ער געגעסען נישט פון איין שיסעל, נישט די ערשטע פּאָהן געביטען. מיט איטליכען יאָהר איז ער געוואַקסען, און דאָס, וואָס צו 17 יאָהר האָט איהם געגעבען דער פּאָליטישער ציוניזם, האָט איהם שוין צו 18—19 נישט געקאָנט געבען

נישט די „פּראַקציע“, אַפילו נישט „יונג-יודעאַ“ און „תּירות“. עס זענען גע-וועזן ציטען, ווען ער האָט מוראָדיג ווילד געקעמפּט געגען „בונד“ אַלס צופלאַמטער ס.-ס.׳אָוועץ; אין די פריידהייטס-טעג זענען זיינע געדאַנקען געווען פערשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד, און נאָך די אָקטאָבער-פּאָגראָמען האָט ער זיך געלערנט שיסען ערגיץ-וואו הינטער דער שטאָדט, ווייל ער איז געווען אַנאַקטיווער אין דער חברה „זעלבסט-שוץ“.

און אַזוי ווי דוד שפּינוועבס האָט געהאַט אַ גוט יודיש קעפּעל און אַ תּשוקה צו פילאָזאָפישע און טעאָרעטישע ענינים, איז ער טאַקע געווען אַ שטיקעל מומחה אין אַלע „איזמען“, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען אין די לעצטע 10—15 יאָהר: אחד-העמ׳יזם, ציוניזם, בונדיזם, נאַציאָנאַל-סאָציאַ-ליזם, טעריטאָריאַליזם, סיימיזם א. אַז. וו. ווען מען זאָל איהם אויפוועקען אין מיטען דער נאַכט און אַ פרעג טון דעם חלוק אין די טעאָריעס צווישען די מינסקער און פּאָלטאַווער פּועלי-ציון, וועט ער אַייך מניה וביה געבען אַ קלאָרען תּירוץ.

צו אַלע מעלות איז נאָך דוד שפּינוועבס געווען אַ מענש מיט אַ האַרץ און מיט פאַנטאַזיע. די פערפלאָנטערטע שאַרפע טעאָריעס פלעגען וועקען אין זיין געמיט אַ שלל געפיהלען. מיט די אויגען פון אַנאָבל פלעגט ער קוקען אויף דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט, וואָס קאָן קיינמאָל קיין תּקומה נישט האָבען אין די לענדער פון פרעמדע קולטורען. ער האָט זיך מיאש געווען פון יודישען קרעמער, וואָס וועט אייביג הונגערן און וועט זיך קיינמאָל נישט פּראָלעטאַריזירען. מיט אַ טיעפען צער אין האַרצען האָט ער זיך צוגעקוקט צו אונזער שעפערישער אינטעליגענץ, וועלכע מוז געהן פערזייען פרעמדע פעלדער, און וואָס וועט קיינמאָל נישט וויסען דעם טעם פון אַ גערעטענים. ער האָט רחמנות געהאַט אויף די צודולטע טעריטאָריאַליסטען, וואָס זוכען לענדער אויף אַלע שבעה ימים און, טראַכטענדיג וועגען די גריכען און אַראַבער אין דער טערקיי, איז אויך געפאַלען ביי איהם דער בטחון אויף די טערקישע קאָנסטיטוציע.

אין די ציטען פון אַרציבאַשעוו׳ס „סאַנין“ און דער מינסקער חברה „פרייע ליעבע“ האָט דוד שפּינוועבס זיך דערפיהלט אַ רגע ווי אַ מאַנסביל. דעמאָלט האָט ער עס התונה געהאַט מיט דער דאַנטיסטקע דינה שוואַר-צאַפּעל, פון וועלכער ער האָט בעקומען אַ געזונטען יונגעל, וואָס איז שוין אַלט איצט גאַנצע 11 חדשים. די מאַמע איז בעשטאַנען דערויף, אַז דעם יונגעל זאָל מען אַ נאָמען געבען סאַשאַ, און דעם בן-יחיד׳ס ערשטע

ווערטער זענען געווען, — אַלץ צוליעב דער מאַמען, — נישט קיין יודישע. די גיאַניע איז אַ רוסישע און דאָס קינד, וואָס דאַרף ווערען ערצויגען פֿון ערשטען חודש אָן, לויט די מיינונגען פֿון רומאָ און פּעסטאַלאָצי, ליעגט שוין אין די הענד פֿון אַ פֿרעמדער קולטור און אַ פֿרעמדער שפּראַך. זינט דוד שפּינוועבער איז געוואָרען אַ טאַטע, האָט ער זיך ערנסט פֿעראינטערעסירט מיט'ן יודישען הדר, מיט דער מעטאָדע „עבֿרית בעבֿרית", מיט דער יודישער שול־פֿראַגע און קודם־כּל מיט דער פֿראַגע וועגען דער יודישער נאַציאָנאַלער שפּראַך. און אַזוי ווי ער איז אַ גוטער טעאָרעטיקער, איז ער באַלד געקומען צו דעם רעזולטאַט, אַז דעם יודישען הדר קאָן מען שוין נישט איבערבעסערן, אַז עס איז אונמעגליך אין די גלות־לענדער צו בעשאַפֿען אַ יודיש־נאַציאָנאַלע פֿאָלקסשול, אַז דעם זשאַרגאָן פֿעהלט דער גייסט פֿון איביגקייט, און אַז הלל צייטלין איז גאָרנישט אַזוי אונגערעכט, ווען ער לאַכט אָב פֿון דער מעטאָדע „עבֿרית בעבֿרית".

דוד איז איינגעוועבט אין געדאַנקען און געפֿיהלען ווי אַ שפּין אין זיין געוועב, און מיט יעדען יאָהר, מיט יעדער נייער בעגעבענהייט אין זיין לעבען פֿערגרעסערען זיך און פֿערפּלאָנטערען זיך אַלץ מעהר די פֿעדים פֿון זיין געוועב. צייטענווייז קומט איהם אַרויף דער געדאַנק, ווי וואויל און גוט וואָלט דאָס געווען, ווען עס וואָלט קומען עמיצער מיט אַ בעזים און אויסקעהרען די עטליכע פֿינסטערע ווינקעלעך פֿון זיין מח, וואו ס'האָבען זיך אָנגעקליבען אַזוי פֿיעל טעאָריעס און חשבונות. דעמאָלט דערמאָהנט ער זיך אָן ד"ר טעאָדאָר הערצל, און הויבט אָן צו בעגרייפֿען די בענקשאַפֿט פֿון מאַנכע לייט נאָך דעם קומענדיגען גרויסען מענשען, וואָס דאַרף און מוז זיך בעווייזען. און על פּי סמיכת הפּרשה פֿאַלט איהם באַלד אַריין אַ רעיון וועגען ניטשע און זיין „איבער־מענשען".

II

די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע. טריבע וואָלקענס האָבען זיך געצויגען איבער'ן הימעל. ערגיץ־וואו האָבען דורכגעשיינט פֿערווייניטע שטערנדלעך. אַ קאַלטער ווינטעל האָט געבלאָזען און געשאָקעלט דינע צווי־

גען פון נאַקעטע בוימער, היי־יאָהר וויל בשום אופן נישט ווערען וואַרים.

דוה שפינוזעבס שטעהט ביים טיר פון הויז אין אַ וואַרימען מאַנטעל און ציטערט אַ ביסעל פאַר קעלט. זיינע אויגען הויבען זיך אויף אַלע ווײַלע צום הימעל. עס ליעגט אָבער אין זייער בליק אַ פחד און אַ אומזיכערקייט. איבעה זיינע דינע ליפּען קרייזעלט זיך אַ ביטערער שמייכעל.

אַ שטיקעל ווייטער, אָנגעשפּאַרט ביים קלאָץ פון ברונעם, שטעהט אַ פרויען־פיגור, דאָס קעפּעל פּעדריסען צום הימעל. פון לינקען אַקסעל גליטשט זיך אַרונטער אַ טוך, און די רעכטע האַנד, האַלב ווייסענדיג, האַלב נישט ווייסענדיג, פלאָנטערט זיך אין זיינע פרענזלעך. פרוי דינה שפּינ־וועבס האָט זיך אָבגערוקט פון מאַן. זי האָט זיך איהרע אייגענע ווינשעני־כען. זאָל ער זיך אַליין עפּיס אויסבעטען. אין אַזאַ מינוט דאַרף יעדערער זיין פאַר זיך אַליין. שוין אַ זייגער 9 האָט זי געוואוסט, וואָס זי האָט צו פערלאַנגען.

דוה אָבער איז נאָך אַלץ נישט פאַרטיג מיט זיינע בעגעהרען. וואָס זאָל ער זיך ווינשען. געזונד? וואָס וועט דאָ העלפען, ווען אַלץ אַרום איז קראַנק... רייכקייט? אַ ביטערער פיל אין דער אַרומיגער אָרימקייט... גוטע עסקים? עס עקעלט שוין דער גדאַנק אַליין. יודישע עסקים!... זאָל ער אפשר עפּיס אויסבעטען פאַר כלל־ישראל? אָבער כלל־ישראל איז אַ היסטאָרישע קאַטעגאָריע. די אייזערנע געזעצען פון דער היסטאָ־ריע מרעטען דאָס מיט די פיס. ער קאָן דאָך נישט בעטען, אַז צוליעב כלל־ישראל זאָל זיך אָבשטעלען דער וואוקס פון דער איראָפּעאישער קולטור, כדי די וועלט זאָל זיך נויטיגען אין יודען, דעם אייביגען סרסור. און אפשר זאָל ער עפּיס אויסבעטען פאַר זיך? אַ ביסעל מעהר אמונה, מעהר בטחון, מעהר אָפּטימיזם? אַ פרעהליכערן קוק אויף זיין פאַלק'ס צוקונפט? אָבער דאָס זענען דאָך אַלץ פוסטע געפיהלען. מען קאָן דאָך נישט אַרויסוואַרפען דעם שכל, די לאָגיק, די וויסענשאַפט אויפ'ן מיסט־קאַסטען. בעסער ליידען אַ זעהענדיגער, איידער אַ בלינדער גליקליך זיין. נאָר אפשר זאָל ער בעטען אַ טראָפּעלע שכחה? ווער הייסט איהם זיך אַרומ־טראָגען מיט אַזוי פיעל זכרונות, מיט אַזאַ פּאַק היסטאָריע אין מח... אָבעה צי איז נישט דאָס אייגענע, ווי זיך אָבזאָגען פון שכל הישר? די זכרונות, דאָס, וואָס ער טראָגט אין זיין געדאַנק אַלע צייטען, גיט איהם די מעגליכקייט זיך פונאַנדערצופלאָנטערן אין לעבען, צו בענעהמען די טראַגיק פון זיין אייגענעם און פון נאַציאָנאַלען איך, ניין! ער וויל נישט בלינד פערברענגען זיין לעבען!

דוד שפינוועבס'ן איז געוואָרען מיט אַמאָל מאָדנע ביטער אויפ'ן האַרצען, ביטער צום שטאַרבען. אַ יונגער־מאַן פון 25 יאָהר, און קאָן זיך שוין גאָרנישט ווינשען. דאָס לעבען אַזוי יונג און שוין פערשטויבט, אַזוי קלאָר און צוגלייך אַזוי מאוס. אפשר זאָל ער זיך גאָר ווינשען דעם טויט? אַ ביטערער שמייכעל איז אַריבער איבער זיינע ליפען. טויט? וואָס איז דאָס אַזוינס? ער ווייסט דאָך גאָרנישט, מיט וואָס מען עסט דאָס. אין די ביכער און אין דער וויסענשאַפט האָט מען דערפאַר קיין ווער־טער נישט. מענשען קענען דאָס לעבען, ווייסען אָבער גאָרנישט וואָס איז דאָס אַזוינס טויט זיין. ער וועט זיך דאָך נישט ווינשען אַזאַך, פון וואָס ער האָט גאָר קיין בילד און קיין פאָרשטעלונג נישט!...

דערוויל האָט זיך געשפּאָלטען דער הימעל. דער גרויז־גרויער אליהו האָט זיך בעוויזען אין דעם דאָזיגען שפּאַלט. טויזענדער כרובים האָבען איהם אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען, און געשוועבט אַרום זיין פייער־פלאַמענדי־גען וואָגען און אַרום די פאַלבען פון זיין זילבערנעם קלייד. צעהנדליגער טויזענדער שטערנדלעך האָבען זיך געשאָטען פון שפּאַלט אויף דער ערד: אַ רעגען פון גאָלדענע שטערנדלעך האָט זיך געגאָסען. ווי ראַקעטען האָבען זיי זיך געקרייזעלט צו דער ערד אַראָב, צו דער ערד אַראָב... און שטערנדל פאַר שטערנדל האָט געטראָגען אין זיין בייכעל דאָס, וואָס איטליכער האָט אויסגעפייעט זיך אָנצואווינשען אין דער קורצער רגע פון דעם „הימעל עפען זיך“. קופּקעס, קופּקעס שוואַרצע מענשלעך האָבען אויסגע־שטרעקט בעטלערישע הענטלעך, און ווי באַלד אַ ביי'כיגער שטערנדעל האָט געפּלאַצט אויף זייער אויסגעשפּרייטע הענד־שיסעלעך, פלעגען זיי גיך זיך צולויפען אין אַלע זייטען און האַסטיג צו־קלאַפּען די אָפענע טירען פון זייערע הייזלעך.

דוד שפינוועבס האָט אָבער נישט געמאַכט פון זיינע הענד קיין שיסעלע. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל זיך ווינשען און צו וואָס... אַ פערחלומטער איז ער געשטאַנען נעבען טיר פון זיין הויז, און אין מח האָבען זיך געהוידעט טויזענדער געדאַנקען־פעדים, זיך געהוידעט אַרויף און אַראָב.

פלוצלינג האָט איהם עמיצער אַ ציה געגעבען פאַר'ן אַרבעל. דינה מיט אַ שטראַהלענדיגען פּנים'ל האָט איהם קרעפטיג געצויגען אין שטי־בעל אַריין. אין שטיבעל איז געווען ליכטיג און יום־טוב'דיג. אָבער טויזענדער מאָל ליכטיגער זענען געווען דינה'ס גלאַנצענדיגע אויגען.

„זעה, — האָט זי אויסגערופען, — זעה, וואָס מיר האָבען בעקומען!“

אויפ'ן טיש האָט געשײַנט, ווי זילבער, אַ נייער ניקעלנער סאַמאָוואַר און בײַם וואַנד איז געשטאַנען אַ קינדער-וויגעלע, אַ רויטס, אַ צאַצקעלע מיט עלבטע גומענע רעדער. „זעה, זעה“, האָט דינה נישט אויפגעהערט צו חזר'ן צעהן מאָל נאָכאַנאַנד, און אַ ספּאַזמע פון גליק האָט בערשטיקט איהר ליעבע שטים.

דוד שפּינוועבס איז געשטאַנען אַ ווײַלע, ווי אַ צומישטער.

זײַן ווײַבס גליק אָבער האָט איהם ביסלעכווײַז אָנגעהויבען אָנצושטעקען. מיט אַנ'אמת'ן נחת-רוח האָט ער אָנגעהויבען בעטראַכטען די אונערוואַרטעטע מתנות. און שפּעטער, אַז דינה האָט איהם געפּרעגט, וואָס האָט ער זיך געוואונשען, בעת דער הימעל האָט זיך געשפּאָלטען, האָט ער פון דרכי-שלום וועגען געזאָגט אַ קליינעם ליגען.

— „איך האָב זיך נור איין זאַך געוואונשען, — האָט ער געענטפערט, אַ קוש געבענדיג דינה'ן אין שטערען (דוד שפּינוועבס קושט געוועהנליך זײַן ווײַב אין שטערען), אַז דו, מײַן טייערע, זאָלסט זײַן געזונד און שטאַרק און מיר זאָלען זיך אַלע מאָל האָלט האָבען“.

דינה האָט צוזאַמענגעצויגען די ליפּעלעך. זי איז זיכער געווען, אַז ער וועט זיך ווינשען דימענטענע אוירינגעלעך. דאָס וואָלט איהר אַזוי געקליידט...

# IV. נאציאנאל־יודישע טעג.

# שבת.

I

אין דעם אַרטיקעל „היהודי הצעיר" האָט ד"ר י. קלויזנער בעריהרט די אַלטע, אייביג נייע פראַגע וועגען די נאַציאָנאַלע ערציהונג פון דעם יונגען דור. הער קלויזנער איז אַ שטיקעל אָפּטימיסט און איז איבערצייגט, אַז דער „יהודי הצעיר" וואַקסט איצט אויס מיט צוויי ליעבעס אין האַרצען: מיט דער ליעבע צו דער העברעאישער שפראַך און מיט אַ גרויסען צובונד צו אֶרץ־ישראל. אָט די צוויי ליעבעס זענען פעסט איינגעוואָרצעלט אין זיין יונג הערצעל, און זייערע וואָרצלען זענען די איינציגע זיילען, אויף וואָס עס בויט זיך דער בנין פון דער נאַציאָנאַלער ערציהונג.

אָבער ד"ר י. קלויזנער איז פאָרט נישט אַזוי אָפּטימיסטיש אָנצונעהמען, אַז די דאָזיגע צוויי זיילען, (וואָס מען קען נאָך צווייפלען, צי עקזיסטירען זיי בכלל?), זאָלען זיין בכח צו האַלטען די שוואַכע יודישע נשמה, און איהר נישט צולאָזען זיך שאָקלען און פאַלען. ער מוז זיך מודה זיין, אַז די וואָרצלען זענען גאָר נישט אַזוי שטאַרק, אַז דער יונגער דור פערגעסט גאָר אין אַ קורצע צייט זיין ביסעל קענטשאַפט אין העברעאיש. און אַז די ליעבע צו אֶרץ ישראל האַלט נישט אָב אונזערע יונגע לייט אין פאַלעסטינא צו פערלאָזען דאָס געליעבטע לאַנד און אויסצווואַנדערען. און הער קלויזנער איז זיך מצער, וואָס אונזער יוגענד

וואקסט אויס אָהן אַ רעליגיעזע ערציהונג. ווייל נאָר די יודישע רע=
ליגיע מיט אַלע איהרע מנהגים בעשאַפט אַ גינסטיגע נאַציאָנאַלע סביבה,
וועלכע איז בכח צו בעשיצען קעגען די שטורמווינטען פון דער אַס=
מילאַציע. אָבער ער ווייס גאַנץ גוט, אַז ס'איז אונמעגליך זיך אומצוקעה=
רען צו דער צייט, ווען די רעליגיעזע קולטור איז געווען אַ שטיינערנע
פעסטונג קעגען פרעמדע איינפליסען. דאָס איינציגע, וואָס ס'איז מעגליך,
איז צו בענייען דעם גלאַנץ פון אונזערע אַלטע נאַציאָנאַלע ימים=טובים,
אַריינצוגיסען אין דעם אַלטען שלעגעם פאַס אַ נייעם ווייַן. אויב חנוכה האָט
אויפגעהערט צו בעטייטען דער יום=טוב „פון נס מיט'ן קריגעל עֶל", זאָל
דאָס זיין אַ זכר צו דער צייט, ווען העלדען האָבען געשטריטען קעגען
אַ טיראַנישע מאַכט פאַר זייער נאַציאָנאַלער פרייהייט; אויב שבועות דער
מאָהנט אונז שוין נישט דעם „זמן מתן תורתנו", — טו זאָל עס אונז
דערמאָהנען אָהן אַ יודישען פריהלינג פון אַ פרייען יודישען קאָלאָניב=
טענפאָלק. און דער ל"ג בעומר זאָל אונז דערמאָהנען אָהן די העלדיש=
קייט פון אַ בר כוכבא א. ז. וו. א. ז. וו.; נאָר מיר זאָלען נישט
פערשוועכען אונזערע נאַציאָנאַלע ימים=טובים. זאָל אויסוואַקסען דער יונ=
גער דור אין אַן אַטמאָספערע פון נאַציאָנאַלע ימים=טובים; זאָל ער אין
דער פריהלינגס=צייט פון זיין לעבען געניסען דעם בשמים=ריח פון אונ=
זערע נאַציאָנאַלע בלומען. און אַזוי ווי ד"ר קלויזנער איז אַן אָפּטימיסט,
טרייסט ער זיך מיט דעם געדאַנקען, דאָס זייט עס האָט זיך אָנגעהוי=
בען שטאַרקען די נאַציאָנאַלע בעוועגונג, שטאַרקט זיך אַליין די אַכטונג צו
אַ יודישען יום=טוב, שטאַרקט זיך אויך בּיי די, וואָס שטעהען נישט אויף
אַ רעליגיעזען באָדען, און דאָס אַ סך פון אונזערע אַלטע ימים=טובים האָבען
בעקומען אַ נייעם אינהאַלט, ווי צ. ב. חנוכה, די שקל=טעג, חול=המועד=
צייט א. ז. וו.

געווים ווילט זיך הערן קלויזנער, אַז די רעליגיעזע ערציהונג זאָל
פערנעהמען מעהר פלאַץ אין דער נאַציאָנאַלער ערציהונג. אָבער ער
פיהלט, אַז וועלען איז נאָך ווייניג: נישט די צייט, נישט דער דור
און נישט די קינדער פון דור. און ער בענוגענט זיך דערווייל
דערמיט, וואָס מען וועט צוגעבען די אַלטע ימים טובים אַ נייע פריש=
קייט. און ער זעהט שוין די ערשטע סמנים, אַז אין דער הינזיכט איז
שוין עפּעס געטאָן געוואָרען, און מען גרייט זיך נאָך מעהר אויפצוטאָן.

II

ד"ר י. קלויזנער האָט בּערירט אַ ווילכטיגע פראַגע. נאָר לײדער האָט ער זי בּערירט נאָר מיט׳ן שפּיץ פעדער, אָהן די טיעפקײט און דעם טעמפּעראַמענט, וואָס אַזאַ פראַגע דאַרף אַרויסרופען בּײ איטליכען נאַציאָנאַל-יודישען פּובּליציסט.

ס׳איז נישטאָ אויף דער וועלט אַ פאָלק, וואָס זײנע חגאים האָבען אַזאַ נאַציאָנאַלען תוך, ווי דאָס יודישע, און קײן פאָלק האָט נישט אַזאַ אינטעליגענץ, וואָס זאָל אַזוי מזלזל זײן איהרע ימים-טובים, ווי די יודישע. בּײ געוויסע יודישע קלאַסען ווײס מען קײן מאָל נישט פון אַ שבּת און אַ יום-טוב. זײער גאַנצעס לעבּען פערגעהט אײן טאָג ענליך צום אַנדערען, מאָנאָטאָן, גראָה, אין וואָכעדיגע פאַרבּען. מען האָט שוין לאַנג פערגעסען דעם טיעפען זין פון אַ „יום-מנוחה", בּעת דער מענש רײניגט זיך אָב אויף אַ ווײלע פון זײן גאַנצען וואָכעדיגען שמוץ: פון זײן וואָכעדיגען בּגד, זײן העמד, זײנע גשמיות׳דיגע דאגות, זײן מגושמ׳דיגער קרעמער-נשמה; בּעת ער טרײבּט אָב פון זיך די גראָבּע אינסטינקטען פון אַ רויבּטיער, וואָס לויפט אויף געיעג.

אײנע פון די שענסטע און לעבּעדיגסטע זאַכען, וואָס איז אונז איבּערגעבּליעבּען פון אונזער אַלטער קולטור, איז דער שבּת. נאָך דעם אחדות-געדאַנקען איז דער שבּת-געדאַנקען די טיעפסטע און העכסטע אידעע, וואָס איז אונז געגעבּען געוואָרען פון דער תורה. אין געוויסע קרײזען האָט ער שוין לאַנג פערלאָרען זײן אַמאָליגען גלאַנץ, און ער איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ גראָהען טאָג, וואָס אונטערשײדט זיך שוין נישט פון די טעג פון אַ גאַנץ יאָהר. אויבּ איהר ווילט זעהען האָטש אַ חלק פון זײן אַלטער שענקײט, מוזט איהר פאָהרען קײן ענגלאַנד, אָדער אין אײנע פון די פוריטאַנישע שטאַטען פון אַמעריקאַ און זעהען ווי זײ פערבּרײנגען אַזונטאָג, זײער שבּת. די יודישע תורה האָט זײ געוויזען דעם קלאַסישען וועג, ווי אָבּצוזינגען פון דער גראָהער וואָך אײן טאָג, אום דער וואָכענדיגער מענש זאָל האָטש אויף אַ ווײלע בּעקומען אַ „צלם אלהים". אָבּער מיר, די יודישע אינטעליגענץ, האָבּען מיט אַ לײכטען האַרצען אַראָבּגעוואָרפען פון זיך די פליכטען פון אַ „יום מנוחה", און דורכדעם איז אונזער אָרעמעס לעבּען געוואָרען נאָך צעהן מאָל גראָהער ווי געווען.

ד"ר י. קלויזנער לעגט ארויף זיין גאנצען בטחון אויף די נאציאָנאַלע ימים-טובים. די אלטע פאָרם וועלען מיר לאָזען, און א נייעם תוך וועלען מיר אריינלעגען אין זיי, און דער יונגער דור, וואָס נאציאָנאַל-גענומען, איז ער ווי א ים-שטעקעל ביי'ן טייך, וועט מיט אמאָל ווערען שטארק און זיך אויפהערען שאָקלען ביי'ן הויך פון יעדען לייכטען ווינטעל. און דערביי האָט ער פערגעסען דעם שבת, דעם שבת וואָס איז נישט אזא זעלטענער גאסט, ווי א יודישער יום-טוב, און וואָס איז טויזענד מאָל העכער און טיעפער ווי אלע חגאים אינאיינעם, און וואָס ווירקט ביי דער ערציהונג אויף די יונגע נשמה א סך מעהר שוין דעריבער, ווייל צווישען איין שבת און א צווייטען איז נאָר דאָ א מחיצה פון זעקס טעג.

---

III

וואָס פאר א הויכען און טיעפען זין עס האָט געהאט דער שבת פאר דעם קיום פון יודענטום, קען מען זעהען פון די מאמרים, מיט וואָס אונזערע חז"ל האָבען געקרוינט דעם שבת. „שקולה שבת נגד כל התורה כולה וכל המשמרה כהלכתה מוחלין לו כל עונותיו“ (דער שבת וועגט אראָב די גאנצע תורה, און ווער עס היט איהם אָב ווי עס דארף צו זיין, דעם איז מען מוחל אלע זיינע זינד). „מומר לשבת הרי הוא כמומר לכל התורה כולה“ (ווער עס לייקענט אָב שבת לייקענט אָב אין דער גאנצער תורה). „אילמלי משמרין ישראל שתי שבתות כהלכתן, מיד נגאלין“ (ווען יודען וואָלטען אָבגעהיט האָטש צוויי שבתים ווי עס דארף צו זיין, וואָלטען זיי באלד אויסגעלעזט געוואָרען). „לא חרבה ירושלים, אלא שחללו בה את השבת“ (ירושלים וואָלט נישט חרוב געוואָרען, ווען מען וואָלט נישט מחלל שבת געווען). „עשירים בבבל במה הם זוכין? שמכבדין את התורה; ובשאר הארצות במה הם זוכים? שמכבדים את השבת“ (וואָס איז דער זכות פון די גבירים אין בבל? ווייל זיי היטען אָב די תורה. און וואָס איז דער זכות פון יודען אין אנדערע לענדער? וואָס זיי האַלטען דעם שבת אין כבוד). „המענג את השבת נצול משעבוד גליות“. (ווער ס'איז מענג דעם שבת, ראטעוועט זיך ארויס פון שעבוד גליות).

זיי, די חז"ל, וועלכע האָבען געזאָרגט און געקעמפט פאר די

עקזיסטענץ פון דער יודישער נאַציע מיט אַזאַ געוואַלטיגען שעפּפערישען כח, האָבען די ווערדע פון שבת דערהויבען ביז צו דער ווערדע פון דער גאַנצער תורה. נאָך מעהר. זיי האָבען צייטענווייז איהם נאָך העכער געשטעלט פאַר דעם אחדות־געדאַנקען. אין זייער היילינגער בעגייסטערונג פאַרן שבת האָבען זיי זיך דערלויבט אויסצורופען: „ווער עס היט אָב דעם שבת ווי עס דאַרף צו זיין, איז מען איהם אַפילו מוחל די זינד פון געצענדיענערייי (שבת קי"ח). זיי האָבען גוט געוואוסט, אַז דער גייסטיגער טייל אין מענשען נויטיגט זיך אין רוה, אין אַ לויטערער סביבה, וואו עס דרינגען נישט אַריין די קולות פון מאַרק. נאָר אין אַזאַ סביבה קענען וואַקסען און בליהען די בלומען פון גייסט. „ששת ימים תעבוד, ועשית את כל מלאכתך; וכי אפשר לאדם לעשות את כל מלאכתו בששת ימים? אלא שבות, כאלו מלאכתך עשויה. ד"א שבות ממחשבות עבודה" (זעקס טעג זאָלסטו אַרבייטען, און זאָלסט אָבטאָן גאָר די אַרבייט. צי איז דאָס מעגליך אָבצוטאָן אַ מענשען גאָר די אַרבייט אין זעקס טעג? איז דער תירוץ, זאָלסט זיך אַזוי אָברוהען אַקוראַט ווי דו וואָלסט געענדיגט אַלע אַרבייט. אַנדערע חכמים מיינען: רוה זיך אָב פון איטליכען געדאַנקען וועגען אַרבייט). נאָר אין אַ לויטערער סביבה, וואו עס דרינגען נישט אַריין די חשבונות פון וואָך, איז מעגליך צו ענטוויקלען די העכערע רעליגיעזע און מאָראַלישע געפיהלען, די גאַנצע שעפּפונג וואָלט קיין ווערדע נישט געהאַט, ווען די זעקס טעג אין וואָך וואָלט נישט געקרוינט געווען מיט אַ שבת־טאָג. „צו וואָס איז דאָס געגליכען? צו אַ קיניג, וואָס האָט זיך אַ חופה געמאַכט, זי בעפּוצט און בעמאָלט... נאָר איין זאַך האָט געפעהלט: אונטער דער חופה — די כלה. דאָס אייגענע איז מיט גאָטס וועלט. עס האָט איהר דער שבת געפעהלט. אָדער אַ משל מיט אַ קיניג, וואָס האָט געהאַט אַ זיעגעלרינג. וואָס האָט דעם רינג געפעהלט? דער זיעגעל. דאָס אייגענע אין גאָטס וועלט. עס האָט איהר דער שבת געפעהלט" (מדרש בראשית). דער שעפּפונגס־געדאַנקען וואָלט נישט פולקום געווען, ווען דאָס גשמיות'דיגע לעבען וואָלט זיך נישט איינגעהילט אין דעם שלייער פון דער שבת־קינינין; ווען דער מענש וואָלט נישט געפיהלט די שפלות צו זיין אַנ'אייביגער קנעכט ביי דעם גראָבען חומר, ביי די אייביגע גשמיות'דיגע דאגות, ווען דער מענש וואָלט נישט געדאָרשט זיך צו בעפרייען פון „די אַרבייטס־געדאַנקען", ווען ער וואָלט נישט געדאָרשט צו דער פריידהייט פון אַ שבת־טאָג.

דאָס געטאָ־לעבען האָט בעצוינגען דעם שבת מיט דעם שימעל פון

אַלערליי הומרות, און דעריבער זעהט אָפט נישט דער היינטיגער אינטעליגענט דעם טיעפערען זין פון איהם. הערט מען זיך אָבער צו צו די ווערטער פון אונזערע חז"ל, בעגרייפט מען, דאָס די אידעע פון שבת איז געפלאָסען פון די טיעפסטע רעליגיעזע און מאָראַלישע געפיהלען; דאָס בעשאַפענדיג אַ שבת האָבען זיי געזוכט האָטש אויף איין טאָג אין וואָך צו רייניגען דעם מענשען פון זיין טיערישען לעבען. און צוגלייך דערמיט זעהט מען, וואָס פאַר אַ הויכע השגה זיי האָבען געהאַט וועגען מענשען, וואָס טראָגט אויף זיך אַ צלם אלהים. רוה זיך אויס פון דיינע אַרבייטס-געדאַנקען, זאָגען זיי איהם, און דו ביסט מסוגל צו פערבריינגען די צייט צוזאַמען מיט די מלאכי השרת. דו ביסט אַזוי ריין ווי זיי. דען דער אָבשטאַנד צווישען הימעל און ערד איז גאָר נישט אַזוי גרויס. אין דעם גלאַנץ פון די שבת-ליכט און פון ווייסען טישטוך, אין דעם גלאַנץ פון ריינע זילבערנע לייכטער און פון דיין רוהיגען שטילען בליק לויכטען אויך די שטראַהלען פון גאָטס גענאָד. און דו אַליין ביסט אַן אַנדערער געוואָרען. אַ נשמה יתרה האָט מען דיר צוגעלעגט. אויפ'ן פסוק „און דער אויבערשטער האָט געבענשט דעם טאָג פון שבת און איהם הייליג געמאַכט" זאָגען די חכמים: „די שטראַהלען, וואָס געהען אַרויס פון מענשענס פנים אַ גאַנץ יאָהר, קען מען נאָר נישט פערגלייכען מיט דעם ליכט, וואָס שיינט פון איהם אין שבת-טאָג". און אַז דער שבת קלאָגט זיך פאַר'ן רבוש"ע: „רבוש"ע! אַלעמען האָסט דו געגעבען אַ בעשערטען, נאָר איך בין געבליעבען איינער אַליין". ענטפערט איהם הקב"ה: „די כנסת ישראל איז דיין בעשערטער".

צווישען הימעל און ערד שוועבט די שבת-קעניגין. אַ גאַנצע וואָך בלאָנדזשעט זי איינע אַליין, פון אַלעמען פערלאָזען צווישען די מיריאַדען הימעל-שטערען. פערשמוצט און פערגרעבט, פערעסקט און פערטאַראַראַמט לויפט אַרום איהר בעשערטער אויף אַלע גויישקע ירידען. מיט אומעט און מיט עקעל קוקט זי אויף איהר חתן, וואָס האָט שוין פערלאָרען זיין געטליכען אָנבליק און וואָס איז שוין כמעט נישט צו דערקענען. אָבער אָט קומט דער זעקסטער טאָג פון וואָך, און ער וואַרפט אַראָב פון זיך דעם גאַנצען שמוץ, וואָס האָט זיך אָנגעקליעבען אויף איהם. אין זיין שטוב בעווייזען זיך די ערשטע סמנים פון ריינקייט, ציכטיגקייט און פון יום-טוב'דיגקייט. די שבת-קעניגען הויבט וויטער אָן צו דערקענען איהר בעשערטען און שוועבט צו צו דער ערד, וואָס האָט אויף אַ ווילע פערלאָרען דעם שווערען גראָהען אויסזעהען, און אין די פאַלבען פון

אַנדערע קליידער טראָגט זי די בשמים-ריחות פון העכערע וועלטען, די שטילע מוזיק פון מלאכימ'שע פליגעל, וואָס בעוועגען זיך אין אַ געטליכען טאַקט.

בשעת דער פּאָעט זינגט: „יום זה לישראל אורה ושמחה, שבת מנוחה, המדת הלבבות לאומה שבורה, לנפשות נכאבות נשמה יתירה, לנפש מצירה יסיר אנחה“ (אָט דער טאָג איז אַ טאָג פון ליכט און פרייד, אַ באַלזאַם פאַר'ן האַרצען פון אַ צובראָכענער אומה, א. ז. וו.). דריקט ער נישט אויס אַפילו אַ צעהנטעל פון דעם, וואָס דער שבת האָט געגעבען און גיעט דער „צובראָכענער אומה“.

ווער ווייס? אפשר ווערט די „צובראָכענע אומה“ אַ גאַנצע נור אויף איין טאָג אין וואָך. אפשר וואָלט שוין לאַנג פון דער „צובראָכענער אומה“ אַ זכר נישט געבליעבען, ווען עס וואָלט נישט געווען דער שבת.

IV

פאַר עטליכע יאָהר האָט געמאַכט דאָס בוך „ביבעל און באַבעל“ פון פּראָפעסאָר דעליטש אַ גרויסען איינדרוק אויף געוויסע טעאָלאָגישע קרייזען. דעליטש האָט געוועלט צונעהמען ביי'ן יודישען גייסט איינע פון זיינע אָריגינעלסטע שעפּונגען, דעם שבת. אויף די טאָוולען פון דעם בבלישען געזעצגעבער האַמוראַבי, וועלכער האָט געלעבט אין אַברהם אבינו'ס צייטען, האָט ער שוין געפונען אַ רמז'ל אויף דעם שבת-געדאַנקען. די געלערנטע אַנטיסעמיטען פון טשעמבערלען ביז מענשיקאָוו'ען האָבען זיך שטאַרק דערפרעהט מיט דער נייער ענטדעקונג. יעדע שעפּער'שע אָרי-גינעלע אידעע, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון יודישקייט, שטעהט זיי ווי אַ ביין אין האַלז. ווען זיי וואָלטען אין אַ שעהנעם פריה-מאָרגען קענען בעווייזען, אַז משה רבינו איז אַ בלאָנדער אַריער און אַז ישעיהו הנביא איז אַן „אור-אור“-איינִיקעל פון אַן איינגעוואַנדערטען גריכען, וואָס האָט זיך מגיר געווען, — וואָלטען זיי זיך געוויס גליקליך געשעצט. איך ווייס נישט, ווי ווייט דעליטש איז גערעכט מיט זיין פּרוש פון די צייכענס אויף די טאָוולען פון אַלטען האַמוראַבי. איך דערוועג זיך נישט צו זאָגען איינאיינעם מיט סטרינדבערגען, אַז די גאַנצע מעשה מיט דעם בבלישען כתב, וואָס מען רופט דאָס „קיילען-שריפט“ איז אַנ-

אויסגעטראַכטע סברה פֿון באַנקקוועטשערס; אַז די צייכענס, וואָס מען געפֿינט אויף די אַלטע בבֿלישע טאָוולען, איז גאָר נישט קיין שריפֿט, זאָנדערן שטיקלעך שטרוי, וואָס די בבֿלים פֿלעגן ניצען ביים ברענען פֿון ציגעל־טאָוולען. איך וועל אויך נישט לייקענען, אַז די ערשטע זוימען פֿון דער יודישער קולטור געפֿינען מיר שוין אין אַלטען בבֿל. די ענטוויקלונגס־לעהרע האָט אונז שוין לאַנג איינגעוועהנט צום געדאַנקען, אַז אַ העכערע קולטור וואַקסט אויס פֿון די וואָרצלען פֿון אַ פֿריהערדיגער ניעדריגערער קולטור. אָבער נאָר מענשען, וואָס זענען אויסגעוואַקסען אין דער קריסטליכער קולטור און וואָס האָבען קיינמאָל נישט געפֿיהלט דעם שבת, ווי עס האָבען איהם געפֿיהלט אונזערע עלטערען און פֿאָרעלטערען, קענען פֿיהרען אַ פּאַראַלעל צווישען אַ רמז אויף אַ רוהע־טאָג ביי האַמוראַבי און אַ יודישען שבת, ווי ער האָט זיך ענטוויקעלט פֿון צווייטען חורבן ביז צום סוף 18־טען יאָהרהונדערט. דער שבת אין זיין טויזענדיאָהריגער ענטוויקלונג איז געוואָרען דאָס שענסטע פּראַכטיגסטע יודישע קונסטווערק, אין וועלכען עס שפּיגלען זיך אָב די אידעאַלסטע און פֿיינסטע געפֿיהלען פֿון צעהנדליגער־צעהנדליגער דורות. דער שבת איז פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּרינצעסין, אין אַ מלכתא דשבתא, אין אַ עטהערישע געשטאַלט, וועלכע איז געוועבט פֿון גן־עדן־בשמים און הימלישער מוזיק. דער גייסט פֿון דער יודישער קולטור האָט נישט דערלויבט דעם שבת צו געבען אַ פּלאַסטישע געשטאַלט, אָבער דער יוד האָט זיך פֿאָרט נישט איינגעהאַלטען איהם צו געבען אַ געשטאַלט, האָטש דורך ווערטער. „שבת מלכתא“ האָט ער אַ נאָמען געגעבען זיין געליעבטען שבת, און נאָר דעם גלאַנץ, וואָס עס האָט אַוועקגערויבט פֿון איהם דער גלות, האָט ער אַוועקגעגעבען זיין געליעבטער מלכה.

אין מיינע אויערען קלינגט אַ מעלאָדיע, אַן אַלטע חסידישע מעלאָדיע, וואָס אַ געוויסע חסידישע כתה פֿלעגט זינגען, בעת זי פֿלעגט אויסשפּרייטען די אָרעמס מקבל פּנים זיין די מלכה. דאָס איז די מעלאָדיע פֿון „אתקינו סעודתא דמהמנותא שלימתא חבורתא דמלכא קדישא“, און יעדעס מאָל ווען איך דערמאָהן זיך אָהן איהר, דוכט זיך מיר, אַז אַ טרובאַדור זינגט צו זיין „הערצענס־געליעבטער דאַמע“, אַז דאָס זינגט דער ריטער פֿון טאָגענבורג, וואָס וועט אייביג בענקען צו זיין געליעבטער, אייביג זיך פֿערצעהרען אין דעם פֿייער פֿון זיין הייליגער ליידענשאַפֿט און וואָס וועט זיך אייביג פֿיהלען אַזוי נאָהענט און אַזוי ווייט

פון זיין געליבטער. אט אזוי זינגט נאר א מענש, וואס איז שוין אויסגעלייטערט פון אלע עגאיסטישע ליידענשאפטען, וואס האט נאר איין פערלאנג: אינגאנצען אויסצוגעהן אלס א קרבן אויף דעם מזבח פון ליעבע און איבערגעבענקייט.

די יודישע מיסטיק האט פול געמאכט די יודישע שטוב מיט מלאכי השרת, מיט א נשמה יתירה, מיט א שבת־מלכתא, מיט גאנצע קאראוואנען פון הייליגע אורחים און גוטע גייסטער. דער פערגלייך, וואס היינע האט געמאכט צווישען א יודען פון א גאנץ וואך און שבת, איז מעהר, ווי א פערגלייך. דאס איז דער אמת אליין. עס איז נישטא קיין פאלק, קיין נאציאן, וואס האט בעוועסען די קראפט צו בעשאפען א וואנד צווישען דעם טיערישען און גייסטיגען מענשען, ווי דאס יודישע פאלק. אין די פיער ווערטער „זכור את יום השבת" (געדענק דעם טאג פון שבת) האט זיך אויסגעדריקט א נייער און ערהאבענער קולטור־פרינציפ פאר דער וועלט. געדענק, אז דו ביזט א מענש, א פונק פון דעם גרויסען פייער, פון גאט אליין.

---

V.

קעניגס־קינדער און פרינצען האבען ליעב צו לעבען איינזאם, פאר־זיך, אין בעסטען פאל רינגלען זיי זיך ארום מיט עטליכע נאהענטע געליעבטע קרובים. אויך דער יוד מיידט אויס שבת די גאס, מיידט אויס די פערגעניגענס פון מארק, די צייט־פערטרייבונג פון גראבען בשר־ודם. אין קרייז פון זיין פאמיליע פערברענגט ער זיין „יום־מנוחה". צווי־שען איין תפילה און דער אנדערער שטעהט דער בית־המדרש לעדיג. מען הערט נישט דעם קול פון מתמיד. מען לייענט נישט אום שבת דעם „שיעור". די סדרה, דער תהילים, די פאעזיע פון די דרשנים שטויסען ארויס אויף א ווייל דעם הארבען פלפול פון די בייליגע ספרים. דער ראש־ישיבה טרעט אב זיין פלאץ דעם מגיד, און די מוסר־ספרים, וואס רעדען מעהר צום געפיהל ווי צום שכל, פערנעהמען דעם ארט פון די „גבות" מיט זייער שארפען וועלטליכען פערשטאנד.

איך שטעל זיך פאר, מיט וואס פאר געמישטע געפיהלען האט גע־

קוקט דער קריסט פֿון מיטעלאַלטער, וואָס האָט נאָך פֿון זיין זונטאָג געהאַט אַזאַ גראָבע השגה, אויף דעם יודישען שבת. דער הלוק צווישען דעם יודען פֿון מאַרק און דעם יודען פֿון שבת איז געווען אַזוי גרויס, דאָס דער קריסט האָט באמת געמיינט קלערען, אַז דאָ שטעקט עפּעס אַמין כּשוף. די רוהיגקייט פֿון אַ יודישען שבת האָט איהם אויסגעזעהען ווי אַמין קאָנספּיראַציע פֿון מכשפים אַנקעגען די אָרענטליכע אַרומיגע גוים. אַ יודישער שבת אין מיטען פֿון אַ באַרבאַרישער בעפֿעלקערונג מאַכט אַ גרויסען מיסטישען איינדרוק, און וועקט ביי דעם וואָס קוקט זיך צו טיעפֿער — אַ גרויסע אַכטונג צום פֿאָלק, וואָס איז מבטל מיט איין קלאַפּ די גאַנצע מאַטעריעלע וועלט מיט איהרע געדאַנקען וועגען אַרבייט, וואָס האַלט מיט׳ן אייגענעם רצון אָב די רעדער פֿון דער געוועהנליכער אַרבייט, און פּראָקלאַמירט די פֿאָדערונגען פֿון דער מענשליכער נשמה פֿאַר דאָס העכסטע און וויכטיגסטע, און פֿערלאַנגט פֿאַר זיי אַ קעניגליכע רוהע. אָבער אין האַרץ פֿון באַרבאַר וועקט דער יודישער שבת אַ פּחד פֿאַר עפּיס אונפֿערשטענדליכעס, אונבעקאַנטעס, פֿאַר עפּיס אַ פֿרעמדע קראַפֿט. נאָך עד היום אַ שבת אין אַ פּוילישען, ליטווישען קליין שטעדטעל ווירקט אויף דעם זייטיגען מיט אַ בעזונדערען צויבער. דער שבת איז איינע פֿון די פֿולקומענסטע שעפּפֿונגען פֿון דער אָביעקטיווער יודישער קולטור.

די ענגלענדער, וואָס הויך אונז זענען זיי אפשר דאָס איינציגע ביבעל־פֿאָלק, מיהען זיך צו מאַכען פֿון זייער זונטאָג אַזאַ שעפּפֿונג ווי מיר האָבען דאָס געמאַכט פֿון שבת. זיי שעמען זיך נישט אונז נאָכצוטאָן און זיי געהען אין די וועגען פֿון אונזערע חכמים. דען צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער ציוויליזאַציע, צוזאַמען מיט דער אינדוסטריע איז דער מענגש געוואָרען נאָך צעהן מאָל מעהר אַ קנעכט, ווי ער איז געווען. די מלחמה פֿאַר׳ן לעבען האָט נאָך פֿערשטאַרקט די גראָהקייט פֿון דער וואָך. און די פֿראַגע וועגען אַ רוהע־טאָג איז געוואָרען אַ וועלט־פֿראַגע. אָבער אום אַז אַ רוהע־טאָג זאָל קריגען אַ ריכטיגען קלאָרען אינהאַלט, מוזען זיך די פֿעלקער אומקעהרען צו די פּרינציפּען, וועלכע האָבען אַזוי טיעפֿזיניג פֿערשטאַנען אונזערע חז״ל.

די געניאַלע שעפּפֿונג פֿון יודישען פֿאָלק, דער שבת, וועט נאָך ווידער אָנהויבען צו לויכטען מיט איהר גאַנצען פּראַכטיגען גלאַנץ אין די אויגען פֿון די געבילדעטע פֿעלקער. די פֿאָדערונגען פֿון דער מענשליכער

גשמה וועלען נישט אויפהערען צו אינטערעסירען די קולטורפעלקער. און ווידער וועט מען זיך פערקוקען אויף אונזער שבת מלכתא, און ווידער וועט אונזער פרינצעסין ווערען צו א וועלט־סימבאָל... אָבער אונזער אינטעליגענץ וועלען מיר האָבען צו פערדאַנקען, — אונזער אינטעליגענץ, וואָס מיהט זיך מיט אַלע כחות נישט אָבצושטעהן הלילה פון דער קריסטליכער קולטור, וואָס האָט אָראָבגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון די שענסטע שעפּפונגען פון יודישען עבר, — איהר וועלען מיר האָבען צו פערדאַנקען, וואָס מיר וועלען נאָכמאַכען די פעלקער דעריין, וואָס זיי האָבען פון אונז גענומען. פאַר דאָס אייגענע בלינד, וועלען מיר הערען זעהענדיג, ווען דאָס אייגענע וועט בעקומען אַ פרעמדען און אפשר אַניערגערען פנים.

---

VI

איטליכס מאָל, ווען מיר רעדען וועגען די ערציהונג פון יונגען דור, קומען מיר שטענדיג צו דער פראַגע: ווי בעשאַפט מען אָביעקטיווע לעבענס־פאָרמען פאַר זיין יונגען גייסט. נאָר דאָס, וואָס מען קען זעהן מיט די אויגען און אָנטאַפּען מיט די הענד, מאַכט אַן איינפלוס אויף די פאַנטאַזיע און דאָס האַרץ פון יונגען דור. דאָ האָבען די ימים טובים אַ געוויסע נאַציאָנאַלע ווערדע. וואָס שענער און נאַציאָנאַלער מיר וועלען פערבריינגען אונזערע הגאים, אַלץ מעהר וועלען זיין די פעדעם, וואָס וועלען פערבינדען דאָס קינד צו זיין פאָלק. אָבער דייער ווערדע איז מינימאַל קעגען די ווערדע פון אַ שבת. דען הוץ וואָס דער שבת קומט צום קינד פופציג מאָל אין יאָהר און ער ווירקט דורך דעם, וואָס ער חזרט זיך אַזוי אָפט איבער (וואָס שפּיעלט אַזאַ ראָל אין דער ערציהונג) — הוץ דעם, ענטהאַלט נאָך דער שבת אַן אַלגעמיין־מענשליכען געדאַנקען. די געשטאַלט פון שבת איז נאַציאָנאַל. פון אָנפאַנג ביז צום סוף, דער אינהאַלט זיינער נעהמט אַרום די גאַנצע גייסטיגע וועלט, ער איז אוניווערסעל. און אויב אונזערע נביאים פון דער אויפלעבונגס־בעוועגונג ווילען אין דער אמת'ן, אַז „די צובראָכענע אומה"

זאָל בעקומען אַ „נשמה יתירה“ דאַרפֿען זיי זעהען מיט אַלע קרעפֿטען צו באַצופֿרישען און אָבצולעבען דעם שבת.

גלויבט מיר, עס שטעקט גאָר נישט קיין גוזמא אין די ווערטער פֿון די חז"ל, וועלכע זאָגען: „ווען יודען וואָלטען אָבגעהיט ווי עס דאַרף צו זיין צוויי שבתים, וואָלטען זיי באַלד אויסגעלעזט געוואָרען“. לאָמיר דעם מאַמר נישט פֿערשטעהן וואָרטליך, נאָר אין דעם זין: ווען יודען אָהן אַן אונטערשייד פֿון קלאַסען וואָלטען אָבגעהיט דעם שבת מיט דער אייגענער עקשנות, מיט וואָס מען היט אָב די הייליגקייט פֿון אַ יודישען בית-עלמין, ווען זיי וואָלטען אויפֿגעהויבען די ווערדע פֿון שבת צו דער מדרגה פֿון וועלען קומען צו קבר ישראל — דאַן וואָלטען מיר נישט געצוואונגען געווען צו בעטען רחמים ביי דער גאָסודאַרסטווענער דומע, אַז מען זאָל די יודען פֿערבייטען דעם רוהע-טאָג פֿון זונטאָג אויף שבת. דאַמאָלסט וואָלט קיין דירעקטאָר פֿון אַ גימנאַזיום זיך נישט דערוועגט צו צווינגען יודישע קינדער דעם שבת צו פֿערשוועכען, און אונזער שבת וואָלט געווען הייליג ביי דער רעגירונג נישט מינדער ווי אונזער בית-עולם און בית-מדרש. אָבער דענמאָלסט, ווען אונזערע דעפּוטאַטען אין דומע האַלטען נישט פֿון דעם, וואָס זיי פֿערטיידיגען, ווען זיי רעדען נישט פֿון זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט, נאָר פֿון דעם יודישען המונים, צו וועלכען זיי האָבען קיין שייכות נישט דורך די לעבענס-פֿיהרונגען זייערע, נישט דורך זייערע היסטאָרישע אידעאַלען — טו פֿרעגט, וואָס פֿאַר אַ ממשות קענען שוין האָבען זייערע רעדען פֿאַר אַ יודישען שבת. די רעגירונג רעכענט זיך אָפּט נישט אַזוי מיט לאָגישע ראיות, ווי מיט דעם שטאַרקען היסטאָרישען ווילען פֿון אַ פֿאָלק. און בעת זי זעהט, אַז ביי די אויסדערוועהלטע פֿון פֿאָלק איז דער ווילען צושפּרונגען אין שטיקלעך, איז זי מבטל די אויסדערוועהלטע אינאיינעם מיט דעם פֿאָלק זייערען.

איך האָב דאָ בעריהרט אַ וויכטיגע פֿראַגע. סיי דער לאומי, סיי דער אויטאָנאָמיסט, סיי דער יודישער פּאָליטיקער איז מחויב זיך צו בעשעפֿטיגען מיט איהר. געפֿאַלען זענען ביי אונז די שטיינערנע פֿעסטונגען, פֿערשוואונדען זענען אַ סך שעפּפֿונגען פֿון אונזער אָביעקטיווער קולטור, געבליבען איז נאָר נאָך איין פֿעלזענמויער, איינע פֿון אונזערע שענסטע פֿעסטונגען, איינע פֿון די גענייאַלסטע שעפּפֿונגען פֿון יודישען פֿאָלק; געבליעבען איז ביי אונז אַ געדאַנקען, וואָס נעהמט אַרום די

גאַנצע וועלט, אַ געדאַנקען, וואָס מען קען איהם פערגלייכען מיט דעם אַחדות־געדאַנקען, אַ מלכתא דשבתא, וואָס פערבלענדט מיט איהרע שענקייט די געבילדעטסטע און קולטורעלסטע פעלקער. לאָמיר נישט פערלירען געראָד אין אַ צייט, בשעת מען רעדט אַזוי פיעל פון אַ „יודישער אויפלעבונג", אונזער לעצטע פעסטונג.



# תשעה באב.

פערהילך די וועלט מיט קלאָגען,
דו פינסטער גלות־ליעד.

(היינע).

אין קאַלאָשען, אָדער אין זאָקען, אויף נידריגע ביינקלעך איינגעוויקעלט אין די טליתים, — אַזוי זיצען מיר און זאָגען מיט אַנ׳אומעטיגען קינות־נגון. מיר קלאָגען דעם איביגען קלאָג, מיר זינגען דאָס פינסטערע גלות־ליעד. מיט „מגילת־איכה“ הויבט זיך עס אָן; מיט „אלי־ציון ועריה“ ענדיגט עס זיך. האַרטע שטיינערנע פנימ׳ער ווערען ווייך און בעגיעסען זיך מיט טרעהרען; קליינע קינדערלעך, יונגע נשמה׳לעך, וואָס האָבען נאָך ניט קיין רעכט געפיהל פאַר דעם איביגען טרויער, קוקען מיט דערשראָקענע אויגלעך אויף זייערע שטרענגע טאַטעס, וועלכע ווישען די טראָפּענס מיט די ברעגעס פון רויטע פאַטשעלקעס און עס האַפּט זיי אָן אַ טיעפער אומעט. דער געלער אָבשלאָג פון די ליכט, דער שווערער גערוך פון מענשען־לייבער, דער אומעטיגער קול פון חזן, די איינגעבויגענע רוקענס און דאָס שטילע געוויין פון דער ווייבערשער שול מישט זיך צוזאַמען אינאיינעם, מאַכט די לופט שווער ווי בליי און טרייבט אַרויף אַ ווייענדיגע מרה שחורה.

— אָבער דאָס פינסטערע גלות-ליעד בלייבט צווישען די פיער ווענה פון בית-המדרש. עס פערהילכט ניט די וועלט מיט זיינע קלאָגען, עס פערהילכט אפילו ניט די יודישע וועלט מעהר ווי איין אָדער צוויי טעג אין יאָהר. אונזער קלאָג אויף „די מויערען, וואָס זענען געשפּאָלטען געוואָרען", אויף די „ריינע שטעדט, וואָס זענען פערוויסט געוואָרען", האָט ווי אַלץ ביי אונז דעם איינענעם בידנעם יודישען מזל: עס געדויערט אַ מינוט, עס פערכאַפּט אויף אַ שעה און ווערט באַלד פערטראָגען און פערטריבען פון האַרצען. עס איז ניט דער קלאָג פון נעכטיגע גבורים, וואָס זענען היינט צו שקלאַפען געוואָרען; דאָס איז דאָס קרעכצען פון אַ שקלאַפישע פאָלק, וואָס דערמאָהנט זיך דורכ'ן חלום די אַמאָליגע פריערע צייטען. דאָס וויינט די אַלטקייט אויף די אַמאָליגע יוגענד, אָהן אַ האָפנונג נאָך אַ מאָל אויפגעפרישט צו ווערען; דאָס וויינט דער קאַליקע אויף זיין פערלאָרען גליעד, אָהן אַ האָפנונג עס נאָך אַ מאָל צו בעקומען. ער האָט שוין לאַנג פערגעסען זיין אַמאָליגע געשטאַלט, בשעת מיידלעך פלעגען איהם בעזינגען מיט די ווערטער: „בחור כארזים" שען ווי אַ צעדער-בוים, און ווען ער וואָלט אָנשטאָט זיין היינטיגער קולע בעקומען זיינע אַמאָליגע פיס, וואָלט ער ניט געוואוסט וואָס אָנצוהייבען מיט זיי. —

פרעגט זיי אַלעמען, וועלכע וויינען „אויף די געשפּאָלטענע מויערען": וואָס ווילט איהר? און זיי וואָלטען ניט געוואוסט, אַיך וואָס צו ענטפערן. אמת, אַ סך פון זיי וואָלטען געענטפערט: מיר ווילען, אַז ציון זאָל אויפגעריכט ווערען, מיר וואַרטען און האָפען אויף משיח'ס צייטען, מיר בעטען ביי „די הענה אונגעוואַשען", אַז ער זאָל זיך אויף אונז דערבאַרעמען. אָבער מען פיהלט, אַז אין זייערע ווערטער קלינגט ניט אַרויס קיין אמת'ער רצון, אַז זייער ווילען איז וויך און צובראָכעלט, אַז אין זייער ענטפער הערט זיך די רעדע פון אַ נאַכטוואַנדלער, פון אַ בעל-הלומות, ניט דער ווילען פון אַ פאָלק.

אָבגעשוואַכט איז ביי אונז דער רצון, מיר האָבען אַפילו ניט דעם רצון אַרויסצוטראָגען אונזער קלאָג הינטער די פינסטערע ווענה פון בית המדרש, און ווען עס בעוויזט זיך אַ יודישער פּאָעט, ווי היינריך היינע, און רופט אויס: פערהילך די וועלט מיט קלאָגען, דו פינסטער „גלות-ליעד" — און ווען עס קומט ד"ר הערצל און צווינגט די גאַנצע וועלט אויסצוהערען די ביטערע טענות פון אַנ'אַלט פאָלק, — קומען צולויפען איי-

גענע ברידער מיט בלייכע פנימ'ער און אויסגעשטרעקטע הענד און בעטען זיך: שאַ! שאַ! שטילער!"

מיר זענען שוין אַזוי געדריקט ביי זיך, אַז מיר האָבען פחד זיך צו מישען אין פרעמדע אויגען, מיט אונזער טרויעריג געמיט ניט צו פערשטערען הלילה די שמחות פון די אַרומיגע פעלקער. שוין פון אונזערע זיידעס האָבען מיר בירושה, אַז וואָס ווייניגער מען רעדט וועגען אונז, איז אַלץ גלייכער. ווי אַ כלה-מיידעל איינגעטונקט אין צניעות, הייסט מען אונז פערלעבען די יאָהרען אין שטילקייט און ענוות, ניט בעטען און ניט פערלאַנגען, בעהאַלטען די שמערצען, וואָס רייסען די נערווען ווי מיט צוואַנגען, פערגראָבען "דעם קאָפּ אין געלעגער", למען קיינער זאָל ניט הערען אונזער ביטערען קרעכצן.

אין דער פאַנטאַזיע פון אונזער געפייניגט פאָלק לעבט דאָס בילד פון נחום איש גם זו, וועלכען קיין צרה האָט ניט געקענט אויפוועקען פון זיין קאַלטבלוטיגקייט. אָרעם און קראַנק, בעדעקט מיט וואונדען, איינגעטונקט אין יסורים—אַזוי איז ער אָבגעלעגען יאָהרען לאַנג אין זיין צופאַלען שטיבעלע, וואָס האָט איטליכען טאָג געקענט צושאָטען ווערען. קיין צרה האָט איהם ניט גענומען, און וואָס פאַר אַ ניי אומגליק עס פלעגט אויף איהם ניט קומען, פלעגט ער אַלץ האָבען אַן איינציג שפּרוּכעל: גם זו לטובה. רייכער איז ער פון דעם שפּרוכעל ניט געוואָרען, געזינדטער אויך ניט, אפשר נור אַ ביסעל ווייניגער אומגליקליך. און דאָס יודישע פאָלק, וואָס האָט זיך ניט געקענט אָנוואונדערן אויף ר' נחומ'ס קאַלטבלוטיגקייט, האָט איהם גענומען פאַר זיך צום מוסטער.. אָבער איין זאַך האָבען די יודען פערגעסען, אַז דאָס, וואָס קען נאָך מאַכען אַ ביסעל ווייניגער אומגליקליך אַן איינצעלנעם מענשען, העלפט ווייניג וואָס אַ גאַנץ פאָלק. און אומגליקליך איז דאָס פאָלק, וואָס קומט אָב זיינע יאָהרען מיט'ן גם זו לטובה.

יעדער דור איז ניט נור פעראַנטוואָרטליך פאַר זיך אַליין; ער ברענגט אַרויס נייע דורות, וואָס וועלען לעבען אין אַנדערע אומשטענדען, אין אַן אַנדער בילדונגס-צייט. און ווער ווייס, אויב די נייע דורות וועלען ניט שעלטען די טאַטעס, וואָס האָבען ניט געהיילט די וואונדען, וואָס האָבען ניט פערריכט דאָס שטיבעל און זיי נאָך געגעבען בירושה אַן אַלטע קריינק?

געהענדיג פאַרביי די יודישע שולען אין דעם טאָג פון תשעה באב, דערמאָהן איך מיך אָן די ווערטער פון דעם קעניג פריעדריך דעם גרוי-

סען, וועלכער האָט מיט פֿעראַכטונג און פֿערוואונדערונג געקוקט אָויף זיינע יודען אין פּרייסען, וואָס קענען הונדערטער יאָהרען וויינען אויפֿן חורבן און זענען ניט בוכה אַפּילו איין שטיין אַרויפֿצולעגען אויף די אַמאָליגע חורבות. אין דעם, ווי זיי קוקען אויף אונזערע קינות, ליגט דער גאַנצער הילוק צווישען אַ פֿאָלק, וואָס חלומט פֿון אַמאָליגע צייטען און צווישען אַ נאַציאָן, וואָס לעבט פֿאַר אַ צוקונפֿט; צווישען אַ פֿאָלק, וואָס האָט אַ קלאָג אָבער ניט קיין רצון, און צווישען אַ נאַציאָן, וואָס פֿערגעסט אין די עלטערע יאָהרען די אַלטע היסטאָריע, ווייל עס בעשאַפֿט אַ לעבענדיגע.

ניט אויף דעם אַמאָליגען חורבן זאָלען מיר קלאָגען, ניט אויף די מויערען, וואָס זענען פֿאַר צוויי טויזענד יאָהר געשפּאָלטען געוואָרען, ניט אויף די נהרגים אויף קדוש השם, — נאָר אויף דעם, וואָס מיר זענען בעלי־חלומות אָהן אַ שטיקעל ווילען, אַ שוואַך פֿאָלק, וואָס איז נור בוכה צו לעבען מיט דער טויטער געשיכטע, און איז ניט אומשטאַנד צו בעשאַפֿען אַ לעבעדיגע. אָט דער קלאָג וואָלט אפשר נאָך צו עפּיס פֿיהרען.

# די גרויסע שטאדט.

די גרויסע שטאָדט האָט געמאַכט פֿון דעם פֿאַרצייטיגען יודען אַ תּל.

אייגענטליך האָט זי פֿון איהם קיין זאַך נישט גענומען. אַדרבה, זי האָט איהם געגעבען שטיקער ערד צו בויען די שענסטע שולען. זי האָט איהם געבראַכט די בעסטע לולבים, די כּשרסטע אתרוגים, דעם בעסטען שופר און דעם גרעסטען חזן. אַלץ, וואָס מען קאָן קויפֿען פֿאַר געלד, האָט זי איהם געגעבען מיט אַ ברייטער פֿולער האַנד. גיעה און קלייב, — און דו בעקומסט דאָס מהודרסטע פֿון די מהודרים, דאָס בעסטע און שענסטע, אין וואָס עס נויטיגען זיך דיינע כּלי־קודש. און ווילסט דו האָבען אַ שענעם מענטעלע פֿאַר'ן אָרון קודש, אָדער אַנ'עדעלען געשניצטען אָרון קודש — נאַ, אָט האָסטו די שענסטע שטיקערייען, די קונציגסטע שניצערייען. פֿאַר געלד קריעגסטו אַלץ, וואָס דו ווילסט, און גיעה, קויף און בעפּוץ דיין פֿרומע יודישע וועלטעל מיט די שענסטע און רייכסטע ציערונגען.

נאָר איין זאַך קאָן די גרויסע שטאָדט נישט געבען: רחבות, ברייטקייט, רוים.

און די יודישע פֿרום־פֿאַרציטיגע וועלטעל ווערט אַריינגעשפּאַרט

צווישען ענגע פיער איילען, אין אַ שמאָלען קבר, וואו עס איז אונמעגליך זיך אַ קעהר צו טון.

אַנדערש איז אין די קליינע פערדומפטע שטעדטעלעך. דאָרט פעהלט אפשר דער פרומער וועלטעל דער גאַנצער פוץ, דערפאַר איז דאָ דאָס ביסעלע רחבות. די יודישע פרומע וועלט האָט חוץ איהרע שולען און קלייזלעך, נאָך אַ גאַס, אַ ברייטע פרייע גאַס פאַר זיך. קומט אַ יודישער יום טוב, קומט עפּיס אָן אַ צייט, ווען אַ העכערער רעליגיעזער געפיהל הויבט אויף אַ ווילע דאָס יודישע האַרץ, — שפּרייט זיך דאָס אויס פון שטוב און קלויז אויף די גאַסען. און ווי ענג עס זאָל נישט זיין אין די קלויזען ביי אַ „נתנה תוקף", אָדער ביי אַ „כל נדרי", — די זיפצען בלייבען נישט פערשטיקט צווישען די פיער ווענד. זיי מישען זיך אויס מיט דעם שטעדטעל אַרום, זיי טרעפען זיך צוזאַמען צווישען הימעל און ערד מיט די אייגענע זיפצען פון אַנדערע קלויזען.

און בעת דער קול פון אַ וואַרשעווער שופר מישט זיך אויס מיט דעם קלונג פון אַ טראַם, דעם קוויטש פון אַ „קויטשעל" און דעם זעץ פון פערדישע פּאָדקעוועס אָן ברוק, בעת די טיעפע, טרויעריגע, יאָמערדיגע טענער פון אַ כל נדרי" ווערען פערטרונקען פון דער רוישענדיגער קאָכעדיגער צורודערטער שטאָדט, — ציעהט זיך דער „כל נדרי" איבער די קליינע יודישע שטעדטעלעך האַרמאָניש און רוהיג וויט, וויט ביז צום טייך, ביז צו די פעלדער הינטערען טייך, וואו זיי פליעסען צונויף מיט די שטילע פערסודעטע טענער פון דער אַרומיגער נאַטור. —

רחבות פעהלט דער גרויסער שטאָדט, ברייטקייט, רוים, דאָס צוזאַמענפליעסען פון דער רעליגיעזער שטימונג מיט דער אַרומיגער נאַטור.

עס געהט אַן אַלטער שפּרוך, „אַז אַ ערב יום כפור ציטערען אַפילו די פיש אין וואַסער". גלויבט מיר, דעם דאָזיגען שפּרוך האָט נישט אויסגעטראַכט דער יוד פון דער גרויסער שטאָדט. דאָס האָט נאָר געקאָנט פיהלען דער יוד פון קאַבצאַנסק, ביי וועמען די יום-טוב-שטימונג האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דעם גאַנצען שטח פון דער אַרומיגער נאַטור, ביז צו די פישעלעך אין וואַסער, וואָס פערוואַרפען די עקלעך ביין ברעג פון טייך גנילאָפּיאַטאָווקע.

איטליכע זאַך פאָדערט פאַר זיך אַ געוויסע מאָס רוים, אַז דאָס

זאָל קאָנען אַרויסשיינען פון אַלע זייטען. נעהמט דאָס שענסטע פרויען־צימער און שטופט עס אַריין אין אַנענגען שמאָלען ווינקעל, און אַ העלפט פון איהר גאָט־געבענטשטער שענקייט געהט לאבוד, ווערט צוּרונען. דאַמיט, אַז די סטאַטוע פון אַ קאָפּערניקוס, וואָס אַ וואַרשעווער קאָן זעהען אַלע טאָג, זאָל אַרויסלייכטען אין איהר גאַנצער שענקייט, — מוז זי האָבען פאַר זיך אַ ברייטען פרייען פּלאַץ אַרום. אין ענגשאַפט, אין דעם שמאָלען ווינקעל פון פיער ענגע קריענט אַלץ אַנאָרעמען, דערשלאָגענעם אויסזעהען, עפּיס אַ־פּנים פון אַ נעבעכעל.

און אין ענגשאַפט אָהן אַ טראָפּעלע רחבות שפּיעלט זיך אָב דאָס לעבען אין וואַרשאָ פון דעם פּרומפּאַרצייטיגען יודישען וועלטעל.

איהר, די אַלטע, די פאַרצייטיגע, איהר קלאָגט זיך אויף דעם, וואָס עס ווערט צעפאַלען און צעפּרעקעלט די אַלטע פרומע פאַרצייטיגע וועלט. מיינט נישט, אַז די רעד פון די אַפּיקורסים אָדער די קריטיק פון די משכּילים האָבען אייער וועלט צעבּרעקעלט. אייער גרעסטער שונא איז די נייע צייט מיט די נייע גרויסע שטעדט, וועלכע מעסט צו פאַר אַלטע מנהגים נישט מעהר פּלאַץ, ווי פאַר אַ פערקויפערין ביי דער „זשעלאַזנאַ בּראַמע". די גרויסע שטאָדט פיהרט נישט קיין ויכוחים מיט אייך, זי וויל נישט וויסען, ווער עס איז גערעכט, צו דער בעל־עקרים, צו דער „בית יהודה". זי קריעכט נישט אַריין אין אַ טיעפען קלער וועגען די הייליגקייט פון די אַלטע מנהגים, וועגען זייער ניצליכקייט און זייער הערצענס־פּאָעזיע א. אַז. וו., — זי נעהמט נאָר צו ביי דער אַלטער פאַרצייטיגער וועלט מיט איהרע אַלטע מנהגים די ביסעלע לופט, דאָס ביסעלע רחבות און דערשטיקט זי ביסלעכווייז, ביסלעכווייז אָהן רחמנות, מיט דער קאַלטקייט פון אַ גרויסען פּרעס, וואָס פּרעסט און פּרעסט און ווייס נישט קיין אַנדער עסק, ווי נאָר צו פּרעסען און שטיקען...

אַלע אַלטע רעליגיעזע און פּאָעטישע מנהגים זענען בעשאַפען געוואָרען אין די אַלטע, אַלטע צייטען, בעת די וועלט איז נאָך געווען גרויס און ברייט, בעת אַ אַבּרהם האָט געקאָנט זאָגען צו אַ לוט: גיעה דו זיך אַהין, און איך וועל געהן אַהער.

ווען איהר קוקט זיך צו טיעפער צו וואָס עס איז פאַר אַ מנהג, ווי למשל צו דעם מנהג פון זיצען אין אַ סוכּה, פיהלט איהר באַלד, אַז דער מנהג איז געבאָרען געוואָרען צו אַ צייט, ווען מען האָט נאָך נישט געוואוסט פון ספּעקולאַציעס אויף פּלעצער, בעת אַ קוואַדראַט־מעטער ערד האָט

געקאָסט נישט מעהר, ווי היינט אַ בילעט אויפ'ן טראַמוואַי. איהר פיהלט, דאָס דער מנהג, וואָס בעפיהלט איטליכען צו זיצען אין אַ סוכה האָט געהאַט צו טון מיט אַ פאָלק, וואָס האָט ליעב געהאַט די לופט אין די זון, וואָס האָט געהאַט גערטנער און ווייַנגערטנער און מיליאָנען ווילדע, פריי־שע בוימערצווייגען, פון וועלכע מען פלעגט זיך פלעכטען אַ סוכה, אונ־טער אַ בלאָהען וואַרעמען הימעל, ווי היינט אַ רינגעלע אויף לולב. פון איטליכען מנהג לייכט אַרויס אַ ברייטע וועלט, אַ פרישקייט, אַ יוגענד, אַ צייט, ווען די מענשען האָבען נאָך נישט געוואוסט, אַז רחבות קאָסט געלד, אַז פרייע ברייטע לופט איז אַ גוטס, וואָס ניט איטליכער פערמאָגט דאָס.

און אַ נעבעך־פנים קריגט אָט דער דאָזיגער מנהג, ווען מען נעהמט און צווינגט איהם צו פיהרען אַ לעבען צווישען די ענגע קאַזאַרמע־ווענד פון אַ היינטיגער וואַרשעווער הויז. די סוכה אין וואַרשא האָט עפּיס קיין פלאַץ נישט. נישטאָ קיין אָרט פאַר איהר. נישטאָ אַפילו קיין גרינער סכך (טאַנען־און פיכטען־בוימלעך) פאַר איהר. גאַנצע וועלדער וואָלט מען געמוזט אויסהאַקען, אום צו בעפרידיגען די וואַרשעווער ידען מיט סכך אויף די סוכות. און אַ וואַרשעווער סוכה בויט זיך איבער דעם הויפּ־רינשטאָק, פון פערשיידענע קאָליערטע ברעטלעך און ווערט צוגעדעקט מיט עפּיס אַ געלען געפלאָכטענעם מאוס'ן דעכעל, פון וועלכען עס פאַלען געלע פערדאַרטע נאָדעל־בלעטלעך.

פון אַ ווייטע פרייע לאַנד זענען געקומען צו אונז אַ סך פון אונ־זערע שענע יום־טוב־מנהגים. דער טיעפערער דערקענט אין זיי דעם אָרט, פון וואַנען זיי שטאַמען אָב, זייער עדעלען גזע, זעהט, וויפיעל לופט, ווי פיעל רחבות זיי פאָדערען פאַר זיך; פיהלט, אַז ווי אַליין, וואָס איז שען, פאָדערט עס אַ פרייען ברייטען פלאַץ פאַר זיך. אין דער גרויסער שטאָדט ווערען זיי מאוס בעהאַנדעלט, זיי פערליערען זיך, זיי ווערען אָן זייער חן, זיי זעהען אויס ווי פערוואָגעלטע אין אַ פרעמדע לאַנד.

אין דער גרויסער שטאָדט איז דאָס אַלטע יודענטום אין דאָפּעל־טען גלות. די שענסטע בלעטער האָט אָבגעריסען פון יודישען פרומען פאַרצייטיגען בוים דער יודישער גלות, און דאָס, וואָס בליהט נאָך צייטענווייז פון אונזערע מנהגים אין די קליינע שטעדטעלעך, נעהמט צולעצט צו די גרויסע שטאָדט.

צי פיהלען אונזערע אמת'ע פרומע דעם צווייטען גלות, דעם

גלות השכינה אין דער גרויסער שטאָדט? צי פֿערשטעהען זיי, אַז דאָס, וואָס אונזער נאַציאָנאַלע בעוועגונג שטאַרקט זיך אַזוי אין דער לעצטער צייט אויך אין די פֿרומע קרייזען, — האָט מען דאָס צו פֿערדאַנקען דער ענטוויקלונג פֿון דער גרויסער שטאָדט, וואָס פֿערניכטעט אויך די לעצטע הייליגקייט פֿון אַלטען יודענטום, די הייליגקייט פֿון אַ יודישען יום־טוב?

צי ריהרט זיך עפּעס שוין אָט אין די קרייזען דער נאַציאָנאַלער יודישער וועהטאָג, וואָס נעהמט זיך דערפֿון, דאָס אַלץ, אויך דאָס שענסטע און הייליגסטע, קריגט עפּיס ביי אונז אַ פּנים פֿון אַ אָרעמען נעבעכעל? ווער ווייס?

# פּסח־שטימונגען.

איטליכֿעס מאָל, ווען עס קומט מיר אויס צו זיצען פּסח ביין סדר אין אַ פּאַרצייטיגען אַלטמאָדישען פֿרומען הויז, הויבט אָן אין מיר עפּעס צו זינגען און צו זאָגען, און מיין האַרץ פֿיהלט זיך אָן מיט גאוה.

דער „ישראל סבא", דער אַלטער גרייז־גראָהער ישראל זיצט פֿאַר מיר. איך פֿיהל מיין אַלטען גרייז־גראָהען יחוס, איך שטאָלציר מיט מיין גזע, ווי אַ זוהן פֿון אַנ'אַלטער דינאַסטיע, און מיינע אויגען בלאָנדזשען צווישען אַלטע, גרייז־גראָהע צייטען, ווי אַ היימישער, ווי אַנ'איינענער, צווישען אייגענע, ווי אַ זקן צווישען זקנים.

עס זינגט אין מיר: דו ביסט אַ יוד, אַ יוד... דו ביסט אַ קינד פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט דורכגעוואַנדערט אַ גאַנצע וועלט. ערגעץ וואו טיעף לעבען אין דיר די זכרונות פֿון עגיפּטישע פּיראַמידען, פֿון ריעזען־גרויסע ספֿינקסען, פֿון זונענגערטנער און אַפּיסען, פֿון שטעדט מיט וואונדערליכֿע טירען און טויערן, פֿון בית־עלמינ'ס מיט שטיינערנע און מאַרמאָרנע אַרונות, פֿון שענע קרעפֿטיגע מענשען מיט פּנימ'ער ווי פֿון עלפֿענביין, פֿון שענע צאַרטע פֿרויען מיט דינע פֿיינע הענד, געטאָקט ווי פֿון עלפֿענביין.

עס זינגט אין מיר: אַ פּרינצעסין האָט דיין פֿיהרער דעם ערשטען

קוש געגעבען, אַ קעניג האָט איהם אויף די הענד געטראָגען, שטעדט און פּאַלאַצען האָבען געבויט דיינע עלטער-עלטער זיידעס, אין האַרטע פעלזען האָבען זיי איבערגעלאָזען טיעפע אייביגע סימנים, זייער הויט איז פון אַ הייסער זון פערברוינט געוואָרען און אין די מאַרך פון זייערע ביינער האָט געפלאָסען די קיהלקייט פון אַ נילוס, דער ריח פון וואונדערליכע פרעמדע ברייט-בעבלעדיגע געוועקסען, דאָס גערויש פון שטילע געדיכטע פּאַלמען-וועלדער.

עס זינגט אין מיר: דו ביסט אַ יוד, אַ יוד, אַ יוד... די אַלטע פאַרצייטיגע חרטומים מיט זייערע וואונדערליכע טורבאַנען אויף די קעפּ זענען דיר געווען אַזוי בעקאַנט, ווי אַ היינטיגער בישאָף אָדער אַ קאַרדינאַל מיט זיין רויטען הוט; און דער קלאַנג פון אַן עגיפּטישען מעמנאָן-טעמפּעל איז דיר נישט וועניגער בעקאַנט ווי דער קלאַנג פון די גלאָקען אין אַ קאַטוילישער תפלה. אין דיין טויזענד-יאָהריגען גלות האָבען זיך אין דיין גייסט אָבגעשפּיגעלט אָהן אַ סוף פעלקער, קולטורען און רעליגיאָנען; דו טראָגסט מיט דיינע אייגענע זכרונות נאָך די זכרונות פון אַלע די, וואָס האָבען געלעבט מיט דיר און אַרום דיר. דו ביסט אַ שטיק לעבעדיגער „ספר הזכרונות“ דו ביסט די געשיכטע אַליין און אין איטליכען לעבענס-קעמערל פון דיין געטליכען גוף, ליגט פערצייכענט אַ גאַנצער „דברי הימים“.

דו ביסט אַ יוד, אַ יוד, אַ יוד; אַ וואונדערליך פאָלק, וואונדערליך פאַר זיך, וואונדערליך פאַר דער וועלט. דו ביסט אַ קינד פון'ם אויסדערוועהלטען פאָלק, וואָס איז אויסדערוועהלט געוואָרען צו אַ לאַנגען, משונה-לאַנגען לעבען; וועמען עס איז בעשערט געוואָרען ביי איטליכען קניפּעל, וואָס די וועלט-געשיכטע מאַכט, צו שטעהן אין רעכטען מיטען, אין סאַמע געדיכטען; וואָס איז אַן אייביגער בעל יסורים, צוליעב זיין אייביגען לעבען.

* *
*

און וואָס ווייטער עס זינגט אין מיר, אַלץ שווערער, שוואַרצער ווערט די מעלאָדיע: איך פיהל די משא פון אַן אייביגען לעבען, דעם שווערען יאָך פון צו זיין אַ לעבענדיגער „ספר הזכרונות“.

און ווען מען פילט אַן אליהו הנביא׳ס כּוס, און דורך די אָפענע טיר פליהט אַרויס אויף דער וועלט דער „שפוך המתך“, קומט צו אַ בייעס געפיהל, דאָס ביטערע געפיהל ,צו זיין אַ ספר הזכרונות, וואָס פערצייכענט אויף איטליכען בלעטעל אַלץ די אייגענע יסורים. דען אין „שפוך המתך“ קלאָגט זיך מיין פאָלק דרויף, וואָס מען קען נישט זיין העכסטעס, זיין היילינגסטעס, זיין גאָט. ווער עס קען אָבער נישט דעם גאָט פון אַ פאָלק, קען אויך דאָס פאָלק נישט... און מען קען אונז נישט, מען וויל אונז נישט קענען, און וואָס איז נאָך ערגער: מיר ווילען זיך אַליין נישט קענען.

צו אַלע צייטען האָט אויפגעפלאַקערט ביי אונז דער צאָרען געגען די, וואָס האָבען אונז געפייניגט און זיך געבאָדען אין אונזער בלוט. דעם „שפוך המתך“ האָט שוין אַ בר כוכבא געזאָגט: דאָס גאַנצע מיטעלאַלטער אַ דורך האָט טיעף אין די יודישע הערצער געקלונגען דער ווילד־צאָרניגער „שפוך המתך“, און איצט ווען מיר גרויסען זיך מיט׳ן קלוגען 20־טען יאָהר־הונדערט, קלינגט ער פון דעם הגדה־זאָגער׳ס ליפען מיט דעם אייגענעם אַמאָליגען כעס.

און וואָס עס איז נאָך ביטערער פאַר אַלץ: עפּעס אַ נייע נאָטע איז צוגעקומען צו איהם. דער „שפוך המתך“ בעציהט זיך שוין נישט אויף „זיי“ אַליין, זיי גרייכען אויך צו די אייגענע, די נאָהענטע, די ברידער פון איין פאָלק, וועלכע צופאַלען און צופוילען און פערלייקענען דאָס יודענטום, דאָס יודישע פאָלק מיט נאָך אַ גרעסערע עקשנות, ווי די פרעמדע פעלקער. אמת, עס ווערט נישט געזאָגט פסח ביי דער הגדה, דערפאַר אָבער קלינגט ער אַרויס פון צעהנדלינגער ווילד־פלאַקערנדע ביאַליק׳שע שירים, און פון הונדערטער פאָליטישע נאַציאָנאַלע רעדען, וועלכע ווערען געזאָגט נישט ביי׳ן סדר נאָר אויף עפענטליכע בימות. דער „שפוך המתך“ איז געוואָרען די מעלאָדיע פון אַ גאַנץ יאָהר, ער האָט זיך צוגאָסען אין אַלע אונזערע גליעדער, ער האָט זיך ווי אַ גיפט צוטראָגען דורך אַלע אונזערע בלוט־אָדערען. עס פלאַמט און פלאַקערט אין אונז אַ ווילדער כעס, אַ כעס אויף די וועלט ,אַ כעס אויף זיך אַליין, אַ כעס אויף דעם גאָט, וואָס האָט, ווי פערגעסען זיין צוזאָג אויף אַ דערלייזונג.

* *
*

די טיר איז אָפען, דער אליהו־הנביא'ס כוס איז פול, דער מלך אין מתים־קיטעל הויבט זיך אויף פון דער הסבה־בעט, און הויך און קרעפטיג שרייט ער אַרויס זיין „שפוך חמתך". די קליינע קינדער, מיט אויפגערעגטע פנימ'לעך וואַרטען אויף אַ וואונדער: אליהו הנביא וועט באַלד אַריין, דער גרייז־גראָהער אליהו, דער פייערדיגער רייטער, דער שטאַרקער, צאָרניגער, דער צופלאַקערטער נביא, דער גרויסער שולטער מיט אַ האַרץ וואָס צוגעהט פון רחמנות, מיט שווערע גראָהע ברעמען איבער די שוואַרצע אויגען. די וועלט איז ווי אַ צוקאָכטער ים, און דאָס יודישע פאָלק איז ווי אַ שפענדעל אין זיינע ווילדע גרויזאַמע וועלען־הענד. אליהו הנביא מוז קומען!

עס מוז קומען אַ נס, עס מוזען געענדערט ווערען די מעשי בראשית, דאַמיט דאָס פאָלק זאָל נישט אינגאַנצען כלה ווערען. אַ נס מוז געשעהן, אליהו הנביא מוז קומען!..

— דער מלך אין מתים־קיטעל האָט געענדיגט זיין שפרוך, ער זעצט זיך צוריק אויף די ווייכע קישענס, די טיר איז ווידער פערריגעלט, און נאָך לאַנג, לאַנג קוקען די קינדער אויף די פערמאַכטע טיר. מען האָט זיי ווידער אָבגענאַרט, קיין נס איז נישט געשעהן! נישטאָ קיין נסים, אליהו הנביא האָט נאָר זיין מאַנטעל אויף דער ערד איבערגעלאָזען. דער פייערדיגער רייטער איז ווידער נישט געקומען...

* *
*

איך בין אַ יוד, אַ יוד, אַ יוד... און מאַך איך אַ בעוועגונג, דוכט זיך מיר אויס, אַז טויזענדער עלטער־זיידעס פאַר מיר האָבען שוין דאָס אייגענע געמאַכט. מיין לאַנגע היסטאָריע האָט אויסגעפוצט די קאַמערן פון מיין האַרצען מיט טויזענדער שפיגלען, און טו איך עפּעס, טוען עס גלייכצייטיג טויזענדער, טויזענדער נאָך.

איך בין אַ יוד, און געה איך אַרויס אויף די גאַס זוכען מיין שטיקעל היונה, בין איך אַיינזאַם ווי אַ שטיין אָהן אַנ'אייגען לאַנד,

# אַ יוּד עמיגריוט.

מיר האָבען ווידער עמיצען בעגלייט, וואָס געזעגענט זיך מיט רוסלאַנד אויף עטליכע יאָהר און אפשר אויף שטענדיג. מאַנכע האָבען איהם מקנא געווען; מאַנכע אָבער האָבען געקוקט אויף איהם מיט מאַטע אומעטיגע בליקען.

הינטער מיין רוקען האָב איך דערהערט רעדען אַ בעקאַנטען קול:

„אַ יוד זיצט, זיצט אויף איין אָרט, מיט איינמאָל קומט אָן אַ שוואַרץ יאָהר, דערלאַנגט איהם אַ הויב אין דער לופטען און שיקט איהם אַבריטטען גלות. מיינען מיינט ער, אַז ער פאָהרט קיין לאָנדאָן, ניו-יאָרק, טשיקאַגאָ. אין דער אֶמת'ן אָבער איז ער עפּעס שוין ווי אַ שטרויעלע אין ווינד, וואָס וואַרפט איהם אויף אַלע זייטען, אַהין און אַהער. מיינען מיינט ער, אַז אין לאָנדאָן, למשל, וועט ער ווערען אין גיכען אַזאַ תּושב, ווי אין מינסק, פּינסק אָדער סמאַרגאָן. מיט'ן גאַנצען האַרצען ווילט זיך איהם ווערען אַנ'איינגעזעסענער, אַנ'איינגעוואָרצעלטער. אין דער אֶמת'ן אָבער הויבט זיך אָן מיט זיין ערשטען עמיגראַציאָנס-טאָג אויף דער טאָג פון צו זיין אַ נע-ונד'ניק. פון לאָנדאָן ווערט ער געשליידערט קיין אַמע-ריקאַ, און פון אַמעריקאַ קיין יאָהאַנעסבורג און פּאָטשעסטראָם. אַ יוד, וואָס האָט ביז צו פערציג יאָהר קיינמאָל אַ מנחה נישט פערפעהלט אין זיין שולכעל, וואו ער האָט בירושה „אַ שטאָט“, — ווערט מיט אַ מאָל אַ וועלטרייזענדער, אַ נייער בנימין פון טולעדאַ, וואָס נעכטיגט נישט אין

דעם אָרט, וואו ער האָט נעגעל געוואַשען, וואָס, זעצענדיג זיך צום טיש, ווים ער נישט, וואו ער וועט בענשען דערנאָך".

דער קול בייט זיך און אַן אַנדערער, אַ גיפטיגער רעדט:

„איך האָב געקענט אַמאָל אַ מלמד אין נעסוויזש, וואָס האָט אַ גאַנצען טאָג געקנעלט מיט די תּלמידים; אין די פרייע צייט פלעגט ער זיין אַ חלפן פון אַלטע זייגערס. ער איז געווען אַ גרויסער מבין אויף „זייגער-געוועהר". חוץ דעם האָט ער געגרינדעט אַ חברה צו שרייבען אַ ספר תּורה אויף קלף, וואָס האָט געדאַרפט אין אַ משך פון אַ דור צו-זאַמענקלויבען דאָס נויטיגע געלד. פרייטאָג פלעגט ער גיין אַליין קלייבען די „וואָכער". מאַכט זיך אַ מעשה, אַז דאָס שטעדטעל ברענט אָב. און מיין נעסווישער מלמד קריגט פון עפּיס אַ קאָמיטעט אַ סך מזומנים, אפשר אַ גאַנצען הונדערטער... און מיין מלמד פאָהרט קיין אַמעריקא זוכען גליקען. כּאשר בכן זיינער אַ בעקאַנטער איך אַ מלמד איז דאָרט אַן עושר געוואָרען, פון דעם טאָג אָן הויבט זיך אָן פאַר'ן מלמד פון נעסוויזש אַ נסיעה אַרום דער וועלט. פון „קעסעל גאַרדען" לאָזט מען איהם אין אַמעריקא נישט אַריין, מיט אַ לאַבען ברויט און 2 הערינג לאָזט ער זיך קיין טראַנסוואַל. אָבער אונטערוועגס ערקלערען איהם גוטע פריינד, אַז מיט זיינע קראַנקע אויגען קען ער נאָר אַריין אין אַרגענטינא. הוזק-מאַכער דערצעהלען, אַז דער נעסווישער מלמד פאָהרט נאָך עד היום אַרום, איבער די ימים. דאָס איז אַ מין נייער „פליעגענדער האָלענדער" נאָר מיט טלית און תּפילין און אַ כשר'ן גאָפּעל-מעסער דערצו.

די מעשה געפעלט. דער עולם, וואָס איז זיך נעקומען געזעגענען, צולאַכט זיך. אָבער אין זייער לאַכען קלינגט עפּיס פאָרט נישט קיין פרעהליכקייט.

און אַ דריטער הויבט אָן:

„בעקומען היינט אַ בריעף פון ל. ש. נאָכ'ן קיעווער פּאָגראָם איז ער אַוועק כּמעט הויל און נאַקעט אין לאָנדאָן. מיטגענומען נאָך מיט זיך זיין איינציגען גוטען פריינד אַן אַלטע קראַנקע מוטער. ער הונגערט דאָר-טען, און מאַכט עפּיס פּלענער צו פאָהרען קיין ניויאָרק. זיינע גוטע פריינד, — אויך הונגערליידער, — רופען איהם קיין יאָהאַנעסבורג. אַ חבר אַ ציוניסט פערלאַנגט, ער זאָל פאָהרען קיין פילאַדעלפיע אַרויסגעבען מיט איהם צוזאַמען אַ „ציוניסטישען קעמפּפער". קיין געלד איז נישטאָ, נאָר זיין חבר האָט זיך אויסגעלערענט זעצעריי, און מען וועט פער-שפּאָרען ביי דער צייטונג הוצאות אויף זעצער. אין בריעף בעקלאָגט ער

זיך, וואָס מען קען נישט געהן איבער'ן ים צו פוס. סיידען ווערען אַ הייצער איפ'ן שיף. אָבער וואו לאָזט מען דעם איינציגען גוטען פריינד — די אַלטע קראַנקע מאַמע?"

דער צווייטער „וואָנאָק". מען געזעגענט זיך. מיין קאָפּ איז פול און דול, איך ווייס שוין אַליין נישט, וואו אַהין ער פאָהרט דער עמיגרירער, וועלכע מיר זענען געקומען בעגלייטען, פאָהרען פאָהרט ער אייגענטליך אין היידעלבערג, אָבער צי קען מען נישט אָבגעבען דורך איהם אַ גרוס ל. ש. י. ה. ב. אין לאָנדאָן, אָדער מיין קאָלעגע דר. א. אין באַלטימאָרע?

דער וואַגאָן הויבט אָן זיך צורירען און איך שריי איהם צו: גריסט אַלע יודען, און ווען איהר וועט זיך אָנטרעפען אין קאַנאַדאַ צי אין אַרגענטינאַ מיט איינעם פון אונז — דערשרעקט זיך נישט. מיר האַלטען אויך ביי'ן פאָהרען... גריסט אַלעמען... און פערגעסט נישט אָן מיין שוועסטערקינד אין יאָהאַנעסבורג!..

# ד״ר מאַנדעלשטאַם.

אָקאָרשט האָב איך דורכגעלײענט ד״ר מאַנדעלשטאַמ׳ס רעדע צו דער בריסעלער קאָנפֿערענץ. און אַ װאונדערליך געפֿיהל האָב איך דערבײ דורכגעלעבט. זאָגט װאָס איהר װילט... אָבער דער מאַן מיט די גרין-גראָהע פּראָפֿעסאָרען-לאָקען אױפֿ׳ן נאַקען, מיט דעם אַריסטאָקראַטישען שמאָלען לאַנגען גראָהען באָרד, דער מאַן מיט די גרין-בלאָהע אױגען און די טױזענדער קנײטשען אַרום, — איז יונגער פֿאַר אונז אַלעמען... װער װאָלט דאָס גלױבען, אַז דער הײסער טאָן אין דער רעדע שטאַמט פֿון אַ זיעבציג-יאָהריגען? און צי הערט זיך נישט אין איטליכען װאָרט זײנעם דער װעהטאָג פֿון אַ פֿרישער יונגער נשמה, די אױפֿגערעגטע שטימע פֿון אײנעם, בײ װעמען עס איז נאָך נישט אָבגעשטאָרבען קײן אײנציגעס לעבענס-קעמער׳ל?

מיט שטאַרקע פֿאַרבען, געמישט מיט׳ן פֿרישען רױז-רױטען בלוט פֿון האַרצען, מאָלט ער אונז אַ בילד פֿון דער צופֿאַלענער יודישער װעלט, װאו עס מישען זיך אױס אָרעמע בעטלער מיט צופֿלאַקערטע אידעאַליסטען, רױטע פֿאָהנען מיט געלע גלות-לאַטעס, צופֿלאַמטע נביאים פֿאַר פֿרעמדע פֿעלקער אינאײנעם מיט װילדע פֿאַנאַטישע בר-מצוה-קינדער. דער געטאָ-יוד מיט אַ גוף פֿון אַ שװעמעל מיט נערװעזע הענד פֿון אַ פּיאַנאָ-שפּילער און אַ גרױסען בלײכען צושױבערטען גאוני׳שען װאַסער-קאָפּ שװעבט איבער אַ צופֿאַלענע אונגליקליכע יודישע װעלט און איטליכעס אבר אין איהם זינגט שירה, שירה פֿון רעװאָלוציע, שירה פֿון עלענד, פּײן, נױט און דחקות, שירה פֿון אַנ׳אױפֿלעבונג און שירה פֿון אַ

בלינדען בעטלער, וואס מוז אייביג בייטען זיין גאט און אייביג זיך צופאסען צו נייע גאסען...

איך זיץ און קלער: פון וואנען האט זיך גענומען צו אונז אזא מענש, ווי ד"ר מאנדעלשטאם, וואו האט ער זיין קינדהייט פערבראכט, וואו האט ער פערלעבט זיינע סטודענטישע יאהרען? א שטעדטעל זשאגער קומט מיר ארויף אויפ'ן זינען. אמאל איז עס געוועזען א נעסט פון השכלה. חיים זאק, שניאור זאקס זענען געוועזען די זיילען פון דער דאָזיגער השכלה.—

איך דערמאהן זיך דייטשלאנד אין די זעכציגער יאהרען, בעת דער יונגער סטודענט מאנדעלשטאם האט מיט גרויס התמדה זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון א דיובאא-ריימאן, ווירכאוו, טרויבע, קאנהיים, יאקאבזאהן און אנדערע הויכע גייסטער, וואס זענען געווען און געבליבען די שענסטע בלומען פון דייטשען ליבעראליזמוס זייט 1848. און אויך די גליקליכע שענע צייט פון די 70-ער יאהרען אין רוסלאנד קומט מיר ארויף אין זכרון: די צייט בעת א מיכאילאווסקי, סאלטיקאוו, אוספענסקי און אנדערע האבען געלויכטען אלס איינזאמע שענע שטערען איבער'ן שטומען מדבר פון רוסישען לעבען. און זיך דערמאהנענדיג אלעס דאס, בין איך מקנא דעם אלטען מאנדעלשטאם, הויב איך אן פערשטעהן די פרישקייט און דאס יונגע הארץ זיינע; וואונדער איך זיך שוין נישט, וואס אין דעם צופאלענעם יודישען לעבען צווישען די גאונ'ישע וואסער-קעפ אויף קערפער-שוועמלעך שטעהט ער העכער, פרישער, געזונטער און שענער ווי מיר אלע. זיין לאנגער לעבענס-וועג איז געלעגען צווישען די שענסטע מענשליכע שעפונגען. דער עכטער הומאניזמוס, די הויכע ריינע ליעבע צום מענשען האט איהם שוין בעגלייט פון זיין אן. געמישט מיט א פערשעמטען פנים פון א זשאגארער משכיל, דערנאך מיט דעם ליכטיגען פנים פון א ווירכאוו, טרויבע און אנד. און גאר שפעטער האט ער מיטגעמאכט א צווייטע השכלה-פעריאדע, די השכלה-צייט פון די רוסישע נאראדאוואלצעס, פון מיכאילאווסקי, סאלטיקאוו א. ז. וו.

און אנאנדער וועג האבען מיר דורכגעמאכט, — מיר די יונגערע. שוין פון יוגענד אן האט מען אונז פערסמ'ט די קינדישע געפיהלען פון טרייקייט, ליעבע און פריינדשאפט. ווי א גרויזאמער גאט פון אשור און בבל קיניגט איבער אונז מיט דער נאגייקע אין האנד דאס סאציאלע געזעץ. דער מענש איז גאר נישט, — די מאסען — אלעס. מיר זענען אזוי קלוג, אז מיר ווייסען שטענדיג מיט א יאהר פריהער, ווען מען וועט

אונז פֿערטעלן און רעדערן. מיר האָבען אַזאַ שאַרף געהער, דאָס מיר הערען ניי דער מאָגען פֿעדדויט דאָס עסען און ווי די קישקעס קוילערן זיך, און איטליכער האַרץ־קלאַפּ קלינגט אָב אין אויער ווי דער אומדוה פֿון זיינער. מיר זענען קראַנק ביז די מאַרך פֿון די ביינער, זוכען אונזער געזונדהייט אין די קאָכענדיגע וועלען פֿון מאַסען־לעבען און ווייסען נעווי, אַז מיר זענען די בריק פֿאַר קינפֿטיגע דורות, וואָס מוז ווערען געטרעטען פֿון פֿער־דישע פּאָדקאָוועס. און האָטש צייטענווייז דערמאָהנען מיר זיך אָן די שיינקייט און פּראַכטיגקייט פֿון אַ מענש בבחינת מענש; האָטש צוזאַמען מיט גאָרקי׳ן רופֿען מיר אַמאָל אויס: Человѣкъ — это звучитъ гордо! — ד״ה אין נאָמען מענש ליגט אַ שטאָלצער יחוס; דענאָך שפּייען מיר דעם יחסן אין פּנים אַריין, טוען דאָס אינ־איינעם מיט גאָרקי׳ן אַליין, שפּייען מיט אַ גיפֿטיגען קרים, מיט שׂנאה און גאַל...

דאָך, אונז די יונגערע, וואָס זעהען נאָך קיין סוף נישט פֿון זייער דערנער־וועג, זעהט אויס די שטענדיג יונגע האַרמאָנישע געשטאַלט פֿון אַ ד״ר מאַנדעלשטאַם ווי עפּעס אַ ליעבער שיינער ווידערשפּרוך, ווי אַנ־איינאַהמספֿאַל, ווי אַנ׳אַנטיק צווישען גרויע בעלי־בתּי׳שע הפֿצים...

און ווען עס קומט אָן אַ רוהיגע מינוט אויף אונז, וואַרפֿען מיר אַ אֶמת׳ן ליעבעס־בליק אויף דעם מאַן מיט די גרין־בלאָהע אויגען.



# מחותנים אויף לויות.

און די מחותנים זענען זיך צופאהרען פון דער לויה אהיים, צופאהרען אויף אלע פיער עקען פון דער וועלט, — ווער מיט באהן, ווער מיט'ן שיף, די בערגער סטודענטען זענען מן הסתם געגאנגען צו-פוס. די בריסעלער קאנפערענץ איז צו ענדע. מען האט נאך אמאל צום הונדערטסטען מאל בעגראבען דעם יודען דעם מת אונטער א הויפען פון פראיעקטען און די רעפעראטען זענען די מצבות אויף זיין בריסעלער קבר.

נישט צום ערשטען מאל האט מען דעם מת מקבר געווען. דער יוד איז נישט קיין פשוט'ער מת. עס זיצט אין איהם א דבוק. דוכט זיך, שוין: פארטיג! דוכט זיך, אלץ אבגעטאן, רעפעראטען געלייענט, פראיעקטען געמאכט, פאר דער גאנצער וועלט בעוויזען די אחדות פון די קברנים-מחותנים, און אויך טרעהרען פערגאסען, און... נאר מיט איין מאל שטעקט ווידער דער מת ארויס דעם קאפ, ווארפט אראב פון די ברעמען די שערבלעך-רעזאלוציעס, און הויבט ווידער אן צו שטארבען אנ'אבגערעקטער, אנאפענער, נישט קיין בעשאטענער.

אין פראנקפורט אם מיין, אין דער אלטער פרייער שטאדט, פון וואנען עס איז ארויס דער וועלט-אפיקורס געטהע און דער וועלט-מיליאנער אנשיל ראטשילד, האט מען נישט לאנג מקבר געווען דעם גרויסען מת, און, כמעט, די אייגענע מחותנים זענען דערביי געוועזען און כמעט די אייגענע טרעהרען זענען פערגאסען געווארען, אויך די אייגענע מצבה האט מען געשטעלט. און דער מת... ווי נישט איהם מיינט מען דאס, איז ער ווידער ארויסגעקראכען פון זיין קבר און האט ווידער אנגעהויבען שטארבען מיט אלערליי מיני טויטען.

אונזער יודיש לעבען, וואָס איז שטענדיג פּונקט פֿערקעהרט פֿונ'ם לעבען ביי אַנדערע פֿעלקער, האָט געמוזט זיך אָבזאָגען פֿון דעם וואוילטאָג צו האָבען מחותנים אויף חתונות און האָט געמוזט איטאָר-ביטען אַ נייע סאָרט מחותנים אויף לויות. אונזערע כּלל'שע אַסיפֿות זענען הספּדים, אונזערע הויכע קאָנפֿערענצען זענען קבֿרים, וואו מען בעגראָבט די יודישע פֿראַגע. און די קבֿרים זענען אַזוי אויבערפֿלעכליך געגראָבען, אַז דאָס ערשטע וואַסער'ל דעקט אָב דעם מת, אַז דאָס ערשטע ווינטעל צושיט דעם פֿאַפּיערענעם אוהל פֿון אונזערע פֿעראָבלטע מחותנים.

איך מאָל מיר אויס, מיט וואָס פֿאַר אַ פּנים די מחותנים טרעפֿען זיך צו דער לויה. אַ בליק, אַ קוק, אַ וואָרף מיט'ן אויגעל — און מען פֿערשטעהט זיך שוין. מען דריקט זיך שווייגענדיג די הענד, מען שאָקעלט מעלאַנכאָליש די קעפּ, דער „ברוך דיין אמת“ שטעהט אָנגעשריבען אויף אַלע פּנימ'ער. איטליכער טראָגט זיין הספּד אין בוזים-קעשענע, און איז זיך איינער אַמאָל טועה און לייענט פֿאַר דעם פֿאַראָהריגען הספּד אָנשטאָט דעם היי-יאָהריגען, שאַדט אויך נישט, דער הילוק איז נישט קיין גרויסער. פֿאַר'ן צועקגעהן שענקט מען נאָך אַ לאַנגען בליק דעם טרויער-זאַל, דער קבֿרים-שטוב און מען צופֿאָהרט זיך אַהיים... און דוקא וואָס גיכער, דען מאַנכמאָל פּאַסירט, דאָס דער מת קריכט אַרויס נאָך איידער מען איז זיך צופֿאָהרען און, נישט ווילענדיג, מוז מען זיך נעהמען צו אַ צווייטען הספּד, ווי איצט, למשל, נאָך האַמעל.

מען דערצעהלט, אַז אונזערע מחותנים אויף לויות האָבען היי-יאָהר אין בריסעל שטאַרק געגעצט. איך בין זיי נישט דן דערפֿאַר. אַלץ ווערט דערעסען מיט דער צייט, צי אַ חתונה צי אַ לויה, בעזונדערס ווען עס ציהען זיך די לויות איינע נאָך דער אַנדערער, איינע נאָך דער אַנדערער, ווי געגנז צו אַ בלאָטע.

אָרעמע מחותנים, עס איז אַ דאָפּעלטער נעביך אויף איך. עס איז גלאַט קיין נחת נישט צו זיין אַן אָפּטער מחותן, עס איז אָבער נאָך צעהן מאָל ערגער צו זיין אַן אָפּטער מחותן אויף אָפּטע לויות.